STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06289

PANFILOVS MENTSHN

Aleksandr Bek

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלעקסאַנדער בעק

פאַנפילאָווס מענטשן

A L E X A N D R B E K

LOS HOMBRES DE PANFILOV

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINE

BUENOS AIRES, 1947

אַלעקסאַנדער בעק

פּאַנפֿילאָווס מענטשן

איבערגעזעצט פון רוסיש

מ. וואָלאַנסקי

1947

„אויב א מענטשן איז באַשערט געווען אָנצוקוקן א זאַך אַזאַ אויסערגעוויינלעכע, לעגיאַשל: אַן אויסברוך פון א וואולקאַן, וואָס האָט שיטנדיק מיט פייער פאַרניכטעט בליענדיקע אישו־ווים; אַן אויפשטאַנד פון אַן אונטערדריקטן פאָלק קעגן אַן אַל־מעכטיקן הערשער, אָדער אַן אינוואַזיע פון פאַטערלאַנד דורך א ווילדן און אומגעצוימטן פאָלק; ווער ס'האָט דאָס אַלץ געזען, דאַרף עס באַשרייבן אויפן פּאַפּיר. און אויב ער איז ניט געניט אינעם אָנווענדן א פען, דאַרף ער זיינע זיכרוינעס אָנפאַרטרויען א געשיקטן און פּינקטלעכן שרייבער, קעדיי יענער זאָל עס פאַראייביקן אויף דויערנדיקע בלעטער לעזיקאַרן פאַר די אייניק־לעך און אוראייניקלעך...“

(פון בוך פון וו. יאַן „טשענגיסכאַן“)

ע ר ש ט ע ר ט י י ל

אַ מענטש אָן אַ פאַמיליע-נאָמען

1.

אין דעם דאָזיקן בוך בין איך נאָר אַ פּינקטלעכער און טרייער פאַר־שרייבער. די געשיכטע פון בוך איז אַזאַ.

2.

— ניין, — האָט קאַטעגאָריש געזאָגט באָורדזשאַן מאַמיש־אולי, — כ׳וועל אייך גאָרנישט דערציילן. כ׳פאַרטראָג ניט, ווען מען שרייבט וועגן דער מילכאָמע לויט פרעמדע דערציילונגען.

— פאַרוואָס?

ער האָט געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— איר ווייסט, וואָס איז אַזוינס ליבע?

— כ׳ווייס.

— ביז דער מילכאָמע האָב איך אויך געמיינט, אַז איך ווייס. כ׳האָב געליבט אַ פרוי, כ׳האָב געפילט אַ ליידנשאַפט. אָבער דאָס איז גאָרניט אין פאַרגלייך מיט דער ליבע, וואָס ווערט געבוירן אין דער שלאַכט. אין דער מילכאָמע, אין קאַמף ווערן געבוירן די גרעסטע ליבע און דער גרעס־טער האַס, וועגן וועלכע עס האָבן קיין אַנונג ניט די מענטשן, וועלכע

האָבן דאָס ניט איבערגעלעבט. פאַרשטייט איר, אַ שטייגער, וואָס איז אַן אינערלעכער געשאַמע־קאַמף, וואָס איז דער געפיל פון פליכט אָדער, ווי מיר רופן עס, דער זעלנערשער געוויסן?

— איך פאַרשטיי, — האָב איך געענטפערט מיט ווייניקער זיכערקייט.

— ניין, איר פאַרשטייט עס ניט. איר ווייסט ניט, ווי אַזוי עס שטרייטן צווישן זיך, ווי עס דראַפּען און פליקן איינער דעם אַנדערן די האָר צוויי געפילן: די מוירע און די פליכט. די ווילדסטע כאַיעס זיינען ניט פעאיק צו קעמפן אַזוי פאַרביטערט ווי די דאָזיקע צוויי געפילן. אייך איז באַקאַנט דער געוויסן פון אַן אַרבעטער, דער געוויסן פון אַ מאַן, אָבער איר קענט ניט דעם געוויסן פון אַ זעלנער. איר האָט אַמאָל געוואָרפן אַ גראַנאַט אויפן סוינעס אַ בלינדאַזש?

— ניין...

— טאָ ווי נעמט איר זיך אונטער צו שרייבן? אָט אַוואַנסירט אַ סאָלדאַט מיט זיין ראָטע; עס שיסן קעגן אים די קוילנוואַרפער, לעבן אים פאַלן די כאַווייִרים, אָבער ער פויזעט און פויזעט. ס'מיידט אַ שאָ — זעכציק מינוטן, יעדער מינוט האָט זעכציק סעקונדן, און יעדער סעקונדע קען ער געהאַרגעט ווערן הונדערט מאָל. אָבער ער פויזעט פאָרויס... אָט דאָס איז דער געוויסן פון סאָלדאַט, זיין פליכט. און פרייד? ווייסט איר, וואָס איז אַזוינס פרייד?

— זאָל עס הייסן, אַז אויך דאָס איז מיר אומבאַקאַנט... — האָב איך געזאָגט.

— געוויס! אייך איז באַקאַנט די פרייד פון ליבע און, מעגלעך, די פרייד פון שאַפן. אייער פרוי האָט מיסטאָמע צוזאַמען מיט אייך געטיילט די מוטערלעכע פרייד. אָבער ווער ס'האָט ניט געהאַט געפילט די פרייד פון ניצאָכן איבערן סוינע, די פרייד פון אַ קאַמף־אַקציע, דער ווייס ניט וועלכע איז די שטאַרקסטע, די ברענענדיקסטע פרייד. ווי־זשע קלייבט איר זיך שרייבן וועגן דעם? איר וועט אויסטראַכטן. און דער מילכאָמע האָב איך געלייענט אַ בוך, וואָס איז געשריבן ניט מיט טינט, ניט מיט בלייַשטיפט, נאָר מיט בלוט. אָבער איר, וואָס קענט איר שרייבן?

איך האָב געפּרוּווט אים איבערצייגן, אָבער באַורדזשאַן מאָמיש־אולי איז געווען אומבייגזאַם.

— ניין, — האָט ער געזאָגט קאַטעגאָריש, — איר װעט ניט שרײַבן דעם עמעס...

3.

לאַנג האָב איך געזוכט דעם מענטשן, װעלכער זאָל מיר קענען דערציילן װעגן דער שלאַכט בײַ מאָסקװע, דעם מענטשן, װעמענס דערציילונג זאָל אַרומנעמען דעם פּלאַן און דעם זין פֿון די אָפּעראַציעס און גלײַכצײַטיק פֿירן צום אָרט, װאו אַלץ װערט פֿאַרװירקלעכט און אַנטשיידן — צו דער שלאַכט.

כ׳װעל ניט באַשרײַבן מײַנע זוכענישן. כ׳װעל דערציילן נאָר דאָס נייטיקסטע. פֿון דעם מאַטעריאַל, װאָס איך האָב אױסגעפֿאָרשט, האָב איך געװאוסט, אַז אָנגרײַפֿנדיק אַף מאָסקװע אין אָקטאָבער און נאָװעמבער 1941 און זוכנדיק אַרומצונעמען מיט אַ צװאַנג אונדזער הױפּטשטאָט, האָט דער סוינע זיך געװאָרפֿן אױך אין אַ דירעקטן אָנגריף אַף דעם ציל; זײַן הױפּט-קלאַפּ איז אָנגעװענדט געװאָרן לענגאױס דעם װאָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי און שפּעטער אױך דעם לענינגראַדער.

אין די שװערע טעג פֿון אָקטאָבער, װען די דײַטשן האָבן זיך דורכגעריסן בײַ װיאַזמאַ און אַף טאַנקען, אױטאָס און מאָטאָציקלען זיך געצױגן צו מאָסקװע, זײַנען די צוטריטן צו װאָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי געװען געשיצט דורך דער 316טער שיסער-דיװיזיע, װעלכע איז הײַנט באַקאַנט אַלס די 8טע גװאַרדיע-דיװיזיע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גענעראַל-מאַיאָר פּאַנפֿילאָװ. װען דער סוינע האָט אונטערגענומען זײַן צװײטע אָפֿענסיװע אַף מאָסקװע, אין נאָװעמבער, האָט ער אַרײַנגעשפּאַרט אַ קלין אין דער זעלבער ריכטונג, און דאָ האָבן װידער געקעמפֿט פּאַנפֿילאָװס מענטשן. אין דער זיבנטאָגיקער שלאַכט בײַ קריוקאָװאָ, דרײַסיק קילאָמעטער פֿון מאָסקװע, האָבן זײ צוזאַמען מיט אַנדערע רױטאַרמייִשע טײלן אָפּגעהאַלטן דעם דרוק פֿון די דײַטשן און, אומדרײַענדיק מיט אײן מאָל דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע, האָבן זײ דעם סוינע צוריקגעשטױסן.

איך בין אַװעק אַהין, צו פּאַנפֿילאָװס מענטשן, ניט קענענדיק נאָך דעם נאָמען פֿון דעם, װאָס װעט מיר דערציילן די געשיכטע פֿון דער גרױסער

צווייבאַרשײַמדיקער שלאַכט, אָבער כ׳האָב געגלויבט, אַז כ׳וועל אָט דעם מענטשן געפֿינען.

און כ׳האָב אים ווירקלעך געפֿונען. דאָס איז געווען באַורדזשאַן מאָמיש-אולי, צו יענער צײַט אַ לייטענאַנט, און איצט, אַ יאָר שפּעטער, שוין אַ פּאָדפּאָלקאָווניק.

.4

ער האָט מיך איבעראַשט פֿון ערשטן מאָמענט אָן. פֿאַרשטעלנדיק זיך, האָט ער אָנגערופֿן זײַן נאָמען. אַזוי ווי כ׳האָב גוט ניט דערהערט, האָב איך אים איבערגעפֿרעגט.

— באַורדזשאַן מאָמיש-אולי, — האָט ער איבערגעכאַזערט דײַטלעך.

אין זײַן טאָן האָב איך דערפֿילט עפּעס, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן ווי אויפֿגערייצטקייט. ס׳איז געווים צוליב דעם, האָב איך געטראַכט, וואָס ער האָט ליב מ׳זאָל אים פֿאַרשטיין טייקעף.

פֿון געוואוינהייט, אַלס קאָרעספּאָנדענט, האָב איך אַרויסגענומען מײַן נאָטיץ-ביכל.

— אַנטשולדיקט, ווי שרײַבט זיך אײַער פֿאַמיליע-נאָמען?

— איך האָב ניט קיין פֿאַמיליע-נאָמען, — האָט ער געענטפֿערט.

צו מײַן איבעראַשונג האָט ער מיר דערקלערט, אַז מאָמיש-אולי איז איבערגעזעצט אױף רוסיש באַטײַט „דער זון פֿון מאָמיש״.

— דאָס איז מײַן נאָמען און קיין פֿאַמיליע-נאָמען האָב איך ניט. פֿאַרשטאַנען?

— ניין, כ׳האָב גאָרניט פֿאַרשטאַנען.

ער האָט אַ קוק געטאָן אױף מיר און מער גאָרניט געזאָגט.

ערשט שפּעטער, ווען כ׳בין מיט אים נענטער באַקאַנט געוואָרן, האָב איך זיך דערוואוסט, פֿאַרוואָס ער באַטראַכט זיך אַלס אַזאַ, וואָס האָט ניט קיין פֿאַמיליע-נאָמען.

— איך בין און איך וועל בלײַבן אַ קאַזאַך, — האָט ער געזאָגט, — אַנדערע קאַזאַכן שעמען זיך מיט זייער נאַציאָנאַליטעט. ווען איך האָב זיך געלערנט אין שול צוזאַמען מיט די רוסן, האָבן אַנדערע קאַזאַכישע ייִנגלעך גענומען פֿאַרבײַטן זייערע נעמען אױפֿן רוסישן שטייגער: אַנשטאָט קוראַנ-

בעק — קאָסטיאַ, אַנשטאָט שאַלפאַן — שוראַ. מיך האָבן זיי גענומען רופן: באַריס, באַריאַ... האָב איך געזאָגט: „איך בין ניט באַריאַ. כ׳בין געווען באורדזשאַן און כ׳וועל בלייבן באורדזשאַן". און זיי ווידער „באַריאַ!" האָב איך געשריען: „באַריאַ? אָט האָסטו דיר פאַר באַריאַ!" און ווען זיי האָבן מיך גערופן „באַריאַ", האָבן זיי פון מיר באַקומען. די זאַך איז דערגאַנגען ניט נאָר ביז טרערן, נאָר אויך ביז בלוט. דערנאָך האָט דער דירעקטאָר, אַ גוטער אינטעליגענטער אַלטיטשקער, צונויפגערופן דעם גאַנצן קלאַס און געזאָגט: „רופט אים ניט באַריאַ; ער האָט אַ פּרעכטיקן נאָמען: באורדזשאַן".

מאָמיש־אולי האָט געפּרוּווט אַ שמייכל טאָן און ניט געקענט. זיינע שאַרף־געצייכנטע ליפּן האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן און מיט אַ ציטער זיך פּאַרמאַכט. אין זיין געזיכט איז ניט געווען די פּאַרטרוימטע ווייכקייט, וואָס מ׳שרייבט צו די מענטשן פון מיזרעך. פאַראַן אַ סאַך געזיכטער, וואָס זעען אויס ווי מ׳וואָלט זיי פּינקטלעך און מיט ליבשאַפט מאָדעלירט, און אַנדערע, ווי מ׳וואָלט זיי אויסגעהאַקט מיט איין קלאַפּ. דער געזיכט פון באורדזשאַן מאָמיש־אולי האָט דערמאָנט אָן אַ סקולפּטור און ניט קיין מאָדעלירונג. ער האָט אויסגעזען ווי געשניצט פון בראָנדז מיט עפּעס זייער אַ שאַרפן אינסטרומענט, וועלכער האָט ניט איבערגעלאָזן קיין איין צע־קרימטע ליניע. ער האָט אַרויסגערופן בא מיר אַ דערינערונג פון מיין קינד־הייט. אַף די בלויע טאָוולען פון אַ ביכער־זאַמלונג פון מיין־ריד אָדער פּע־נימאָר קופּער איז געווען אויסגעדריקט אַ פּראָפיל פון אַ שטייפן געזיכט פון אַן אינדיאַנער. באורדזשאַנס פּראָפיל האָט מיר אויסגעוויזן ענלעך צו יענעם רעליעף־דרוק.

אַ מאָנגאָליש־טונקעלער, מיט לייכט־אויסגעהויבענע באַקנביינער, מיינסטנס ניט דורכדרינגלעך־רואיק, דעריקער אין מאָמענטן פון קאַס, איז דאָס דאָזיקע געזיכט אָפּט באַלויכטן געוואָרן פון די גרויסע שוואַרצע אויגן.

איך האָב געקוקט אַף אים און אים באַוואונדערט. אַ מענטש, וואָס באַזיצט אַזוי שאַרף דעם געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, וואָס האָט גע־קעמפּט ביז בלוט פאַר זיין קאַזאַכישן נאָמען, האָט וועגן דעם גערעדט אַף רוסיש, באַהערשנדיק פריי די רייכקייט פון אונדזער שפּראַך. ער האָט ניט קאָליע געמאַכט קיין אויסדרוק אפילו אין מאָמענטן פון אויפרעגונג. עס

האָט זיך נאָר באַמערקט בײַ איִם אַמאָל אַ געװיסע לאַנגזאַמקייט, אין דער צייט װען אַף קאַזאַכיש האָט ער גערעדט פליסיקער.

ער האָט אַרױסגענומען אַ פּאַפּיראָס, מיט אַ ראַשיקע באַװעגונג צוגעשנעלט דעם פּאַרטציגאַר און פאַרענדיקט מיט אַקשאָנעס:

— אױב סאַפּקאַלסאָף װעט איר דאָך שרײַבן װעגן מיר, טאָ רופט מיך אַף קאַזאַכיש: באַורדזשאַן מאָמיש־אולי. זאָל מען װיסן, אַז ס׳איז אַ קאַזאַך, אַ פּאַסטוך װאָס האָט געטריבן די שעפּסן אין סטעפּ, אַ מענטש װאָס האָט ניט קיין פאַמיליע־נאָמען.

.5

שוין דעם ערשטן אָװנט פון אונדזער באַקענען זיך האָב איך געהאַט דעם גליק צו הערן אַ שמועס, װאָס באַורדזשאַן מאָמיש־אולי האָט געפירט מיט די יונגע קאָמאַנדירן, װאָס זײַנען אָנגעקומען צום פּאָלק און נאָך ניט אָנטײל גענומען אין קיין שלאַכט. ער האָט גערעדט װעגן דער נעשאָמע פון זעלנער. אַנטװיקלענדיק לאַנגזאַם זײַן געדאַנק, האָט ער אַלס בײַשפּיל דערצײלט װעגן אײנער פון די שלאַכטן בײַ װאָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי. עס האָט מיר אַ צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ. איך האָב שנעל אַרױסגעכאַפּט מײַן נאָטיץ־ביכל, זיך צוגערוקט צום לעמפּל און מיט גיריקייט גענומען שרײַבן. נאָך ניט גלײבנדיק אין מײַן האַצלאָכע, האָב איך שױן זיך פאַרגעשטעלט: אָט זײַנען זײ, די בלעטער פון דער געשיכטע, װעלכע איך זוך אַרום אַזוי לאַנג.

אױסנוצנדיק אַ מאָמענט נאָך דעם שמועס, האָב איך געבעטן באַורדזשאַנען, ער זאָל מיר דערצײלן פון אָנהײב ביזן סאָף די געשיכטע פון װאָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי.

— נײן, האָט ער געענטפערט, — כ׳װעל אײַך גאָרניט דערצײלן.

דער לײענער װײס שוין פון דעם שמועס, װאָס איז פאָרגעקומען צװישן אונדז.

איך האָב ניט געצװײפלט, אַז באַורדזשאַן מאָמיש־אולי איז אין דער הינזיכט ניט גערעכט. איך האָב געװאָלט דאָס זעלבע װאָס ער — דעם זמעס.

באַקומענדיק אַזאַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג, בין איך מער ניט צוגעשטאַ־

נען, אָבער כ'האָב פאַרבראַכט נאָענט לעבן אים ניט וויניק טעג.

ער האָט ליב געהאַט און געקענט דערציילן. אויסנוצנדיק יעדער גע־לעגנהייט און סטאַרענדיק זיך ניט צו שטערן, האָב איך שטענדיק גע־דולדיק פאַרצייכנט זיינע דערציילונגען. ער האָט זיך צוגעוואוינט צו מיר.

פון זיינע פריינט האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון זיין לעבן. אין דער שול האָט ער געהאַט צוויי צונעמען: „שוואַרצע אויגן" און „שאַן־טימעס". דער צווייטער אין בוכשטעבלעכער איבערזעצונג באַדייט: אומצוטריטלעך פאַרן שטויב. אזוי האָט געהייסן א לעגענדאַריש יונג פערד, וואָס האָט געיאָגט אזוי שנעל, אז דער שטויב פון אונטער זיינע אייגענע קאָפּיטעס, האָט אים ניט אָנגערירט.

איינמאָל האָב איך געזאָגט צו באַורדזשאַנען:

— דאָך וועל איך שרייבן וועגן אייך. און וואו עס איז וועל איך אומ־באַדינגט דערמאָנען, אז אין דער שול האָט איר געהייסן „שאַן־טימעס".

ער האָט א שמייכל געטאָן.

— און איר זיינט אַן אַרטילעריע־פערד, — האָט ער געזאָגט פריינט־לעך. — באַליידיקט זיך ניט, ס'איז א קאָמפּלימענט. אַן אַרטילעריע־פערד שלעפּט לאַנגזאַם, ס'איז שווער עס צו פאַרקערעווען, אָבער עס שטעלט טריט און שלעפּט נאָך זיך דעם האַרמאַט... איר האָט באַוויזן מיך צו פאַרקערעווען... כ'וועל אייך דערציילן אַלץ וואָס איר ווילט... אָבער לאָ־מיר אָפּמאַכן... איר זייט מעכויעוו צו שרייבן דעם עמעס. דאָס פאַרטיקע בוך וועט איר מיר ווייזן. מאַסקים?

— מאַסקים, — האָב איך געענטפערט.

זיינע ניט אַפּן מאָנגאָלישן אויפן ברייטע אויגן האָבן פאַרשנדיק גע־קוקט אַף מיר.

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — נעמט א פּאַפּיר און בליישטיפט. שרייבט: „ערשטער קאַפּיטל. די שרעק".

די שרעק

.1

— שרייבט, — האָט געזאָגט באָורדזשאַן מאַמיש־אולי, — „ערשטער קאַפּיטל. די שרעק".

נאָכטראַכטנדיק אַ ווײַלע האָט ער ווײַטער געזאָגט:

— ניט וויסנדיק פון קיין שרעק, האָבן פּאַנפּילאָווס מענטשן זיך געוואָרפן אין דער ערשטער שלאַכט... לויט אײַער מיינונג איז עס אַ פּאַסיקער אָנהייב?

— איך ווייס ניט, — האָב איך געענטפערט אומאָנטשלאָסן.

— אַזוי שרייבן די ליטעראַטור־מאַכער. פאַר דער צייט, וואָס איר לעבט דאָ מיט אונדז, האָב איך בעקיוון געהייסן אייך פירן אין אַזעלכע ערטער, וואו אָפט פּלאַצן אַ צוויי אָדער דריי מינעס און עס פייפן די קוילן. כ'האָב געוואָלט איר זאָלט דערפילן שרעק. איר פאַרשפּאַרט מוידע צו זיין, כ'ווייס זייער גוט, אַז איר האָט געמוזט דערדריקן אין זיך די שרעק.

פאַרוואָס־זשע שטעלט איר זיך פאָר, איר און אײַערע כאַווײרים פון ליטעראַרישער אַרבעט, אַז די מיליטערלייט זיינען מענטשן איבערנאַטירלעכע און ניט אַזעלכע ווי איר? פאַרוואָס מיינט איר, אַז דער זעלנער האָט ניט די זעלביקע מענטשלעכע געפילן ווי איר?

עפּשער איז, לויט אײַער מיינונג, הערויזם אַ געשאַנק פון דער נאַטור? אָדער אַ באַאמטער פון דער מיליטערישער אינטענדאַנטור טיילט פונאַנדער צוזאַמען מיט די שינעלן אויך אומדערשראָקנקייט און צייכנט אָפּ אין דער ליסטע: „דערהאַלטן, דערהאַלטן"?

איך האָב געענדיקט אַ פּאָר מיליטערישע אַקאַדעמיעס, כ'בין געוואָרן

קאָמאַנדיר און גלױב, אַז איך האָב אַ גענוגנדיקן גרונט צו זאָגן: ס'איז ניט אַזױ.

װאָס פֿאַרא כּעשבױנעס האָבן געמאַכט די דײַטשן, װען זײ האָבן אינװאַדירט אונדזער גרױס לאַנד? זײ זײַנען געװען איבערצײַגט, אַז צו־זאַמען מיט זײ, אין שפּיץ פֿון זײערע טאַנקען־קאָלאָנעס, װעט גײן דער גענעראַל שרעק, אַנטקעגן װעלכן ס'װעט זיך בײגן אָדער אַנטלױפֿן יעדער לעבעדיקער װעזן. זײַנען באַרעכטיקט געװאָרן די דײַטשישע כּעשבױנעס באַ אונדז אין לאַנד? נײן, ניט באַרעכטיקט געװאָרן.

װאָס איז געשען מיט אונדז, מיט מײַן באַטאַליאָן לעבן מאָסקװע? אונ־דזער ערשטע שלאַכט, װאָס איז פֿאָרגעקומען אין דער נאַכט פֿון 15טן אױפֿן 16טן אָקטאָבער 1941, איז אױך געװען אַ שלאַכט מיט דער שרעק. די זעלנער פֿון מײַן באַטאַליאָן האָבן זיך איבערצײַגט אין זײער קױעך. און זיבן װאָכן שפּעטער, װען מיר האָבן צוריקגעשטױסן די דײַטשן פֿון מאָס־קװע, איז צוזאַמען מיט זײ אױך געלאָפֿן דער גענעראַל שרעק. אַזױ האָבן זײ לעסאָף דערפֿילט, עפּשער צום ערשטן מאָל אין קריג, װאָס עס באַדײַט, װען די שרעק לױפֿט פֿון הינטן...

2.

ביז מיטן פֿון אָקטאָבער, ביזן מאָמענט, װען ס'האָבן זיך אָנגעהױבן די שלאַכטן באַם צוטריט צו מאָסקװע, האָבן מיר ניט אָנטײל גענומען אין קײן שלאַכט.

דעם 6־טן אָקטאָבער אינדערפֿרי האָב איך באַקומען אַ באַפֿעל אװעק־שטעלן מײַן באַטאַליאָן אין אַלאַרעם־צושטאַנד און זיך אװעקלאָזן צו דער נאָנטסטער באַן־סטאַנציע. דאָרט האָבן געװאַרט אױף אונדז געדעקטע װאַ־גאָנען און פּלאַטפֿאָרמעס. מיר האָבן זיך פֿאַרלאָדן און באַנאַכט אָפּגעפֿאָרן. װוּהין? אַפֿילע איך, דער קאָמאַנדיר פֿון באַטאַליאָן, האָב עס ביזן געהע־ריקן מאָמענט ניט געװוּסט. ס'האָט אױסגעזען, אַז מיר פֿאָרן ניט צום פֿראָנט, נאָר פֿון פֿראָנט. דער צוג איז געלאָפֿן אין דער ריכטונג צו דער באַנקנופּ־סטאַנציע באָלאָגאָיע, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אױף די צװישנפּונקטן.

אױפֿן װעג האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז אין באָלאָגאָיע װאַרט אױף אונדז אַ מיטאָג, אָבער עמעצער האָט געיאָגט און אונטערגעשמיסן אונ־

דזערע עשעלאָנען. ניט געווען קיין צייט פונאנדערצוטיילן דאָס עסן. די לאָקאָמאָטיוון זיינען געטויסט געוואָרן אין צוויי־דריי מינוט. א פייף, און מיר פאָרן ווייטער. אלע זיינען מיר געווען נייגעריק, וואוהין וועט זיין אונדזער ריכטונג פון באָלאָגאָיע. באלד איז געוואָרן קלאָר: קיין מאָסקווע. אהין זיינען געלאָפן גיך, ניט פארמינערנדיק די שנעלקייט אף די צווישן־סטאַנציעס, מיט אינטערוואלן פון אָנדערהאלבן ביז צוויי שאָ, איין עשע־לאָן נאָכן אנדערן.

צוליב וואָס, פאר וועלכן צוועק וואַרפט מען אונדז איבער? מען ווייסט ניט.

פארוואָס יאָגן מיר מיט אזא שנעלקייט? אין וואָסער ריכטונג וועלן מיר זיך פארנעמען נאָך מאָסקווע? וואו וועלן מיר זיך פארהאלטן? מען ווייסט ניט, מען ווייסט ניט.

די אומגעוויינלעך אייליקע רייזע האָט אלעמען אריינגעבראַכט אין אן אומרואיקער געשפאנטקייט. מ'האָט געטראַכט: ענדלעך קומט דאָס עמעסע, מיר ווערן טעטיק, מיר גייען אין שלאַכט!

3.

דעם זיבעטן אָקטאָבער האָבן מיר זיך אויסגעלאָדן אין א וואלד, נאָענט פון וואָלאָקאָלאַמסק, 120 קילאָמעטער אף מייריעוו פון מאָסקווע. מען האָט מיך ארויסגערופן צו דער סטאַנציע, צום קאָמאַנדיר פון פאָלק.

כ'געדענק די נידעריקע אייזערנע טורעמלעך, וואָס האָבן זיך געזען לעבן באנפלאַנט, געפארבט אין קאַמופלאַזש־אוזאָרן — גרינע און גרויע קאָלירן. דאָס זיינען געווען בענזין־לאַגערן.

האָב איך דעמאָלט געקענט וויסן, אז אינגיכן וועל איך צוזען, ווי אפן הינטערגרונט פון טרויעריקן אָקטאָבער־הימל וועלן אָט די דאָזיקע טורעמ־לעך, אָן א גערודער, וואָס איז געקומען דערנאָך, און אָן פלאַמען און רויך, וואָס האָבן איינגעוויקלט דעם האָריזאָנט שפּעטער, זיך א הייבטאָן אינ־דערלופטן, בלייבן הענגען א רגע און אראָפּפאלן צעשמעטערטע?

צוקומענדיק צו דער געביידע, פון וועלכער ס'איז שפּעטער געבליבן נאָר א ציגלנער קאַסטן מיט שטרייפן סאַזשע אף די פוסטע פענצטער,

האָב איך דערזען פונוייטן א לאַנגע ריי וואַגאָן־פּלאַטפאָרמעס, פול פאַרלאָ־דענע מיט האַרמאַטן.

עמעצער האָט מיך א רוף געטאָן. לעבן די וואַגאָנען האָב איך דערזען דעם פּאָלקאָווניק מאַלינין, דעם קאָמאַנדיר פון אַרטילעריע־פּאָלק פון אונדזער דיוויזיע.

— קוקט און באַוואונדערט, דעזערטיר, — האָט ער געזאָגט. — זיי זיינען גוט?

ער האָט מיך גערופן דעזערטיר פון זינט ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך, אַן אַרטילעריסט, א קאָמאַנדיר פון א באַטאַריע, בין פרייוויליק אַריבער אין דער אינפאַנטעריע.

די האַרמאַטן זיינען ווי נאָרוואָס פון פאַבריק געווען איינגעשמירט מיט א דיקן שיכט וואַזעלין. זיי זיינען ערשט אָנגעקומען אַהער צו קאָמפּלעטירן אונדזער דיוויזיע־אַרטילעריע.

— אַהאַ! — האָב איך געזאָגט, — פאַראַן אויך שווערע.

— אָט די היפּאָפּאָטאַמען וועלן מיר אוועקשטעלן אַלס באַלאַגערונגס־קאַנאָנען.

— הייסט עס, מיר'ן דאָ בלייבן א לאַנגע צייט?

— ווייזט אויס, מיר'ן דאַרפן דאָ ווינטערן. מיר פאַרנעמען דעם פּ. ר. פון וואָלאָקאָלאַמסק.

איך גלויב, איר ווייסט, אַז פּ. ר. איז די פאַרקירצונג פון „פאַרפעסטיקטער ראַיאָן".

ס'איז פאַר מיר געווען אַן אַנטוישונג. ס'הייסט, ווידער אין רעזאַ־גוואַרדיע, ווידער אין רעזערוו.

איך האָב ניט געוואוסט, אַז ווייט פונדאַנען, הינטער וויאַזמע האָבן די דייטשן דורכגעבראָכן דעם פראָנט, וואָס האָט פאַרטיידיקט מאָסקווע, אַז היטלער האָט מיט פיר טעג צוריק געמאָלדן דער וועלט דורך ראַדיאָ: „די רויטע אַרמיי איז פאַרניכטעט, דער וועג צו מאָסקווע איז אָפן". און מאָסקווע האָט דערווייל אָנגעשטרענגט געשאַפן א נייעם פראָנט 120־150 קילאָמעטער פון שטאָט אויף דער ליניע, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע מיטן נאָמען „אויסערלעכער צוטריט". פון די מאָסקווער וואָקזאַלן זיינען אָן רעדעס און אָן אָרקעסטערס אָפּגעגאַנגען צוגן מיט באַטאַליאָנען קאָמוניסטן, געקליידט ציוויל. זייער געווער און אוניפאָרמען האָבן זיי באַ־

קומען אפן וועג. א טאָג אָדער צוויי פאַר אונדזער אָנקומען זיינען אדורך דורך וואָלאָקאָלאַמסק אין לאַסט־אויטאָס אינפאַנטעריע אָפּטיילונגען. נאָך זיי איז אוועק אהין ארטילעריע. מאָסקווע — איך באַנוץ דעם וואָרט סימ־באָליש, מיינענדיק דעם גענעראַל־שטאַב, דעם קרעמל, סטאַלינען — מאָס־קווע האָט געוואָרפן אַנטקעגן דעם סוינע פרישע קויכעס, פריש געווער, צווישן וועלכע ס׳זיינען געווען אויך די דאָזיקע הארמאַטן. דעמאָלט האָב איך דאָס אַלץ ניט געוואוסט.

אין שטאַב פון פּאָלק האָט מען באַשטעטיקט, אז אונדזער דיוויזיע האָט באַקומען א באַפעל צו פאַרנעמען פּאָזיציעס און דורכפירן פאַרטיי־דיקונג־קאָנסטרוקציעס אין פ. ר. פון וואָלאָקאָלאַמסק. מ׳האָט מיר אָנגע־וויזן דעם אָפּשניט, וואָס איז באַשטימט פאַר מיין באַטאַליאָן.

4.

ווען ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט, זיינען מיר אוועק מיט א נאַכט־מאַרש צום טייך רוזא, דרייסיק קילאָמעטער פון וואָלאָקאָלאַמסק.

איך, אן איינוואוינער פון דאָרעם־קאַזאַכסטאַן, ביז געווען געוואוינט צו א שפּעטיקן ווינטער, און דאָ, אין מאָסקווער געגנט, האָבן שוין אָנהייב אָקטאָבער געכאַפּט פרעסטלעך אין די פרימאָרגנס. קעגן באַגינען האָבן מיר איבערן וועג, וואו די צוגעפרוירענע בלאָטע איז אויסגעמישט געווען דורך די רעדער, זיך דערנענטערט צום שטעטל נאָוואָליאַנסקאָיע, דעם וויכ־טיקסטן באַפעלקערטן פונקט אין אונדזער אָפּשניט. דאָס אויג האָט טייקעף באַמערקט אפן גרונט פונעם טונקעלן הימל א ניט־הויכן גלאָקן־טורעם.

איבערלאָזנדיק דעם באַטאַליאָן אין א וואַלד, נאָנט פון שטעטל, בין איך מיט די ראָטע־קאָמאַנדירן אוועק אויספאָרשן די געגנט.

פאַר מיין באַטאַליאָן זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן זיבן קילאָמעטער לענגוויס דעם ברעג פון שמאָלן און געדרייטן טייך רוזא. לויט אונדזערע רעגלאַמענטן וואָלט אזא אָפּשניט אין א שלאַכט געווען גענוג ברייט אפילו פאַר א גאַנצן פּאָלק. אָבער דאָס האָט מיר ניט פאַרשאַפט קיין זאָרג. כ׳בין געווען זיכער, אז אויב דער סוינע וועט ווען עס איז קומען אהער, וועלן אף אונדזערע זיבן קילאָמעטער אים אַרויסגיין אַנטקעגן ניט איין באַטאַ־

ליאַן, נאָר פינף אָדער צען. כ'האָב געהאַלטן, אַז די פאַרטיפיקאַציעס דאַרפן טאַקע געמאַכט ווערן מיט אַט דער אויסרעכענונג.

דערוואַרט ניט פון מיר קיין מאָלערישע באַשרייבונג פון דער נאַטור. איך ווייס ניט, צי די לאַנדשאַפט וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט פאַר אונדז איז געווען שיין צי ניט. אין דעם טונקעלן שפּיגל, ווי מען רופט עס אין טאָפּאָגראַפיע, פון דער פּאַמעלעכער און שמאָלער רוזאַ האָבן זיך געצייכנט ווי געשניצטע, ברייטע בלעטער, אַף וועלכע ס'האָבן זיכער זומער געבליט ווייסע ליליעס. מעגלעך, אַז דאָס איז שיין. מיך האָט אָבער געעגבערט: ס'איז ניוועדיק טייכל! ווי לייכט פאַרן סוינע אַריבערצוגיין! פון־דעסטוועגן איז דער ברעג פון אונדזער זייט געווען ניט־צוטריטלעך פאַר די טאַנקען. דער ליימיקער שיפּוע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום וואַסער ווערטיקאַל.

אַף יענער זייט טייך האָט זיך געזען די ווייטקייט: אָפענע פעלדער און אָפּגעטיילטע מאַסיוון, אָדער ווי מ'זאָגט, וואַלד־קלינעס. אין איין אָרט, אַביסל אינדערקרים צום שטעטל, איז דער וואַלד צוגעגאַנגען קימאַט ביז צום וואַסער. מעגלעך, אַז דאָ איז געווען אַלץ, וואָס עס ווינטשט זיך אַ קינסטלער אַף צו מאָלן אַ רוסישן האַרבסטיקן וואַלד. אָבער מיר האָט עס אויסגעזען עקלדיק: צום פאַרשיינלעכסטן וועט דער סוינע דאָ זיך קענען קאָנצענטרירן, קעדיי אונדז צו אַטאַקירן און אויסבאַהאַלטן זיך פון אונדזער פייער.

צום טייוול אַט די סאָסנעס און יאָדלעס! אויסהאַקן זיי! אָפּרוקן דעם וואַלד פון טייך!

האַנאַם קיינער פון אונדז האָט ניט דערוואַרט אַט דאָ קיין שלאַכט אַזוי שנעל, האָבן מיר דאָך געהאַט פאַר זיך די אויפגאַבע אויסצובויען אַ שוצליניע, און דאָס האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן געוויסנהאַפט, ווי ס'פּאַסט פאַר אָפיצירן און סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי.

5.

די ערשטע סימאָנים פון ריקצוג פון אונדזערע מיליטער־טיילן האָבן זיך באַוויזן אַף צומאָרגנס. ס'האָבן געוואַנדערט מענטשן, וואָס האָבן ער־געץ־וואו אַלץ איבערגעלאָזט. צווישן זיי זיינען געווען זעלנער, וואָס האָבן

אין קליינע גרופּעס זיך ארויסבאַקומען פון דער אַרומרינגלונג.

ס'איז געווען א קאַלטער און ווינטיקער טאָג. א דינער שטעכיקער שניי האָט זיך געלייגט אפן גראָז, ווי א פראָסטיקער שטויב, און האָט זיך געזאמלט אין קופּקעס ארום די בערגלעך פארהארטעוועטע צעאַקערטע ערד. ס'איז געווען מיטאָגצייט. די סאָלדאטן האָבן רואיק געגעסן הינטער די בערגלעך אויסגעגראָבענע ערד אָדער אין די ניט־פארענדיקטע אָפענע שוצ־גראָבנס. דורכגייענדיק די ליניע, וואָס איז געווען קענטיק לויט די רידלען אריינגעשטעקטע אין דער ערד, האָב איך געהערט:

— ניין, בעוורע, דעם קלאַפּ וועט ער דערלאַנגען ניט דאָרטן, וואו איך דערוואַרט... ער האָט פיינט צו רוקן זיך וואו מ'וואַרט אַף אים...

ס'האָבן געקלאַפּט די לעפל. אין א גרוב הינטער אן ערד־בערגל האָט מען געמיטאָגט.

— און וואָס האָט ער ליב?

לויט דער אויסשפּראַך האָב איך דערקענט, אז די פראַגע האָט גע־שטעלט א קאזאַך.

— ער פלאַנקירט אונדז און גאָר... אזוי פארשטייסטו שוין וואָס ער האָט ליב...

פרעגט ווידער דער קאזאַך:

— און דאַמאָלסט, וואָס?

— דאַמאָלסט לאָז דיך ניט נעמען, — האָט ארויסגעזאָגט א נייע שטימע, — אין זיינע הענט איז דער טויט.

— דער וואַלד וועט אונדז שיצן... אינעווייניק אין וואַלד איז ער נישט קיין באַלן צו קריכן.

...וועמענס שוצגראָבן זאָל דאָס זיין? וועלכער פון די קאזאַכן גע־פינט זיך דאָ? איך האָב מיך דערמאָנט: באַראַמבאַיעוו. יאָ, דאָ איז דער פלאַץ פאַר זיין קוילנוואַרפער. אָדער גאַלולין?... ביידע זיינען באַם זעלבן קוילנוואַרפער.

ווידער האָבן לאַנגזאַם געקלאַפּט די לעפל. די שטילקייט האָט איבער־געריסן א נייע אומבאַקאַנטע שטימע:

— מיין ראַניעץ איז דאָ געלעגן, מיין קעסעלע אויך... מיר זיינען זיך געזעסן און געגעסן, אזוי ווי איצט דאָ, און פּלוצלינג...

כ'האָב פארשטאַנען: צוזאמען מיט מיינע סאָלדאטן עסן דאָ מיטאָג

איייניקע פון די, וואָס האָבן זיך ארויסבאַקומען פון דער ארומרינגלונג. איך האָב געוואָלט זיך ארייַנמישן, אָבער ס'האָט מיך אָפּגעהאַלטן א געדאַנק...

עטוואָס ווייטער האָב איך דערזען די פּאָלירטע שטאָלענע לופע פון א קוילנוואַרפער, וואָס איז פּאָרזיכטיק געווען איבערגעדעקט מיט א לייוונט. דער מעטראַליסט איז געשטאַנען אַף דער וואַך. די קוילן־סטענגע איז געווען ארייַנגעטאָן.

— אין אָרדענונג? — האָב איך א פרעג געטאָן.

— נאָר א דריק טאָן, כאַווער קאָמבאַט.*)

איך האָב זיך אָנגעבויגן, און צילנדיק אַפן שפּיגל פון טייך, א דריק געטאָן. דער קוילנוואַרפער האָט מיט א ציטער גענומען ארבעטן. מיר, זייענדיק פאַרנומען מיט די ערד־ארבעטן, האָבן דאָ נאָך ניט געשאָסן. דאָס איז געווען די ערשטע שיסעריי אַף אונדזערע ליניעס. עמעצער איז ארויסגעשפּרונגען פון גראָבן.

— אַלאַרם! — האָב איך א געשריי געטאָן. — צום געווער!

און טייקעף האָט זיך דערהערט ווי א פּאַרקרימטער עכאָ:

— די דייטשן!

דער קאָל איז געווען מאָדנע, טעמפּ. דער מענטש האָט ניט ארויסגעשריען נאָר ארויסגעשטיקט פון זיך דאָס וואָרט, גלייך ווי די דייטשן וואָלטן שוין געווען אָט דאָ און ער וואָלט מוירע געהאַט, זיי וועלן אים דערהערן.

א רעגע שפּעטער זיינען אַלע געלאָפן. איך האָב ניט באַוויזן צו באַמערקן ווי אזוי דאָס איז געשען. אַלץ איז פאָרגעקומען אויגנבליקלעך. א פּלייטע אין קריג פּאַסירט שטענדיק אזוי. דער וואַלד איז געווען נאָנט, א 150—200 טריט, איז מען געלאָפן אַהין. ס'זיינען געלאָפן אַלע וואָס האָבן געהאַלטן אין מיטן עסן אין גרוב, די ניי־אָנגעקומענע און די מייניקע.

ס'האָט זיך געוואָלט אויסדרייען דעם קוילנוואַרפער און צעשיסן זיי אין די רוקנס. כ'האָב זיך געשטעלט אַף א קופּע ערד און פון דאָרט שטילערהייט זיי נאָכגעקוקט.

דער ערשטער האָט זיך צוריקגעקערט דער מעטראַליסט בלאָכאַ. א רואיקער און ערנסטער אוקראַינער, א בעריע אין פאַרשאַפן זיך שפּייז, מיט

*) קאָמבאַט — קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן.

וואָס ער האָט שטענדיק זיך געטיילט מיט די כאַוויירים. זיכער איז עס געווען ער, וואָס האָט באַזאָרגט עסן פאַר די פרעמדע.

ער האָט זיך אומגעקוקט און מיך דערזען. טייקעף איז ער געבליבן שטיין. עטלעכע מאָל האָט ער געעפנט דאָס מויל און ניט ארויסגעלאָזט קיין קלאַנג. פּלוצלינג האָט ער אַ געשריי געטאָן צו די לויפנדיקע. כ'האָב ניט דערהערט, וואָס ער האָט געשריען: „קאָמבאַט" אָדער „נאַזאַד"*), און עפּשער אי דאָס אי יענץ. ער איז דער ערשטער צוריקגעלאָפן און זיך אוועקגעשטעלט לעבן מיר. אַ געפיל פון ליבע האָט מיך דורכגענומען ווי אַ שאַרפער שפּיז. קיין שום פרוי האָב איך ניט אַזוי ליב געהאַט ווי דעם בלאָכאַ, וועלכן כ'האָב ערשט מיט אַ מינוט פריער געהאַסט.

דער צווייטער האָט זיך אָפּגעשטעלט גאַלאָפּין, אַ ריז אַ קאַזאַך, פון פּאַך אַ פּאַקער, מיט אַ שטאַרק טונקעלן און גלאַנציקן פּאָנעם; אַף זיין ברייטער פּלייצע פלעגט ער לייכט קענען שלעפּן אַ שווערן קוילנוואַרפער צוזאַמען מיטן שטאַטיוו. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, צוגעדריקט די האַנט צום האַרצן, בעטנדיק שווייגנדיק מעכילע, און זיינע פיס האָבן אים גלייכצייטיק געבראַכט צו מיר.

דערנאָך האָט זיך אומגעקערט מורין, מיט די ברילן, אַ סטודענט פון קאָנסערוואַטאָריע; ער האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן דער געשיכטע פון מוזיק. אָבער עמעצער האָט אים אַ שטופּ געטאָן און אָנגעוויזן אַפן וואַלד. און ער איז ווידער געלאָפן ווי אַ האָז, אָבער ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. זיין פאַרשוויצטער פּאָנעם האָט זיך עטלעכע מאָל באַוועגט דאָ צו מיר, דאָ צום וואַלד. לעסאָף האָט ער שנעל מיט די פינגער אַ וויש געטאָן די ברילן און אַהערגעלאָפן צו מיר. ער איז געקומען דער דריטער.

זיי אַלע זיינען געווען פון זעלבן אָפּטייל, פון דער קוילנוואַרפער־קאָמאַנדע. איצט האָט נאָר געפעלט זייער קאָמאַנדיר, דער סערזשאַנט באַראַמבאַיעוו.

ניט איין מאָל פלעג איך אָנקוועלן קוקנדיק, ווי ער, דער קאַזאַך באַראַמבאַיעוו, נעמט פונאַנדער און מאָנטירט צונויף אַ קוילנוואַרפער. ווי לייכט, ווי אַ געניטער מעכאַניקער, פלעגט ער אָפּטרעפן וואו און פאַרוואָס וועלכער ס'איז טייל איז ניט אין פולער אָרדענונג. קוקנדיק אַף אים פלעג

---

*) נאַזאַד — צוריק.

איך טראַכטן: אַט ווערן מיר, קאַזאַכן, אַזוי ווי די רוסן, אַ פאָלק פון מע־
כאַניקער. און איצט איז ער עפשער ערגעץ דורכגעלאָפן פאַרביי און ניט
דערוועגט זיך צו ווענדן אַף מיר זיין בליק...

איך האָב אויפגענומען שווייגנדיק די אַלע וואָס זיינען צוריקגעקו־
מען. איך האָב געוואוסט, אַז מיינע קעמפער זיינען מענטשן אָרנטלעכע
און זיי ליידן פון כאַרפּע... ווי באַשיצט מען זיי אַף ווייטער פון דעם דער־
שיטערנדיקן געפיל? ווי ראַטעוועט מען זיי פון שאַנד? וואָס זאָל איך מיט
זיי טאָן? אויפקלערן זיי? שמועסן מיט זיי? שרייען אַף זיי? אַרעסטירן זיי?
זאָגט, אַדעראַבע, וואָס זאָל איך טאָן?

מישפּעט מיך!

1

איך בין געזעסן אין דער זעמליאַנקע מיטן בליק צו דער ערד, דעם אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אַף די הענט, אַזוי (באַורדזשאַן מאָמיש־אולי האָט געוויזן ווי אַזוי ער איז געזעסן) און געטראַכט...

— דערלויבט אַריינגיין, כאַווער קאָמבאַט.

כ'האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ניט אַ קוק געבנדיק.

ס'איז אַריין דער פּאָליטישער קאָמיסאַר פון דער קוילנוואַרפער־אָפּטיילונג, דזשאַלמוכאַמעד באַזשאַנאָוו. איר האָט פאַרשריבן? דזשאַלמוכאַמעד. אין קאַזאַכסטאַן איז פאַראַן אַ סאַך באָזשאַנאָוס. פאַר דער מילכאָמע האָט ער געהאַט זעקס ברידער.

— אַקסאַקאַל, — האָט שטיל געזאָגט באַזשאַנאָוו אַף קאַזאַכיש.

„אַקסאַקאַל“ אין בוכשטעבלעכער איבערזעצונג באַדייט: ו ו י י ס ע ב אָ ר ד. אַזוי רופט מען בא אונדז דעם פאָטער, דעם עלטסטן פון דער מישפּאָכע. אַזוי פלעגט מיך אַמאָל רופן באָזשאַנאָוו.

איך האָב אַ קוק געטאָן אַף אים. זיין גוטמוטיקער פּאָנעם איז געווען אינגאַנצן פאַרענדערט.

— אַקסאַקאַל... אין דער ראָטע איז געשען אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך. דער סערזשאַנט באַראַמבאַיעוו האָט זיך דורכגעשאָסן די האַנט.

— באַראַמבאַיעוו?

— יאָ.

כ'האָב געפילט, ווי עמעצער וואָלט מיר צונויפגעקוועטשט דאָס האַרץ. באַראַמבאַיעוו איז געווען, ווי איך, אַ קאַזאַך. דערצו אַ קאַזאַך מיט געשיקטע הענט און דער קאָמאַנדיר פון דער קוילנוואַרפער־אָפּטיילונג.

— וואָס האָסטו געטאָן מיט אים, האָסט אים דערשאָסן?

— ניין... כ'האָב אים פאַרבאַנדאַזשירט און...

— און וואָס?

— כ'האָב אים געבראַכט צושלעפּן אַהער.

— וואו איז ער? ברענג אים אַהער!

אַזוי... הייסט עס, אין מיין באַטאַליאָן האָט זיך באַוויזן דער ערשטער פּאַרעטער, דער ערשטער, וואָס האָט געשאָסן אַף זיך אַליין. און נאָך ווער?... באַראַמבאַיעוו.

ער איז אַריין מיט פּאַמעלעכע טריט. אין ערשטן מאָמענט האָב איך אים ניט דערקענט. זיין פּנים, וואָס איז גרוי און צעיוירן געוואָרן, איז געווען אומבאַוועגלעך ווי אַ מאַסקע. אַזעלכע פּנימער טרעפט מען בּאַ מענטשן מיט גייסטיקע ליידן. זיין לינקע פּאַרבאַנדאַזשירטע האַנט איז גע־האַנגען איבערגעבונדן; דורך דער מאַרלע האָט זיך דורכגעזאַפּט דאָס בלוט. זיין רעכטע האַנט האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, אָבער באַמערקנדיק מיין בליק, האָט ער זיך ניט דערוועגט צו מאַכן די מיליטערישע באַגרי־סונג. די האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט מוירע.

— רעדט, — האָב איך באַפוילן.

— ס'איז עפּעס, באַוועך קאַמבאַט, וואָס איך אַליין ווייס ניט ווי אַזוי עס איז געשען. ס'איז פּאָרגעקומען אַזוי פּלוצלינג. איך אַליין ווייס ניט ווי אַזוי ס'איז געשען.

ער האָט זיך קעסיידער געפּלאָנטערט מיט דער פּראַזע.

— רעדט.

ער האָט ניט געהערט פון מיר קיין זידלערייען, האָגאָם ער האָט עס זיכער דערוואַרט. פּאַראַן מאָמענטן, ווען ס'האָט שוין קיין זין ניט צו זיד־לען. באַראַמבאַיעוו האָט געזאָגט, אַז לויפנדיק צום וואַלד, האָט ער זיך אויסגעגליטשט, געפאַלן און זיין ביקס האָט אויסגעשאָסן.

— אַ ליגן! — האָב איך געזאָגט. — איר זייט אַ פּאַכדן, אַ פּאַרע־טער! דאָס פאָטערלאַנד פּאַרניכטעט אַזעלכע ווי איר!

כ'האָב אַ קוק געטאָן אַפן זייגער. ס'איז געווען פאַר דריי.

— לייטענאַנט ראַכימאָוו!

ראַכימאָוו איז געווען דער שעף פון באַטאַליאָן־שטאַב. ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— לייטענאַנט ראַכימאָוו! רופט אַהער דעם סאָלדאַט בלאָכאַ. זאָל ער קומען טייקעף.

— רעכט, כאָווער קאָמבאַט.

— אין אַ שאָ מיט אַ פּערטל אַרום, פּונקטן זעכצן אַזייגער, זאָל ווערן פאַרמירט דער באַטאַליאָן באַם ראַנד פון וואַלד... דאָס איז גאָר. איר קענט גיין.

— וואָס ווילט איר טאָן מיט מיר? — האָט איילנדיק געגומען שטאַמלען באַראַמבאַיעוו.

— כ׳וועל דיך דערשיסן קעגנאיבער דעם פאַרמירטן באַטאַליאָן!

און פּלוצלינג איז באַראַמבאַיעוו געפאַלן אויף די קני. זיינע הענט, די געזונטע און די פאַרבונדענע, פאַרפּלעקטע פון שענדלעכן בלוט, האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו מיר.

— כאָווער קאָמבאַט... כ׳וועל זאָגן דעם עמעס... כאָווער קאָמבאַט... כ׳האָב עס אַליין... כ׳האָב עס אַליין בעקיוון...

— הייב זיך אויף! — האָב איך געזאָגט. — לערן זיך אויס, לע־פאָכעם, ניט צו שטאַרבן ווי אַ וואָרעם.

— זייט מיר מויכל!

ער האָט זיך אויפגעהויבן.

— עי, באַראַמבאַיעוו, באַראַמבאַיעוו, — האָט מיט ווייכקייט גע־זאָגט באָזשאַנאָוו. — זאָג, וואָס האָסטו זיך געטראַכט?

אַ רעגע האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס׳איז געווען איך, ווער ס׳האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, אַזוי ווי ס׳וואָלט זיך אַרויסגעגליטשט דאָס, וואָס איך האָב צו דעם אינעווייניק באַ זיך געהאַט באַפוילן: „שטיל!“.

— כ׳האָב ניט געטראַכט, — האָט געשטאַמלט באַראַמבאַיעוו, — ניט געטראַכט... כ׳ווייס אַליין ניט, ווי אַזוי ס׳איז געשען.

ווידער האָט ער זיך געקלאַמערט, ווי אָן אַ שטרוי, אָן דער פראַזע.

— זאָג ניט קיין ליגן, באַראַמבאַיעוו, — האָט געזאָגט באָזשאַנאָוו. — דערצייל דעם קאָמאַדיר דעם עמעס.

— ס׳איז עמעס, ס׳איז עמעס... דערנאָך האָב איך דערזען דאָס בלוט, בין איך געקומען צו זיך, — צו וואָס האָב איך עס געטאָן? דער טייוול האָט מיך פאַרפירט... שיסט מיך ניט, זייט מיר מויכל, כאָווער קאָמאַנדיר.

מעגלעך, אַז ער האָט געזאָגט עמעס. מעגלעך אַז ס׳איז באַ אים גע־שען אַ פאַרנעפּלונג פון סייכל, אַ פּלוצלינגדיקע קאַטאַסטראָפע, אַרויס־גערופן דורך שרעק. אָבער אַזוי טאָקע אַנטלויפט מען אויך פון שלאַכט־

פעלד, אַזוי שאַפן זיך די פאַרעטער פון פאָטערלאַנד, און זיי פאַרשטייען שפּעטער ניט, ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַסירן.

כ'האָב געזאָגט צו באָזשאַנאָוון:

— בלאָכא וועט זיין דער קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג, אָנשטאָט אים. און די זעלבע אָפּטיילונג, די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געלעבט און פון וועלכע ער איז אַנטלאָפן, וועלן אים דערשיסן קעגנאיבער דעם פאָרמירטן באַטאַליאָן...

באָזשאַנאָוו האָט זיך צוגעבויגן צו מיר און שטיל געזאָגט:

— אַקסאַקאַל, — האָבן מיר רעכט אויף דעם?

— יאָ, — האָב איך געזאָגט. — שפּעטער וועל איך ענטפערן דער־פאַר וועמען מ'דאַרף. אָבער אין אַ שאָ אַרום וועל איך אויספירן דאָס וואָס כ'האָב געזאָגט. איר גרייט צו דעם ראַפּאָרט.

אין זעמליאַנקע איז אַריין אַ פאַרסאָפּעטער בלאָכא, און באַוועגנדיק זיינע העלע קוים קענטיקע ברעמען, געמאָלדן ווייט ניט דייטלעך זיין אַסיסטענץ.

— ווייסט, נאָך וואָס כ'האָב דיך גערופן? — האָב איך געפרעגט.

— ניין, כאַווער קאָמבאַט.

— קוק אויף דעם... דערקענסט אים? — כ'האָב אָנגעוויזן אויף באַ־ראַמבאַיעוון.

— עי, דו... — האָט געזאָגט בלאָכא. אין זיין שטים האָט זיך גע־פילט פאַראַכטונג און מיטגעפיל. — וואָס פאַר אַן אויסזען ער האָט באַ־קומען!

— איר וועט אים דערשיסן, — האָב איך געזאָגט צו בלאָכאַן, — אייער אָפּטיילונג...

בלאָכא איז בלייך געוואָרן. אָפּעטעמענדיק מיט דער גאַנצער ברוסט, האָט ער שווער אַרויסגעזאָגט:

— רעכט, כאַווער קאָמבאַט.

— איך באַשטים אייך אַלס קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג. גרייט צו צוזאַמען מיטן פּאָליטקאָמיסאַר באָזשאַנאָוו די מענטשן.

— רעכט, כאַווער קאָמבאַט.

איך בין צוגעגאַנגען צו באַראַמבאַיעוון און אַראָפּגעריסן בא אים די אָפּצייכענונגען און דעם רויטאַרמייאישן שטערן.

ער איז געשטאַנען מיט אַ קרומען און אומבאַוועגלעכן פּאָנעם און מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט.

.2

אין דער באַשטימטער שאָ בין איך אַוועק צום באַטאַליאָן, וואָס איז געווען פאַרמירט אין אַ „פ״*). אין מיטן פון דער אָפענער ליניע איז געווען אַוועקגעשטעלט באַראַמבאַיעוו אין שינעל, נאָר אָן אַ פּאַס, פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן באַטאַליאָן.

— באַטאַליאָן, אַכטונג! — האָט געגעבן די קאָמאַנדע ראַכימאָוו.

אין דער שטילקייט האָט זיך דורכגעטראָגן אַ באַזונדער גערויש, וועלכן ס'כאַפּט שטענדיק אויף דער אויער פון קאָמאַנדיר; ווי איינער, האָבן אַלע ביקסן זיך אַ באַוועג געטאָן און געבליבן שטיין.

אין געדריקטן געמיט האָט אָף אַ רעגע אַ בליץ געטאָן אַ צופרידנקייט: ניין, ס'איז ניט קיין מאַסע פון שינעלן, דאָס זיינען סאָלדאַטן, ס'איז די קראַפט, דער באַטאַליאָן.

— לויט אייער באַפעל, דער באַטאַליאָן איז פאַרמירט.

אין דער דאָזיקער שאָ, אָף יענעם רוסישן פעלד, וואו אַנטקעגן אַ פאַרמירטן באַטאַליאָן איז געשטאַנען אַ מענטש מיט אַ שענדלעך־פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט, אָן אַ פּאַס און אָן אַ שטערן, האָט יעדער וואָרט, אַפילו די געוויינלעכע מעלדונג־פאָרמולע, אויפגערודערט די נעשאָמע.

— אַפּטייל־קאָמאַנדיר בלאָכאַ מיטן אַפּטייל צו מיר! — האָב איך באַפוילן.

זיי זיינען געגאַנגען שטיל איבערן פּלאַץ, פאַרויס דער נידעריקער בלאָכאַ און דער הויכער גאַלולין, הינטן מורין און דער, וואָס איז נעבטן געשטאַנען אָף דער וואַך באַם קוילנוואַרפער, דאָבריאַקאָוו. זיי זיינען געגאַנגען ערנסטע, מיט געזעצטע טריט, ניט אָפּווענדנדיק די פּענעמער פון ווינט, וואָס האָט געשמיסן פון דער זייט, וועלנדיק אומגערן דערשיינען שטייפע אונטערן בליק פון זיבן הונדערט מאַן. אָבער זיי זיינען געווען צערודערט.

בלאָכאַ האָט באַפוילן: „אַפּטייל, האַלט!״ די ביקסן זיינען מיט איין

*) אַ רוסישע „פ״ האָט די פאָרעם פון אַ יידישן „ה״. איבערז.

איינציקער באַוועגונג אַראָפּ פון די אַקסלען צו די פיס. בלאָכאַ האָט גע־קוקט אויף מיר, פאַרגעסנדיק צו מעלדן זיך לויטן רעגלאַמענט. בין איך צו צו אים און מיליטעריש באַגריסט. דאַמאָלסט האָט ער אייליגדיק מיר גע־ענטפערט אויפן זעלבן שטייגער און ניט גאָר דייטלעך געמאַכט די געהע־ריקע מעלדונג.

איר וועט פרעגן: צו וואָס טויג דאָס אַלץ, דערצו נאָך אין אַזאַ מאָ־מענט? יאָ, דאַווקע אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָב איך מיט יעדער נישט־טיקייט געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז מיר זיינען זעלנער, אַ מיליטערישע איינהייט.

אויספאָלגנדיק דעם באַפעל, האָט די אָפּטיילונג זיך אויסגעדרייט אַנט־קעגן באַטאַליאָן. איך האָב געזאָגט:

— כאַוויירים סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן! אָט די מענטשן וואָס שטייען אַנטקעגן אונדז האָבן נעכטן גענומען אַנטלויפן, ווען עמעצער האָט אַ געשריי געטאָן: „די דייטשן!" און איך האָב געמאַכט דעם קאַמף־אַלאַרם „צום געווער!" אין אַ מינוט אַרום זיינען זיי צו זיך געקומען און זיך אומגעקערט. איינער נאָר איז ניט צוריקגעקומען, דער וואָס איז געווען זייער קאָמאַנדיר... ער האָט זיך דורכגעשאָסן די האַנט, קעדיי צו אַוועק־גיין פון פראָנט. דער דאָזיקער פּאַכדן און פאַררעטער פון פאָטערלאַנד וועט לויט מיין באַפעל באַלד דערשאָסן ווערן. אָט דאָס איז ער!

אויסדרייענדיק זיך צו באַראַמבאַיעוון, האָב איך אָנגעוויזן אויף אים מיטן פינגער. ער האָט געקוקט נאָר אויף מיר, קלאַמערנדיק זיך אָן אַ לעצטער האָפענונג.

איך האָב ווייטער גערעדט:

— ער האָט ליב דאָס לעבן. ער האָט פאַרגעניגן פון דער לופט, פון דער ערד, פון הימל, פון זיין אָטעם, פון דעם קלאַפּן פון זיין האַרץ. האָט ער דעריבער באַשלאָסן: „שטאַרבן שטאַרבט איר, און איך וועל בלייבן לעבן". אַזוי לעבן פּאַראַזיטן — אויף יענעמס כעשבן. יעדן פון אונדז קען אויסקומען צו שטאַרבן אין קאַמף. מיר וועלן גיין אין שלאַכט, אָבער פריער וועלן מיר דיך, פּאַראַזיט, פאַרניכטן!

ער האָט מיך געהערט אָן שום באַוועגונג. די זיבן הונדערט מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אַנטקעגן מיר, האָבן געוואוסט, אַז ניט אַלע וועלן בלייבן לעבן, אייניקע וועט דער טויט אַרויסרייסן פון די רייען. און איך

האָב מיט ווערטער אויסגעדריקט דאָס, וואָס האָט איצט אויפגערודערט זייערע נעשאָמעס.

— יאָ, ס'וועלן זיין טויטע אין דער שלאַכט. אָבער די, וואָס שטאַרבן ווי סאָלדאטן, וועט דאָס פאָטערלאַנד נישט פארגעסן. זיין און טעכטער וועלן מיט שטאָלץ זאָגן: „אונדזער פאָטער איז געווען א העלד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אזוי וועלן זאָגן אייניקלעך און אוראייניקלעך. אָבער צי דען וועלן מיר אלע שטאַרבן? ניין. דער סאָלדאט גייט אין שלאַכט ניט צו שטאַרבן, נאָר צו טויטן דעם סוינע. און ווער ס'וועט האָבן די געלעגנהייט נאָך די שלאַכטן, נאָכן דערפילן זיין פליכט פון א זעלנער, אומקערן זיך אהיים, אויך אים וועט מען רופן העלד פון דער מילכאָמע פארן פאָטערלאַנד. ווי שטאָלץ, ווי זיס עס קלינגט: א העלד! מיר, די אָרנטלעכע קעמפער, וועלן געניסן דעם פארגעניגן פון רום, אָבער דו... (כ'האָב זיך ווידער אויסגעדרייט צו באראמבאיעוון), דו וועסט דאָ אוועקגעוואָרפן ווערן ווי עפּעס, וואָס איז געפאלן אָן קאָוועד און אָן געוויסן. דיינע קינדער וועלן זיך אָפּזאָגן פון דיר. ווילדגראָז — און דאָס אויך מיט עקל — וועט וואקסן אפן קייווער, וואו מיר וועלן דיך באגראָבן.

— זייט מיר מויכל — האָט שטיל ארויסגערעדט אף קאזאכיש באראמבאיעוו. — צוליב מיינע קינדער!

— וואָס, האָסט זיך דערמאָנט אָן דיינע קינדער? — זיי זיינען געוואָרן קינדער פון א פארעטער. זיי וועלן זיך שעמען מיט דיר, וועלן לייקענען ווער זייער פאָטער איז געווען. דיין פרוי וועט זיין אן אלמאָנע נאָך א פאכדן, א פארעטער, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן קעגנאיבער א פארמירטן באטאליאָן. זי וועט מיט ווייטיק דערמאָנען דעם אומגליקלעכן טאָג, ווען זי האָט באשלאָסן צו ווערן דיין פרוי. מיר וועלן שרייבן וועגן דיר אהיים. זאָל מען דאָרטן וויסן, אז מיר אליין האָבן דיך פארניכטעט...

— זייט מיר מויכל... שיקט מיך אין שלאַכט...

ער האָט עס געזאָגט שטיל און ווידער אף קאזאכיש. איך האָב א געשריי געטאָן:

— מיר זיינען ניט אין אאול*). רייד רוסיש!

שנעל האָט ער איבערגעכאַזערט אף רוסיש:

— זייט מיר מויכל... שיקט מיך אין שלאַכט...

*) אאול — א קאזאכישער דארף. איבערז.

ער האָט עס ארויסגעזאָגט ניט זייער דייטלעך, אָבער ס'האָט זיך געפילט, אז אלע האָבן געהערט.

— ניין, — האָב איך געזאָגט. — מיר אלע וועלן גיין אין שלאַכט. דער גאנצער באטאליאָן וועט גיין אין שלאַכט! זעסט אָט די קעמפער, וועלכע איך האָב געהייסן ארויסגיין פון דער ריי? דערקענסט זיי? דאָס איז די אָפּטיילונג, וואָס דו האָסט קאָמאַנדירט... זיי זיינען אויך געלאָפן צוזאמען מיט דיר, אָבער זיי האָבן זיך אומגעקערט, און ס'וועט בא זיי ניט צוגענומען דער קאָוועד צו גיין אין שלאַכט. דו האָסט געלעבט מיט זיי. געגעסן פון זעלבן שיסל, געשלאָפן אונטערן זעלבן שינעל, ווי אן אָרנט־לעכער זעלנער. זיי וועלן גיין אין שלאַכט. בלאָכא און גאַלולין, דאָבריא־קאָוו און מורין — אלע וועלן גיין אין שלאַכט, אונטער קוילן און באָמבעס. אָבער פריער וועלן זיי דיך דערשיסן אלס א פּאכדן, וואָס איז פון שלאַכט אנטלאָפן!

און שנעל האָב איך געגעבן א קאָמאַנדע:

— אָפּטייל, האלב־אומדריי!

בלייך ווערנדיק אלע פּאראַמאָל, האָבן די סאָלדאַטן זיך אומגעדרייט. איך האָב דערפילט, אַז אויך מיין פּאָנעם איז קאַלט געוואָרן.

— אָפּטייל־קאָמאַנדיר בלאָכא! אָראָפּציען פון פּאַרעטער דעם שינעל!

א כווישעבדיקער איז בלאָכא צוגעגאנגען צו באַראַמבאַיעוון. איך האָב געזען, ווי זיין רעכטע געזונטע האנט האָט זיך אויפגעהויבן און אליין פון זיך גענומען פונאנדערשפּילען די העקלעך. דאָס האָט מיך איבער־ראַשט. ניין, אָט דער, וואָס האָט דוכט זיך מער ווי ווער עס איז געדורשט צו לעבן, האָט גאָר קיין ווילן צום לעבן ניט געהאַט, ווילנלאָז האָט ער אויפגענומען דעם טויט. און איך האָב געטראַכט: ניין, ניט צו פּאכדאָנים געהערט דער ווילן צום לעבן, וועלכן עס איז ניט גויווער צו זיין! ניין, ניט צו זיי, נאָר מ י ר פילן עס, די וואָס האָבן באשלאָסן צו קעמפן. מיר וועלן גיין אנטקעגן דעם טויט אף אן אנדער אויפן: מיר וועלן קעמפן פארן לעבן, טויטנדיק מיט דער קויל, מיטן גראַנאַט, מיטן באַגנעט די יעניקע, וואָס ווילן אונדז טויטן!

דער שינעל איז אויסגעטאָן. בלאָכא האָט אים אוועקגעוואָרפן אָן א זייט און צוריקגעקערט צו דער אָפּטיילונג.

— פאַרעטער, האַלב-אומדריי!

קוקנדיק אַף מיר צום לעצטן מאָל מיט אַ בעטנדיקן בליק, האָט באַ־ראַמבאַיעוו געמאַכט אַ האַלבן אומדריי. איך האָב געגעבן די קאָמאַנדע:

— דעם פּאַכדן, דעם פאַרעטער פון פאָטערלאַנד, וואָס האָט געבראָכן זיין שוואוע... אָפּטייל...

די ביקסן האָבן זיך אויפגעהויבן און געבליבן שטייף. אָבער איינער האָט געציטערט... מורין איז געשטאַנען מיט ווייסע ליפּן. עס האָט אים געטרייסלט אַ דערשיטערונג.

און אין דעם מאָמענט האָב איך שוין מער ניט אויסגעהאַלטן פון ראַכמאָנעס-געפיל צו באַראַמבאַיעוון. דאָס ציטערן פון דער ביקס אין מורינס הענט האָט, דוכט זיך, געדעדט צו מיר: „האָב ראַכמאָנעס אַף אים, שענק אים!" און זיבן הונדערט מענטשן, וואָס זיינען נאָך אין שלאַכט ניט געווען, וואָס זיינען נאָך ניט געווען געניטן האַרט צו אַ פאַרעטער, וואָס האָבן געוואַרט מיט שפּאַנונג, אַז אָט באַלד וועל איך אויסשרייען: „פייער!", האָבן דוכט זיך, אויך געבעטן: „מ׳דאַרף ניט, זיי אים מויכל!".

און דער ווינט איז פּלוצלינג אַף אַ ווײלע שטיל געוואָרן, די לופט האָט זיך באַרואיקט, אַזוי ווי קעדיי איך זאָל קענען הערן אָט די שטומע באַקאָשע.

איך האָב געזען די ברייטע פּלייצע פון גאַלולין, וועלכער איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון דער ריי. גרייט אויסצופירן דעם באַפעל איז ער, אַ קאַזאַך, געשטאַנען און געצילט אין אַ צווייטן קאַזאַך, וועלכער איז מיט עטלעכע שאָ צוריק געווען זיין אינטימער פריינט. פון גאַלולינס פּלייצע איז אויך דערגאַנגען צו מיר: „צווינג מיך ניט, זיי אים מויכל!".

איך האָב זיך דערמאָנט אַלץ וואָס באַראַמבאַיעוו האָט אין זיך געהאַט גוטס. כ׳האָב זיך דערמאָנט ווי פּאַרזיכטיק און געשיקט ער פלעגט פונאַנ־דערשרויפן און אויפמאָנטירן אַ קוילנוואַרפער, און ווי איך בין בעשטיקע געווען שטאָלץ מיט אים.

איך בין ניט קיין כאַיע, איך בין אַ מענטש. און כ׳האָב אויסגעשריען:

— אָפּשטעלן!

די ביקסן וואָס האָבן געצילט, האָבן, דוכט זיך, ניט אַראָפּגעלאָזט זיך, נאָר אַראָפּגעפאַלן ווי בליי.

און אויך פון די הערצער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט אַ שווערער שטיין.

— באַראַמבאַיעוו! — האָב איך א געשריי געטאָן.

ער האָט זיך אומגעדרייט, קוקנדיק מיט אויגן, נאָך ניט גלויבנדיקע, אָבער שוין אָנגעצונדענע מיט לעבן.

— טו אָן דעם שינעל!

— איך?

— טו אָן, גיי אין דער ריי, צו דער אָפּטיילונג!...

ער האָט פאַרלאָרן געשמייכלט, דערנאָך געלאַכט, געכאַפּט מיט ביידע הענט דעם שינעל, גענומען לויפן צו דער ריי, און לויפנדיק געדוקט די הענט און ניט געטראָפן אין די אַרבל.

מורין, דער גוטער מורין מיט די ברילן, בא וועמען ס'האָט געציטערט די ביקס, האָט אים אומבאַמערקט מיט דער האַנט געמאַכט א צייכן: „קום, שטעל זיך!" און דערנאָך באַוועריש א שטויס געטאָן אין זייט. באַראַמ־באַיעוו איז צוריק געוועזן א סאָלדאַט, א באַוועד.

איך בין צוגעגאַנגען, אים א פּאַטש געטאָן אין פּלייצע.

— נו, איצט וועט שוין מער ניט אויסשיסן?

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף ניין און ווידער געלאַכט. און אַלע ארום האָבן געשמייכלט. אַלע האָבן געפילט א דערלייכטערונג...

איר פילט אויך געוויס א דערלייכטערונג. און די, וואָס וועלן לייענען די דערציילונג, וועלן געוויס אויך אָפּזיפצן מיט דערלייכטערונג, ווען זיי וועלן צוקומען צו מיין קאָמאַנדע: „אָפּשטעלן"!

אינדערעמעסן איז אָבער געשען ניט אַזוי. אָט דאָס אַלץ האָב איך נאָר געזען אין געדאַנק; ס'האָט א בליץ געטאָן און פאַרשוואונדן ווי א כאַלעם.

געשען איז עפּעס אַנדערש.

ווען כ'האָב באַמערקט, אַז מורינס ביקס ציטערט, האָב איך א געשריי געטאָן:

— מורין, ציטערסט?

מורין האָט זיך א צאַפּל געטאָן, זיך אויסגעגלייכט און צוגעדריקט פעסט דעם פּריקלאַד. די האַנט האָט מער ניט געציטערט.

כ'האָב איבערגעכאַזערט די קאָמאַנדע:

— דעם פּאַכדן, דעם פאַרעטער פון פאָטערלאַנד, וואָס האָט געבראָכן זיין שוואוע, אָפּטייל... פייער!

און דער פּאַכדן איז דערשאָסן געוואָרן.
מישפּעט מיך!

מיט יאָרן צוריק האָט מיין פאָטער, א נאָמאַד, באַקומען א ביס פון א גיפטיקער שפּין. ער איז געווען איינער אַליין אין מיטן די זאַמדן. נאָענט איז ניט געווען קיינער אַכוצן קעמל. דער גיפט פון דער דאָזיקער שפּין איז שטערבלעך. האָט מיין פאָטער אַרויסגענומען זיין מעסער און אויסגע־שניטן א שטיק פלייש פון זיין אייגענעם קערפּער, פון אָרט פון דעם ביס.

אַזוי האָב איך אויך געטאָן איצט. כ'האָב אויסגעשניטן א שטיק פון מיין אייגענעם קערפּער.

איך בין ניט קיין כאַיע, כ'בין א מענטש. אַלדאָס מענטשלעכע אין מיר האָט געשריגן: „מ'דאַרף ניט, האָב מיטלייד, זיי מויכל! אָבער איך האָב ניט מויכל געווען.

איך בין א קאָמאַנדיר, א פאָטער, איך האָב געטויט א זון. אָבער אַנטקעגן מיר זיינען געשטאַנען זיבן הונדערט זין. איך בין געווען גע־צוואונגען איינצוקריצן מיט בלוט אין זייערע נעשאָמעס, אַז פאַרן פאַרע־טער איז ניטאָ און וועט ניט זיין קיין מיטלייד.

צו יענער צייט האָב איך נאָך ניט געהאַט אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי, אָבער איך בין געווען צווישן יענע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר באָלשעוויקעס אָן דער פּאַרטיי.

און איך זאָג אַליין: מיר וואָלטן ווערט געווען די מיעסטע מאַפּאָלע, ס'וואָלטן אונדז פאַרשאָלטן קינדער און אייניקלעך, ווען מיר זאָלן ניט באַהערשן די מיטלייד, ווען מיר זאָלן ניט געפינען אין זיך דעם קויעך אויסצושניידן די פאַרגיפטעטע שטיק קערפּער.

איך האָב געוואָלט, אַז יעדער קעמפער זאָל וויסן: וועסטו זיך לאָזן באַהערשן פון פּאַכדאָנעס, וועסטו פאַראַטן, וועט עס דיר ניט געשענקט ווערן, ווי שטאַרק ס'זאָל זיך ניט וועלן שענקען.

שרייבט אַזוי: זאָלן עס לייענען אַלע, וואָס טראָגן אָדער קלייבן זיך טראָגן א סאָלדאַטסקן שינעל. זאָלן זיי וויסן: ס'קען זיין, אַז דו ביסט גוט און פיין, ס'קען זיין, אַז פריער האָבן דיך אַלע געליובט און ליב געהאַט, אָבער ווער דו זאָלסט נישט האָבן געווען, — פאַר א פאַרברעכן, פאַר פּאַכ־דאָנעס, פאַר פאַראַט וועסטו באַשטראָפט ווערן מיט טויט.

ניט שטאַרבן, נאָר לעבן!

1.

צומאַרגנס אינדערפרי בין איך דורכגעגאַנגען דעם אָפּשניט. ווי נעכטן, האָבן די סאָלדאַטן געאַרבעט בײַ די שוצגראָבנס. אָבער אַלע זײַנען געווען מאָרעשכווירעדיק. אין ערגעץ האָט זיך ניט געהערט קיין געלעכטער, און מײַן בליק האָט ניט באַגעגנט קיין שמייכל.

איך גיי צו נעענטער, זע איך, איינער האָט צוגעדעקט זײַן שוצגראָבן מיט שטעקנס און שיט אָן ערד דערויף.

— וואָס האָסטו געמאַכט?

— אַ שוצגראָבן, כּאַווער קאָמבאַט.

— און מיט וואָס האָסטו באַדעקט?

— מיט פלעקער, כּאַווער קאָמבאַט.

— גיי אַרויס פון דאָרט, וועל איך דיר ווײַזן וואָסערע פלעקער דאָס זײַנען.

דער סאָלדאַט גייט אַרויס. איך נעם אַרויס דעם רעוואָלווער און זעץ אַרײַן עטלעכע קוילן אין צודעק פון גראָבן.

— איצט קריך אַרײַן און זע, צי ס'האָט דורכגעלעכערט.

אין אַ ווײַלע אַרום שרײַט ער:

— דורכגעלעכערט, כּאַווער קאָמבאַט.

— וואָס־זשע האָסטו אויסגעבויט, אויב אַזוי? וואָס איז עס, אַ ביידל פון אַ סעדער? ווילסט זיך דאָ באַהאַלטן פון דער זון? פאַרוואָס שווײַגסטו?

דער סאָלדאַט מורמלט אַרויס אָן כּיישעק:

— ער וועט אונדז אומעטום געפינען...

— ווער איז עס „ער"?

ער ענטפערט ניט. איך פאַרשטיי, דאָס מיינט ער דעם טויט. דער דאָזיקער געדאַנק פאַרפאָלגט די מענטשן. ער הענגט איבערן באַטאַליאָן ווי אַ שווערער דריקנדיקער וואָלקן. איך פרעג אים:

— וואָס, דו ווילסט ניט לעבן?

— איך וויל, כאַוועך קאָמבאַט.

— אויב אַזוי, נעם עס פונאַנדער, וואַרף אַוועק צום טייוול די שטעקנס. דאַרפסט אַוועקלייגן קלעצער, די דיק, לעפּאָכעס, פון אַ טעלעגראַפן־סלופּ. און לייג עס אַוועק אין פינף שיכטן, קעדיי אַפילע אַ באָמבע זאָל עס ניט דורכקלאַפּן, אויב זי וועט דאָ טרעפן.

דער סאָלדאַט קוקט אומאַנטשלאָסן דאָ אויפן גראָבן, דאָ צום וואַלד: דאָרטן אין וואַלד, ווייט פון ראַנד, דאַרף מען די קלעצער אויסהאַקן און ברענגען זיי צו שלעפּן אַהער.

— און עפּשער וועט צום גליק ניט טרעפן? — זאָגט ער.

אויך דאָ האָט עס געלעבט, דאָס ווערטל „עפּשער"...

— וואַרף אַוועק די שטעקנס, — האָב איך אַ געשריי געטאָן. — און אויב וועסט ניט אַוועקלייגן פינף שיכטן קלעצער, וועל איך דיך צווינגען צו מאַכן עס פונדאַסניי.

מיט אַ זיפץ האָט ער גענומען מיטן רידל אַראָפּשאַרן צוריק די אָנגע־שאָטענע ערד.

איך קוק זיך צו שווייגנדיק. ניין, אים גלייבט זיך נאָך ניט, אַז פון דאַנען וועט ער אַן אומבאַרירלעכער פאַרן סוינע קענען האַרגענען דייטשן. אים גלויבט זיך ניט, אַז זיי וועלן פאַלן אונטער זיינע קוילן. באַ אים אויפן האַרצן איז עפּעס אַנדערש.

2.

דעם טאָג האָבן איינציקע אָפּטיילונגען, לויט אַן איינגעשטעלטן שאָען־פּלאַן, דורכגעפירט שיס־איבונגען. אויפן צווייטן ברעג טייך, דאָרט, פון וואַנען ס'האָט געקענט אָנקומען דער סוינע, זיינען איינגעשטעלט געוואָרן ציל־ברעטער, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך די פאַשיסטן ביזן גאַרטל אָדער אין פולער וואוקס. איך האָב געוואָלט, אַז יעדער קעמפער זאָל זיך

צוגעוואוינען שיסן גוט פון זיין גראַבן, פון זיין אונטערערדישער וואוינונג. כ'האָב געוואָלט, אז דער גאַנצער שטעטך קעגנאיבער אונדזערע ליניעס זאָל זיין אויסגעשטעלט אַף אונדזער פייער.

אַף די צילפּונקטן האָט מען געשאָסן פון קוילנוואַרפער און פון ביקסן. איך בין געווען אין די גראָבנס און געאַרבעט מיט די סאָלדאַטן.

— האָסט ניט געטראָפן אין ציל. טו א טראַכט: פאַרוואָס? האָסט געגומען שלעכט דעם צילפּונקט אָדער האָסט זיך שלעכט אוועקגעשטעלט. בעסער אויס, פּרוּוו נאָכאַמאָל...

איין מאָל האָב איך דאָך געהערט לאַכן אין דעם טאָג. דער פּאָליט־קאָמיסאַר באָזשאַנאָוו האָט געשמועסט מיט די סאָלדאַטן און געלאַכט. איך האָב פאַרשטאַנען, אז דער וואָוילער דזשאָלמוכאַמעד סטאַרעט זיך אריינ־ברענגען אביסל פריילעכקייט.

איך בין צוגעקומען און געפרעגט:

— וועגן וואָס האַנדלט זיך?

באָזשאַנאָוו האָט זיך דערפילט אביסל אין א פאַרלעגנהייט.

— איך דערצייל, ווי אזוי כ'האָב אויפגעהערט מוירע צו האָבן...

— אַנו, לאָמיר הערן.

— איר געדענקט, כאָוועך קאָמבאַט, אונדזער קאַזאַכיש שפּריכוואָרט: „מ'האָט מוירע פאַרן סוינע, ביז מ'פאַרזוכט ניט דעם טאַם פון זיין בלוט". איז אָט...

איך האָב געוואוסט, אז באָזשאַנאָוו האָט אנטיילגענומען אין דער פינישער מילכאָמע, געווען אין באַגנעט־שלאַכטן. אין פאַרלעגנהייט האָט ער ווייטער גערעדט:

— ...איז אָט... איך, כאָוועך קאָמבאַט, האָב איך עס נאָך ניט דער־ציילט... ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל אריינגעזעצט מיין באַגנעט אין קערפּער פון סוינע, האָבן זיך מיר איבערגעקערט די אויגן פאַר שרעק... דערנאָך, ס'איז אפילע געווען עקלדיק, האָב איך מיט דער צונג א קליין לעקעלע געטאָן דעם באַגנעט...

— נו, און וואָס?

— און כ'האָב אויפגעהערט מוירע צו האָבן...

ער האָט געלאַכט, סטאַרענדיק זיך ארויסרופן געלעכטער בא די צו־הערער.

3.

און איך האָב ווידער געטראַכט.

איך האָב דורכגעריטן די זיבן קילאָמעטער פון אונדזערע ליניעס, צוריקגעקומען אין דער אונטערערדישער וואוינונג שוין אָוונט־צו, אָפּגע־געסן, געאַרבעט אין שטאַב, זיך געלייגט שלאָפן און אַלץ געטראַכט און געטראַכט.

וואָס האָט פּאַסירט מיטן באַטאַליאָן? האָב איך ניט געטויט אַמאָל, שיסנדיק נעכטן דעם פאַרעטער, וואָס איז אַנטלאָפן, קעדיי ראַטעווען זיך דאָס לעבן, האָב איך אַמאָל מיט דעם זאָלפּ ניט געטויט דעם גרויסן קויעך פון ליבע צום לעבן, דעם אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג?

כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז כ'האָב געלייענט אין אַ געוויסן אַרטיקל: „בעיִם דער שלאַכט קעמפן אינעם מענטשן צוויי קויכעס: דער באַוואוסט־זיין פון דער פליכט און דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג. ווען עס מישט זיך אַריין אַ דריטער קויעך, די דיסציפּלין, דאַמאָלסט זיגט דער באַוואוסטזיין פון דער פליכט".

איז עס אַזוי? אונדזער גענעראַל, איוואַן וואַסיליעוויטש פּאַנפילאָוו, האָט אַנדערש גערעדט וועגן דעם. מיט אַ צייט צוריק, נאָך אין אַלמאַ־אַטאַ*) אין אַ באַנאַכטיקן שמועס (פרעגט מיך דערוועיל ניט און צעשטרייט זיך ניט; כ'וועל אייך שפּעטער איבערגעבן דעם גאַנצן שמועס) האָט פּאַנ־פילאָוו געזאָגט: „דער סאָלדאַט גייט אין שלאַכט ניט אויף צו שטאַרבן, נאָר אויף צו לעבן!".

מיר זיינען געפעלן געוואָרן די דאָזיקע ווערטער, און איך האָב זיי אָפּט איבערגעכאַזערט. און איצט, גרייטנדיק זיך צו דער ערשטער שלאַכט, טראַכטנדיק וועגן באַטאַליאָן, אויף וועמענס גורל ס'איז אויסגעפאַלן צו קעמפן אין דער פאַרטיידיקונג פון מאָסקווע, האָב איך זיך דערמאָנט פּאַנ־פילאָווס ווערטער. און נעכטן, איידער כ'האָב געגעבן די קאָמאַנדע: „דעם פאַרעטער — פייער!", זיינען מיר געקומען אויפן זיקאָרן די זעלביקע ווער־טער. איז דען מעגלעך, אַז דער ווילן צו לעבן, דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג — די מעכטיקע אורשפּרינגלעכע שטויסקראַפט, וואָס איז

*) אַלמאַ־אַטאַ — די הויפּטשטאָט פון קאַזאַכסטאַן.

אייגן יעדן לעבעדיקן וועזן — זאָל זיך אויסדריקן נאָר אין דער פּליטע? צי דען אַנטוויקלט זיך ניט אַט דער דאָזיקער אינסטינקט אין זיין גאַנצן פּאַרנעם, מיט אַ ווילדער פאַרביסענער קראַפט, ווען אַ לעבעדיקער געפּעש קעמפט, שלאָגט זיך, דראַפּעט זיך, בייסט זיך אין אַ פאַרמעסט אַף לעבן און טויט, פאַרטיידיקט זיך און גרייפט אָן?

ניין, אין דער איצטיקער ביישפּיללאָזער מילכאָמע פאַר דער צוקונפט פון אונדזער לאַנד און פון יעדן איינעם פון אונדז, דאַרף דער אומצע־שטערלעכער זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט זיין פאַר אונדז אַ פריינט, ניט קיין סוינע.

אָבער ווי אַזוי וועקט מען אים אויף?

4.

אין אַ באַשטימטער שאָ האָבן זיך אין די אָפּטיילונגען געפירט שמועסן אָדער ס׳זיינען געקלייענט געוואָרן אַפן קאָל ציימונגען.

איך האָב באַשטימט דורכשפּאַצירן זיך איבער די אָפּטיילונגען אין דער שאָ און הערן וועגן וואָס עס ריידן די פּאָליטקאָמיסאַרן מיט די סאָלדאַטן.

אין דער ערשטער אָפּטיילונג האָט דעם שמועס געפירט דער פּאָליט־קאָמיסאַר דאַרדיאַ. ניט צעשיידנדיק זיך מיט די ביקסן זיינען די סאָלדאַטן געזעסן אין אַ גרופּע אונטערן פרייען הימל לעבן די שוצגראָבנס. ס׳איז געפאַלן אַ שיטערער קלאָרער שניי. אַף די טונקעלע בלעטער איז שוין געלעגן זיין ערשטע שיכט, נאָך אַ דורכזיכטיקע. ארום איז געווען שטיל, אָבער יעדער איינער האָט געוואָרפן בליקן אין דער ווייטקייט מיט אַ באַ־זונדער אָנגעשפּיצטקייט. יעדער האָט געוואוסט, אַז אָט באַלד וועט דאָרטן אָנהייבן צו דונערן, מיט אַ פייפעריי און אַ וואָיען, וואָס זיי האָבן גע־קענט נאָר פון דערציילונגען, וועלן אָנהייבן פליען אַהער מינעס און באָמ־בעס, אין פעלד וועלן זיך ארייַנרייסן די טאַנקען, וואָס וועלן לויפנדיק שיסן און, בויגנדיק זיך צום באָדן און אויפשטעלנדיק זיך ווידער, וועלן פון וואַלד ארויסקומען מענטשן אין גרינע שינעלן, אָט יענע, וואָס קומען אונדז טויטן.

דאַרדיא האָט גערעדט, וואַרפנדיק פון מאָל צו מאָל א בליק אין א פּאַפּיר. ס'זיינען געווען ריכטיקע ווערטער, היילעקע עמעסן. כ'האָב געהערט, אַז דער דייטשישער פאַשיזם איז פאַרעטעריש באַפאַלן אונדזער פאָטערלאַנד, אַז דער סוינע באַדראָט מאָסקווע, אַז דאָס פאָטערלאַנד פאָדערט פון אונדז צו שטאַרבן, אויב ס'וועט נייטיק זיין און ניט דורכלאָזן דעם סוינע, אַז מיר, סאָלדאַטן פון דער רויטער ארמיי, זיינען מעכויעוו צו קעמפן, ניט זשאַלעווענדיק צו פאַרלירן דאָס סאַמע טייערסטע — דאָס לעבן.

כ'האָב באַטראַכט די סאָלדאַטן. זיי זיינען געזעסן מידע מיט געזונקענע קעפּ אָדער מיט בליקן געווענדט אין דער ווייטקייט.

עי, עפּעס שלעכט הערט מען דיך, פּאָליטקאָמיסאַר דאַרדיא!... ס'האָט זיך געפילט, אַז ער אליין, דער טרוימערישער דאַרדיא, א לערער ביזן קריג, האָט געליטן דערפון. ער איז ניט געווען קיין גאַסט אין באַטאַליאָן. אים, אַזוי ווי די, צו וועמען ער האָט גערעדט, האָט דערוואַרט די ערשטע שלאַכט אין לעבן.

ס'קען זיין, שוין מאָרגן אָדער איבערמאָרגן, ווען צוזאַמען מיט א טראַסקערייַ וועט זיך הייבן די ערד, וועט ער דאַרפן לויפן פון גראָבן צו גראָבן, אונטערן פייער, מיט א קלאַפּנדיקן האַרץ. און דאָרטן, ניט אונטערן רואיקן הימל, וועט ער דאַרפן אונטערהאַלטן מיט זיין וואָרט די קעמפער.

שפּעטער האָב איך אים געזען אין אַזעלכע מינוטן, ער האָט געהאַט זיין אייגענעם שמייכל און זיינע אייגענע ווערטער, ניט קיין געשריבענע אויף פּאַפּיר. אָבער איצט, דורכלעבנדיק אַזוי ווי אַלע די דערוואַרטונג פון עפּעס שרעקלעכס, האָט ער ניט געקענט אָדער ניט געוואָוסט, ווי אַזוי אַריינצוברענגען דעם געפיל אין די הערצער פון די סאָלדאַטן. ער האָט איבערגעכאַזערט: „דאָס פאָטערלאַנד פאַרלאַנגט", „דאָס פאָטערלאַנד הייסט"... ווען ער האָט אַרויסגערעדט: „האַלטן זיך ביזן טויט!", „מיר'ן שטאַרבן און ניט אָפּטרעטן", האָט זיך געפילט אין זיין טאָן, אַז ער ברענגט אַרויס זיין אייגענעם געדאַנק, א באַשלוס, וואָס איז רייף געוואָרן אין אים, אָבער...

פאַרוואָס רעדסטו מיט פאַרטיקע פראַזן, פּאָליטקאָמיסאַר דאַרדיא? ניט נאָר שטאָל, נאָר אויך ווערטער, אַפילע די הייליקסטע, ווערן אָפּגענוצט, ווערן אָפּגעריבן ווי צייגער פון אַן אָפּגענוצטן ציינראָד.

און פאַרוואָס האַלטסטו אין איין איבערכאַזערן: שטאַרבן, שטאַרבן"?

איז עס דאָס, וואָס דאַרף איצט געזאָגט ווערן? דו גלויבסט געוויס, אַז אין דעם באַשטייט דער רויער עמעס פון מילכאָמע, דער עמעס וועלכן מ'מוז אָנקוקן און ניט אָפּווענדן דעם בליק, אָננעמען אים און איינפּלאַנצן?

ניין, דאַרדיא, ניט אין דעם איז דער גרויזאַמער עמעס פון קריג.

5.

איך האָב געוואַרט ביז דאַרדיא האָט געענדיקט. דערנאָך האָב איך איין סאָלדאַט געהייסן אויפשטיין.

— דו ווייסט, וואָס איז אַזוינס פאָטערלאַנד?

— יאָ, כאַווער קאָמבאַט.

— נו, ענטפער.

— דאָס איז אונדזער ראַטנפאַרבאַנד, אונדזער טעריטאָריע...

— זעץ זיך.

כ'האָב געפרעגט אַ צווייטן:

— און דו, ווי וואָלסטו געענטפערט?

— דאָס פאָטערלאַנד איז... איז דאָרט וואו איך בין געבוירן געוואָרן... ווי זאָגט מען עס... דאָס אָרט...

— זעץ זיך. און דו?

— דאָס פאָטערלאַנד? ס'איז אונדזער סאָוועטישע רעגירונג... ס'איז... לאָמיר נעמען, לעמאָשל, מאָסקווע... איצט פאַרטיידיקן מיר מאָסקווע. איך בין דאָרט ניט געווען... זי קיינמאָל ניט געזען, אָבער עס איז דאָס פאָטערלאַנד...

ס'הייסט, אויב אַזוי, אַז דו האָסט ניט געזען דאָס פאָטערלאַנד? שווייגט ער.

— וואָס־זשע איז פאָרט דאָס פאָטערלאַנד?

זיי האָבן אָנגעהויבן בעטן: דערקלערט אונדז!

— גוט, כ'וועל אייך דערקלערן... דו ווילסט לעבן?

— כ'וויל.

— און דו?

— כ'וויל.

און דו? ווער עס וויל ניט לעבן, זאָל אויפהייבן די האַנט.

קיין איין האַנט האָט זיך ניט אויפגעהויבן. אָבער די קעפּ זיינען שוין ניט געווען אַראָפּגעזונקען. זיי זיינען געוואָרן פאַראינטערעסירט. בעמע־

שעך פון די לעצטע טעג האָבן זיי א סאך מאָל מאָל געהערט „טויט״, און איך האָב גערעדט וועגן לעבן.

— אלע ווילן לעבן? גוט.

איך פרעג א סאָלדאט:

— ביסט א פארהייראטער?

— יאָ.

— האָסט ליב דיין פרוי?

ער שווייגט אין פארלעגנהייט.

— זאָג, האָסט זי ליב?

— כ׳וואָלט זי ניט ליב געהאט, וואָלט איך ניט כאסענע געהאט.

— ריכטיק. קינדער האָסטו?

— כ׳האָב א זון און א טאָכטער.

— האָסט א שטוב?

— איך האָב.

— א גוטע?

— פאר מיר איז זי ניט שלעכט...

— ווילסט זיך אומקערן אין שטוב, ארומנעמען די פרוי, ארומנעמען די קינדער?

— איצט קען מען וועגן דעם ניט טראכטן... מ׳דארף קעמפן.

— גוט. אָבער נאָך דער מילכאָמע, וואָלסטו וועלן?

— ווי קען מען עס ניט וועלן?!

— ניין, דו ווילסט ניט!

— וואָס הייסט, כ׳וויל ניט?

— עס ווענדט זיך אָן דיר, זאָלסט זיך אומקערן אהיים אָדער ניט אומקערן. אין דיינע הענט ליגט עס. ווילסט בלייבן צווישן די לעבעדיקע? דארפסטו טויטן דעם, וואָס וויל דיך טויטן. אָבער וואָס האָסטו געטאָן, קעדיי אויפצוהיטן דיין לעבן אין שלאַכט און אומקערן זיך אהיים נאָך דער מילכאָמע? שיסט אויסגעצייכנט מיט דער ביקס?

— ניין...

— זעסטו שוין! דאָס הייסט, אז דו וועסט ניט טויטן דעם דייטש. ער וועט דיך טויטן. וועסט זיך ניט אומקערן אהיים א לעבעדיקער. ארי-בערלויפן קענסטו גוט?

— נישקאָשע...

— פויזעסט גוט

— ניין.

— זעסטו שוין! ס'וועט דיך טרעפן די קויל פון דייטש. פארוואָס־זשע זאָגסטו, אַז דו ווילסט לעבן? וואַרפסט גוט אַ גראַנאַט? פאַרמאַסקירסט זיך גוט? פאַרגראָבסט זיך גוט?

— כ'פאַרגראָב זיך גוט.

— אַ ליגן! מאַכסט עס פויל. וויפל מאָל האָב איך דיך געצוואונגען איבערצומאַכן דעם צודעק?

— איין איינציק מאָל...

— און נאָך דעם אַלעמען זאָגסטו אַז דו ווילסט לעבן. ניין, דו ווילסט ניט לעבן! ניט אַזוי, כאַוויירים? ער וויל ניט לעבן!

איך באַמערק שוין שמייכלען; עס איז זיי לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. אָבער דער סאָלדאַט זאָגט:

— כ'וויל, כאַווער קאָמבאַט.

— ווען איז ווייניק. דעם ווילן דאַרף מען פאַרפעסטיקן מיט מאַיסים. און דו, מיט ווערטער ווילסטו לעבן, און מיט מאַיסים קריכסטו אין קייווער אַריין. און איך שלעפּ דיך פון דאָרטן מיט אַ האַטשעק.

זיי האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. דאָס איז געווען דער ערשטער האַרציקער געלעכטער, וואָס איך האָב געהערט פאַר די לעצטע צוויי טאָג. איך האָב ווייטער גערעדט:

— ווען איך צעוואַרף דעם שיטערן צודעק פון דיין שוצגראָבן, טו איך עס פון דיינטוועגן. ניט איך וועל דאָך דאָרטן זיצן. ווען איך זידל דיך פאַר דער שמוציקער ביקס, טו איך עס פון דיינטוועגן. ניט איך וועל מיט איר שיסן. אַלץ וואָס ווערט געפאָדערט פון דיר, אַלץ וואָס ווערט דיר באַפוילן, ווערט געטאָן פאַר דיר. איצט פאַרשטייסטו, וואָס איז אַזוינס פאָטערלאַנד?

— ניין, כאַווער קאָמבאַט.

— דאָס פאָטערלאַנד — דאָס ביסטו! האַרגע דעם וואָס וויל דיך טויטן! צוליב וואָס איז עס נייטיק? צוליב דיר! צוליב דיין פרוי, דיין פאָטער און מוטער, צוליב דיינע קינדער!

די סאָלדאַטן האָבן זיך איינגעהערט. באַ דער זייט איז געזעסן דער פּאָליטקאָמיסאַר דאַרדיאַ. ער האָט געקוקט אַף מיר, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אַביסל אַף הינטן און געפינטלט מיט די אויגן ווען אַף זיינע ווייעס פלעגט אַרויספאַלן אַ שנייעלע. ריידנדיק, האָב איך זיך געווענדט אויך צו אים. כ'האָב געוואָלט, אַז אויך ער, וואָס האָט ווי אַלע זיך געגרייט צו דער ערשטער שלאַכט, זאָל זיך איבערצייגן: דער רויער עמעס פון קריג ליגט ניט אינעם וואָרט: „טויט“, נאָר אינעם וואָרט: „האַרגע“.

איך האָב ניט באַנוצט דעם אויסדרוק „אינסטינקט“, אָבער כ'האָב גערופן צו אים, צום מעכטיקן אינסטינקט פון לעבנסווילן. כ'האָב זיך באַמיט אויפצואוועקן אים און אָנצושפּאַנען פאַרן זיג אין דער שלאַכט.

— דער סוינע גייט טויטן דיך און מיך, — האָב איך ווייטער געזאָגט, — איך לערן דיך, איך פאָדערט פון דיר: האַרגע, לערן זיך אויס האַרגענען, ווייל אויך איך וויל לעבן. און יעדער איינער פון אונדז הייסט דיר, באַפעלט דיר: האַרגע! מיר ווילן לעבן! און דו פאָדערסט פון דיין כאַווער, ביסט מעכויעוו פון אים צו פאָדערן, אויב דו ווילסט בעעמעס לעבן, — האַרגע! ביסט מעכויעוו צו פאָדערן פון יעדן איינעם; לאָז זיך ניט האַרגענען, לערן זיך אויס צו האַרגענען! דאָס פאָטערלאַנד — דאָס ביסטו, איך, מיר אַלע, אונדזערע פאַמיליעס, אונדזערע פרויען און קינדער. דאָס פאָטערלאַנד — דאָס איז אונדזער פאָלק. מעגלעך, עס וועט דיך פאָרט טרעפן אַ קויל, אָבער ביז דאַמאָלסט — האַרגע, פאַרניכט וויפל דו קענסט! אַזוי וועסטו דערהאַלטן באַם לעבן אָט דעם און אָט יענעם (כ'האָב געוויזן מיטן פינגער אַף די סאָלדאַטן) דיינע געווער־כאַווירים. איך בין אייער קאָמאַנדיר, איך וויל אויספאָלגן דעם באַפעל פון אונדזערע פרויען און מוטערס, דעם באַפעל פון אונדזער פאָלק. כ'וויל אייך פירן אין שלאַכט ניט אַף צו שטאַרבן, נאָר אַף צו לעבן! — ס'איז קלאָר? אָט דאָס איז אַלץ. אָפּטייל־קאָמאַנדיר! פונאַנדערפירן די מענטשן אין די פייער־פּונקטן!

.6

ס'האָבן זיך צעטראָגן באַפעלן: ערשטע גרופּע, אויפשטיין! צווייטע גרופּע אויפשטיין!... די סאָלדאַטן האָבן זיך פלינק אויפגעהויבן, לויפנדיק פאַרנעמען זייערע ערטער, די אַקסלען, ווי ס'פאָדערט זיך, געהאַלטן שטייף.

שנעל האָט זיך אויסגעגלייכט די ליניע באַגנעטן. ס'האָט זיך געזען קלאָר, אַז דאָס איז אַ מיליטערישע פאָרמאַציע, אַ דיסציפּלינירטע קראַפט. די אינטערוואַלן צווישן איין גרופּע און דער צווייטער האָבן אויסגעזען ווי נעסטן, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אומזעבאַרע צוזאַמענבונדן.

ס'קען זיין, אַז מיין דראָשע איז געווען אַביסל נאַיוו, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'האָב דערגרייכט מיין ציל. ניט שעדי-קנדיק זייער פליכט און זייער ערע, האָבן זיך די מענטשן באַפרייט פון דעם דריקנדיקן צעשטערערישן וואָרט „שטאַרבן".

גענעראַל איוואַן וואַסיליעוויטש פּאַנפילאָוו

.1

ער איז געקומען צו אונדז אַף מאָרגן, דעם דרייצנטן. מיר האָבן זיך ניט געריכט אַף אים. אין שטאַב זיינען געזעסן די קאָמאַנדירן פון די ראַ-טעס, וועלכע איך האָב אַהער גערופן.

איז נייטיק צו באַשרייבן דעם לאָקאַל פון שטאַב? קוקט אַרום זיך: דאָרט אין וואַלד, בישכיינעס פון מאַסקווע איז געווען דאָס זעלבע ווי דאָ, אַ בלינדאַזש, אַ פּייכטער קאַסטן פון קלעצער, איינגעגראָבן אין דער ערד, אָן וועלכע מ׳קען זיך ניט אָנשפּאַרן, ווייל מ׳בלייבט צוגעקלעפּט צו דער סמאָלע. טאָג און נאַכט האָט דאָרט געברענט אַ לאָמפּ. אַף דרויסן זיינען אַרום דראָטן אין פאַרשיידענע ריכטונגען.

די קאָמאַנדירן האָבן אָנגעמערקט אַף די מאַפּעס די סכעמע פון די מינען-פעלדער, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרלייגט ווערן באַנאַכט. פאַר דער ראַד-באַוועגונג איז געבליבן אָפן איין וועג מיט דער בריק בא נאָוואָליאַנס-קאַיע; אַלע אַנדערע צוטריטן צו דער ליניע האָבן געדאַרפט מינירט ווערן.

אַפן טיש איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ גרויסער בויגן וואַטמאַן-פּאַפּיר, אַף וועלכן ס׳איז מיט קאָלירטע בלייפעדערס געווען אָנגעצייכנט די סכעמע פון אונדזער פאַרטיידיקונג. דאָס איז געווען די אַרבעט פון שעף פון שטאַב, ראַכימאָוו. ער האָט וואונדערלעך געצייכנט. איך האָב אויפגעהיט דעם בויגן. איר ווילט אים זען? שיין געצייכנט? ניט נאָר שיין, נאָר אויך עקזאַקט.

אַט די בלויע געבויגענע ליניע איז דער טייך רוזאַ. אַט דער געבראָ-כענער שטריך באַם ברעג, דאָס איז דער שיפּוע. די וועלדער זיינען אין טונקל גרין. די שוואַרצע פּונקטן אַף דער צווייטער זייט זיינען די מינירטע

פעלדער. די רויטע עליפּטישע בויגנס מיטן אויסבייג צו מיירעוו איז אונדזער שוצליניע. מיט פאַרשיידענע צייכנס — אויך אַלץ אין רויט — זיינען אָנגעמערקט די שיסער־גראָבנס. די קוילנוואַרפער־נעסטן, די אַנטי־טאַנק־ און פעלד־האַרמאַטן, וואָס זיינען צוגעטיילט צום באַטאַליאָן.

די ליניע וואָס איז פאַר אונדז באַשטימט געוואָרן איז, ווי איר זעט שוין, געווען זייער לאַנג. מיר האָבן זיך אויסגעצויגן, ווי פּאַנפּילאָוו האָט שפּעטער געזאָגט, אין „א שנירעלע".

יענעם טאָג, דעם דרייצנטן אָקטאָבער, האָב איך בעשום אויפן ניט געקענט קלערן, אַז ווען די דייטשן וועלן נעמען גיין אויף מאָסקווע, מאַרשירן אפן „אויסערלעכן צוטריט" אין ראַיאָן פון וואָלאָקאָלאַמסק, וועט בלויז דאָס דאָזיקע דינע שנירעלע ליגן אויף זייער וועג. אָבער...

די קאָמאַנדירן זיינען געזעסן אַרום לאָמפּ און אָנגעמערקט אויף זייערע טאָפּאָגראַפישע מאַפּעס די מינירטע פעלדער. ס'איז אָנגעגאַנגען א פריי־לעכער שמועס ווענן דער צאָל דרייצן.

— פאַר מיר איז די צאָל מאַזלדיק, — האָט געזאָגט לייטענאַנט קראַיעוו, קאָמאַנדיר פון דער קוילנוואַרפער־ראָטע. — איך בין געבוירן געוואָרן דעם דרייצנטן און כאַסענע געהאַט דעם דרייצנטן, וואָס איך נעם אונטער דעם דרייצנטן דערגרייך איך. וואָס איך פאַרלאַנג, ווערט פאַר־ווירקלעכט.

ער האָט געהאַט א ספּעציעלן אַרט ריידן, געבורטשעט אונטער דער נאָז, און ניט שטענדיק איז געווען קלאָר צי שפּאַסט ער אָדער ער רעדט ערנסט.

— אויב אַזוי, וואָס האָסטו היינט זיך געוואונטשן, לעמאָשקע? — האָט עמעצער געפרעגט.

אַלע האָבן פאַראינטערעסירט געקוקט אויף קראַיעווס דאַרן ביינערדיקן פּאָנעם. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער איז ניט גלייכגילטיק צו א גלעזל.

— א פלעשל קאָניאַק, — האָט ער א בורטשע געטאָן און זיך צעלאַכט.

ס'איז אַריינגעקומען דער שטאַב־שעף ראַכימאָוו. ער האָט זיך שטענ־דיק באַוועגט שנעל און אָן א גערויש, גלייך ער וואָלט געטראָגן ניט קיין שטיוול, נאָר לאַפּטיעס.

— באַוועד קאָמבאַט, אייער באַפעל איז אויסגעפירט, — האָט ער געזאָגט מיט זיין שטענדיק־רואיקן טאָן.

איך האָב אים געשיקט מיט א רייטער־גרופּע אויף א ווייטער אויס־שפּירונג, קעדיי געוואָר צו ווערן, צו די שלאַכטן קומען פאַר ווייט פון אונדז. אין שטאַב פון פּאָלק האָט מען וועגן דעם קאָנקרעט ניט געוואוסט. ראַכימאָוו איז צוריקגעקומען אומגעריכט שנעל.

— איר זייט געוואָר געוואָרן?

— יאָ, כאַווער קאָמבאַט.

— אינפאָרמירט.

— איר וועט דערלויבן שריפטלעך? — האָט ער געזאָגט און מיר דערלאַנגט א צונויפגעלייגט פּאַפּירל. דאָרט זיינען געווען די פאַר ווערטער: „די דייטשן זיינען אנטקעגנאיבער אונדז".

ס'איז מיר דורכגעלאָפן א פראָסט: הייסט עס, אַט איז זי געקומען, אונדזער שאָ.

ער איז קלוג, זייער קלוג, ראַכימאָוו. ווען ער האָט זיך דערוווּסט פון וואַכפּאָסטן, אַז איך בין אין בלינדאַזש ניט אליין, האָט ער אויפגעשריבן די פאַר ווערטער אויף א פּאַפּירל, קעדיי מיט זיין אומגעריכטער מעלדונג ניט אריינברענגען קיין שרעק.

איך האָב געוואָרפן א בליק אויף דער קאָלירטער סכעמע. כ'האָב געזען מינירטע פעלדער, א טייך מיטן אָפּהאַנג קעגן טאַנקען, שוצגראָבנס גע־דעקטע מיט פיר־פינף שיכטן קלעצער, קוילנוואַרפער און האַרמאַטן און — נאָך עפּעס — דעם מענטש אין סאָלדאַטסקן שינעל.

כ'האָב געפרעגט אויף קאַזאַכיש:

— האָסט אליין געזען?

— יאָ, — איז געווען דער ענטפער.

— וואו?

— א 20 — 30 קילאָמעטער פון דאַנען. אין דאָרף סערעדאַ און אין אנדערע דערפער.

— און דער צווישנפאַס? וואָס איז דאָרטן?

— קיינעמסלאַנד.

— אלזאָ, — האָב איך געזאָגט אויף רוסיש, — אייער וואונטש, קראַיעוו, זעט אויס, ווערט פאַרווירקלעכט. ס'קומען אָן אויף אונדזער אדרעס א סאך פלעשער קאָניאַק...

אַלע האָבן געקוקט מיט בידעש.

— ...און מיט ראָם, — האָב איך ווייטער געזאָגט. — די דייטשן זיינען קעגנאיבער אונדז. ראַכימאָוו, אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע.

ראַכימאָוו איז אויסגעהערט געוואָרן מיט א שטילשווייגן. קראַיעוו האָט א זאָג געטאָן:

— דאָס איז גוט.

— וואָס פאַרא גוטס איז דערין?

— צי דען איז בעסער שטיין אַף אן אָרט? שוין גענוג געשטאַנען...

ניט בעטנדיק קיין דערלויבעניש איז אריינגעלאָפן אין בלינדאַזש מיין אָרדענאַנץ סינטשענקאָ.

— כאַווער קאָמבאַט, — האָט ער הייך א שעפּטשע געטאָן, — דער גענעראַל גייט אהער...

כ׳האָב שנעל אָנגעטאָן דאָס היטל, אויסגעגלייכט דעם מונדיר און זיך א לאָז געטאָן אים באַגעגענען. אָבער די טיר האָט זיך שוין געעפנט. ס׳איז אריינגעקומען דער דיוויזיע־קאָמאַנדיר, גענעראַל־מאַיאָר איוואַן וואַסיליעוויטש פּאַנפּילאָוו.

.2

איך האָב סאַלוטירט און געמאָלדן:

— כאַווער גענעראַל-מאַיאָר! דער באַטאַליאָן איז באַשעפטיקט מיט פאָרטיפיקירן די שוצליניע. די ראָטע-קאָמאַנדירן קאָפּירן די סכעמע פון די מינען־פעלדער. קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, ערשטער לייטענאַנט באַור־דזשאַן מאָמיש-אולי.

פּאַנפּילאָוו האָט געפרעגט:

— געוועזן אויסערגעוויינלעכע געשעענישן?

ער ווייסט שוין! — איז מיר דורכגעלאָפן דורכן קאָפּ.

— יאָ, כאַווער גענעראַל. א פּאַכדן, וואָס האָט זיך אליין פאַרוואונדעט אין האַנט, איז דערשאָסן געוואָרן קעגנאיבער דעם פאָרמירטן באַטאַליאָן.

— פאַרוואָס האָט איר אים ניט איבערגעגעבן צום טריבונאַל?

עטוואָס אויפגערעגט, האָב איך גענומען דערקלערן. כ׳האָב געזאָגט, אַז אין אַנדערע אומשטאַנדן וואָלט איך אים איבערגעגעבן צום טריבונאַל,

אָבער אין דעם פאַל האָט מען געמוזט רעאַגירן טייקעף, און איך האָב גע־נומען אַף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. פאַנפילאָוו האָט מיך ניט איבער־געשלאָגן.

צום ערשטן מאָל האָב איך אים געזען אין אַ קורצן פעלצל. דאָס ווייכע ווייסע פעלצל, וואָס האָט געשמעקט מיטן אָנגענעמען רייעך פון סמאָלע, איז ניט געווען איבערגעמאַכט לויט זיין פיגור און געווען צו־ברייט אַף אים, נאָר ס'האָט זיך שוין איינגעלעגן און געוויזן זיין איינגעפאַלענע ברוסט, אינדערקרים דורכגעקרייצט מיט אַ רימען, און די איינגעבויגענע פּלייצע. הערנדיק, האָט ער געקוקט אַף אַראָפּ, אָנבייגנדיק זיין האַלדז מיט די קנייטשן. ס'האָט מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז מיט מיר ניט מאַסקים.

— איר אַליין האָט אים געשאָסן? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, כאַווער גענעראַל... אים האָט געשאָסן די אָפּטיילונג, וואו ער איז געווען קאָמאַנדיר, אָבער די קאָמאַנדע האָב איך געגעבן...

פאַנפילאָוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

די געדיכטע ברעמען, האַרט געבויגענע איבער די קליינע, עטוואָס קרומלעכע אויגן, זיינען געווען צונויפגעצויגן.

— איר האָט געהאַנדלט ריכטיק, — האָט ער געזאָגט. נאָך אַ רעגע טראַכטן האָט ער איבערגעכאַזערט:

— געהאַנדלט ריכטיק, כאַווער מאָמיש־אולי, שרייבט אָן אַ ראַפּאָרט.

ערשט איצט, דוכט זיך, האָט ער זיך ארומגעזען, אַז אַלע שטייען.

— זעצט זיך, כאַוויירים, זעצט זיך, — האָט ער געזאָגט, און אָפּ־שפּילענדיק דעם פאַס, האָט ער גענומען אויסטאָן דאָס פעלצל. אין דער טונקל־גרינער טוכענער בלוזע מיט די קוים קענטיקע שטערנדלעך, האָט זיך נאָך שטאַרקער אָנגעזען זיין איינגעהויקערטקייט.

— פונדעסטוועגן, כאַווער מאָמיש אולי, איז דאָ גוט קאַלט... פאַר־וואָס הייצט איר ניט? און אַ וואַרעם גלעזל טיי איז מיסטאָמע אויך ניטאָ?

ער איז צוגעגאַנגען צום אייזערנעם אויוועלע, אַ טאַפּ געטאָן די קאַלטע רער, געוואָרפן אַ זוכנדיקן בליק ארום, דערזען אַ האַק, זיך אַראָפּגעזעצט מיט איינגעבויגענע קני און גענומען פלינק שפּאַלטן שפּענדלעך. דאָס שטיקל האָלץ האָט ער געהאַלטן מיט איין האַנט און מיט דער האַק דער־לאַנגט ניט־שטאַרקע קלעפּ אָבער טרעפלעכע.

ראַכימאָוו איז צוגעלאָפן צו אים.

— דערלױבט, כאַװער גענעראַל... איך...

— פאַרװאָס? מיר געפעלט עס... באַ אַן אַנדער געלעגנהייט, פאַר־שטייט זיך, װעט איר אַליין דאַרפן זאָרגן װעגן אייער קאָמאַנדיר.

אַזאַ איז געװען פּאַנפּילאָװס אַרט ריידן. אָפט פלעגט ער מאַכן אַ באַמערקונג ניט דירעקט, נאָר אַזױ צו זאָגן, מיט אַ זייטיקן גאַנג.

איך האָב קיינעם ניט געזען אַזױ צוגרייטן שפּענדלעך, װי פּאַנפּי־לאָװ. די גרעסטע האָט ער געװאַױגן אין האַנט. איין שפּאָן האָט ער גע־האַט אַריינגעלייגט און צוריק אַרױסגענומען. איך װייס ניט, צי איר האַלט, אַז אַפילע באַם אײנהײצן אַן אױװן פּאַסט ניט פאַר אַ גענעראַל צו װאַק־לען זיך, דערפאַר, אַז ער האָט אונטערגעלייגט אַ שטיקל קאָרע און אָנגעריבן אַ שװעבעלע, האָט אין אױװעלע גלייך גענומען פלאַקערן.

אַ װײלע איז ער געבליבן זיצן לעבן אױװעלע. רױטע אָפּגלאַנצן האָבן געשפּילט אױף זיין פּופּציקיאַריקן, געראַנצלטן אָבער ניט מידן פּנים.

— זעט איר שױן, — האָט ער געזאָגט אױפשטייענדיק. — אַזױ איז פרײלעכער. איר האָט באַלד פאַרטיק, כאַװער מאָמיש־אולי?

— טייקעף, כאַװער גענעראַל.

איך האָב אים דערלאַנגט דעם קורצן ראַפּאָרט. פּאַנפּילאָװ האָט עס געלייענט נאָענט באַם לאָמפּ, דערנאָך אָװעקגעלייגט אױפן טיש, איינגע־טונקט די פעדער און, אַרױסלאָזנדיק אַ זיפץ, אונטערגעשריבן: „איך באַשטעטיק".

3.

װי איר װײסט, איז אױפן טיש געלעגן די פּראַקטיק־געצייכנטע סכעמע פון אונדזער פאַרטיידיקונג. פּאַנפּילאָװ האָט אָפּגעשאַרט פון זיך דעם ראַפּאָרט און אַ לאַנגע צייט באַטראַכט די סכעמע.

— דאַכט זיך, אַז איר האָט זיך ניט שלעכט פאַרשטעקט, — האָט ער געזאָגט. — שפּעטער, כאַװער מאָמיש־אולי, װעלן מיר מאַכן אַ שפּאַציר און אַ קוק טאָן דאָס אַלץ אױפן פּלאַץ.

ער האָט זיך אױסגעדרייט צו די קאָמאַנדירן:

— אייך איז באַקאַנט די לאַגע, כאַװײרים?

מ'האָט געענטפערט אין זיכערקייט.

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין פעלד־טאַש אַ מאַפּע, אַ ביסל אָן אָפּ־געניצטע און צעריבענע אין די קנייטשן, האָט זי אויפגעעפנט און אויס־געשפּרייט איבער דער סכעמע.

— אַנו, כאַווירים, אַביסל נענטער, — האָט ער געזאָגט, — דער סוינע האָט זיך דורכגעריסן אָט דאָ און דאָ. — ער האָט אָנגעוויזן אַ פּאָר פּונקטן באַ וויאַזמאַ. וואָרפנדיק אַ בליק אויף די פּענעמער, קעדיי צו איבער־צייגן זיך, אַז אַלע זעען און פאַרשטייען, האָט ער ווייטער גערעדט:

— אונדזערע טיילן קעמפן אין ראַיאָן פון גזשאַטסק און סיטשאָווקאַ... אָט דאָ זיינען די וויכטיקסטע ווידערשטאַנד־פּונקטן.

מיט דער טעמפּער זייט פון בלייפעדער האָט ער ניט דריקנדיק דורכ־געפירט פאַרשיידענע פאַרקיילעכטע פיגורן אין פאַרשיידענע ערטער פון דער מאַפּע. דערנאָך האָט ער ווידער אַ קוק געטאָן אויף די צוהערער.

— איר האָט אַוודע געמיינט, אַז דאָס מיליטער, וואָס איז די טעג דורכגעגאַנגען פאַרביי אונדז, איז עס אונדזער אַרמיי?

ער האָט געשמייכלט, און זיינע קליינע אויגן האָבן זיך צעפינטלט.

— זייט מוידע, איר האָט אַזוי געמיינט?

קיינער האָט ניט געענטפערט. פּאַנפילאָוו האָט באַרירט דאָס, וואָס האָט ווי אַ מאַסע געשווערט אויף אונדזערע הערצער.

— ניין, כאַווירים, אונדזער אַרמיי שלאָגט זיך. איר גלויבט, אַז די דייטשן וואָלטן אונדז דערלויבט צו שטיין דאָ אַזוי לאַנג, ווען אונדזערע טיילן וואָלטן ניט געפירט קיין שלאַכט מיט זיי? דער סוינע האָט איצט אַוואַנסירט צו אונדזער ליניע, אָבער מיט רעדוצירטע קויכעס... אונדזערע טיילן, וואָס קעמפן אין דער רעטאַגוואַרדיע שמידן זיי צו צום אָרט. די דיוויזיע האַלט אויף זייער אַן אויסגעצויגענע ליניע, אָבער...

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע.

— אונדזער דיוויזיע זיינען צוגעטיילט געוואָרן עטלעכע רעגימענטן אַנטיטאַנק־אַרטילעריע. כ׳וועל אייך ניט אָנרופן די צאָל. דאָס איז די אַרטילעריע פון גענעראַל־שטאַב.

מיטן בלייפעדער אין האַנט האָט ער ווידער גענומען באַטראַכטן די מאַפּע. זיין נידעריק געשוירענער קאָפּ, וואו די שוואַרצע און ווייסע האָר זיינען געווען אויסגעמישט העלפט אויף העלפט, האָט זיך אַראָפּגעבויגן. זיי־נע אויגן זיינען אַרומגעלאָפן איבער דער מאַפּע, האָבן זיך צונויפגעזשמור־

רעט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט דערזען עפּעס, וואָס איז געווען ניט קלאָר.

— אין וואָס באַשטייט איצט די פּראָבלעם? — האָט ער געזאָגט, ניט אויפהייבנדיק די שטים, ווי פרעגנדיק זיך אַליין. — די פּראָבלעם באַשטייט אין דעם צו באַגעגענען די דייטשן מיט דער דאָזיקער אַרטילעריע דאָרטן, וואו זיי וועלן דערלאַנגען דעם הויפּטקלאַפּ. אויב דער קלאַפּ וועט קומען אָט דאָ, וועט איר דאָ האָבן די אַרטילעריע פון גענעראַל־שטאַב. איר קענט עס, כּאַווייִרים קאָמאַנדירן, איבערגעבן די סאָלדאַטן... אַגעוו... אין וויפל צייט, כּאַוועך מאָמיש־אולי, קענט איר צונויפזאַמלען דעם באַטאַליאָן?

— מיט אַן אַלאַרם־סיגנאַל, כּאַוועך גענעראַל?

— ניין. צו וואָס אַן אַלאַרם־סיגנאַל? אַ שאָ וועט איר האָבן גענוג?

— יאָ, כּאַוועך גענעראַל!

שטענדיק, ווען פּאַנפילאָוו פלעגט אונדז באַזוכן, פלעגט ער נאָכן אינספּעקציאָנירן אונדזער שלאַכט־צוגרייטונג, געוויינלעך דורכפירן אַ שמועס מיטן באַטאַליאָן. ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער, אַ גלעט געטאָן מיטן גראָבן פינגער דאָס גלעזל, אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— מ׳דאַרף ניט אויפזאַמלען דעם באַטאַליאָן, כּאַוועך מאָמיש־אולי, כ׳וועל ניט קענען, אָט דער קליינער נאַטשאַלניק דערלויבט עס מיר ניט, — ער האָט אָנגעוויזן אַפן זייגער. — גוט, כּאַווייִרים קאָמאַנדירן, מיר׳ן, הייסט עס, קעמפן... וועט אונדז אָנגרייפן די דייטשישע באַנדע, וועלן מיר זי צעקוועטשן, וועט זי ווידער אָנגרייפן, וועלן מיר זי ווידער צעקוועטשן... מיר וועלן זי צערייבן.

פּאַנפילאָוו האָט זיך אויפגעהויבן, און טייקעף האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט.

— מיר וועלן זיי צערייבן!... — ער האָט איבערגעכאַזערט די ווערטער, וואָס זיינען געוואָרן געוואָרן פון סטאַלינען, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו זייער קלאַנג.

— איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

קוימאַט שטענדיק האָט פּאַנפילאָוו פאַרענדיקט זיין שמועס מיט אָט דער פראַגע, קוקנדיק דערביי אויפמערקזאַם אַפן פּנעם פון דעם, מיט וועמען ער האָט גערעדט.

— און איצט... איצט וואָלט ניט שלעכט געווען אַ גלעזל טיי פאַרן

וועג... אַן אַנצוהערעניש, כּאוּער קאָמאַנדיר, איז, דאַכט זיך, געווען?
איך האָב אַ געשריי געטאָן:
— סינטשענקאָ! דעם סאַמאָוואַר, שנעלער!
— אהא, זיך באַזאָרגט אַפילע מיט אַ סאַמאָוואַר? פיין...
אַלע האָבן געשמייכלט. פּאַנפילאָוו האָט אַלעמען אָנגעשטעקט מיט זיין ניט־געמאַכטער און ניט־אונטערגעשטראָכענער זיכערקייט.
באַפרייענדיק די קאָמאַנדירן, האָט ער צונויפגעלייגט און באַהאַלטן די מאַפּע.

4.

סינטשענקאָ איז אַריינגעלאָפן מיטן זידנדיקן סאַמאָוואַר אין די הענט.
— מ׳דאַרף נישט, מ׳דאַרף נישט, — האָט געזאָגט פּאַנפילאָוו. — צו וואָס לויפן מיטן סאַמאָוואַר?
— אַף דעם איז מילכאָמע, כּאוּער גענעראַל, — האָט לעבעדיק געענטפערט סינטשענקאָ.
— אַף צו לויפן?
סינטשענקאָ האָט געשיקט אַוועקגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר אַפן טיש.
— איך לויף מיט מעיושעוודיקייט, כּאוּער גענעראַל.
דאָס איז פּאַנפילאָוון געפעלן געוואָרן.
— גוט, זייער גוט, — האָט ער געזאָגט. — אָבער קעמפן וועלן מיר איצט דאַרפן נישט מיט מעיושעוודיקייט אַליין.
— מיט וואָס־זשע, כּאוּער גענעראַל?
— מיט אַ דרייפאַכיקער מעיושעוודיקייט, — האָט געלאַכט פּאַנפילאָוו. — קיין גרינעם טיי האָט איר נישט?
האָבנדיק געלעבט אַ לאַנגע צייט אין מיטל־אַזיע, האָט ער זיך געהאַט צוגעוואוינט צו דעם מין טיי.
— נישטאָ, כּאוּער גענעראַל.
— אַ שאָד... נעמט נישט צו די סכעמע, כּאוּער מאָמיש־אולי. מירן צוזאַמען כאַפּן אַ קוק אַף דעם. עפּעס זעט איר מיר אוים אַביסל אומעטיק?
פּאַנפילאָוו האָט עס אַ פרעג געטאָן ווייך און פריינטלעך, אָבער איך בין שיר אומגעפאַלן, אַזוי שטאַרק האָט מיך די פראַגע אַ קלאַפּ געטאָן.

ערשט נעכטן האָב איך דאָס זעלבע געזאָגט צו אַ סאָלדאַט. זאָל זיין, אַז איך זע אויס אין זיינע אויגן אַזוי ווי די סאָלדאַטן האָבן אויסגעזען אין מיינע אויגן?

— וואָס אַזוינס האַלט איך באַזאָרגט, כאַווער מאָמיש־אולי? שטעלט זיך נישט... בלייבט זיצן, כ'בעט איך, בלייבט זיצן...

— זאָגט מיר, כאַווער גענעראַל... — איך האָב מיט פאַרדראָס דערהערט אין מיינע רייד דעם טאָן פון אומזיכערקייט, וואָס איך האָב זיך געמיט אויסצואוואָרצלען בא אַנדערע, — וועט דער באַטאַליאָן לעכאָל האַדייעס דאַרפן איינהאַלטן זיבן קילאָמעטער?

— ניין...

א ווײַלע איז ער שטיל געבליבן און פאַרזשמורענדיק די אויגן, אַ שמייכל געטאָן:

— ניין... היינט נעם איך צו אַ ראָטע פון אייער פּאָלק... דערנאָך וועל איך מעגלעך צונעמען נאָך איינע, אַזוי אַז איר וועט דאַרפן, כאַווער מאָמיש־אולי, זיך צוטשעפּען נאָך אַ קילאָמעטער, אַנדערהאַלבן...

— נאָך אַ קילאָמעטער?

— ווי קען אַנדערש זיין, כאַווער מאָמיש־אולי? אַדעראַבעע, גיט מיר אַן אייצע...

פּאַנפילאָוו האָט עס געזאָגט אָן דער מינדסטער איראָניע און צוזאַמען מיטן טאַבורעט זיך צוגערוקט צו מיר, גלייך ווי איך, אַן ערשטער לייטענאַנט, וואָלט בעעמעס געקענט געבן אייצעס אַ גענעראַל.

— ווי קען אַנדערש זיין? — האָט ער איבערגעכאַזערט, — אַז מיר האָבן נאָר אַ שנירעלע... דורכרייסן אים איז נישט שווער, נו, ס'וועט זיך דורכרייסן ערגעץ... און דערנאָך?

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אינטערעס, געוואַרט אויף אַן ענטפער. איך האָב געשוויגן.

— אָט טאַקע צוליב דעם „דערנאָך" נעם איך צו די ראָטעס. איז עס נישט לויטן סייכל־האַיאָשאָר?

ער האָט די פראַגע געשטעלט אויף אַזאַ אויפן, אַזוי ווי איך וואָלט עס געהאַט געזאָגט, אָבער איך האָב געהערט, נישט עפּענענדיק דאָס מויל.

— איצט, כאַווער מאָמיש־אולי, קען מען נישט האַנדלען סייכלדיק.

איצט דאַרף מען האַנדלען... — ער האָט ווידער שטיפעריש צוגעזשמורעט די אויגן, — דריי מאָל סייכלדיק... אַזוי אַרום יאָ, גלויב איך וועלן מיר קענען אַף אָט דער ליניע ביז וואָלאָקאָלאַמסק מאַנעווּרירן אַ כּוידעש צייט...

— ביז וואָלאָקאָלאַמסק? צוריקציִען זיך, כּאָווער גענעראַל?

— כ'גלויב, אַז מיר וועלן נישט דאַרפן פאַרבלייבן אַפן זעלבן פּלאַץ. מיר דאַרפן האַנדלען אַזוי, אַז אין וועלכן אָרט ער זאָל זיך נישט דורכ־רייסן, זאָל ער שטענדיק אָנטרעפן אַנטקעגן זיך אונדזערע אַרמיי־טיילן. איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

— יאָ, כּאָווער גענעראַל.

דער גענעראַל האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום סאַמאָוואַר, אָנגעפילט דעם טשייניק מיט קאָכעדיקן וואַסער און אים אַרויפגעשטעלט אַפן סאַמאָוואַר. ער האָט זיך אומגעקערט צום טיש, און בלייבנדיק שטיין, זיך איבערגעבויגן איבער דער סכעמע. ווי באַם ערשטן מאָל באַטראַכטן, האָט ער ווידער געזאָגט:

— איר האָט זיך פאַרשטעקט פעסט...

זיין טאָן האָט נישט אויסגעזען ווי ער וואָלט מאַסקים געווען.

— ס'זעט אויס אַביסל צוניפגעדריקט. נישט אַביסל צו ווייניק דורכ־גענג האָט איר דאָ געלאָזן? — מיטן בלייפעדער האָט ער אָנגעוויזן די מיי־נען־פעלדער. — האָט איר אַמאָל נישט פאַרלאָזן זיך אַליין, כּאָווער מאַ־מיש־אולי?

— אָבער דאָס איז דאָך פּאָרוים פאַר אונדז, כּאָווער גענעראַל, — האָב איך געזאָגט אַ פאַרוואונדערטער.

— אָט טאָקע צוליב דעם, ווייל פּאָרוים... וועסט זיך נישט קענען באַוועגן. ס'איז ענג...

איך האָב געטראַכט: ענג? אין מיינע זיבן קילאָמעטער ענג? וואָס מיינט ער דערמיט?

נישט אָנדריקנדיק דעם בלייפעדער האָט ער אָנגעמערקט מיט דינע שטריכן אייניקע צווישן די מינען־באַריערן. איך האָב נאָך נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס. דערווייל האָט פאַנפילאָוו מיט לייכטע שטריכן פון שוואַרצן בלייפעדער — קיין אַנדערע האָט ער נישט ליב געהאַט — גענומען צייכענען אַ פּייל געווענדט פּאָרוים צו די דייטשישע פּאָזיציעס.

איך האָב נישט געקענט באַגרייפן וואָס ער האָט געמיינט. אַז מיר, זיבן הונדערט מאַן, וואָס האַלטן אויף זיבן קילאָמעטער פון פראָנט, זאָלן אַטאַקירן די דייטשן, וואָס האַלטן זיך אין קאָנצענטרירן? און דאָס נאָכדעם ווי ער האָט געמאָלדן, אַז ער נעמט אַוועק אַ ראָטע, און מיר וועלן זיך דאַרפן אויסציען נאָך אַף אַ קילאָמעטער־אַנדערהאַלבן? נאָכדעם, ווי ער האָט געטיינעט, אַז מ'דאַרף האַנדלען דריי מאָל סייכלדיק? נאָכדעם ווי ער האָט אַ זאָג געטאָן „ביז וואָלאָקאָלאַמסק"? און וואָס איז עס, אַ באַפעל?

— איך אַף אייער אָרט, — זאָגט ער, — וואָלט געטראַכט וועגן דעם...

פון שפּיץ פון דער פּייל האָט ער דורכגעפירט אַן עליפּס, וואָס האָט באַדייט דאָס אומקערן זיך צו די פּאָזיציעס, און געוואָרפן אַ בליק אַף מיר.

— איר וועט אַ טראַכט טאָן... ווייל אַף אייער בילדל זע איך קיין געדאַנק אַפילע נישט וועגן דעם...

ער האָט אַ קוק געטאָן אַפן זייגער און זיך אומגעדרייט צום סאַ־מאָוואַר.

— אָט דער דאָזיקער העזר פאַרלאַנגט אויך אויפמערקזאַמקייט צו זיך... מיר'ן טרינקען אַ גלאָז טיי און גיין.

— איר וועט דאָ נעכטיקן, כאַווער גענעראַל? — האָט געפרעגט סינ־טשענקאָ.

— ניין, כאַווער. נישטאָ איצט קיין צייט צו נעכטיקן. איצט קומט אוים אויך באַנאַכט צו טאָן...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, אַראָפּגענומען דעם טשייניק, אויפגעהויבן דאָס דעקל, אַ שמעק געטאָן און געזאָגט:

— אָט דאָס הייסט אַ געטראַנק!

דערלאַנגענדיק מיר אַ גלאָז טיי, האָט ער שטיפעריש צוגעזשמורעט די אויגן:

—מיר האָבן דאָך היינט אַ קליינעם יוויוול... ס'איז פּונקט דריי כאָ־דאָשים, ווי אונדזער דיוויזיע איז געקומען צום לעבן. געדאַרפט האָט מען עס פייערן מער פונדאַמענטאַל... אָבער ס'וועט שוין קומען אַ צייט דער־פאַר... און פּונקט דריי כאָדאָשים, ווי מיר האָבן זיך מיט אייך, כאַווער מאָמיש־אולי, באַקאַנט... איר געדענקט, ווי בראַוו איר האָט דאַמאָלסט דורכמאַרשירט פאַרביי?

און ער האָט ווידער געשמייכלט.

מיט דריי כאַדאָשים צוריק

.1

יאָ, איך געדענק עס. ס'איז געווען פּונקט מיט דריי כאַדאָשים צוריק, דעם 13טן יולי 1941.

איך בין דורכגעגאַנגען דעם הויף פון קריגס־קאָמיסאַריאַט פון קאַזאַכסטאַן, וואו כ'האָב פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אינסטרוקטאָר. אין מיטן הויף האָב איך געזען שטיין אַ מענטש, עטוואָס אַן איינגעהויקערטן, אין אוניפאָרם פון אַ גענעראַל, לעבן אים צוויי מאַיאָרן.

אין אַלמאַ־אַטאַ האָבן מיר זעלטן געזען גענעראַלן. האָב איך זיך צוגעקוקט.

דער גענעראַל איז געשטאַנען מיטן רוקן צו מיר, די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, די פיס עטוואָס פונאַנדערגעשטעלט. זיין געזיכט, וואָס כ'האָב געזען פון דער זייט, האָט מיר אויסגעזען שטאַרק טונקל. מיט אַן אַראָפּגעבויגטן קאָפּ האָט ער געהערט, וואָס ס'האָט גערעדט איינער פון די מאַיאָרן. איבערן קאָלנער האָט זיך געזען זיין ביז שוואַרץ אָפּגעברענטער נאַקן מיט גרויסע קנייטשן.

אַלס אַרטילעריסט האָב איך געטראָגן שפּאָרן און — כ'מוז מודה זיין אָט די שוואַכקייט — נישט קיין געוויינלעכע, נאָר מיט זילבערנע שפּיצן און מיט אַ ספּעציעלן פיינעם קלאַנג. פאַרביי דעם גענעראַל בין איך דורך מיט געמאָסטענע שריט. אַ שטעל אַ פוס — דזין! דעם צווייטן פוס — דזין!

דער גענעראַל האָט זיך אומגעדרייט, מיך אָנגעקוקט און סאַלוטירט. זיין פּנים האָט זיך אַרויסגעוויזן יינגער ווי זיין נאַקן. אין די אויף ענגליש

אונטערגעשווירענע וואָנצן, האָבן זיך קיין גרויע האָר נישט באַמערקט. די באַקן־ביינער זײַנען געווען גענוג אַרויסגעהויבן. זײַנע שמאָלע צוגעזשמור־רעטע אויגן זײַנען געווען אײַנגעגראָבן מאָנגאָליש, עטוואָס קרומלעך. כ'האָב געטראַכט: מוז זײַן אַ טאָטער.

פֿאַראינטערעסירט און פֿאַרפֿילנדיק עפּעס אויסערגעוויינלעכס, בין איך אַרײַן אין צימער, וואו כ'האָב דאַמאָלסט צוזאַמען מיט עטלעכע מיט־אַרבעטער זיך באַשעפֿטיקט מיט איניאָטים, וואָס האָבן מיך ניט זייער צופֿרידנגעשטעלט. כ'האָב געפֿרעגט די כאַווײַרים, ווער איז דער גענעראַל און וועגן וואָס איז ער אַהער געקומען.

מ'האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס איז דער גענעראַל פּאַנפֿילאָוו, דער קריגס־קאָמיסאַר פֿון קירגיזיע.

צווישן ביידע קריגס־קאָמיסאַריאַטן פֿון קאַזאַכסטאַן און פֿון קירגי־זיע איז געווען אַן אָפּמאַך פֿון סאָציאַליסטישן פֿאַרמעסט. איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָר פֿלעגט דער אָפּמאַך פֿאַרלענגערט ווערן. אַלע האָבן געמיינט, אַז דער גענעראַל איז זיכער געקומען וועגן דעם איניען.

אָן אַנטווישטער האָב איך זיך געזעצט צום טיש און זיך גענומען צו מײַנע פּאַפּירן. איך געדענק, אַז יענעם טאָג בין איך געווען באַשעפֿטיקט מיט אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פֿון אַ קאָמיוגן־טויש. געווים איז עס געווען נייטיק און וויכטיק. אָבער באַשעפֿטיקנדיק זיך מיט אַזאַ אַרבעט האָב איך געפֿילט אַ שטאַרקע אומצופֿרידנקייט. קימאַט מיט אַ כוידעש צוריק איז אויסגעבראָכן דער קריג. אין די צײַטונגען דערשײַנען אַלץ נײַע נעמען פֿון ריכטונגען, נײַע נעמען פֿון שטעט וואָס דער סוינע האָט פֿאַרכאַפּט, בעיס איך, אַז ערשטער לײַטענאַנט פֿון דער רויטער אַרמיי, זיץ דאָ אין אַלמאַ־אַטאַ, דרײַ טויזנט קילאָמעטער פֿון פֿראָנט און שטעל צונויף אַ פּלאַן וועגן קאָמיוג.

ניט דאָס. ניט דאָס, באָורדזשאַן!

.2

ס'האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אריין דער גענעראַל. מיט אים ביידע מאַיאָרן. מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט.

— זעצט זיך, זעצט זיך, — האָט געזאָגט דער גענעראַל און סאַלוטירט. מיר האָבן זיך געזעצט.

— ווער איז דאָ ערשטער לייטענאַנט מאָמיש־אולי? — האָט געפרעגט דער גענעראַל.

וואָס זאָל עס באַדייטן? פאַרוואָס פרעגט ער זיך אָפּ מיר? איך האָב זיך אויפגעשטעלט אַן אומרואיקער. דער גענעראַל האָט אַ שמייכל געטאָן.

— זעצט זיך, כאַווער מאָמיש־אולי, זעצט זיך...

ער האָט גערעדט מיט עטוואָס אַ הייזעריקלעכער און ניט־שטאַרקער שטים. צוקומענדיק צו מיר, האָט ער צוגערוקט אַ שטול, זיך געזעצט, אַראָפּגענומען דאָס גענעראַלסקע היטל מיטן רויטן אומשלאָג און עס אוועקגעלייגט אַפן טיש. צווישן זיינע שוואַרצע מיט אַ מאַשינקע געשוירענע האָר האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ היבשע גרויקייט. אין זיין פיגור, אין געזיכט, אין אויפן פון ריידן און האַלטן זיך איז ניט געווען גאָרניט, וואָס זאָל זיין באַפעלעריש. נאָר זיינע ברעמען, שאַרף געבראָכענע, קימאַט אין אַ גלייכן ווינקל, זיינען געווען אין אַ מאָדנעם ווידערשפּרוך צו דעם.

— לאָמיר זיך באַקענען, — האָט ער געזאָגט, — איך הייס איוואַן וואַסיליעוויטש פּאַנפילאָוו. איר ווייסט, אַז דאָ, אין אַלמאַ־אַטאַ, ווערט זיך פאָרמירן אַ נייע דיוויזיע?

— ניין, איך ווייס ניט.

— איז אָט, איך בין באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע. לויטן באַפעל פון מיליטער־קרייז פון מיטל־אַזיע ווערט איר צוגעטיילט צו דער דיוויזיע אַלס קאָמאַנדיר פון אַ באַטאַליאָן. — ער האָט אַרויסגענומען און מיר דערלאַנגט מיין נאָמינירונג.

— וויפל צייט דאַרפט איר האָבן אָפּ איבערגעבן אייער ביוראָ?

— ניט קיין סאַך. איך קען זיך מעלדן אין צוויי שאָ אַרום.

ער האָט געטראַכט אַ ווײַלע.

— ניט נייטיק. איר זיינט פאַרהייראַט?

— יאָ.

— אויב אַזוי...זעגנט זיך היינט מיט אייער פֿאַמיליע און מעלדעט זיך צו מיר מאָרגן צוועלף אַזייגער.

3.

אַף מאָרגן, פינף מינוט פאַר צוועלף, האָב איך געטראָטן אַף די ברייטע שטיגן, וואָס האָבן געפירט צום אריינגאַנג אין הויז פון דער רויטער אַרמיי. מען האָט מיר אָנגעוויזן וואו דער גענעראַל געפינט זיך.

אָן איינגעבויגענער, דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין די אַקסלען, איז דער גענעראַל געזעסן בא אַ גרויסן שרייבטיש, בלעטערנדיק עפּעס פּאַפּירן. שפּעטער האָב איך אַ סאַך מאָל געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט פּאַנפּילאָוון, אָבער נאָר דאָס איצטיקע מאָל האָב איך אים געזען צווישן פּאַפּירן. דער איינציקער פּאַפּיר, וואָס האָט אים שפּעטער בא מאָסקווע באַגלייט אומעטום, איז געווען די טאָפּאָגראַפישע מאַפּע.

אויך איצט איז געלעגן פאַר אים אַ מאַפּע. איך האָב זי גלייך דערקענט: ס׳איז געווען די שטאָט און די אומגעגנט פון אַלמאַ-אַטאַ. אַף דער מאַפּע איז געלעגן זיין טאַשן-זייגער.

עס האָט אַ בליק געטאָן אַפן זייגער, זיך שנעל אויפגעשטעלט און, אָפּרוקנדיק דעם שווערן פאָטעל, איז ער אַרויס פון הינטערן שרייבטיש. זיין גאַנג איז געווען לייכט, עס האָט זיך אין אים ניט געפילט די עלטער.

מיר האָבן געשמועסט שטייענדיק. פּאַנפּילאָוו האָט בעיס-מאַיסע אַדער אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק, אָדער זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן מיר. די הענט פאַרלייגט אַף הינטן, די פיס עטוואָס פונאַנדערגעשטעלט.

— איז אָט, כאַווער מאָמיש-אולי, — האָט ער אָנגעהויבן, — די דיוויזיע עקזיסטירט נאָך דערווייל ניט. ניטאָ קיין שטאַב, קיין פּאָלקן, קיין באַטאַליאָנען. דאָס הייסט, איר האָט נאָך ניט איבער וועמען צו קאָמאַנדעווען. אָבער דאָס אַלץ וועט זיין, דאָס אַלץ וועלן מיר פאָרמירן. און דערווייל וועט איר מיר דאַרפן העלפן. כ׳וויל זיך באַראַטן מיט אייך... ווי מיינט איר, וואו וואָלטן מיר געקענט אויסווייסן די קעסלען ווי אַמשנעלסטן?

מיין בליק האָט, ווייזט אויס, אויסגעדריקט פאַרוואונדערונג, און פּאַנפּילאָוו האָט דערקלערט:

— אונדזער דיוויזיע וועט זיין פון דעם מין ווי רעזערוו; זי וועט

פּאַרמירט אויסערן פּלאַן. מיר דאַרפֿן ניט אויסרעכענען אַף קיין שום נייע אויסשטאַטונג. און מיר וועלן עס אויך ניט פֿאָדערן.

כ'האָב געדאַרפֿט ענטפֿערן אַף אַ סאַך פֿראַגן, צום גרעסטן טייל מאָדנע, צוליב וואָס איך האָב אַלץ געהאַט דעם איינדרוק, אַז פּאַנפֿילאָוו אינטערעסירט זיך מיט אַ סאַך אַזעלכע זאַכן, וואָס קענען אַ גענעראַל ניט אינטערעסירן.

צום סאָף האָט ער מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּיר און געגעבן אַ פֿאַראָרדענונג.

— אָט דאָ האָט איר די אַדרעסן פֿון די לאָקאַלן, וואָס זיינען פֿאַר אונדז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָנצענטראַציע־פּונקטן. מ'דאַרף זיי אַלע זען, באַטראַכטן, צי זיי זיינען פּאַסיק. באַטראַכט די הויפֿן, צי ס'איז פֿאַראַן וואו צו מאַרשירן, צי ס'זיינען פֿאַראַן קיכן, קעסלען אַף קאָכן וואַסער. איר האָט מיך פֿאַרשטאַנען?

— יאָ, כאַווער גענעראַל.

ער האָט גענומען דעם זייגער.

— וויפֿל צייט וועט איר דאַרפֿן אַף דעם?

— ביז פֿאַרנאַכט וועל איך עס מאַכן, כאַווער גענעראַל.

— וואָס הייסט עס ביז פֿאַרנאַכט? — די שאַרף־געשניטענע ברעמען האָבן זיך אויפֿגעהויבן אומצופֿרידן.

— ביז זעקס אַזייגער, כאַווער גענעראַל.

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט.

— ביז זעקס?... ניין... אינפֿאָרמירט מיך וועגן אויספֿירן עס אַכט אַזייגער.

.4

טעג זיינען פֿאַרביי. איך האָב אויסגעפֿירט פֿאַרשיידענע אומבאַדייטנדיקע פֿאַראָרדענונגען פֿון גענעראַל. דערווייל האָט זיך געשאַפֿן די דיוויזיע, ס'זיינען געקומען די קאָמאַנדירן.

די נאַכט בין איך געווען אַף דער וואַך אין שטאַב. פּאַנפֿילאָוו האָט געאַרבעט ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. ניט נאָר אין דער אומגעגנט פֿון מאָסקווע, אַפֿן פֿראָנט, נאָר אויך אין אַלמאַ־אַטאַ האָט ער געשלאָפֿן זייער

ווייניק, פיר אָדער פינף שאָ אַ נאַכט. ווי געוויינלעך פלעגט ער קעסיידער רופן צו זיך די קאָמאַנדירן.

די דיוויזיע האָט זיך פאָרמירט. אַלס קאָנצענטראַציע־פונקטן האָבן אונדז געדינט די שול־געביידעס, וואָס זיינען זומער געווען ליידיק. אהער האָבן זיך געצויגן מיט ראַנצעס און פעקלעך די מענטשן פון שטאָט און פון די אַרומיקע קאָלכאָזן, וואָס זיינען גערופן געוואָרן צו מיליטער־דינסט.

מיינסטנס זיינען עס געווען מענטשן ניט זייער יונגע, צווישן דריי־סיק און פינף און דרייסיק יאָר, די מערהייט פון וועלכע האָט ניט געהאַט געדינט אין מיליטער. אַזאַ איז געווען דער קאָנטינגענט מענטשן וואָס, זייענדיק באַצייכנט אין די מיליטערישע קאָמיסיעס אַלס „אויסער מיליטער־דינסט", האָט קאַזאַכסטאַן געגעבן פאַר זיין דיוויזיע, וועלכע האָט זיך פאָרמירט איבער דעם פּלאַן.

אין יענער שאָ זיינען זיי, די צוקונפטיקע פאַנפילאָווס מענטשן, גע־שלאָפן. אויך באַ אונדז, אין גרויסן געמויערטן הויז איז געוואָרן שטיל.

ס'האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר. אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט טריט. איך האָב זיך אויפגעשטעלט, צורעכט געמאַכט דעם ראָק, וויל כ'האָב דערקענט דעם גענעראַלס גאַנג. ער האָט אַריינגעקוקט דורך דער אָפענער טיר.

— איר זיינט דאָ, כאַווער מאָמיש־אולי? איר האַלט וואַך?

פאַנפילאָוו איז געגאַנגען מיט אַ האַנטוך, אָן דעם ראָק אין אַ ווייסן העמדל. זיין פּאָנעם איז געווען מיד. אין צימער איז געווען אָנגערויכערט. פאַנפילאָוו האָט אויפגעעפנט דעם פענצטער און זיך צוגעזעצט אַפן פענצ־טער־שוועל.

— כ'האָב געטראַכט וועגן אייך, כאַווער מאָמיש־אולי, געטראַכט וועגן אייך... אָנפירן מיט אַ באַטאַליאָן, — האָט גערעדט פאַנפילאָוו, גלייך ער וואָלט ווייטער געפירט אַ פריער אָנגעהויבענעם שמועס, — איז ניט לייכט... איר האָט זיך אינטערעסירט מיט מיליטערישער טאַקטיק? איר האָט עפּעס געלייענט וועגן דעם?

איך האָב אויסגערעכנט אייניקע ווערק, וואָס כ'האָב געהאַט געלייענט.

— יאָ, ס'וועט אייך ניט זיין לייכט אָנצופירן מיטן באַטאַליאָן, — האָט ער איבערגעכאַזערט.

— מעגלעך, — האָב איך זיך צוגעאײַלט ענטפערן, — אָבער כ'וועל קענען שטאַרבן מיט ערע, באַוועלער גענעראַל.

— צוזאַמען מיטן באַטאַליאָן?

— צוזאַמען מיטן באַטאַליאָן!

אומגעריכט האָט זיך פּאַנפילאָוו פונאַנדערגעלאַכט.

— א דאַנק אײַך פאַר אַזאַ קאָמאַנדיר... ניין, באַוועלער מאָמיש־אולי, איר דאַרפט קענען דורכמאַכן מיטן באַטאַליאָן צען שלאַכטן, צוואַנציק שלאַכטן, אָבער איר דאַרפט אים קענען אויפהיטן. אַט דערפאַר וועט דער סאָלדאַט אײַך זאָגן אַ דאַנק.

ער איז אַראָפּ פון פענצטער און זיך געזעצט לעבן מיר, אַף דער צע־ראַטענער סאָפע.

— איך אַליין בין אַ סאָלדאַט, באַוועלער מאָמיש־אולי... דער סאָלדאַט וויל ניט שטאַרבן... דער סאָלדאַט גייט אין שלאַכט ניט אַף צו שטאַרבן, נאָר אַף צו לעבן. און אַזעלכע קאָמאַנדירן דאַרף ער. און איר זאָגט אַזוי לײַכט: „כ'וועל שטאַרבן צוזאַמען מיטן באַטאַליאָן"... דער באַטאַליאָן, באַוועלער מאָמיש־אולי, האָט הונדערטער מענטשן, ווי אַזוי זשע קען איך זיי אײַך אָנטרויען?

איך האָב געשוויגן. אויך פּאַנפילאָוו האָט געשוויגן און געקוקט אַף מיר. לעסאָף האָט ער געזאָגט:

— האַקלאַל, וואָס זאָגט איר, באַוועלער מאָמיש־אולי? נעמט איר זיך אונטער צו פירן זיי אין שלאַכט ניט צו שטאַרבן, נאָר צו לעבן?

— כ'נעם זיך אונטער, באַוועלער גענעראַל.

— אַט אַזוי, אַט דאָס איז אַן ענטפער פון אַ סאָלדאַט! און ווייסט איר וואָס עס פאָדערט זיך צו דעם?

— דערלויבט מיר בעטן אײַך, באַוועלער גענעראַל, איר זאָלט עס זאָגן...

— אָ, זײַנט איר כיטרע... איז אַט, קוידעמקאָל, באַוועלער מאָמיש־אולי, אַט דאָס... — ער האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן. — און בוצדעם פאָדערט זיך נאָך אַ זאַך, זייער אַ האַרטע — דיסציפּלין!

5.

איך בין פאַרבליבן נאָך עטלעכע טעג אין שטאַב, אויספירנדיק פאַר־שיידענע פאַראָרדענונגען פון גענעראַל. זייענדיק נאָענט פון אים, האָב איך זיך צוגעקוקט און פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ס׳פירט אָן מיט דער דיוויזיע אָט דער מענטש, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין אַזאַ ווייכער.

ער איז ניט געווען ווייך. איינמאָל האָב איך געזען, ווי אַ קאָמאַנדיר פון שטאַב איז אַריין צו פּאַנפּילאָוון אין קאַבינעט, און, זייענדיק, ווייזט אויס, געוואוינט צו פּאַנפּילאָווס שטענדיקן „זעצט זיך, כ׳בעט אייך, זעצט זיך״, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אָן אַן איינלאַדונג.

— שטעלט זיך, — האָט פּאַנפּילאָוו שאַרף אַ זאָג געטאָן. — גייט אַרויס, טראַכט אַ ווײַלע אויף יענער זייט טיר, דערנאָך קומט אַריין צוריק.

אָפּגעבנדיק אַ פאַראָרדענונג האָט פּאַנפּילאָוו שטענדיק געפרעגט: „וויפל צייט דאַרפט איר אויף דעם״. אויסהערנדיק די משואווע, האָט ער זיך געוויינלעך פאַרטראַכט, דערנאָך באַשטימט, אַמאָל פאַרקלענערנדיק אָבער מייסטנטייל פאַרגרעסערנדיק דעם אָנגערופענעם טערמין. און קיינ־מאָל האָט ער ניט פאַרגעסן צו קאָנטראָלירן, צי דער טערמין איז אויס־געפירט געוואָרן.

איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט בייצוזיין אַ סצענע, ווי אַזוי ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט אַ קאָמאַנדיר, וואָס האָט ניט אויסגעפירט זיין אויפ־גאַבע אין טערמין.

— איר זיינט אַ געוויסנלאָזער אַרבעטער, אַן אומדיסציפּלינירטער. איך קען אייך אינגאַנצן עטלעכע טעג, אָבער צום באַדויערן האָט איר זיך שוין אַרויסגעוויזן ווי אַ הולטיי.

זיינע מאָדנע ברעמען האָבן זיך צונויפגעקנייטשט און זייער אויס־בייג איז געוואָרן שאַרפער. ער האָט ניט געשריען, נאָר גערעדט עטוואָס שטאַרקער און דייטלעכער ווי געוויינלעך, זיינען נאָך שווערער געפאַלן זיינע ווערטער.

עס געדענקט זיך מיר אַן אומבאַדייטנדיקער פאַל. לויט דער פאַראָר־דענונג פון גענעראַל האָב איך אָפּגענומען און מיט דער הילף פון אַ סאָל־דאַט אַריבערגעפירט אין אַרסענאַל דעם ערשטן מינענוואַרפער, וואָס איז אָנגעקומען פאַר דער דיוויזיע. פּאַנפּילאָוו האָט געוואָלט זען דעם אַפּאַראַט.

איך האָב אַרויסגעשריען דורכן פענצטער צום סאָלדאַט:

— ברענג אַהער דעם מינענוואַרפער פון אַרסענאַל! שנעל! אין פינף מינוט זאָל ער זיין דאָ!

ווען כ׳האָב זיך אומגעדרייט, האָב איך געזען, אַז פּאַנפילאָוו קוקט אויף מיר מיט צוגעזשמורעטע אויגן. עס איז געווען דער זעלבער איראָנישער בליק, אונטער וועלכן איך האָב זיך שוין איינמאָל פאַרויטלט. ער האָט געזאָגט:

— אין מעשעך פון פינף מינוט, כאָווער מאָמיש־אולי, וועט ער ניט באַווייזן.

מער האָט ער גאָרנישט צוגעגעבן, אָבער זיין פּאַשעטע באַמערקונג האָט מיך איבעראַשט.

וויפל מאָל האָב איך, נישט טראַכטנדיק געשריען „אין פינף מינוט!" אָבער פּאַנפילאָוו — יאָ, ער האָט געטראַכט.

דאָס פערד „ליסאַנקאַ“ און אַ פערדישע געשיכטע

.1

לעסאָף איז געקומען דער טאָג, ווען איך האָב זיך געזעגנט מיטן גענעראַל און אַוועק אויפנעמען דעם באַטאַליאָן. אָבער פאַר דעם איז פאָרגעקומען אַ געשיכטע, וואָס מען דאַרף דערציילן.

פאַר מיינע רייזעס איבער דער שטאָט האָב איך באַנוצט איינס פון די פערד פון דיוויזיע־שטאַב. ס'איז געווען „ליסאַנקאַ“, אַ גרויס שיין פערד, מיט ווייסע זאָקן און אַ ווייסן פלעק אויפן שטערן, וואָס האָט גוט געפאָלגט די לייצע. אין די אַנדערהאַלבן וואָכן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין שטאַב, האָב איך באַוויזן אויסצולערנען ליסאַנקאַן אייניקע זאַכן.

אָבער אַף צו קומען צום באַטאַליאָן, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער סטאַניצע טאַלגאַר, 25 קילאָמעטער פון אַלמאַ־אַטאַ, האָב איך געדאַרפט נעמען אַן אויטאָמאָביל וואָס איז געגאַנגען אַהין. איך בין אויפגעשטאַנען פרי, אַזייגער פינף, ווען אין שטאַב האָט נאָך געהערשט אַ שטילקייט, און כ'בין אַרויס אין הויף. כ'האָב געוואָלט צום לעצטן מאָל באַזוכן ליסאַנקאַן. כ'בין אַריין אין שטאַל, געגעבן אים עטלעכע פעטשלעך און געגלעט עס. מיט זיינע ווייכע ליפן האָט עס גענומען זוכן אין מיין האַנט. עס האָט געהאָפט צו געפינען אַ שטיקל ברויט אָדער צוקער, וואָס כ'פלעג אים אָפט שענקען פאַר זיין פאָלגעוודיקייט. איצט האָב איך אים גאָרנישט געגעבן, ס'איז ניט געווען פאַרוואָס... האָט עס מיט די פאָדערשטע פיס אָנגעהויבן שטעלן שפּאַנישע טריט, אַזוי ווי איך האָב עס געהאַט אויסגעלערנט. איך האָב זיך צעלאַכט, כ'האָב עס שנעל אָנגעזאָטלט און עס אַרויסגענומען אויפן הויף.

מאכנדיק עטלעכע קרייזן אין געוויינלעכן אליור, האב איך אים פאר־ביטן אף א גאלאפ און דערנאך אף שפאנישן טראט.

ווי כ'האב געזאגט, איז געווען זייער פרי. פלוצלינג הער איך:

— וועט איר, כאווער מאמיש־אולי, אויך אין מילכאמע־קונסט זיין אזא מייסטער?

אפן גאניק איז געשטאנען דער גענעראל. אין פארלעגנהייט בין איך אראפגעשפרונגען פון זאטל.

— רייט ווייטער, רייט ווייטער, — האט געזאגט פאנפילאוו. — איך קוק זיך צו מיט פארגעניגן.

ער איז צוגעגאנגען צו מיר.

— איז אט וואס עס ציט אייך איינעם צום צווייטן... און דארטן — ער האט א וויין געטאן אין דער ווייט, — וועט איר קענען אזוי מאניפולירן?

איך האב געענטפערט:

— איר ווייסט, כאווער גענעראל... איינמאל האט מען שוין עס מיר געזאגט ווארט אין ווארט... ס'הייסט, ניט געזאגט...

— ווייטער, ווייטער... ס'איז אינטערעסאנט, זייער אינטערעסאנט...

אבער איך האב שוין כאראטע געהאט. דער טייוול האט מיך געדארפט א ציי־טאן פאר דער צונג! צוליב וואס זאל איך פארנעמען די צייט באם גענעראל מיט מאיסעס פון מיין לעבן, וואס אינטערעסירן נאר מיך אליין? וועלנדיק זיין קורץ, האב איך געזאגט, אז מיט א צייט צוריק, זייענדיק אן אונטער־אפיציר בין איך באגאנגען גראבקייטן צו מיין העכערער מאכט, געזידלט מיינע אונטערגעארדנטע, ניט געקענט איינשטעלן קיין דיסציפלין אין מיין פעלאטאן. מ'האט אנגעווענדט סאנקציעס קעגן מיר, און דערנאך האט מיך גערופן דער קאמאנדיר פון פאלק און מיר געגעבן א מאדנע לעקציע וועגן באגיין זיך מיט א פערד באם רייטן. און דאס האט געגעבן א רעזולטאט.

— ניין, דערציילט מיר מער איינצלהייטן, — איז צוגעשטאנען פאנ־פילאוו, — וואס האט ער געזאגט?

— ער האט גערעדט וועגן א גוטן רייטער, — וואס אזא קען מיט זיין פערד אלץ דערגרייכן, גיין מיט שפאנישן טראט און אפילע טאנצן...

דערנאָך וועגן די מיטלען פון מאַנעווורירן, וועגן דער באַשטימונג פון די טאָפּלטע לייצעס.

— אזוי, אזוי... זייער אינטערעסאַנט...

— ער האָט געזאָגט, אז א גוטער רייטער באַוועגט קיינמאָל ניט די גאַנצע האַנט, אפילו ניט די דלאָניע... ציען פאַר די לייצעס — דאָס טוען נאָר כאַזיירים־פּאַסטוכער, און אזוי ווייטער אין זעלבן טאָן.

— ניין, ניין, דערציילט ווייטער... וואָס נאָך האָט ער געזאָגט?

מ׳האָט געזען, אז פּאַנפילאָוו איז זייער פאַראינטערעסירט. ער האָט געשמייכלט, און אַרום זיינע אויגן האָבן געשפּילט קליינע קנייטשלעך.

— ער האָט גערעדט וועגן אַנדערע מיטלען פון מאַנעווורירן... וועגן די ענדערונגען אין שטיצפּונקט אויפן רוקן פון פערד, וואָס איז אומבאַמערקלעך פאַרן אויג. וועגן די פיס פון רייטער. עס זיינען פאַראַן צוואַנציק מעטאָדן נאָר פון מאַנעווורירן מיט די שפּאָרן: שטעכן גלייך און פון א זייט און אַנדערע... א גוטער רייטער, פונדעסטוועגן, ווענדט אָן זעלטן די שפּאָרן; ס׳איז גענוג ער זאָל א דריק טאָן די זייטן, אז דאָס פערד זאָל פאַרשטיין. אָבער ווי אזוי דערגרייכט מען עס?

— יאָ, יאָ, ווי דערגרייכט מען עס?

פּאַנפילאָווס אינטערעס האָט מיך אָנגעשטעקט. איך האָב שוין גע־רעדט מיט ענטוזיאַזם.

— יאָ, ווי צווינגט מען דאָס פערד, עס זאָל טייקעף פאַרשטיין דעם קלענסטן וואונטש פון רייטער? די הויפּטזאַך איז די באַשטענדיקע פעסטע האַנדלונג; האָט דאָס פערד ניט געפאָלגט, באַשטראָף עס, זאָלסט אים קיינמאָל ניט דורכלאָזן! האָט עס געמאַכט גוט, דאַרף מען אים סטימולירן! און טאָן דאַרף מען עס קעסיידער, ניט הונדערט נאָר טויזנט מאָל. אָט דאָס אַלץ האָט ער מיר פאָרגעטראָגן זייער רואיק און דערנאָך געזאָגט: „איר קענט גיין״.

— און איר?

— לעבאַטכילע האָב איך ניט פאַרשטאַנען נאָכוואָס ער האָט מיך גערופן. כ׳האָב זיך אומגעדרייט און אוועק. אָבער אויפן שוועל האָט עס מיך דערלאַנגט ווי מיט א האַמער: וואָס — א מענטש איז פאַר אים א פערד?

א פערד בין איך אים? כ׳האָב געוואָלט זיך אומקערן און א געשריי טאָן: „איך בין אייך ניט קיין פערד!"

פאַנפילאָוו האָט זיך געטרייסלט פון געלעכטער. איך האָב אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי פריילעך. ווישנדיק זיך מיט א טיכעלע די פייכט־געוואָרענע אויגן, האָט ער געזאָגט:

— גאָר ניט קיין נארישע מאַיסע, גאָרניט קיין נארישע... הייסט עס, אַז פאַר די לייצעס ציען נאָר כאַזיירים־פּאַסטוכער,...

ער האָט געלאַכט, געגלעט ליסאַנקאָן און א פרעג געטאָן:

— אייך געפעלט דאָס פערדל, כאַווער מאָמיש־אולי?

— זייער, כאַווער גענעראַל.

— נעמט עס מיט. ס׳איז א מאַטאָנע פאַר אייך... זאָל עס זיין מיט אייך אין באַטאַליאָן.

— א דאַנק, כאַווער גענעראַל!

איך האָב ניט געוואַרט אַפּן אויטאָמאָביל און אַוועקגעריטן אױף ליסאַנקאָן צום באַטאַליאָן.

2.

מיר האָבן אָפּגערעדט מיט אייך ניט צו באַשרייבן די נאַטור. אַנדערע וועלן עס מאַכן בעסער.

ווען עס איז, נאָך דער מילכאָמע, וועט איר קומען זומער צו מיר צו גאַסט וועט איר זען, ווי שיין ס׳איז קאַזאַכסטאַן. איר וועט באַשרייבן די אומגעגנט פון אַלמאַ־אַטאַ, די סטאַניצע טאַלגאַר און דאָס שטראָמיקע טייכל טאַלגאַרקאַ.

אין דער סטאַניצע האָב איך אויפגעזוכט די געביידע פון אַגראַר־אינ־סטיטוט, וואו ס׳איז געווען איינקוואַרטירט דער באַטאַליאָן. כ׳האָב גע־שלאָסן קאַנטשאַפּט מיטן שטאַב פון מיין שטאַב, דעם דאַרן און פלינקן קאַזאַך ראַכימאָוו, אַן אַגראָנאָם, וועלכער איז נאָך געווען געקליידט ציוויל. אױף זיין ראָק האָט געגלאַנצט די אָפּצייכענונג פון אַן אַלפּיניסט. אָבער מיין אַלפּיניסט האָט נאָך ניט געקענט שטיין רעגלאַמענטאַריש און ניט ראַ־פּאָרטירן.

צוזאַמען מיט אים בין איך דורכגעגאַנגען די געביידע. אומעטום איז

געווען פול מיט מענטשן, אָבער אַן אוניפאָרם האָב געטראָגן איך איינער. די מענטשן האָבן זיך ארומגעשלעפּט איבער די קאָרידאָרן, אין איין צימער האָט מען געזונגען. קיינער האָט ניט באַפוילן: „אַכטונג!" קיינער האָט ניט באַגריסט דעם קאָמאַנדיר. איך האָב געהייסן פאָרמירן דעם באַטאַליאָן.

זיי האָבן פאָרמירט רייען, ניט ווויסנדיק ווי אַזוי, און ס'האָט לאַנג געדויערט. דער אַלפּיניסט האָט ווי עס איז אויסגעגלייכט די רייען, אַ געשריי געטאָן „אַכטונג!" און איינגעגראָבן זיין בליק אין מיר, אָנשטאָט מאַכן די געהעריקע מעלדונג.

איך האָב אַ זיפץ געטאָן, כ'בין צוגעגאַנגען צום באַטאַליאָן און סאַ-לוטירט. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט און געמאָלדן, אַז איך בין באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן. האָב איך זיך געקענט פאָרשטעלן אין דעם מאָמענט, אַז די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט געקענט האַלטן אין אַ גלייכער ליניע, וואָס האָבן גערעדט צווישן זיך אין פאָרמירטע רייען, וועלן זיך באַדעקן מיט רום אין די שלאַכטן בײַ מאָסקווע, צוזאַמען מיט פּאַנפילאָווס דיוויזיע? ווער זיינען אָט די מענטשן, וועלכע איך וועל שפּעטער ליב האָבן אַזוי, ווי איך האָב קיינעם ניט ליב געהאַט?

איצט האָב איך צו זיי גערעדט אַזוי:

— דאָס פאָטערלאַנד האָט אייך גערופן אין די רייען. איר טראָגט נאָך דערווייל אייער ציווילע קליידונג. נעכטן זיינט איר געווען מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס. נעכטן זיינען צווישן אייך געווען אַזוי געוויינ-לעכע קאָלווירטן ווי דירעקטאָרן. פון היינט אָן זיינט איר סאָלדאַטן און אָפיצירן פון דער רויטער אַרבעטער־ און פּויערים־אַרמיי. איך בין אייער קאָמאַנדיר. איך באַפעל, איר פאָלגט. איך דיקטיר מיין ווילן, איר פירט אים אויס.

איך האָב בעקיצור גערעדט אין אַ האַרבער פאָרעם.

— נעכטן האָט איר געקענט דיסקוטירן מיט אייערע שעפן; איר האָט געהאַט רעכט צו אורטיילן, צי זיי האָבן גערעדט ריכטיק, צי זיי האָבן גע-האַנדלט געזעצלעך. פון היינט אָן נעמט דאָס פאָטערלאַנד צו בײַ אייך די דאָזיקע רעכט. פון היינט אָן האָט איר איין געזעץ: מיין באַפעל. דאָס פאָ-טערלאַנד האָט מיר אָנפאַרטרויט צו באַפעלן, און אייך האָט זי עס געהייסן

אויספירן. דער מיליטערישער רעזשים איז שטרענג. אָבער נאָר אַף אַזאַ אויפן ווערט אויפגעהאַלטן דאָס מיליטער. איר ווילט צוריקשלאָגן דעם סוי־נע, וואָס האָט זיך פאַרנומען צו פאַרשקלאַפן אונדזער לאַנד? טאָ זייט וויסן, אַז דאָס אַלץ איז נייטיק, קעדיי צו טריאומפירן.

דערנאָך האָב איך גערעדט קורץ וועגן אָרנטלעכקייט, וועגן פליכט און ערע.

אָרנטלעכקייט לעגאַבע דעם פאָטערלאַנד, דער רעגירונג, דעם קאָ־מאַנדיר — דאָס איז די גרעסטע מאַילע פון סאָלדאַט.

— מעגסטו האָבן וויסן און קאַפּאַציטעט, — האָב איך געזאָגט, — פעאיקייט און געשיקטקייט, אָבער אויב וועסט ניט האָבן דעם באַוואוסט־זיין פון דיין זעלנערישן פליכט, דערוואַרט ניט קיין מיטגעפיל פון מיר.

לעסאָף וועגן ערע. כ׳האָב עס דערקלערט אַף מיין שטייגער. פאַראַן אַ קאַזאַכיש שפּריכוואָרט: „די ערע איז שטאַרקער פון טויט". כ׳האָב עס געזאָגט אַף קאַזאַכיש און איבערגעזעצט אַף רוסיש. אין באַטאַליאָן איז נאָר אַ דריטע טייל געווען קאַזאַכן, די איבעריקע רוסן און אוקראַינער.

ווען כ׳האָב געענדיקט האָט זיך פון די רייען דערהערט אַ דרייסטע שטים:

— כאָוועך קאָמאַנדיר, דערלויבט זאָגן...

אַף אַ האַלבן טראָט פון דער ליניע איז אַרויס אַ געזונטער יונג אין אַ שוואַרצן העמדל, דורך וועלכן ס׳האָבן זיך געצייכנט זיינע קיילעכדיקע אַקסלען.

— איך דערלויב ניט, — האָב איך געזאָגט. — מיר זיינען דאָ ניט אַף קיין מיטינג. ראָטע־קאָמאַנדירן! צעלאָזן די רייען!

אָט דאָס איז געווען מיין ערשטע רעדע און מיין ערשטע באַקאַנט־שאַפט מיטן באַטאַליאָן.

3.

איך בין געגאַנגען דורכן קאָרידאָר צום צימער, וואָס איז געווען צו־געגרייט פאַר מיר.

— כאָוועך קאָמאַנדיר, דערלויבט זאָגן...

לעבן מיר איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט, דער זעלבער, וואָס האָט מיך

דער ערשטער גערופן קאָמאנדיר. זיינע האָר, וואָס זיינען נאָך ניט געווען אָפּגעשוירן מיט דער מאַשינקע, האָבן זיך ארויסגעשלאָגן אין פּאַסמעס פון אונטער דער קעפּקע.

— ווי הייסט איר?

— קורבאַטאָוו.

ער האָט זיך געהאַלטן מיליטעריש, אין דער פּאָזע „אַכטונג".

— איר האָט געדינט אין מיליטער?

— ניין, כאַווער קאָמאַנדיר... כ'האָב געדינט אין דער מיליטאַריזיר־טער אייזנבאַן־וואַך.

— איז אַט, כאַווער קורבאַטאָוו, איידער מען ווענדט זיך צום קאָ־מאַנדיר פון באַטאַליאָן, דאַרף מען האָבן אַף דעם א דערלויבעניש פון ראָטע־קאָמאַנדיר... ווענדט זיך צו אים...

— אָבער ער לייגט ניט קיין אַכט אַף מיינע רייד... כ'האָב געוואָלט זאָגן מיקויעך דער וואַך... דער הינטערשטער טויער איז ניט באַוואַכט, די טיר אויך ניט. און אויב פּלוצלינג, כאַווער קאָמאַנדיר...

„א וואוילער יונג", האָב איך א טראַכט געטאָן. מיר איז געווען גע־פעלן זיין ברויזנדיקייט, זיין צודרינגלעכקייט, זיין אָפענער קוק, די אנט־וויקלטע אָרעמס. אָבער געזאָגט האָב איך:

— האַלבן אומדריי!

קורבאַטאָוס פּאָנעם האָט זיך אָנגעצונדן. א מאָמענט איז ער גע־שטאַנען אומאַנטשלאָסן, דערנאָך זיך אומגעדרייט מיליטעריש און אוועק מיטן קאָרידאָר.

איך האָב געזאָגט צו ראַכימאָוון, וואָס איז געשטאַנען דערביי:

— כאַווער שטאַב־שעף באַשטימט דעם סאָלדאַט קורבאַטאָוו ווי א קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג.

עמעצער האָט מיך אָנגערירט פון הינטן. כ'האָב זיך אומגעדרייט און דערזען א האַנט, וואָס האָט זיך אומאַנטשלאָסן אראָפּגעלאָזן.

— כ'האָב זיך שוין געהאַט געווענדט צום ראָטע־קאָמאַנדיר, האָט ער מיר געהייסן זיך ווענדן צו אייך, כאַווער קאָמאַנדיר...

ס'איז געווען א מענטש מיט ברילן. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַ־

געגעניש מיט מורינען. ער האָט געטראָגן א ראָק, דער קראוואט אביסל אָן א זייט, גערעדט האָט ער שמייכלענדיק און ניט־ווויסנדיק וואו אהינצוטאָן די הענט. ניט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז געווען כוידעש יולי, זיינען זיינע הענט ווי אויך זיין בלייך לענגלעך פּאָנעם אינגאנצן ניט געווען אָפּגעברענט.

— כ'בין געווען אין הילפס־דינסט, כאווער קאָמאנדיר, האָב איך אָנגעגעבן מ'זאָל מיך באַשטימען אין באטאליאָן — האָט ער געמאָלדן מיט שטאָלץ. — כ'האָב דערוויזן אז מיט ברילן זע איך אויסגעצייכנט... זעט אפן סופיט... איר באמערקט, כאווער קאָמאנדיר... א פליג! איך זע זי פּערפעקט...

— גוט, כאווער. כ'בין איבערצייגט. ווייטער!

— אָבער אין באטאליאָן, כאווער קאָמאנדיר, האָט מען מיך ווידער צוגעשטעלט צו הילף־דינסט. מען האָט מיר געגעבן א פערד און א וואָגן. איך האָב קיין אנונג ניט, וואָס עס איז א פערד. אגעוו ניט צוליב דעם בין איך אריין אין באטאליאָן... איך בעט, כאווער קאָמאנדיר, אריין אין די רייען... כ'וואָלט וועלן זיין א מעטראַליסט!

דערוויסנדיק זיך זיין נאָמען, האָב איך געזאָגט:

— דאָס קען מען, כאווער מורין. כ'וועל הייסן אייך אריבערפירן. איר קענט גיין!

אָבער, ווייזט אויס, ער איז נאָך ניט געווען איבערצייגט, אז דער איניען איז געענדיקט. עס האָט זיך אים געגלוסט עפּעס צוגעבן.

— כ'האָב געהערט אייער רעדע, כאווער קאָמאנדיר... ס'איז פול־שטענדיק ריכטיק. יעדער אייער באַפעל, כאווער קאָמאנדיר, וועט זיין פאר מיר א געזעץ.

— איר קענט גיין! — האָב איך איבערגעבאַזערט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט פארוואונדערט און, ווי קיינמאָל גאָרניט, ווייטער גערעדט:

— איך בין א מוזיקער, כאווער קאָמאנדיר, אָן אספּיראַנט פון קאָנסערוואטאָריע. אָבער איצטער, כאווער קאָמאנדיר, דארפן מיר אלע שיסן!

און קעדיי צוצוגעבן זיינע רייד מער אָנשווילעכקייט, האָט ער געמאכט באוועגונגען מיט די פינגער. איך האָב א געשריי געטאָן:

— וואָס פאַרא אויפן פון שטיין?!

מורין האָט זיך אוועקגעשטעלט רעגלאַמענטאַריש.

— צוויי מאָל האָב איך אייך געזאָגט: איר קענט גיין! און איר? די שווערסטע זאַך זעט אייך אויס איז שיסן! ניין, כאַווער מורין, דאָס שווערסטע, דאָס האַרבסטע אין מילטער איז: פאָלגן!

מורין האָט געהאַט געעפנט דאָס מויל, געוואָלט עפּעס צוגעבן, אָבער איך האָב ווייטער גערעדט:

— א סאַך מאָל וועט זיך אייך אויסווייזן, אַז דער קאָמאַנדיר איז אומגערעכט, איר וועט וועלן מיט אים דיסקוטירן, אָבער מ'וועט צו אייך א געשריי טאָן: שווייגן! איך זאָג אייך צו. איר קענט גיין.

מורין איז אוועק.

4.

דעם טאָג האָב איך זיך באַקאַנט מיט די קאָמאַנדירן פון די ראָטעס און פעלאָטאָנען, כ'האָב צונויפגעשטעלט א ליסטע פון די סאָלדאַטן. כ'האָב זיך באַשעפטיקט מיט דער וואַך, קאָמוניקאַציעס, פינאַנסן, און שוין גאָר שפּעט בין איך געבליבן אליין.

כ'האָב אַרויסגענומען פון מיין פעלד-טאַש די רעגלאַמענטן פון אינ־פאַנטעריע, מיט וועלכע מ'האָט מיך פאַרזאָרגט אין שטאַב, און גענומען לייענען. דערנאָך האָב איך זיי אוועקגערוקט פון זיך און גענומען טראַכטן.

ווי אַזוי פאַרוואַנדלט מען אין אַזאַ אומגלויבלעך-קורצער צייט זיבן הונדערט מענטשן ערלעכע, טרייע צום פאָטערלאַנד, אָבער אָן מיליטערי־שער אויסשולונג, מענטשן, וואָס זיינען ניט דורך די שול פון מיליטערישער דיסציפלין, ווי אַזוי פאַרוואַנדלט מען זיי אין א שלאַג-קראַפט, וואָס זאָל ביישטיין קעגן דעם סוינע און זאָל אָניאָגן א מוירע אַף אים?

די נאַכט האָב איך געטראַכט וועגן גרויסן קריג, וואוהין דער באַ־טאַליאָן וועט אינגיכן אַוועקגיין, כ'האָב געטראַכט וועגן לעבן און וועגן טויט, וועגן דעם וויכטיקסטן, אָבער אַף וואָס דער געדאַנק שטעלט זיך אָפּ אַזוי זעלטן. כ'האָב זיך דערמאָנט, ווי אַזוי מ'האָט מיך, א פרייען קאַזאַך, א יונגן פערד פון סטעפּ, וואָס פאַרטראָגט ניט די צוים, געמאַכט פאַר א

סאָלדאט. שווער, אומדערטרעגלעך שווער זיינען פאר מיר געווען די ערשטע כאדאָשים אין מיליטער. מיר האָט אויסגעזען דערנידערנדיק צוצולויפן צום קאָמאנדיר, שטיין אויסגעצויגן פאר אים, הערן די קורצע באפעלערישע: „אָן דיסקוסיעס!", „האלב־אומדריי!" אינעווייניק אין מיר האָט אלץ פראָטעסטירט: „פארוואָס אָן דיסקוסיעס? וואָס בין איך — א קנעכט זיינער?" איך פלעג בלייך ווערן, רויט ווערן, פלעג זיין אזעסדיק און זיך ניט אונטערגעבן.

אָבער לעסאָף האָט מען געמאכט פון מיר א סאָלדאט. מ'האָט מיך געשיקט אף מיליטערישע קורסן און מיך אליין געמאכט פאר קאָמאנדיר — אָפיציר פון דער רויטער ארמיי. ביסלעכווייז בין איך געקומען צו דער פארשטענדעניש ווי נייטיק עס איז אָן אומדיסקוטירלעכע, פולע און אבסאָלוטע געהאָרכזאמקייט צום ווילן פון קאָמאנדיר. אף דעם בויט זיך די ארמיי. אָן דעם קענען ניט די מענטשן, אפילע וואָס ליבן אמשטארקסטן דאָס פאָטערלאנד, זיגן אין שלאכט. אָן דעם זיינען די פאָלקן און באטאַליאָנען — א האמוין. איך האָב פארשטאַנען איין זאך: כ'וועל פארלירן מיין באטאליאָן, כ'וועל פארלירן די זיבן הונדערט מאן, וואָס פאנפילאָוו האָט מיר אָנגעטרויט, אויב כ'וועל זיך ניט אויסלערנען זיין הארט, אויב כ'וועל ניט קענען ארויפצווינגען די הארבע מיליטערישע דיסציפלין.

אזוי האָט אין מיר קעסיידער איבערגעכאַזערט מיין באשיידענע אָבער מיזאם דערגרייכטע זעלנערישע פראקטיק. אזוי האָט מיך אָריענטירט דער גענעראל פאנפילאָוו.

אָבער ווי מאכט מען עס וואָס שנעלער? אז מיר האָבן אינגאנצן געציילטע וואָכן... ווי שאפט מען אין דעם קורצן טערמין א קראַפט א דיסציפלינירטע, געשולטע, א גרויזאמע פארן סוינע — א קראפט, וואָס איר נאָמען איז: באטאליאָן?!

דער ערשטער מאַרש

.1

איך וועל דאָ ניט דערציילן די אַלע איינצלהייטן, ווי אַזוי איך האָב געשולט און איינגעאיבט די סאָלדאַטן, ס'וואָלט ווייניק געווען אַ טאָג אויף דעם. כ'וועל נאָר באַשרייבן איין מאַרש.

עס זיינען אַריבער אַ זיבן־אַכט טעג זינט איך האָב איבערגענומען דעם באַטאַליאָן. מיר זיינען שוין געווען אוניפאָרמירט און באַוואָפנט. מיר האָבן שוין געאַרבעט מיט דער ביקס, געגראָבן שוץ־לעכער, געלאָפן, געפּויזעט, מאַרשירט.

אין אָוונט האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל צו מאַכן באַגינען אַ מאַרש פון פופציק קילאָמעטער, דערגרייכן אַ פּונקט אין טאָל פון טייך, איבערנעכטיקן דאָרט און באַגינען פון צווייטן טאָג, דורכמאַכנדיק אָפּסניי די פופציק קילאָמעטער, אומקערן זיך אין טאַלגאַר. ענלעכע שווערע מאַרשן זיינען פאַראָרדנט געוואָרן אויך די אַנדערע באַטאַליאָנען: דער גענעראַל פאַנפילאָוו האָט געוואָלט צוגעוואוינען די דיוויזיע צו באַוועגלעכקייט.

דעם אָוונט פריער האָבן זיך די מענטשן גענומען גרייטן צום פאַרשטייענדיקן מאַרש; זיי האָבן זיך אויסגערוט דורך דער נאַכט, און גאָר באַגינען, נאָך איידער די זון איז אַרויס, איז שוין דער באַטאַליאָן געווען פאָרמירט אין רייען. די רייען זיינען געווען גוט גלייך. אויף די ביקסן האָבן געגלאַנצט די נייע באַגנעטן. די סאָלדאַטן זיינען געווען אין זייער פולער מאַרש־אויסשטאַטונג: מיט צונויפגעוויקלטע שינעלן, מיט אַנטי־גאַז־מאַסקעס, סאַפּיאָרן־רידלען אין גרינלעכע שיידלען, די שטאָלענע קאַסקעס צוגעבונדן צו די ראַנצעס. אויף די לעדערנע פּאַסן, אַראָפּציענדיק זיי לייכט,

זיינען געהאנגען גראנאטן און פאטראנטאשן מיט 120 פאטראָנען פאר יעדער סאָלדאט.

אראפציענדיק זיי לייכט... און בא א סאך — ניט לייכט. מיין אויג האט עס טייקעף באמערקט. כ׳האב געזען שינעלן, וואס זיינען ניט געווען פעסט צונויפגעוויקלט און האבן אויסגעזען ווי געשוואלן; ראנצעס מיט לויזע פאסן; גראנאטן־בייטלען, וואס זיינען געהאנגען איבערן בויך. נאר זייער ווייניק האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער עמעס־זעלנערישער אויס־ריכטונג. צווישן די דאזיקע איז געווען קורבאטאָוו.

ארויסרופנדיק אים פון דער ריי, האב איך געזאגט:

— כאווײירים! אט האט איר פאר זיך א גרופן־קאָמאנדיר, וואס האט צוגעריכט זיין אויסשטאטונג ווי עס געהער צו זיין; אים וועט זיין גרינגער צו מארשירן ווי עמעצן אנדערש. זעט ווי אלץ אף אים איז צוגעפאסט, ווי גוט פארשטייפט ס׳איז זיין פאס. ניט איינמאל האב איך עס אייך דער־קלערט און באוויזן. אבער, ווייזט אויס, מיין שפראך איז ניט גענוג איבער־צייגנדיק פאר אייך. איך וועל מער גארניט זאגן, איך וועל געבן דאס ווארט אייער שינעל, אייער רידל, אייער ראניעץ. זאלן זיי ריידן... איר מיינט, אז זיי האבן קיין לאשן ניט? זיי האבן! און א לאשן א שארפערן ווי מיינער. סאָלדאט גארקושא, אהער!

ס׳איז צוגעלאפן גארקושא מיט דער פלאטשיקער נאז און שטענדיקן שמייכל. זיין גראנאטן־בייטל איז אים געהאנגען פארנט און זיך געטרייסלט באם גאנג.

— ביסט גרייט צום מארש?

— גרייט, כאווער קאָמאנדיר.

— שטעל זיך לעבן קורבאטאָוון. גאָלובצאָוו, אהער!

גאָלובצאָוו האט געהאט צונויפגעוויקלט זיין שינעל אזוי דיק, אז עס האט אים געגרייכט צו דער באק. דער ראניעץ האט זיך אים געגליטשט איבער דער פלייצע.

— ביסט גרייט צום מארש

— גרייט, כאווער קאָמאנדיר.

— שטעל זיך לעבן גארקושקאן.

אף אזא אופן האב איך אויסגעקליבן א צען מאן, אף וועלכע די

אויסשטאַטונג איז ספּעציעל געהאַנגען און איך האָב זיי אַוועקגעשטעלט אין שפּיץ פון דער קאָלומנע.

— באַטאַליאָן, אַכטונג! רעכטס, פאָרויס, מאַרש!

מיר זײַנען אַוועק. איך בין געגאַנגען לעבן די אַרויסגערופענע, אַכ־טונג געבנדיק אַף זיי פון דער זײַט. אַ צען־פופצן מינוט זײַנען זיי געגאַנ־גען לײַכט. די גאַנצע צײַט האָט באַ גאַרקושאַן דאָס גראַנאַטן־בײַטל עטוואָס געקלאַפּט אין די פּיס. לעסאָף האָט זײַן האַנט זיך אַ ציי געטאָן צום בײַטל, קעדיי אָפּצורוקן עס.

— פאַריכט זיך ניט, — האָב איך אים געזאָגט.

גאַלובצאָוו האָט געוואָלט אונטערהייבן זײַן שלעכט־צענויפגעלייגטן שינעל, וואָס זײַן גראָב געוועב האָט אים גענומען רײַבן דעם נאַקן.

אַ דריטן האָט דער רידל געקלאַפּט אין הינטן.

זיי האָבן געהאַלטן אין איין פאַריכטן, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן.

ס'איז אַריבער נאָך אַ צען מינוט, האָט גאַרושקאַ זיך אויסגעבויגן אַף הינטן און אַרויסגערוקט דעם בויך אַף פאָרנט, קעדיי ס'זאָל זיך אים אויפ־הערן צו באַוועגן דאָס גראַנאַטן-בײַטל. באַמערקנדיק מײַן בליק, האָט ער מיט קויעך אַ שמייכל געטאָן. גאָלובצאָוו האָט געדרייט מיטן קאָפּ, פּרוּ־וונדיק מיטן פּאָנעם אָפּשטופּן דעם שינעל. אויך דער ראַניעץ האָט אים אָנגעהויבן שטערן. ער האָט אַרונטערגערוקט אַ האַנט אונטער איין פּאַס און געוואָלט בעגנייווע אַ ציי טאָן דעם ראַניעץ אַרויף. גאַרושקאַ האָט שוין מער נישט געשטופּט דעם בויך פאָרויס; ער איז געגאַנגען אָנגעבויגן אַף אַ זײַט און גענומען אָפּשטיין.

איך האָב באַפוילן:

— גאַרקושאַ לענגערע טריט! ניט אָפּשטיין פון קורבאַטאָוון!

אַזוי זײַנען מיר אָפּגעגאַנגען זעקס קילאָמעטער. איך האָב ווידער אָנגעוויזן די סאָלדאַטן אַף קורבאַטאָווס אויסריכטונג און אַ רוף געטאָן:

— גאַרקושאַ, אהער!

ער איז צוגעלאָפן אַן איינגעבויגענער. אין די רייען האָט מען געלאַכט.

— נו, גאַרקושאַ, אינפאָרמיר! ביסט גרייט צום מאַרש?

אַן אומעטיקער האָט ער געשוויגן.

— האָסט געשמועסט מיטן גראַנאַטן-בײַטל?

— געשמועסט...

— גוט, דערצייל-זשע, וואָס עס האָט דיר געזאָגט.

ער האָט געשוויגן.

— דערצייל, שעם זיך ניט!

— וואָס זאָל איך דערציילן? דער רוס גלויבט ניט אָפן וואָרט, מ׳דאַרף אים לאָזן אַלץ אָנטאַפּן...

— נו, און דו האָסט אָנגעטאַפּט?

— איך ניט, אָבער דאָס בייטל, זאָל עס...

דאָ האָט ער געזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך אָפן פּאַפּיר ניט איבערגעבן. די סאָלדאַטן האָבן געקייכט פאַר געלעכטער און ער האָט געלאַכט צוזאַמען מיט זיי.

כ׳האָב גערופן גאָלובצאָוון. ער איז געווען פאַרשוויצט און זיין נאַקן איז געווען אָנגעגליט אַף רויט.

— איצט, כאַוויירים, קוקט אָן אָט דעם... האָט עפּעס געשמועסט מיט דיר דיין שינעל, דיין ראַניעץ? דערצייל, וואָס זיי האָבן מיט דיר גערעדט...

אויך גאָלובצאָוון האָב איך געצוואונגען צו ריידן פאַר די סאָלדאַטן. אַזוי, איינעם נאָכן אַנדערן, האָב איך באַוויזן די אַלע, וואָס זיינען געמאַטערט געוואָרן פון זייער אויסריכטונג.

— ווערמען איז שווער צו גיין, ווען דער שינעל איז שלעכט צונויפגעוויקלט, דאָס גראַנאַטן-בייטל אָדער דער ראַניעץ איז ניט אָפן אָרט? דעם סאָלדאַט אָדער דעם קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן? ניט איין מאָל האָב איך עס אייך געגעבן צו פאַרשטיין. אָבער איר האָט זיך געווים געטראַכט: „גוט, לאָמיר אים צוליב טאָן, ער שטייט צו אַזוי שטאַרק". און איר האָט עס געמאַכט ווי עס איז. אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ס׳איז ניט געווען פאַר אים, נאָר פאַר זיך. די זאַכן גופא האָבן דאָס שוין איינגעקנעלט מיט אייניקע. איצט, בעיזסן אָפּרו, זאָל זיך יעדער אָפּסנייי צורעכטמאַכן זיין אויסשטאַטונג, און אויב איך ועל זען, עמעצער האָט נאָך מיך אַלץ ניט פאַרשטאַנען, וועל איך אים אַרויסנעמען פון די רייען, ער זאָל זיך דורכריידן מיט די זאַכן, ער זאָל זיך איבערצייגן, אַז די זאַכן האָבן אַ לאָשן, אַ מער ווירקזאַמען ווי מיינער.

נאָכן אָפּרו האָב איך ניט באַדאַרפט אַרויסנעמען קיינעם פון די רייען. קיינער האָט ניט געהאַט קיין כיישעק צו ריידן מיט די זאַכן.

.2

דער באַטאַליאָן האָט ווידער מאַרשירט.

פּופּציק קילאָמעטער אונטער דער יוליזון איז ניט קיין לייכטע שטרעקע, ביפראַט פאַר מענטשן, וואָס זיינען ניט געוואוינט צום גאַנג. די קאָמאַנדירן פון די ראָטעס און די פּאָליטישע קאָמיסאַרן זיינען געגאַנגען פאָרויס פאַר זייערע אָפּטיילונגען. איך איינער האָב געריטן. איך פלעג לאָזן דעם באַטאַליאָן דורכמאַרשירן פאַרביי מיר, דערנאָך פלעג איך גאַ־לאָפּירן צום שפּיץ און ווידער דורכלאָזן פאַר זיך דעם באַטאַליאָן.

איך זע, די ראָטעס ציען זיך אויס, אייניקע הייבן אָן אָפּצושטיין. האָב איך געמאַכט באַמערקונגען די קאָמאַנדירן. אין א געוויסער צייט ארום זע איך עס ווידער. די באַמערקונגען האָבן ניט געהאַט קיין ווירקונג. די קאָלאָנע האָט זיך אויסגעצויגן אַלץ לענגער. איך האָב זיך געווענדט צו די קאָמאַנדירן מיט מער האַרבקייט, — ס'האָט אויך ניט געהאָלפן. אויך דאָ האָבן די ווערטער זיך אַרויסגעוויזן ניט ווירקזאַם. אייניקע קאָמאַנדירן גופא האָבן גענומען אָפּשטיין. איך האָב אַרויסגעריטן פאָרויס און אויס־געשריען:

— איבערגעבן אין דער קאָלאָנע, אַז דער קאָמאַנדיר פון קוילנוואַרפער־אָפּטייל זאָל זיך מעלדן אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע.

אין א פערטל שאָ אַרום איז געקומען צו לויפן א פאַרסאַפּעטער דער לאַנגער קראַיעוו.

— כאַווער קאָמבאַט, איך מעלד זיך לויטן באַפעל.

— פאַרוואָס האָט זיך צעצויגן אייער ראָטע? ווען וועט איר זיך אויסלערנען אָנהאַלטן די דיסטאַנץ? איך האָב ניט בעדייע צו דערמאָנען אייך הונדערט מאָל. ביז איר וועט ניט מאַכן אָרדענונג, וועל איך אייך האַלטן אין איין אַרויסרופן צום שפּיץ פון דער קאָלאָנע. דאָס איז אַלץ. איר קענט גיין.

לויפן ביזן שפּיץ פון דער קאָלאָנע איז ניט קיין לייכטע זאַך, ס'איז קימאַט א קילאָמעטער.

דערנאָך האָב איך אָפּן זעלבן אופן גערופן דעם קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע, סעוורויקאָוו. ס'איז געווען א מענטש שוין ניט קיין יונגער,

א הויפּט־בוכהאַלטער אין א טאַבאַק־פאַבריק אין אַלמאַ־אַטאַ. ווען ער האָט מיך דערגרייכט, איז ער קוים צו זיך געקומען. נאָכן אויסהערן מיך האָט ער געזאָגט:

— ס׳איז שווער די מענטשן, כאַווער קאָמאַנדיר. מ׳וואָלט עפּשער געקענט אוועקלייגן א טייל פון דער אויסשטאַטונג אַף די פורן?

איך האָב געענטפערט:

— שלאָגט זיך ארוים די שטוסערייַ פון קאָפּ!

— אויב אַזוי, וואָס זאָל מען טאָן מיט די אָפּשטייענדיקע? ווי צווינגט מען דעם מענטשן, ווען ער קען ניט?

— וואָס קען ער ניט, אויספירן דעם באַפעל?

סעווריוקאָוו האָט געשוויגן.

אַלע ראָטע־קאָמאַנדירן זיינען צו איין מאָל געווען בא מיר. אָבער אין עק פון סעווריוקאָווס ראָטע האָבן זיך אַלץ געשלעפּט אָפּגעשטאַנענע. איך האָב אים געזען דעם פערציק־יאָריקן מאַרשירנדיק מיד פאָרויס פאַר זיין ראָטע. פון זיינע גראָע שלייפן האָבן אראָפּגערונען איבערן פאַרשטויבטן פּאָנעם שנירעלעך שווייס. איז מעגלעך איך זאָל אים דאַרפן צווינגען לויפן נאָך א מאָל? ס׳איז דאָך אים אַזוי שווער! אָבער, וואָס טוט מען? ער האָט ראַכמאָנעס אַף זיינע מענטשן, איך וועל ראַכמאָנעס האָבן אַף אים, און שפּעטער... וואָס וועט זיין דאָרטן, אין די שלאַכטן?

איך בין אוועק פאָרויס און א געשריי געטאָן:

— קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע צום שפּיץ קאָלאָנע!

דאָס מאָל האָט געווירקט. לאָזנדיק ווידער דורכמאַרשירן די רייען, האָב איך געזען, אַז סעווריוקאָוו איז שוין ניט געגאַנגען פאָרויס, נאָר הינטער זיין ראָטע. זיין אויסזען איז געווען בייזער, ענערגישער און אַפילע זיין שטים האָט זיך געביטן. ס׳איז דערגאַנגען צו מיין געהער זיין האַרב קאָמאַנדעווען. די גאַנצע קאָלאָנע האָט זיך איינגעפּרעסט, די דיסטאַנצן זיינען געווען שאַרף קענטיק, קיינער איז ניט אָפּגעשטאַנען. און אַזוי זיי־נען מיר אין אָרדענונג אָנגעקומען צום באַשטימטן פונקט, האָבנדיק גע־דעקט די פופציק קילאָמעטער אָן איין אָפּגעשטאַנענעם.

אָבער די מענטשן זיינען געווען פאַרמאַטערט. נאָך דער קאָמאַנדע: „צעלאָז די רייען!” זיינען אַלע ווי סנאָפּעס געפאַלן אַפן גראָז. אַלע האָבן

זיך געטראכט: באלד וועט מען פארטיילן דעם מיטאג, וועלן מיר אפעסן און — שלאפן!

אבער — ס'איז ניט געווען אזוי.

.3

בעסיין מארש זיינען אונדז נאכגעפארן, ווי ס'איז איינגעשטעלט, עט־לעכע פעלדקיכן. דאך, ווען מיר זיינען אנגעקומען אפן פלאץ, וואו מיר האבן גענדארפט נעכטיקן, האב איך פאראנדנט ניט צוגרייטן קיין האלץ פאר די קיכן, ניט אריינלייגן די פראדוקטן אין די קעסלען, נאר פונאנדער־טיילן די שפייז רויערהייט צווישן די סאלדאטן: אזויפיל גראם פלייש, אזויפיל מעל, פעטס א. א. וו. פאר יעדן איינעם לויט דער מיליטערישער נארמע.

די קאמאנדירן און סאלדאטן זיינען געבליבן געפלעפט. וואס טוט מען מיט רויע פראדוקטן? א סאך האבן אין זייער לעבן ניט געפרואווט קאכן, קיין אנונג ניט געהאט, ווי אזוי מ'מאכט א זופ.

ס'האט זיך אויפגעהויבן א טומל:

— מיר האבן קיכן! מ'איז מעכויעוו צו קאכן פאר אונדז דעם מיטאג.

איך האב א געשריי געטאן:

— שווייגן! אויספירן דעם באפעל! יעדער סאלדאט גרייט זיך צו אליין זיין מאלצייט!

און אט האבן זיך אין דעם ברייטן קאזאכישן סטעפ אנגעצונדן עט־לעכע הונדערט שייטערס. אייניקע זיינען געווען אזוי מיד, אז זיי האבן זיך געלייגט שלאפן הונגעריקע. בא אנדערע איז פארברענט געווארן דער בראטן, אויסגעלאפן דאס געקעכץ, האבן ארויסגעווארפן מער ווי זיי האבן געגעסן. ס'איז געווען פאר זיי די ערשטע קולינארע לעקציע.

.4

אף מארגן אינדערפרי האב איך ווידער פאראנדנט ניט איינהייצן די קיכן און צעטיילן רויע פראדוקטן. דערנאך האט מען פארמירט דעם באַ־טאליאן און איך האב פאר זיי געהאלטן א רעדע, אומגעפער אזוי:

— ערשטנס. איר, כאווירים, זיינט ניט צופרידן, וואָס דער מאַרש איז אַזאַ לאַנגער און אַזאַ שווערער. דאָס איז געטאָן געוואָרן בעקיוון. מיר וועלן דאַרפן קעמפן; ס'וועט אונדז אויסקומען דורכצומאַכן ניט פופציק, ניט הונדערט, נאָר אַ סאַך הונדערטער קילאָמעטערס. קעדיי אָפּצונאַרן דעם סוינע און דערלאַנגען אים אַן אומגעריכטן קלאַפּ, וועט אונדז אויסקומען צו מאַכן לענגערע און שווערערע מאַרשן ווי דער איצטיקער. אָט דאָס זיינען דערווייל נאָר בלימעלעך, די פּיירעס וועלן קומען שפּעטער. אַזוי האָט געהאַרטעוועט זיינע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהאַט אַ נאָמען „וואונדער־קעמפער", דער רומפולער מאַרשאַל סואווראָוו. ער האָט אונדז געלאָזן אַ צוואָע: „שווער די שול, לייכט די שלאַכט". איר ווילט קעמפן ווי באַ סואווראָוון? ווער עס וויל ניט, צוויי טריט פאָרויס!

קיינער איז ניט אַרויס פון די רייען. איך האָב ווייטער גערעדט:

— צווייטנס. איר זיינט אומצופרידן, וואָס האָבנדיק מיט אונדז קיכן, האָב איך געהייסן אויסטיילן אייך רויע שפּייז און געצוואונגען אייך, אויסגעמאַטערטע, צו קאָכן אַליין די קעסלעך. דאָס איז אויך געמאַכט געוואָרן בעקיוון. איר מיינט, אַז אין שלאַכט וועט איר שטענדיק האָבן די קיך באַ דער זייט? איר האָט אַ טאָעס! אין די שלאַכטן ווערן די קיכן אָפּגעשניטן, זיי שטייען אָפּ. ס'וועלן זיין טעג, ווען ס'וועט אייך אויסקומען הונגערן. הערן עס אַלע? איר וועט ליידן הונגער, איר וועט ניט האָבן צום רייכערן. דאָס פאַרזיכער איך אייך! דאָס איז מילכאָמע. אַזוי איז דאָס לעבן פון אַ סאָלדאַט, וואָס פאַרטיידיקט זיין פאָטערלאַנד. אַמאָל פול ביזן האַלדז, אַמאָל מיט אַ ליידיקן בויך. האַלט אויס, פאַרליר ניט די ערע פון אַ זעלנער! האַלט דעם קאָפּ אַזוי! יעדער דאַרף קענען קאָכן. וואָס פאַרא סאָלדאַט ביזטו, וואָס פאַרא קעמפער, ווען דו קענסט זיך אַ זופּ ניט מאַכן! איך ווייס, אַז אַ סאַך פון אייך האָבן קיינמאָל ניט געפּרואווט קאָכן. אַ סאַך זיינען געווען געוווינט אַריינגיין אין רעסטאָראַן און אַ רוף טאָן: „קעלנער, אַ גלאָז ביר און אַ ביפשטעק!" און דאָ פּלוצלינג אַנשטאָט אַ ביפשטעק — אַ מאַרש פון פופציק קילאָמעטער און דערצו עטלעכע און דרייסיק קילאָ סאָלדאַטסקן באַגאַזש אויף זיך, דערצו נאָר קאָכן אַליין דעם מיטאָג אין אַ קעסעלע! קאָכנדיק די קעסעלעך האָט איר געפּילט אַ סינע צו מיר? ניט עמעס?

ס'האָבן זיך דערהערט שטימען: „עמעס, כאַווער קאָמאַנדיר, עמעס!"

צווישן מיר און די סאָלדאַטן איז דורכגעלאָפן אַ פונק, ס'האָט זיך איינגעשטעלט אַ שטראָם. איך האָב זיי פאַרשטאַנען, זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם קאָמאַנדיר. ווען איר ווייסט, ווי ליב פאַרן הארצן עס איז אָט דער דאָזיקער פונק!

מיר האָבן אונטערגענומען דעם צוריקמאַרש.

.5

צו אונדזער לאַגער איז טאַלגאַר האָט געפירט אַן אויסגעצייכנטער שאָסיי געדעקט מיט זשוויר. ס'איז לייכט צו גיין איבער אַזאַ וועג. ס'איז לייכט? אויב אַזוי — צום טייוול דעם וועג! וועט אונדז דען אין דער מילכאָמע אויסקומען צו גיין שטענדיק איבערן זשוויר?

איך האָב געהייסן אָפּנייגן אַ 100־200 מעטער אָן אַ זייט. זיינען פאַראַן שטיינער אַפן וועג, גיי איבער די שטיינער. זיינען פאַראַן גראָבנס, קריך איבער די גראָבנס; איז פאַראַן זאַמד, שפּרייז דורכן זאַמד.

ס'איז געווען אַ טאָג אָן אַ ווינט. די זון האָט געבאַקט אָן ראַכמאָנעס. ס'האָט אויסגעזען ווי די לופט וואָלט זיך געכוואַליעט. דאָס פּאַסירט אַמאָל: פון דער אָנגעגליטער ערד הייבן זיך דורכזיכטיקע שטראָמען. מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען ניט באַם ברעג פון אַ טייכל אָדער אין אַ וועלדל, נאָר אונטער דער גליענדיקער זון. איך האָב געוואוסט, אַז ס'איז פּיינלעך פאַר די מענטשן... אָבער איך האָב געוואוסט נאָך אַ זאַך: אַזוי איז נייטיק צוליב דער מילכאָמע, אַזוי איז נייטיק צוליבן זיג.

נאָענט פון טאַלגאַר האָט אונדז דערגרייכט, רייטנדיק אויף אַ קליינעם אוראַלער פערדל, דער גענעראַל פּאַנפילאָוו. ער איז אַרויס אַנטקעגן דעם צוריקומענדיקן באַטאַליאָן.

דערזעענדיק דעם גענעראַל, האָבן זיך אַלע אויסגעגלייכט. די ראָטעס זיינען אונטער דער קאָמאַנדע אוועק מיטן פאַראַד־מאַרש. די מידע סאָלדאַטן האָבן, שטעלנדיק ריטמישע טריט, שטאָלץ געהאַלטן הויך די קעפּ: אָט אַזוי זיינען מיר!

פּאַנפילאָוו האָט געשמייכלט. פון זיינע קליינע אויגן זיינען איבערן אָפּגעברענטן פּאָנעם געלאָפן קליינינקע קנייטשעלעך. אויפשטעלנדיק זיך אין די זאָטל־רינגען, האָט ער אויסגעשריען:

— איר מאַרשירט גוט! אַ דאַנק, כאַווײרים, פאַר דער דינסט!
— מיר דינען דעם ראַטנפאַרבאַנד!

דער באַטאַליאָן האָט אַזוי שטאַרק אַ רעווע געטאָן, אַז דעם גענעראַלס פערד האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אָן אַ זײַט. פּאַנפילאָװ האָט ניט ווילנדיק אָנגעצויגן די לייצעס, געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך צעלאַכט.

אויך איך האָב צוזאַמען מיטן באַטאַליאָן אויסגעשריען די ווערטער. ניט נאָר דעם גענעראַל האָב איך געענטפערט אַזוי. יעדן סאָלדאַט, יעדן קאָמאַנדיר, מײַן אייגענעם געוויסן, יעדערן וואָס וואָלט מיך פרעגן הויך אָדער שטיל: „פאַרוואָס ביזטו אַזוי שטרענג?“ וואָלט איך מיט שטאָלץ געענטפערט מיט די זעלביקע ווערטער: „איך דין דעם ראַטנפאַרבאַנד!“.

מיר זײַנען צוריקגעקומען צום טערמין.

איך האָב באַטראַכט די ראָטעס, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטעלט אַרום מיר אין אַ פּירעק. די סאָלדאַטן זײַנען געווען אָפּגעצערט, פאַרשוואַרצט, די בלוזעס דורכגעווייקט מיט שוויס, די שיך פאַרשטויבט, די ביקסן צוגעשטעלט צו די פיס. זיי זײַנען געווען אויסגעמאַטערט. דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן געוואָלט איז אָװעקלייגן זיך, אָבער זיי האָבן געדולדיק געוואַרט אַף אַ באַפעל, און באַגלײַטנדיק דעם בליק פון קאָמאַנדיר, האָבן זיי זיך אונטערגעצויגן מיט אויפגעהויבענע אַקסלען.

דאָס זײַנען שוין ניט געווען יענע מענטשן, וואָס האָבן מיט אַ וואָך צוריק צום ערשטן מאָל זיך פאָרמירט אין רייען. אויך ניט יענע, וואָס זײַנען אין דער שפּאַגל־נײַער אויסשטאַטונג, אומבאַהאָלפן צוגעריכט, אַרוםמאַרשירט באַגינען אין זייער ערשטן גרויסן אויספלוג. איצט זײַנען זיי געווען סאָלדאַטן, וואָס האָבן דורכגעמאַכט מיט קאָוועד זייער ערשטע מיליטערישע פּראַקטיק.

„שלעכט, כאַווער מאַמיש-אולי!“

1.

איך וואָלט אייך וועלן דערציילן נאָך אַ סאַך, ווי אַזוי מיר האָבן זיך געגרייט צו די שלאַכטן, ווי אַזוי דער גענעראַל פּאַנפּילאָוו פלעגט באַזוכן דעם באַטאַליאָן, ווי אַזוי ער פלעגט שמועסן מיט די סאָלדאַטן און זיי און מיר שטענדיק איבערכאַזערן: „דער זיג ווערט אויסגעשמידט איידער דער שלאַכט“.

אָבער... מיר'ן דאָס לאָזן.

לעסאָף איז געקומען דאָס דאָזיקע, צוליב וואָס מיר האָבן גענומען די ביקסן אין די הענט און געלערנט די זעלנערישע מעלאָכע; צוליב וואָס מען שטייט אין „אַכטונג“ פאַרן קאָמאַנדיר, מען ווידערשפּרעכט אים קיינמאָל ניט און מען פאָלגט. ס'איז געקומען דאָס, וואָס הייסט — די שלאַכט.

אָנגעקומען צו מאָסקווע, האָבן מיר פאַרנומען אַ ליניע נאָענט פון וואָלאָקאָלאַמסק. צו דער דאָזיקער ליניע איז דעם דרייצנטן אָקטאָבער אַרויס דער סוינע: אַ באַנדיטישע אַרמיי, אַ מאָטאָריזירטע און געשולטע, וואָס האָט דורכגעבראָכן אונדזער פראָנט ווייט אַף מאַירעוו, און האָט איצט דערלאַנגט איר שטויס אַף מאָסקווע, דעם לעצטן שטויס, ווי די דייטשן האָבן געמיינט, אין זייער בליצקריג.

דעם זעלבן טאָג, דעם דרייצנטן, ווען דער אויסשפּיר־פּעלאָטאָן האָט געמאָלדן צום ערשטן מאָל, אַז די דייטשן געפינען זיך קעגנאיבער אונדז, איז געהאַט געקומען צו אונדז, ווי איר ווייסט שוין, דער גענעראַל פּאַנ־פּילאָוו.

אויסגעטרונקען צוויי גלעזער שטאַרקן הייסן טיי, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף זייגער און געזאָגט:

— אַ דאַנק, כאַווער מאַמיש-אולי, ס'איז גענוג. לאָמיר גיין צו דער ליניע.

מיר זיינען אַרויס. ניט ווייט, באַם ברעג פון וואַלד האָט געוואַרט זיין אויטאָמאָביל. די הינטערשטע רעדער זיינען געווען פעסט אַרומגעוויקלט מיט קייטן. צווישן די רינגען האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמלט שמוציקער צו־נויפגעפרעסטער שניי.

אַלץ אַרום איז געווען באַדעקט מיט שניי. בעמעשעך פון די לעצטע טעג האָט זיך איינגעשטעלט אַ שליטן־וועטער. ס'האָט עטוואָס געפרירן. פון פאַרדעקטן הימל האָט שוין געהאַט פאַרשוואונדן דער ליכטיקער פלעק, הינ־טער וועלכן ס'האָט זיך פאַרשטאַנען מיטאָגצייט די זון. אויפן האָריזאָנט האָבן זיך געמערקט לייכטע געלבלעכע טענער, אָבער אין דער ווייסקייט פון שניי האָט דער אויג אויסגעזען העל.

אין פינף מינוט זיינען מיר געווען אויף דער פּאָזיציע פון דער צווייטער ראָטע. פּאַנפילאָוו איז לייכט אַריינגעשפּרונגען אין די שוצגראָבנס, אַריין אונטער די דעקונגען, באַטראַכט דעם שעטעך דורך די שיסלעכער, גע־פּרוווט שיסן, אויסגעפרעגט די סאָלדאַטן, ווי זיי עסן, צי זיי האָבן גענוג צום רייכערן. ענטפערנדיק אויף די פראַגן, האָבן די סאָלדאַטן געקוקט אויף אים מיט דורשטיקע אויגן. איבער די ליניעס האָט זיך געהאַט פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז די דייטשן זיינען שוין נאָענט. פּאַנפילאָוו האָט געשמועסט, געוויצלט זיך, אָבער די סאָלדאַטן האָבן אַלץ אויסגעקוקט דער גענעראַל זאָל זיי זאָגן עפּעס ספּעציעל פאַר דער שלאַכט, עפּעס אַזעלכע ווערטער, פון וועלכע דעם סוינעס קראַפט זאָל פאַרלירן איר גרויזאַמקייט.

נאָכן באַזוכן עטלעכע שוצגראָבנס איז פּאַנפילאָוו געגאַנגען שווייגנ־דיק באַם ברעג פון טונקעלן רוזאַ, וואָס איז נאָך ניט געווען פאַרפראָרן. ער האָט געקוקט אַראָפּ, ווי שטענדיק, ווען ער האָט געטראַכט.

ס'איז צוגעלאָפן צום גענעראַל, אויפן וועג צורעכטמאַכנדיק דאָס היטל, פון אונטער וועלכן ס'האָבן אַרויסגעקוקט די גרוילעכע שלייפן, דער קאָ־מאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע, סעווריוקאָוו. הינטער אים, אָנהאַלטנדיק אַ דיסטאַנץ פון דריי־פיר טריט, זיינען געלאָפן עטלעכע סאָלדאַטן. אויס־הערנדיק זיין רעגלאַמענטאַרע מעלדונג, האָט פּאַנפילאָוו געפרעגט:

— און ווער איז עס די סוויטע הינטער אייך?

— מיינע פּאַרבינדלער, כּאַוועך גענעראַל.

— און זיי לויפן אַזוי אומעטום הינטער אייך?

— ווי דען אַנדערש, כּאַוועך גענעראַל? טאָמער פּלוצלינג פּאַסירט עפּעס...

— גוט... זייער גוט... אויך די גראָבנס אייערע, כּאַוועך סעווריוקאָוו, זיינען געמאַכט געוואָרן מיט אַ טאַלק.

דער ניט־יונגער פּאָנעם פון געוועזענעם הויפּט־בוכהאַלטער האָט זיך פּאַרויטלט פון פאַרגעניגן.

— כ'האָב געטראַכט אַזוי, כּאַוועך גענעראַל, — האָט ער מעיושעוודיק געזאָגט, — עפּשער וועט איר ווענן צונויפזאַמלען די ראָטע, זיי עפּעס זאָגן, זיינען מיינע פּאַרבינדלער שוין דאָ. זיי זיינען, כּאַוועך גענעראַל, גוטע לויפער. אויב דער כּאַוועך גענעראַל וועט באַפעלן, וועט די ראָטע אין צען מינוט זיין דאָ.

פּאַנפילאָוו האָט ארויסגענומען דעם זייגער און אַ טראַכט געטאָן.

— אין צען מינוט? דאָ?

— יאָ, כּאַוועך גענעראַל.

— גוט. זייער גוט... און זאָגט מיר, כּאַוועך סעווריוקאָוו, אין וויפל מינוט קענט איר צונויפזאַמלען אייער ראָטע דאָרטן?

אויסדרייענדיק זיך שנעל האָט פּאַנפילאָוו אָנגעוויזן אַף יענער זייט פון טייך.

— דאָרטן? — האָט איבערגעפרעגט סעווריוקאָוו.

— יאָ...

סעווריוקאָוו האָט געקוקט אַפן גענעראַלס פינגער, דערנאָך צום פונקט, וואו דער פינגער האָט געוויזן. ס'איז נאָך געווען גענוג ליכטיק צו באַמערקן: דער פינגער האָט אָנגעוויזן דעם וואַלד אַף יענער זייט רוזא. אָבער סעווריוקאָוו האָט פונדעסטוועגן געפרעגט:

— אַף יענער זייט?

— יאָ, יאָ... אַף יענער זייט, כּאַוועך סעווריוקאָוו.

סעווריוקאָוו האָט געקוקט אַפן שוואַרצן, נאָך ניט פאַרפראָרענעם וואַסער, האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַהין, וואו מיט אַנדערהאַלבן קילאָמעטער ווייטער איז געווען באַהאַלטן אַ בריק הינטערן אויסבייג פון ברעג,

האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע און אומגעשיקט אויסגעשנייצט די נאָז און ווידער געקוקט אַפן וואַסער.

פּאַנפּילאָוו האָט שווייגנדיק געוואַרט.

— איך ווייס ניט, כאַווער גענעראַל... דורכן שטראָם? אין דער מיט וועט דאָס וואַסער דערגרייכן ביזן גאַרטל. די מענטשן וועלן זיך אויסנעצן.

— ניין, צו וואָס אויסנעצן זיך? ס'איז דאָך ניט זומער... לאָמיר זען, צי קענען מיר קעמפן ניט אויסנעצנדיק זיך. נו, כאַווער סעווריוקאָוו, אין וויפל מינוט?

— כ'ווייס ניט... דאָס איז שוין ניט קיין איניען פון מינוטן.

פּאַנפּילאָוו האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר:

— שלעכט, כאַווער מאָמיש־אולי, — האָט ער שאַרף אָפּגעציילט די ווערטער.

צום ערשטן מאָל האָט מיר פּאַנפּילאָוו געזאָגט: „שלעכט“. דאָס האָט קיין איין מאָל ניט פּאַסירט פריער, אויך ניט שפּעטער, בעיס די שלאַכטן בא מאָסקווע.

— שלעכט, — האָט ער איבערגעכאַזערט. — פאַרוואָס זיינען ניט צוגעגרייט געוואָרן קיין בריקלעך? פאַרוואָס איז ניטאָ קיין פּליטן, ניט קיין שיפלעך? איר האָט זיך פאַרגראָבן אין דער ערד מיט טאָלק, מיט סייכל... איצט וואַרט איר דער דייטש זאָל קומען און דערלאַנגען אַ קלאַפּ. אָבער דאָס איז שוין גאָר ניט סייכלדיק. און אויב ס'וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט פאַר אייך צו דערלאַנגען אים אַ קלאַפּ? זיינט איר צוגעגרייט צו דעם? דער סוינע איז געוואָרן כוצפּעדיק, איינגעגלויבט אין זיך. דאָס דאַרף מען אויסנוצן. איר, כאַווער מאָמיש־אולי, האָט וועגן דעם ניט געטראַכט.

ער האָט גערעדט שטרענג, אָן דער געוויינלעכער ווייכקייט, ניט פאַר־גלעטנדיק דאָס מאָל מיט קיין זאַך זיין שאַרפקייט. איך בין געשטאַנען שטייף און אַ פאַרוויטלטער אויסגעהערט דעם פאַרוואָרף.

.2

דער גענעראַל האָט זיך ווידער געווענדט צו סעווריוקאָוון:

— ס'הייסט, כאַווער סעווריוקאָוו, אַז צונויפזאַמלען דאַרטן שנעל די

ראָטע קענט איר ניט? שלעכט... נו, און בייטן דעם פלאַנק פון די פּאָזי־ציעס, וויפל צייט וועט עס אייך נעמען?

— בייטן דעם פלאַנק? אָפּ צו פארנעמען וועלכע ליניע, כאָווער גע־נעראַל?

פאַנפילאָוו האָט אָנגעוויזן די זייט פון וואַלד, וואו ס'איז געווען פאַר־שטעקט דער שטאַב פון באַטאַליאָן.

— אָט דאָ האָט איר אַ ליניע, כאָווער סעוורויקאָוו, פון וואַלד ביזן ברעג טייך... די אויפגאַבע איז: באַשיצן דעם באַטאַליאָן פון פלאַנק.

סעוורויקאָוו האָט געטראַכט:

— פון פופצן ביז צוואַנציק מינוט, כאָווער גענעראַל.

— איר טראַכט ניט אויס? לאָמיר זען, לאָמיר זען... פאָראָרדנט, כאָ־ווער סעוורויקאָוו, איך מערק אָפּ די צייט.

סעוורויקאָוו האָט סאַלוטירט, זיך אומגעדרייט און נישט געאיילט צוגעגאַנגען צו זיינע פאַרבינדלער. אַ האַלבע מינוט האָט ער באַטראַכט שווייגנדיק דעם פּלאַן. מיט מיין בליק האָב איך צו אים געשריען: „וואָס טראַכסטו? שנעלער! שנעלער!" און פלוצלינג האָב איך דערהערט אַ היי־זעריקלעכן שעפּטשע: „ער געפעלט מיר, דער יונג, ער טראַכט." פאַנפי־לאָוו האָט עס געזאָגט מיט אַ שמייכל. זיין פּאָנעם איז שוין נישט געווען שטרענג. מיט אינטערעס האָט ער נאָכגעקוקט סערוויקאָוון.

דערווייל האָט שוין סעוורויקאָוו אָנגעוויזן די אָריענטאַציע זיינע פאַרבינדלער. צו אונדז האָט זיך דערטראָגן:

— דער פּלאַטאָן פון די קוילנוואַרפער באַשיצט, דערנאָך ציט זיך צוריק דער לעצטער... מוראַטאָוו, שנעל!

נישט באַהערשנדיק זיך האָט פאַנפילאָוו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דער פּערציקיאָריקער לייטענאַנט, דער געוועזענער הויפּט־בוכהאַלטער פון דער טאַבאַק־פאַבריק, איז אים קענטיק געווען געפעלן.

דערווייל איז מוראַטאָוו, אַ קליינער און פעסטער טאַטער, שוין גע־פלויגן לענגאויס דעם ברעג, וואַרפנדיק שטיקער שניי מיט זיינע שטיוול. נאָך אים איז אַוועקגעלאָפן דער צווייטער אין אַן אַנדער ריכטונג, דערנאָך דער דריטער. צום וואַלד איז געלאָפן דער הויכער בעלוויצקי, אַ סטודענט פון טעכניש־פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ סלופּ אָפּ דער ליניע, וואָס דער גענעראַל האָט אָנגעוויזן. מיר איז דורך

אין געדאַנק: „אַ טאָעס! אַזוי ווּעסטו זיך נישט איינהאַלטן אַנטקעגן אָנ־גריף", אָבער סעווריוקאָוו האָט אים שוין העפּטיק מיט דער האַנט געמאַכט צייכנס, ער זאָל זיך איינבייגן. בעלוויצקי האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט זיך סעווריוקאָוו איינגעבויגן, און יענער האָט זיך געגעבן רעכענונג.

דערווייל האָט מען דורך דער פינצטערניש, וואָס איז געוואָרן אַלץ געדיכטער, דערזען די ערשטע קייט מענטשן, וואָס איז געלאָפן צום וואַלד. כ'האָב דערקענט גאַליולינס מעכטיקע פיגור, וואָס איז אינעם לויפן געווען געבויגן איבערן קוילנוואַרפער, וועלכע איז אָבער אויך אין דער לאַגע געווען העכער פון אַלע. דער קוילנוואַרפער־פעלאָטאָן האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד.

פאַרביי אים זיינען דורכגעלאָפן די שיסער. זייערע ביקסן מיט די אַרויפגעזעצטע באַגנעטן האָבן זיך פון דאַנען קוים אָנגעזען. און אַט פאַלן זיי שוין אויפן שניי, ווען אויפן ווייסן פעלד באַווייזט זיך אַ שוואַרצער פּונקטיר פון אַ נייער דעפענזיווער ליניע.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער זייגער, וואָס פאַנפילאָוו האָט געהאַלטן אין דער האַנט און ווען־ניט־ווען געכאַפּט אַ קוק אויף אים, האָט געשלאָגן די סעקונדעס אין מיר. יעדער שלאָג האָט געקלונגען: גוט! גוט! גוט! איר קענט מיך פאַרשטיין? ס'איז דאָך געווען מיין באַטאַליאָן, מיין ווערק, וואו איך האָב אַריינגעלייגט אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, דער באַטאַליאָן, וועגן וועלכן איך האָב לויטן רעגלאַמענט געקענט זאָגן „איך". און גלייך האָב איך אַ טראַכט געטאָן: „וועלן מיר קענען אַזוי מאַנעווורירן אויך אונטער די קוילן־אויסלאָדונגען, ווען איבערן פעלד וועט זיך טראָגן דער דונער און פייער פון באָמבעס־ און מינעס־אויפרייסן? וואָס וועט געשען, אויב עמעצער, באַהערשט פון פּאַניק, וועט אַ געשריי טאָן: „מ'רינגלט אונדז אַרום!" און זיך לאָזן לויפן צום וואַלד? וואָס וועט געשען, אויב די אַנדערע וועלן זיך אָנשטעקן און נעמען לויפן נאָך אים? ניין, ניין, אַזאַ איינעם פאַרניכטן די קאָמאַנדירן אויפן אָרט, די סאָלדאַטן אַליין דערשיסן אים!

דערווייל זיינען שוין דורכגעלאָפן סאָלדאַטן פאַרביי אונדז און זיך געוואָרפן אויף דער ערד נישט ווייט. טייקעף האָבן גענומען אַרבעטן זייערע רידלען און אָנגעוואָרפן אַנטקעגן בערגלעך שניי. צו סעווריוקאָוון זיינען צוריקגעקומען זיינע פאַרבינדלער.

אפֿן פעלד, שוין אײַנגעהילטן אין װיאָלעטע טענער, האָט זיך װידער באַװיזן גאַליולינס פיגור מיטן קוילנװאַרפער אַפֿן פּלײצע. די מעטראַ־ליסטן, װאָס האָבן באַשיצט די ראָטע באַם בײטן די פּאָזיציע, האָבן זיך צוריקגעצויגן און פאַרנומען זײער פּלאַץ אין די רײען. עמעצער איז גע־לאָפֿן אַ פאַרשפּעטיקטער. סעװריוקאָװ האָט אים נאָכגעפאָלגט מיטן בליק, און װען אױך אָט דער האָט זיך געװאָרפן אַפֿן שנײ, איז סעװריוקאָװ צו־געגאַנגען צו פּאַנפּילאָװן:

— כּאָװער גענעראַל! אין העסקעם מיטן באַפעל האָט די ראָטע דורכגעפירט אַ פלאַנקען־טויש פון דער פּאָזיציע. די שוץ־ליניע, װאָס איר האָט אָנגעװיזן, איז פאַרנומען!

פּאַנפּילאָװ האָט צוגעזשמורעט די אױגן און אַ קוק געטאָן אַפֿן זײגער:

— װאונדערלעך! — האָט ער אויסגערופן. — אכצן מיט אַ האַלבע מינוט. אויסגעצײכנט, כּאָװער סעװריוקאָװ. אויסגעצײכנט, כּאָװער מאָ־מיש־אולי... איצט װעל איך נישט אָװעקגײן, נישט באַדאַנקענדיק די סאָלדאַטן. יאָ מיט אַזאַ כּעװרע װעלן מיר זיך נישט אונטערגעבן די דײטשן. אַ נישט, צו װאָס װאָלטן מיר געטױגט? דאַרפן מיר דען אַנדערע סאָל־דאַטן? נעמט צונויף די ראָטע אַהער, כּאָװער סעװריוקאָװ.

װידער זײַנען אַװעקגעלאָפן די פאַרבינדלער. שנעל האָט זיך די ראָטע לויפנדיק פעלאָטאָנענװײז צונויפגעזאַמלט נאָענט פון גענעראַל. סעװריו־קאָװ האָט אויסגעגלײכט די רײען, אַ קאָמאַנדע געטאָן: „אכטונג!" און ראַפּאָרטירט דעם גענעראַל.

פּאַנפּילאָװ האָט נישט ליב געהאַט צו האַלטן רעדעס. ס'איז אים בע־סער געפעלן צו שמועסן מיט די סאָלדאַטן, אויסגעזעצט אַרום אים. אָבער דאָס מאָל האָט ער פאַר די סאָלדאַטן געהאַלטן אַ רעדע, עמעס זײער אַ קורצע, װאָס האָט גענומען נישט מער װי אַ צװײ־דרײ מינוט. נישט באַ־האַלטנדיק זײַן פרײד, האָט ער זײ געלויבט.

— װי אַן אַלטער סאָלדאַט, װעל איך אײַך זאָגן, כּאַװײרים, — האָט ער געזאָגט, נישט אויפהײבנדיק זײַן שטים, — אַז מיט אַזעלכע קעמפער װי איר, איז פאַרן גענעראַל קײן זאַך נישט שרעקלעך.

אפילו נישט זעענדיק זײַן פּאָנעם, האָט זיך געלאָזט פילן פון זײַן טאָן, אַז ער שמײכלט. נאָך אַ רעגע שװײַגן האָט ער געפרעגט, װענדנ־דיק זיך צו זיך אַלײן:

— וואָס איז אַ סאָלדאַט? דער סאָלדאַט איז צו אַלעמען געהאָרכ־זאַם, אַנטקעגן יעדן קאָמאַנדיר שטייט ער אין „אַכטונג”, פירט אויס באַ־פעלן. ער איז דער „נידעריקער גראַד” ווי מ׳פלעגט אַמאָל זאָגן.

אָבער וואָס איז אַ באַפעל אָן דעם סאָלדאַט? דאָס איז אַ געדאַנק, אַ שפּיל פון סייכל, אַ טרוים. דער בעסטער און קלוגסטער באַפעל וועט בלייבן נישט מער ווי אַ טרוים, אַ פאַנטאַזיע, אויב דער סאָלדאַט איז שלעכט צוגעגרייט. די מיליטערישע צוגרייטונג פון דער אַרמיי, איז קוידעם קאָל די צוגרייטונג פון סאָלדאַט. אין דער מילכאָמע איז דער סאָלדאַט די דעציזידירנדיקע קראַפט. ווען אַ ראָטע פירט דורך אַן אַקציע אַזוי, ווי איר האָט עס נאָר וואָס דורכגעפירט, ווען זי פירט אויס אָט אַזוי אַ באַפעל, דאַמאָלסט... דאַמאָלסט וועט דער דייטש נישט זען מאַסקווע! אַ דאַנק, כאַווײַרים, פאַר אייער אויסגעצייכנטער צוגרייטונג! אַ דאַנק פאַר אייער דינסט!

איבערן פעלד האָט אָפּגעדונערט:

— מיר דינען דעם ראַטנפאַרבאַנד!

און ווידער איז צוגעפאַלן אַ טיפע שטילקייט.

— אַ דאַנק, כאַווער סעווריוקאָוו, — האָט געזאָגט דער גענעראַל, דריקנדיק די האַנט דעם ראָטע־קאָמאַנדיר. — מיט אַזעלכע אָדלערס פיל איך זיך אויך ווי אַן אָדלער.

אין דער שטילקייט זײַנען די ווערטער געהערט געוואָרן פון אַלעמען.

און ווידער האָט זיך געפילט אין זײַן טאָן, אַז ער האָט געשמייכלט.

ס׳האָבן אויך געשמייכלט די סאָלדאַטן. עס פּאַסירט אָפטמאָל, אַז אַ שמייכל פילט זיך דורך דער פינצטערקייט און שטילקייט. אָבער אין דעם טאָקע איז באַשטאַנען מײַן צאָרע, מײַן זאָרג, ווײַל נאָך דעם פאָרוואורף, וואָס האָט מיך צערודערט, האָב איך דעם אָוונט נישט געפילט קיין צו־זאַמענגוס מיט די סאָלדאַטן, ווען וואָס איך האָב אייך שוין דערציילט, און וואָס איז נישט איין מאָל דערגאַנגען צו מיר ווי אַ פאַרגיטיקונג. איך האָב נישט געזען די פּנעמער. מעגלעך, אַז די מענטשן האָבן געשמייכלט, אָבער ס׳קען זײַן, אַז זיי האָבן זיך נאָך אַלץ געפילט דערדריקט און אומ־צופרידן, אַז זיי האָבן נאָך אַלץ דערוואַרט פון גענעראַל עפּעס אַ ספּעציעלן וואָרט, אַ וואָרט, וואָס העלפט אַרויס אין שלאַכט, ניט פאַרשטייענדיק, אַז דאָס וואָרט איז שוין געזאָגט געוואָרן.

איך האָב נישט געפילט דעם אָטעם פון דער ראָטע, נישט געזען איר געזיכט. אָט דאָס צוזאַמען מיטן פאַרוואורף איז געווען א שטראָף פאַר עפּעס א גרויסן פעלער. אין וואָס איז באַשטאַנען דער פעלער?

איך האָב אויפגעזוכט אין מיין געדאַנק דעם גענעראַלס ביטערע ווערטער! „איך זע נישט אפילו די אידייע דערפון", האָט ער געזאָגט, אָנמערקנדיק מיט א פּייקל א קלאַפּ קעגן דעם סוינע. יאָ, פאַראַן עפּעס, וועגן וואָס איך האָב נישט געטראַכט, עפּעס, וואָס איך האָב נישט אָפּגעטאָן. און נישט נאָר אין דער דיספּאָזיציע פון מינען־פעלדער און אין די מיט־לען צו קרייצן דעם טייך, נאָר אויך אין די נעשאָמעס פון די סאָלדאַטן. אָבער וואָס איז עס אַזוינס? וואָס איז עס? אָ, דאָס איז דער זיג, נאָר א זיג אין א שלאַכט — אָט וואָס מיר דאַרפן!

איך האָב באַגלייט דעם גענעראַל ביז צום אויטאָמאָביל.

— מאַכט געהיימע אויסשפּירונגען, — האָט ער געזאָגט שוין מיט דעם פוס אפן טרעפּל. — שיקט קעסיידער די מענטשן פאָרויס. ס'איז נישט נייטיק, זיי זאָלן ליגן שטענדיק איינגעגראָבן אין דער ערד. זאָלן זיי זען די דייטשן נאָך פאַר דער שלאַכט.

ער האָט מיר געגעבן די האַנט צום געזעגענען זיך, און פאַרהאַלטנדיק מיין האַנט אין זיינער, האָט ער געזאָגט:

— איר ווייסט, כאָוועך מאָמיש-אולי, וואָס עס פעלט דעם באַטאַ-ליאָן? דערלאַנגען א שמיץ די דייטשן!

עס האָט אין מיר א צאַפּל געטאָן. ס'איז געווען פּונקט דאָס, וואָס איך האָב אַזוי געוואָלט.

— דאַמאָלסט, כאָוועך מאָמיש־אולי, וועט עס נישט זיין קיין באַ־טאַליאָן... ס'וועט זיין דאַמעשקער שמאָל! איר ווייסט וואָס איז דאַמעש־קער שטאָל? א צייכענונג, וואָס איז אין דעם שטאָל איינגעקריצט געוואָרן, קען קיין זאַך אין דער וועלט נישט אָפּמעקן. איר האָט מיר פאַרשטאַנען?

— יאָ, אַקסאַקאַל...

איך ווייס אליין נישט, ווי אַזוי עס האָט זיך בא מיר אַרויסגעכאַפּט דאָס וואָרט. איך האָב אָנגערופן פאַנפילאָפן, אַזוי ווי באָזשאַנאָוו פלעגט מיך אָנרופן, אַזוי ווי מיר, די קאַזאַכן, רופן אָן דעם פאָטער, דעם עלטסטן פון דער מישפּאָכע.

כ'האָב ווידער דערפילט זיין האַנט-דרוק.

— וואַרט נישט, נאָר זוכט די געלעגנהייט! און אַז זי וועט קומען, דערלאַנגט פּעסט! קאַלקולירט גוט און דערלאַנגט פּעסט! טראַכט וועגן דעם, כאָווער מאַמיש-אולי.

און אויסבייגנדיק זיך צו מיר, וועלנדיק מיך זען בעסער אין דער טונקלקייט, האָט ער ווידער אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

— יאָ, כאָווער גענעראַל!

פּאַנפילאָוו האָט מיט ביידע הענט, אַפּן קאַזאַכישן שטייגער, אַ דריק געטאָן מיין האַנט. ס'איז געווען אַ צערטלעכער גלעט.

נאָך אים האָט אַ קלאַפּ געטאָן דאָס טירל. מיט די פּראָזשעקטאָרן אָנגעצונדן אויף האַלבן ליכט איז דער אויטאָ אַוועק איבערן פאַרשנייטן פעלד. און איך בין געבליבן שטיין און אים נאָכגעקוקט.

3.

באַנאַכט האָבן מיר צונויפגעשטעלט אַ גראַפיק, און באַגינען זיינען דריי גרופּעס, איינע פון יעדער שיסער־ראָטע, אַרויס דורך פאַרשיידענע וועגן דורכצופירן אויסשפּירונגען. שפּעטער זיינען יעדע צוויי שאָ, לויטן גראַפיק, גרופּע נאָך גרופּע אַרויס איבערן טייך פּאַרויס, אַהין פונוואַנען עס קומען די דייטשן. פאַר די סאָלדאַטן זיינען געשטעלט געוואָרן אויס־שפּיר־אויפגאַבעס, האַגאַם דאָס וויכטיקסטע, וואָס האָט געדאַרפט דער־גרייכט ווערן, איז געווען — זיי זאָלן זען אַ לעבעדיקן דייטש.

איך האָב געוואָלט, די סאָלדאַטן זאָלן זיך קענען איבערצייגן, אַז קעגן אונדז מאַרשירן ניט קיין מאָנסטערן מיט שופּן און ווידלען, ניט קיין שיידים און דראַקאָנען מיט פייער אין די פּיסקעס, נאָר מענטשן. מענטשן מיט דעגענערירטע באַנדיטישע נעשאָמעס, אָבער מיט קערפּערס ענלעכע צו אונדזערע, מיט מענטשישער הויט, וועלכע עס דרינגען לייכט אַדורך דער באַגנעט און די קויל; וועזנס וועלכע מען קען טויטן.

פּאַרזיכטיק, האַלטנדיק זיך באַ די ברעגן פון די וועלדער, האָבן די סאָלדאַטן געפּויזעט צו די דערפער, געטרופן שטילערהייט די פּויערים, אויס־געפרעגט זיך, וואו זיינען די דייטשן, וויפל זיינען זיי, און נאָכן אויס-

פרעגן צוגעפּויזעט ביגנייווע און געכאַפּט אַ קוק אַפן דייטש.

פון אָנהייב איז געווען אַביסל שרעקלעך, אָבער די סאָלדאַטן זיינען געגאַנגען פּאַרויס! פון הינטער קוסטעס און פּלויטן, פון גערטנער און גראָבנס האָבן זיי באַטראַכט ווי עס זעען אויס די סאָנים, וואָס קומען אונדז טויטן.

און גרופּע נאָך גרופּע איז צוריקגעקומען. כאַפּנדיק איינער פאַרן צווייטן, האָבן זיי דערציילט, ווי אַזוי די דייטשן שלעפּן זיך אַרום איבערן דאָרף, ווי זיי וואַשן זיך, עסן, שיסן הינער, לאַכן און פּלאַפּלען אַף דייטש.

ראַכימאָוו האָט אויסגעפרעגט די קאָמאַנדירן פון די גרופּעס, פעסט־געשטעלט די צאָל און די באַוואָפענונג פון סוינע, די פונאַנדערטיילונג פון זיינע קויכעס, און דאָס אַליץ פּינקטלעך פאַרצייכנט. אויסהערנדיק די באַריכטן, האָב איך דערווייל באַטראַכט די פּנעמער, געטאַפּט דעם דויפעק פון באַטאַליאָן. אייניקע זיינען צוריקגעקומען אויפגעמונטערטע, אָבער אַנדערע האָבן נאָך געהאַט שרעק אין זייער בליק; די מוירע האָט זיי נאָך ניט פאַרלאָזן.

איין גרופּע מיט קורבאַטאָוון אין דער שפּיץ איז צוריקגעקומען באַ־זונדער פריילעך. אַ שמייכלענדיקער און סאַלוטירנדיק געשיקט האָט סור־באַטאָוו געמעלדעט:

— כאַווער קאָמבאַט, דערלויבט אינפאָרמירן. אייער באַפעל איז ניט אויסגעפירט געוואָרן.

— פאַרוואָס אַזוי?

— איר האָט באַפוילן ניט צו שיסן, אָבער די האַנט מיינע האָט ניט געוואָלט פאָלגן. כ׳האָב אויסגעשאָסן צוויי מאָל און גאַרקושאַ אויך. מיר האָבן אַוועקגעלייגט צוויי, כאַווער קאָמאַנדיר. ס׳האָט אונדז גענומען פאַרן האַרצן. זיי האָבן געוואָלט צונעמען אַ כאַזערל באַ אַ פרוי. זי האָט אָנגע־כאַפּט איינעם, האָט ער זי אַ שליידער געטאָן אַף דער ערד. זי שרייט און ער מיטן שטיוול אין פּאָנעם. דאָס האַרץ האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן. כ׳האָב אָנגעצילט: פּיף! פּאַף! און גאַרקושאַ אויך. אָט אַזוי האָבן מיר זיי אַ טאַפּ געטאָן...

גאַרקושאַ, דער זעלבער, וואָס האָט אַמאָל, באַם ערשטן מאַרש, זיך געמאַטערט מיטן גראַנאַטן־בייטל, האָט אַריינגעוואָרפן אַ ווערטל:

— וואָס שאַיעך מיר, כאַוועך קאָמבאַט, האָב איך געהאַט נאָך א מאָטיוו.

ער האָט געוואָרפן א בליק צו די סאָלדאַטן, צופֿינטלענדיק:

— מיר גלויבן ניט די אויגן, מ'דאַרף אונדז לאָזן אָנטאַפּן...

— נו? האָסטו א טאַפּ געטאָן? ס'גייט אַריין אין אים די קויל?

— דאָס איז ווייניק, כאַוועך קאָמבאַט. איך האָב כיישעק געהאַט א טאַפּ טאָן זיי אַף אַן אַנדער אויפֿן...

און גאַרקושאַ האָט אַרויסגעזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך ניט אָנשרייבן. אַרום האָבן אַלע אויסגעפּלאַצט מיט א געלעכטער. איך האָב געהערט מיט פֿאַרגעניגן. דעם טאָג האָט דער געלעכטער — דער אָנגענע-מער און קאַפּריזנער גאַסט — מער ווי איין מאָל אונדז באַוויזיקט צו באַ־זוכן. אָבער ער איז ניט פֿאַרבליבן אַף לאַנג. ס'האָט אויסגעזען ווי ער קומט אַף א מינוט און פֿליט אַוועק. דערנאָך קומט ער ווידער, ווי אַי־שעוונדיק זיך צו באַזעצן זיך דאָ אָדער ניט.

ס'זיינען צוגעקומען צו מיר די מעטראַליסטן, דער געזעצטער בלאָ־כא, גאַליולין און מורין.

— כאַוועך קאָמבאַט, דערלויבט א וואָרט, — האָט געזאָגט בלאָכא.

איך האָב דערלויבט. בלאָכא האָט א שטויס געטאָן גאַליולינען מיטן עלנבויגן, מורין האָט אים א שטויס געטאָן פֿון הינטן. דער הויכער קאַזאַך מיטן טונקעלן און גלאַנציקן פּאָנעם האָט שעמעוודיק געזאָגט:

— כאַוועך קאָמבאַט...

— וואָס ווילסטו, — האָב איך געפֿרעגט.

— כאַוועך קאָמבאַט, איר זיינט ניט ברויגעז אַף אונדז?

— ניין.

— טאָ פֿאַרוואָס גייען אַלע זען די דייטשן און די מעטראַליסטן ניט? אַלע האָבן זיי געזען, נאָר מיר ניט... גאַרקושאַ האָט געשאָסן אַפֿן דייטש, און מיר ניט.

— אָבער וואוהין קען איך אייך שיקן מיט די קוילנוואַרפֿער. מיר דאַרפֿן זיי דאָך האָבן דאָ.

— אָבער מיר ווילן נאָר א ביסעלע, כאַוועך קאָמבאַט... נאָר איין ביסעלע... און מיר'ן גלייך צוריקקומען.

מורין האָט זיך ניט געקענט איינהאלטן:

— כאָטש קאָמבאַט, איבער דער נאַכט וועלן מיר זיין הין־און־צוריק. באַנאַכט וועלן מיר אויך גוט זען. מיר וועלן עפּעס אונטערציינדן, וועלן זיי ארויסלויפן. לאָזט אונדז אויסשיסן כאָטש איין איינציקע סטענגע.

יאָ, היינט איז אריין עפּעס נייס אין באַטאַליאָן. מורין איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מענטש. איך האָב שוין עטלעכע מאָל באַמערקט, אַז ער איז געווען דער ערשטער צו פאַלן פון מוט, ווען דער מוט פון באַטאַליאָן איז געפאַלן, און דער ערשטער צו דערמוטיקט ווערן, ווען באַם באַטאַליאָן האָט זיך דער מוט געהויבן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען דער ערשטער אין ווערן באַאיינפלוסט, דער שלאַג־שטאַמפּ פון באַטאַליאָן, אַ שטאַמפּ, וואָס אָט איז ער צעשוואומען און אָט מערקט ער זיך שאַרף. איך האָב געוואוסט, אַז דער שטאַמפּ איז נאָך ניט פון דאַמעשקער שטאָל, די איינקריצונג, וואָס קיין זאַך אין דער וועלט קען זי ניט מאַכן פאַרשווינדן.

וועגן דעם דאַמעשעקער שטאָל, ווי איר ווייסט, האָט מיר געהאַט געזאָגט פאַנפילאָוו. וואָס טיפער איך האָב זיך פאַרטראַכט איבער די אָנווייזונגען, וואָס ער האָט מיר געגעבן, אַלץ אויפמערקזאַמער האָב איך זיך צוגעקוקט צו די סאָלדאַטן, אויסגעהערט די באַריכטן פון זייערע אויסשפּירונגען, זייערע ווערטער, זייער טאָן און דאַמאָלסט האָט זיך פאַר מיר אַלץ דייטלעכער אויסגעשיילט אַן אידייע. און איך האָב געזאָגט צו די מעטראַליסטן:

— גוט, גאַליולין. וועסט ניט בלייבן געקריוודעט. מאָרגן וועט איר האָבן אַן אויפגאַבע.

פּראַוואָט נאָר: פאַרמעסט זיך מיט אונדז!

.1

די אידייע איז געווען אזא:

אַן ערעך צוואַנציק קילאָמעטער פאַרויס פאר אונדז האָט זיך געפֿונען דער גרויסער דאָרף סערעדאַ, דער זעלבער, וואו דעם 13טן אָקטאָבער האָט דער שטאַב־שעף ראַכימאָוו מיט זיין פּעלאָטאָן אַנטדעקט די דייטשן. פון אָט דעם פּונקט זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען ווי שטראַלן עטלעכע הויפּט-וועגן: צו וואָלקאָלאַמסק, צו קאַלינין, צו מאָזשאַיסק.

פאַרגלייכנדיק די באַריכטן פון די גרופּן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די אויסשפּירונגען, אויספרעגנדיק די איינוואוינער וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די דייטשן, האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז אין סערעדאַ האָט דער סוינע איינגעאָרדנט אַ מין פאַרמיטלונגס־פּונקט. ס׳זיינען דאָרט אוועקגעשטעלט געוואָרן לאַגערן פון פּראָוויזיע, אַמוניציע און ברענשטאָף. ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דאָרטן נעכטיקן איבער די דייטשע טרופּן, וואָס גייען צו צאָפן, צו קאַלינין און צו דאָרעם, דורכן וועג וואָס פירט צו מאָזשאַיסק, אַרומנעמענדיק פון צוויי זייטן אונדזערע דעפענזיווע פּאָזיציעס.

איז אויפגעשוואומען דער געדאַנק: עפּשער דאַרפן מיר אַטאַקירן אָט דעם דאָזיקן פּונקט און נישט וואַרטן ביז די דייטשן וועלן אונדז אַטאַקירן? דאַרפן מיר נישט דורכפירן אַ נאַכט-אויספלוג אויף סערעדאַ?

אָבער פּאַנפילאָוו האָט געזאָגט: „קאַלקולירט! קאַלקולירט און דערלאַנגט פּעסטן!"

קעדיי אויספאָרשן די לאַגע האָב איך אַהין אַרויסגעשיקט די אויסשפּירער פון דער קאָמאַנדע מיט ראַכימאָוון אין דער שפּיץ. ראַכימאָוו, אַ

קאַזאַך פון אַ יאָר דרייסיק, איז געווען אַ ספּאָרטלער און אַן אויסשפּירער פון באַרוף. מיר דוכט, איך האָב שוין געזאָגט, אַז אין קאַזאַכסטאַן איז ער געווען באַוואוסט אַלס אַלפּיניסט. ער איז געגאַנגען שנעל און גלייכצייטיק ניט איילנדיק זיך. אויסער קאַלטבלוטיקייט און זעלטענער פּינקטלעכקייט אין אויספירן פאַראָרדענונגען האָט ער געהאַט נאָך אַן אייגנשאַפט, אַן אומאָפּשאַצבאַרע אין קריג: די פעאיקייט פון אָריענטאַציע. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער זעט אין דער פינצטער.

איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט אַף ראַכימאָווס צוריקקומען. ער איז אַרויס דעם 14טן אָקטאָבער פאַרנאַכט און ס'איז אַריבער די נאַכט און דער פרימאָרגן און ער איז נאָך ניט געווען.

לעסאָף, מיטאָגצייט, איז ער געקומען. יאָ, אַלץ האָט זיך באַשטעטיקט. סערעדאַ איז ווירקלעך געווען אַ פאַרמיטלונגס־פּונקט; אַהין ווערן געבראַכט גרויסע לאָדונגען און שטאַרקע טרופּן נעכטיקן דאָרט און מאַרשירן אַרויס אינדערפרי. די וואַך איז ניט קיין שטאַרקע. ווייזט אויס, די דייטשן זיינען געווען פולשטענדיק איבערצייגט, אַז קיינער וועט זיך ניט דערוועגן זיי צו אַטאַקירן.

איך האָב באַשלאָסן אַטאַקירן די זעלבע נאַכט. אין אָוונט האָט זיך פאָרמירט אַן אָפּטיילונג פון הונדערט מאַן. די אויפגאַבע איז פאָרמולירט געוואָרן אַזוי: אין מיטן דער נאַכט אַריינרייסן זיך אין סערעדאַ פון דריי זייטן, צעשלאָגן און צעשיסן די דייטשן, אונטערצינדן די לאַגערן, פאַרנעמען געפאַנגענע און אויב ס'וועט סטאַיען צייט, מינירן די וועגן וואָס פירן צום און פון דאָרף. איינהאַלטן דעם דאָרף האָט זיך ניט געפאָדערט. צום פרימאָרגן דאַרף מען צוריקקערן צו די פּאָזיציעס פון באַטאַליאָן.

דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק האָט געגעבן זיין האַסקאָמע, אָבער האָט ניט דערלויבט איך זאָל מיטגיין מיט דער אָפּטיילונג. איך האָב באַשטימט ראַכימאָוון אַלס קאָמאַנדיר און באָזשאַנאָוון אַלס פּאָליטישן קאָמיסאַר.

ווען ס'איז געוואָרן טונקל האָבן זיך פאָרמירט הונדערט סאָלדאַטן באַם ברעג פון וואַלד, נאָנט פון בלינדאַזש פון שטאַב. איבער דער כוואַליעדיקער ליניע פון היטלען האָט זיך געהויבן גאַליולינס קאָפּ און לעבן אים האָט זיך געפונען דער קרעפּטיקער בלאָכאַ. איך האָב געהאַלטן וואָרט: די מעטראַליסטן האָבן אויך אָנטיילגענומען אין דעם נאַכט־איבערפאַל.

ווידער האָב איך ניט געקענט זען די פענעמער, אָבער אין דער פינצ־טער האָט אונדז פאַרייניקט די באַרירונג פון א שטראָם. ס'האָט מיך גע־טרייסלט א נערוועזער ציטער און, ניט אָנרירנדיק די סאָלדאַטן, האָב איך געוואוסט, אז דאָס זעלבע פּאַסירט מיט זיי. ס'איז געווען א ציטער ניט פון שרעק, נאָר פון אַזאַרט; ס'איז געווען די שפּאַנונג פאַר דער שלאַכט. אין גערענק איז מיר דורך דער אלטער קאַזאַכישער שפּריכוואָרט, וואָס ניט לאַנג האָט מיר אים דערמאָנט באָזשאַנאָוו. כ'האָב אים איבערגעכאַ־זערט פאַר דער אָפּטיילונג:

— דער סוינע איז שרעקלעך, נאָר ביז מ'דערקענט דעם טאַם פון זיין בלוט. גייט, כאַווירים! טוט א קוק פון וואָס איז געמאַכט געוואָרן דער דייטש! צי עס שפּריצט זיין בלוט פון אונדזערער א קויל! צי ער יאָמערט ווען דו זעצסט אריין אין אים דעם באַגנעט! צי אין גסיסע בייסט ער מיט די ציין די ערד! לאָזט אים גריזשען! קאָרמעט אים אָן מיט אונדזער ערד! דערקענט דעם טאַם פון זיין בלוט. דער גענעראַל פּאַנפילאָוו האָט אייך אָנגערופן אָדלערס. פאָרויס, אָדלערס!

ראַכימאָוו האָט געגעבן די קאָמאַנדע צום מאַרש. איך האָב נאָכגע־קוקט ווי די אָפּטיילונג איז פאַרשוואונדן אין דער טונקלקייט. ס'איז צו מיר צוגעגאַנגען קראַיעוו.

— פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געלאָזן מיטגיין, כאַווער קאָמבאַט?

— האָט ער געזאָגט.

— מיר אַליין האָט מען אויך ניט דערלויבט, קראַיעוו.

דעם אָוונט האָבן מיר ביידע מעקאַנע געווען די סאָלדאַטן.

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט פון פּופצנטן אפן זעכצנטן, די נאַכט פון אונדזער ערשטער שלאַכט.

2.

א גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקענט צומאַכן אן אויג. כ'האָב אויך ניט געקענט פאַרבלייבן אין בלינדאַזש. איך בין געגאַנגען צום ברעג וואַלד, געשפּאַנט איבער די שטעגן און אויסער די שטעגן, געקוקט צו מיירעוו, אַהין וואו ס'איז אַוועק די אָפּטיילונג, כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט און זיך צו־

געהערט, גלייך װי פון דאָרטן, פון אַ מעהאַלעך פון צװאַנציק קילאָמעטער, װאָלט געקענט דערגיין אַהער דער קלאַנג פון אַ שאָס אָדער אַ געשריי.

באַטאָג איז צו אונדז פון דאָרעם דערגאַנגען אַ װײַטע קאַנאַנאַדע. מיר האָבן נאָך ניט געװאוסט, אַז דעם טאָג, דעם 15טן אָקטאָבער, האָבן די דײַטשן געװאָרפן זייערע טאַנקען־קאָלאָנעס אויף מאָסקװע אויף אַרומנע־מען דעם לינקן פלאַנק פון אונדזער דיװיזיע; אַז דאָרטן, בײַם סאָװכאָז בור־ליטשעװאָ — פאַרצייכנט דעם נאָמען: אַ געװיסן טאָג װעט ער זיך צע־שטראַלן מיט גאָלדענע אויסיעס אויפן מאַרמאָר אין אונדזער ריװיזיע־קלוב, — זיינען פאַנפילאָװס מענטשן אַריין אין שלאַכט.

באַנאַכט איז אויך דאָרטן געװאָרן שטיל.

אויפן שטעגל, װאָס האָט געפירט צום בלינדאַזש פון שטאַב, האָט זיך געשװאַרצט אויפן שניי די פיגור פון װאַכפּאָסטן. דער סאָלדאַט האָט גע־קוקט אין דער זעלבער ריכטונג װאָס איך. דער גאַנצער באַטאַליאָן האָט געװאוסט, אַז הונדערט אָדלערס זיינען אװעק אין שלאַכט; דער גאַנצער באַטאַליאָן האָט געגאַרט צו הערן, װי ס'איז דורך די דאָזיקע ערשטע שלאַכט מיטן דײַטש.

איך האָב ניט געטאָן קיין אַנדער זאַך, װי קוקן אַלע װײַלע אויפן זייגער. זיינע לייכטנדיקע װײַזערלעך האָבן געװיזן דריי, האַלב פיר, פיר... די אויגן האָבן װי פריער אַליין אָנגעטראָפן פינצטערניש, דער געהער האָט װי פריער אַליין אויפגעכאַפּט שטילקייט.

פלוצלינג האָט עפּעס אויפגעלויכטן אויפן הימל. ניין, ס'איז געװען אַ באַלעם.. און װידער איז אויפגעשװאומען אַ קליין סטענגעלע, אַ נעפּלדיקע אַ קוים־קוים קענטיקע... װאָס איז עס? זאָל זיין דער מאָרגנשיין? אָבער ניט דאָרטן גייט דאָך אויף די זון... ס'איז געװען אַ באַלעם; דער הימל איז װידער פינצטער... אָבער אָט באַװײַזט זיך װידער ליכט... און עס לעשט זיך אויס... און שיינט אויף װידער... איצט צעשטראַלט זיך עס, גיסט זיך פונאַנדער, װערט ברייטער און פאַרשװינדט ניט מער. דערנאָך באַקומט עס אַ ראָזן קאָליר...

איך האָב געקוקט װי אַ פאַרקישעפטער. װי עמעצער װאָלט עס פונאַנ־דערגעבלאָזן מיט אַ מעכטיקן אָטעם, האָט זיך איבערן נאַכטיקן הימל צע־נאָסן אַ לעבעדיקער פולסירנדיקער פייערשיין.

דער וואך־פּאָסטן האָט אויסגערופן:

— אונדזערע ברענען זיי! אונדזערע דערלאַנגען זיי!

איך האָב געוואָלט עפּעס ענטפערן און ניט געקענט. די פרייד איז מיר אריין אין האלדז און פולסירט אין מיר צוזאמען מיטן פייערשיין. ס'האָט זיך מיר גערוכט, אז מיין בלוט טראָגט פונאנדער פון מיינע לונגען איבער אלע ווינקעלעך פון קערפער ניט קיין בלעזעלעך לופט, נאָר פרייד.

3.

די אָפּטיילונג איז צוריקגעקומען אינדערפרי. פאַרויס האָט זיך גע־טראָגן א טראַיקע איינגעשפּאַנט אין אַ ברייטן שליטן. אָט די פערד האָב איך אין פאָלק ניט געזען, ס'האָט מען אָפּגעשלאָגן בא די דייטשן. צום שליטן זיינען מיט גראָבע שטריק געווען צוגעבונדן צוויי מאָטאָציקלען מיט זיץ־וועגעלעך מיט צוגעפּעסטיקטע קוילנוואַרפערס. דאָס זיינען אלץ געווען טראָפּייען. נאָך דעם געשפּאַן זיינען געלאָפן נאָך געשפּאַנען. די קעמ־פער זיינען אוועק צופוס און צוריק געקומען צופאָרן אף שליטנס.

פון די שוצגראָבנס, פון די נאָענטע ווי פון די סאמע ווייטע, זיינען געלאָפן זיי אנטקעגן די סאָלדאַטן.

צוזאַמענגעקליבן זיך יובלדיקע האָבן אלע מיט באוואונדערונג און אינטערעס באטראכט די נעבעכדיקע פיגור פון אַ געפאנגענעם דייטש, וועלכן די אָפּטיילונג האָט פארנומען צוזאמען מיט די אנדערע טראָפּייען. ער איז געזעסן אין זיין גרינלעכן אוניפאָרם מיט א היטל אויך א גרינע און געקוקט אַרום זיך פון אונטערן שטערן, בייגנדיק לאַנגזאַם זיין אָדערדיקן האלדז מיטן גרויסן גאָרגל־קנופּ.

— מ'קען מיט אים א שמועס טאָן, — האָט געזאָגט באָזשאַנאָוו, — ער פארשטייט אביסל רוסיש. ווי הייסטו?

דער געפאנגענער האָט עפּעס א בורטשע געטאָן.

— העבער! — האָט א געשריי געטאָן באָזשאַנאָוו.

באַם דייטש זיינען די הענט אַראָפּגעפאַלן און זיך אויסגעגלייכט בא די נעט פון די הויזן, און שטעלנדיק זיך „אין אכטונג" אנטקעגן באָזשאַ־נאָוון, האָט ער דייטלעך ארויסגעזאָגט זיין נאָמען. אלע האָבן געקוקט אויפמערקזאַם אפן לעבעדיקן דייטש, וואָס רעדט.

— פאַרהייראַט?

— ני... קאַוואַליר.

באַזשאַנאָוו האָט אויסגעפּלאַצט מיט א געלעכטער. זיין גוטער פולער פּאָנעם איז געוואָרן נאָך ברייטער, די קליינע אויגעלעך זיינען פאַרשוואונדן. אַלע ארום האָבן געקייכט פאַר געלעכטער צוזאַמען מיטן קאָמיסאַר. א „קאַוואַליר"! קוקט נאָר אָן דעם קאַוואַליר! דער דייטש האָט געקוקט ארום זיך.

עמעצער האָט א געשריי געטאָן:

— שטיל!.. הערט וואָס וועט זאָגן דער פּאָליטקאָם...

באַזשאַנאָוו האָט אויפגעהויבן א האַנט.

— דער פּאָליטקאָם זאָגט: לאַכט ווייטער!

און אומגעריכט פאַר זיך אַליין האָט ער צוגעגעבן אַן אַפאָריזם, וועלכער איז דערנאָך איבערגעכאַזערט געוואָרן אין באַטאַליאָן זייער אָפט:

— דער געלעכטער — דאָס איז דאָס סאַמע ערנסטע אפן פראָנט!

סטאַרענדיק זיך ריידן לאַנגזאַם און וואָס מער פאַרשטענדלעך, האָט באַזשאַנאָוו אָנגעהויבן שטעלן פראַגן וועגן די פּלענער פון דער דייטשישער קאָמאַנדע. דער געפאַנגענער האָט ניט גלייך פאַרשטאַנען. דערפילנדיק לעסאָף דעם זין פון דער פראַגע, האָט ער געזאָגט, צעדרייענדיק די רוסישע נעמען:

— פרישטיק... וואָליאָקאַליאַמסק, אָוונטברויט... מאָסקאָו.

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט דייטלעך און ערנסט, שטייענדיק אויסגעצויגן, מיט די הענט אויף די הויזן-נעט, ניט צווייפלענדיק, ווייזט אויס, אפילו דאָ, וואו ער איז געוועזן געפאַנגען, אז אַזוי וועט זיין: פרישטיקן אין וואָלאָקאָלאַמסק און עסן אָוונטברויט אין מאָסקווע.

און ווידער האָט אויסגעפּלאַצט א געלעכטער...

אין די מינוטן פון דעם ברויזנדיקן געלעכטער האָב איך געפילט, ווי די נעשאָמעס פון די סאָלדאַטן באַפרייען זיך פון דער שרעק. באַוועגנדיק זיין האַלדז, האָט דער געפאַנגענער פון דער קרים געוואָרפן בליקן אין איין זייט און אין דער צווייטער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פון וואָס קייכן אַזוי די רוסן.

אַט אַזוי איז געוואונען געוואָרן די ערשטע שלאַכט. אַט אַזוי האָט אויף אונדזער ליניע געכאַפּט אַ מאַפּאָלע דער גענעראַל שרעק.

4.

ראַכימאָוו און באָזשאַנאָוו האָבן מיר איבערגעגעבן די איינצלהייטן וועגן דעם איבערפאַל. פאַרשטייט זיך, אַז בעיִם דער שלאַכט איז ניט אַלץ געשען אַזוי, ווי מ'האָט פאָרויס באַשטימט.

אַ גרופּע, וואָס האָט זיך אומגעריכט אָנגעשטויסן אויף אַ פּאַטרול, האָט אָנגעהויבן פייער, איידער דער דאָרף איז געוואָרן אַרומגערינגלט. די סאָלדאַטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין די הייזער, געשטאָכן און געשאָסן, אָבער ס'זיינען געבליבן פאַר די דייטשן עטלעכע דורכגענג, וועלכע מיר האָבן ניט באַוויזן אָפּשניידן. אַ סך איז געלונגען צו אַנטלויפן. זיי האָבן אַזוי אַרום זיך צוזאַמענגענומען און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד פייער, ווי מיר האָבן עס פאָרויסגעזען. די אָפּטיילונג האָט פאַרניכטעט צוויי הונדערט היטלעריסטן, מינירט די וועגן, אונטערגעצונדן אַ סך לאַסט־אויטאָס און עטלעכע מוניציע־לאַגערן, איין בענזין־סקלאַד, דאָך אין אַ ווינקל דאָרף האָבן די דייטשן באַוויזן עפּעס וואָס צו באַשיצן.

אָבער די הויפּט־זאַך איז דערגרייכט געוואָרן. די סאָלדאַטן האָבן געזען ווי די דייטשן אַנטלויפן פון זיי, האָבן געהערט ווי זיי יאָמערן פאַרן טויט, האָבן אויסגעפּרוּווט זייער הויט מיט דער קויל און באַגנעט, האָבן דערקענט דעם טאַם פון סוינעס בלוט.

צוזאַמען מיט ראַכימאָוון און באָזשאַנאָוון בין איך דורכגעגאַנגען די ליניעס. די אָנטיילנעמער אין דער אַקציע האָבן זיך שוין געהאַט פונאַנדער־געלאָפן צו זייערע סעקציעס. לויט מיין באַפעל זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן אַלע באַשעפטיקונגען און אַרבעטן אויף צוויי שאָ. אומעטום האָט מען געזען גרופּעס אַרום די העלדן פון איבערפאַל, וואָס האָבן אַ שמיץ געטאָן די דייטשן.

דאָ און דאָרטן האָבן זיך געהערט געלעכטערס. מיך פלעגט מען אויפ־נעמען מיטן אויסרוף: „אויפשטיין! אכטונג!" פון דעם דאָזיקן אויסרוף אַליין קען מען אָפּטמאָל אויפכאַפּן די שטימונג פון סאָלדאַט. ווי יובלדיק ער האָט געקלונגען דעם טאָג!

מיר האָבן באַגעגנט מאָרגנס, וועלכער האָט אַנטיילגענומען אין דער אַקציע מיט די מעטראַליסטן. פונדערוויטנס האָט ער שוין אָנגענומען אַ הייטערן אויסזען און פון אַ גוטן צענדליק מעטער האָט ער געשטעלט גע־מאָסטענע טריט. איך האָב סאַלוטירט. קוקנדיק אויף מיר האָט מורין פּלוצלינג אַ שמייכל געטאָן. איך האָב אים געענטפערט מיט אַ שמייכל. מיר האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט, ניט גערעדט צו זיך קיין וואָרט, אָבער דאָס האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט פרייד. ער איז מיר געווען ליב, און איך האָב געפילט, אַז אויך איך בין אים ליב.

עס זיינען ווידער געווען די וואונדערלעכע מינוטן פון גליק, פון באַ־זונדערן גליק פון אַ קאָמאַנדיר, וואָס פילט זיך צונויפגעגאָסן אין איין שטיק מיטן באַטאַליאָן. איך האָב פאַרשטאַנען: היינט איז אין באַטאַליאָן געבוירן געוואָרן די שרעקלאָזיקייט.

אַרום אונדז האָט אַלץ אויסגעזען ווי פריער. אויף יענער זייט טייך האָט זיך געוויזן די ווייטקייט. דורך דעם פּריצייטיקן שניי האָבן זיך אַרויסגעזען דאָ און דאָרט נאַקעטע קאַנטן פון צעאַקערטער ערד. ס'האָבן זיך געשוואַרצט די שפּיצן פון וואַלד. איך האָב געוואוסט, ווי פריער, אַז באַלד וועט דאָ אַלץ נעמען דונערן. לאָזנדיק נאָך זיך שוואַרצע סליאַדן וועלן איבערן שניי זיך שלעפּן די טאַנקען. פון וואַלד וועלן אַרויסלויפן און זיך וואַרפן צום באָדן און זיך ווידער אויפהייבן מענטשן אין גרינע שינעלן מיט אויטאָמאַטיש־געווער, די וואָס קומען אונדז טויטן, אָבער אינעווייניק אין מיר האָט געשאַלט: „פּרואווט נאָר, פאַרמעסט זיך מיט אונדז!"

און אין די בליקן און אין די שמייכלען, אין די ווערטער און אין געלעכטער, וואָס האָט אונדז ניט פאַרלאָזן, האָט קעסיידער אָפּגעקלונגען דאָס זעלבע: „פּרואווט נאָר, פאַרמעסט זיך מיט אונדז!"

אַזוי האָט געקלונגען יענעם טאָג אונדזער באַטאַליאָן, אונדזער דאָ־מעשקער שטאָל. וואונטשן ווערן אויסגעדריקט מער קאָלירפול, לעמאָשל אַזוי: יאָ, אָט דער באַטאַליאָן אונדזערער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דאָ־מעשקער שטאָל, אין אַ געהאַרטעווטע, געשטאַמפּטע און שאַרפע קלינג, וואָס שניידט אייזן און וואָס איר שטאַמפּ קען קיין זאַך אין דער וועלט ניט מאַכן פאַרשווינדן. אָבער לאָמיר עס זאָגן באַשיידענער: יענעם טאָג

האָבן מיר פאַרענדיקט אונדזער זעלנערישע מיטל־שול, דעם לעצטן קלאַס פון דער דאָזיקער שול, דאָס הייסט, דעם קלאַס — אַריינזעצן דעם באַגנעט ניט אין קיין געשטאָפּטער ליאַלקע, נאָר אין לעבעדיקן קערפּער פון סוינע. אָט דעם קלאַס, וואָס באַפרייט פון שרעק, האָבן מיר דערגרייכט פאַרהעלט־נישמעסיק לייכט — אין א געוואגטן נאכט-איבערפאַל.

די שווערע שלאַכטן, די שווידערלעכע ניסיוינעס פון טויט, דאָס אַלץ איז נאָך געווען פאָרויס. די גרויסע שלאַכט פאַר מאָסקווע, וואָס האָט געדויערט צוויי כאַדאָשים, האָט זיך ערשט געהאַט אָנגעהויבן.

אין מעשעך פון די צוויי כאַדאָשים, האָבן מיר, דער ערשטער באַ־טאַליאָן פון טאַלגאַרער פּאָלק, אויפגענומען פינף און דרייסיק שלאַכטן, געווען א געוויסע צייט רעזערוו־באַטאַליאָן פון גענעראַל פּאַנפילאָוו, און ווי עס געשעט מיטן רעזערוו, אַריין אין אַקציע אין די סאַמע קריטישע מאָמענטן, געקעמפט באַ וואָלאָקאָלאַמסק, באַ איסטרא, באַ קריוקאָווא, האָבן באַזיגט און צוריקגעשליידערט די דייטשן.

וועגן אונדזערע פינף און דרייסיק שלאַכטן וועל איך דערציילן שפּעטער. און איצט...

— און איצט, — האָט געזאָגט באַורדזשאַן מאָמיש־אולי, — שטעלט א גרויסן פּונקט. שרייבט אָן: סאָף פון דער ערשטער דערציילונג.

צווייטער טייל

ניט לייכט איז דעם מענטשן צו ווערן א סאָלדאַט, ניט לייכט איז דעם קאָמאַנדיר צו דיסציפּלינירן דאָס כאַיל, אָבער מילכאָמע האַלטן איז נאָך שווערער.

אונדזער צווייטע דערציילונג, — האָט געזאָגט באורדזשאַן מאָמיש־אולי, — איז נאָך מער פאַראַנטוואָרטלעך. פריער האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער צוגרייטונג פון סאָלדאַט. איצט וועט זיך ריידן וועגן דער שלאַכט.

ערעוו דער שלאַכט

1.

דעם זעכצנטן אָקטאָבער 1941, — האָט ווייטער דערציילט באור־דזשאַן מאָמיש־אולי. — בין איך, דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, געלעגן אַף מיין פעלדבעטל אין בלינדאַזש, הונדערט דרייסיק קילאָמעטער פון מאָסקווע.

פונדערווייטנס, אַמאָל שטאַרקער און אָפטער, אַמאָל שטילער און זעל־טענער, האָט זיך דערטראָגן אַ האַרמאַטן־שיסעריי. די קלאַנגען האָבן זיך דערקייקלט פון לינקס, פון פאַר אַ צוואַנציק ־ פינף און צוואַנציק קילאָמע־טער. דאָרט, אַפן לינקן פלאַנק פון דער דיוויזיע, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, האָבן דעם טאָג די דייטשן זיך געפּרואווט אדורכרייסן מיט די טאַנקען.

און בא אונדז אַפן שעטעך, וואו ס'איז אויסגעלייגט געווען דער באַ־טאַליאָן, איז אַלץ געווען רואיק. דער סוינע האָט זיך ניט דערנענטערט צו אונדזער ליניע, צום צענטראַלן אָפּשניט פון אזוי גערופענעם וואָלאָקאָלאַמס־קער פאַרפּעסטיקטן ראַיאָן. איך בין געלעגן און האָב געטראַכט.

מיר האָט דאָקוטשעט מיין אָרדענאַנץ סינטשענקאָ, דער איינציקער אין באַטאַליאָן, וועמען ס'איז דערלויבט געווען צו וואָרטשען אַף מיר. דאָ

האָט ער געהאַט פאַר מיר אויסגעהייצט אַ באָד, דאָ האָט ער געהאַט פאַר־טיק מיטאָג. איך האָב אים געטריבן פון זיך:

— שפּעטער... טראָג זיך אָפּ, שטער ניט.

— וואָס ט׳איר זיך צעטיינעט: שטער ניט, שטער ניט. און אַ גאַנצן טאָג טוט איר גאָרניט.

— איך טראַכט. פאַרשטאַנען? איך טראַ־אַכט.

— מען מעג דען אַזוי פיל טראַכטן?

— מען מעג. אויב צוליב מיין נאַרישקייט וועט מען דיך הארגענען, וואָס וועל איך זאָגן דיין ווייב? און דו ביזט בא מיר ניט איינער.

ס׳קען זיין, אַז אויך איר שטעלט זיך פאָר, אַז אַ קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, ביפראַט אין אַזאַ מאָמענט, ערעוו אַ שלאַכט, איז מעכויעוו עפּעס צו טאָן: ריידן אין טעלעפאָן, אַרויסרופן די אונטערגעאָרדנטע, אַרומ־גיין איבער די ליניעס און געבן באַפעלן. אָבער אונדזער גענעראַל, איוואַן וואַסיליעוויטש פאַנפילאָוו, האָט אונדז ניט איין מאָל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די ערשטע פליכט, די הויפּט־אַרבעט פון קאָמאַנדיר איז — טראַכטן, טראַכטן און טראַכטן.

.2

ווי אייך איז באַוואוסט, האָבן אין דער נאַכט פון זעכצנטן, הונדערט מיינע קעמפער זיך אָוועקגעלאָזן פאַר צוואַנציק קילאָמעטער און דורכגע־פירט אַן איבערפאַל אויף אַ קאָנצענטראַציע פון סוינע. זיי האָבן זיך צוריקגע־קערט מיט אַ זיג.

אָט דער ערשטער זיג האָט איבערגעאַנדערשט די נעשאָמע פון סאָל־דאַט, האָט איבערגעאַנדערשט דעם באַטאַליאָן. און ווייטער?

געוויס האָט אונדזער געוואַגטקייט גאָרניט געקענט ענדערן אין דער אָפּעראַטיווער לאַגע. מיר, זיבן הונדערט מאַן, דער ערשטער באַטאַליאָן פון טאַלגאַרער פאָלק, האָבן ווי פריער געהאַלטן די אַכט קילאָמעטער פראָנט באַם צוטריט צו מאָסקווע, וואוהין ס׳האָבן זיך געצויגן די דייטשישע דיוויזיעס.

ס׳זיינען צוריקגעקומען די מאַכשאָוועס, וואָס האָבן מיך געמאַטערט די לעצטע צוויי־דריי טעג.

איבערנעמענדיק דעם פראָנט־אָפּשניט, האָב איך, ווי איר ווייסט, ניט

דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז דאָ אויף דער פּאָזיציע, אויף דעם אַכט-קילאָמע־טערדיקן פּאַס, וועט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם סוינע דער איינציקער באַטאַ־ליאָן. איך האָב געמיינט, אַז הינטער אונדז וועט געשאַפן ווערן אַ צווייטע און, מעגלעך, אַ דריטע פאַרטיידיקונגס-ליניע, וואו ס'וועלן זיך פונאַנ־דערוויקלען אַנדערע טיילן פון דער רויטער אַרמיי. איך האָב געמיינט, אַז אויפנעמענדיק דעם קלאַפּ און פאַרהאַלטנדיק אַביסל דעם סוינע, וועלן מיר דערנאָך זיך צוריקציען צו די הויפּט-קויכעס.

אָבער מיט אַ צוויי־דריי טעג צוריק האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז קעגנאַיבער אונדזער ליניע האָט זיך באַוויזן די היטלעריסטישע אַרמיי, וואָס האָט זיך דורכגעריסן באַ וויאַזמע, אַז קיין צווייטע ליניע הינטער אונדז איז ניט פאַראַן, אַז וואָלאָקאָלאַמסק און וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי — דער גלייכער וועג אויף מאָסקווע — זיינען פאַרשטעלט נאָר מיט אונדזער איינציקער דיוויזיע, וועלכע איז אויסגעצויגן איבער דעם פיל־קילאָמע־טערדיקן פראָנט, און מיט עטלעכע אַרטילערישע אַנטיטאַנק־פּאָלקן.

אַזוי האָבן זיך צונויפגעלייגט די אומשטאַנדן. די אויפגאַבע וואָס איז געשטעלט געוואָרן דער אַרמיי אין יענעם מאָמענט איז געווען: מיט קליינע קויכעס פאַרהאַלטן דעם סוינע פאַר מאָסקווע ביז עס וועלן אָנקומען די פאַרשטאַרקונגען.

.3

דערלויבט מיר ניט צו באַנוצן אַזעלכע אויסדרוקן ווי: דאָס פאָטער־לאַנד הייסט, דאָס פאָטערלאַנד פאָדערט. איך וויל זיין קאַרג אין ווערטער, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן ליבע צום פאָטערלאַנד.

איר פאַרשטייט צו צווייפלען: זיכער פיל איך ניט ווייניקער שאַרף ווי איר, וואָס איז אַזוינס דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד, דאָס לאַנד וואָס מיר פאַרטיידיקן און וואו מיר לעבן.

מיין גאַנצע ליבע, די גאַנצע ליידנשאַפט, אַלע גייסטיקע קויכעס מיינע זיינען אין די טעג געווענדט געוואָרן צו איין פונקט, — ווי אַזוי אויסצופירן די אויפגאַבע, וואָס איז געפאַלן אויפן גורל פון באַטאַליאָן, ווי איינצוהאַלטן אונדזער פראָנט־ליניע.

ליגנדיק אויפן בעטל, האָב איך געזען ווי דער סוינע, בייקומענדיק אין עטלעכע שאָ די ניט־פאַרטיידיקטע צוועלף־פופצן קילאָמעטער, וואָס האָבן אין דעם מאָמענט אונדז אָפּגעטיילט פון די דייטשן, וועט צוקומען צום

ברעג פון טייך רוזא, צו אונדזערע באהעלטענישן. אַנטרעפנדיק אַ ווידערשטאַנד און אַנטדעקנדיק אונדזער פאַרטיידיקונגס־ליניע, וועט ער, באַשיצט פון דער נאַכט, קאָנצענטרירן ערגעץ אין וואַלד, אין אַ פּונקט, וואו אים וועט געפעלן, אַ שלאָג־גרופּע, וועט צוברענגען אַרטילעריע און דערנאָך, אינגאַנצן גרייט, וועט ער פאַרמירן דאָס מיליטער אויף זיין באַליבטן מאַניר — אין אַ קלין, און וועט זיך אַ ריס טאָן פאָרויס אויף אַ שמאָלן פראָנט, אויף אַ קילאָמעטער אָדער אַ האַלבן. און יעדער קילאָמעטער פון אונדזער ראיאָן איז געווען געדעקט נאָר מיט איין שיסער־גרופּע און איין קוילנוואַרפער־אָפּטייל.

און קיין רעזערוון האָב איך ניט געהאַט. דער כעשבן פון די דיסטאַנצן האָט געוויזן, אַז מיט אַ שנעלן און פלוצלינגדיקן וואָרף וועלן די דייטשן קענען דורכברעכן אונדזער ליניע איידער ס׳וועלן באַוויזן צוצוקומען קויכעס פון אַנדערע סעקטאָרן אַהין, צום אומבאַוואוסטן קילאָמעטער.

עפּשער איז מעגלעך, טראַכטנדיק פאַרן סוינע, אָפּטרעפן דעם פּונקט, וועלכער וועט אים, דעם דייטש, אויסווייזן אַלס דער באַקוועמסטער צו אַטאַקירן? אָבער ער איז דאָך אויך ניט קיין נאַר. איך סטאַרע זיך טראַכטן פאַר אים, און ער, דער כאַזער, וועט טראַכטן פאַר מיר.

ער וועט זיכער לייכט טרעפן מיינע האַשאָרעס און וועט געפינען אַן אייצע מיך איבערצוקליגן. ער וועט אַ קלאַפּ טאָן אויף איין פּונקט, איך וועל איילנדיק אַריבערוואַרפן אַהין די ראָטעס, די מינענוואַרפער, די האַרמאַטן, און אַ צווייטע גרופּע וועט דערווייל זיך אַ לאָז טאָן דורכן אָפּגעהוילטן פראָנט. מעגלעך, אַז שוין איצט, צוואַנציק קילאָמעטער פונדאַנען, לייענט ער מיט אַ שמייכל מיינע געדאַנקען.

ס׳איז אויפגעקומען אין מיין דימיען די געשטאַלט פון קאָמאַנדיר פון דער דייטשישער גרופּירונג, וואָס קאָנצענטרירט זיך קעגן אונדז. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ גלאַט־אָפּראַזירטע גייווועדיקע פיזיאָנאָמיע פון אַ דייטש מיט שליפעס פון אַ פאָלקאָווניק און עפּשער אַ גענעראַל.

אַנטקעגן אונדזערע אַכט קילאָמעטער, אַנטקעגן מיין באַטאַליאָן, דיספּאָנירט ער אָדער מאָרגן־איבערמאָרגן וועט ער דיספּאָנירן מיט אַ דיוויזיע. צוקוקנדיק זיך אין דימיען צום דייטשישן מיליטער־שעף, באַ וועלכן איך בין שוין איצט, ליגנדיק אָפן בעטל, מעכויעוו געווען צו געווינען אַ שלאַכט,

אַ שטילע שלאַכט פון סייכל קעגן סייכל, סטאַרענדיק זיך אַריינדרינגען אין זיינע געדאַנקען, אין זיינע פּלענער, האָב איך קעסיידער געטאַינעט צו זיך: רעכן ניט אויס, באָורדזשאַן, אַז דו האָסט קעגן דיר אַ שויטע.

אָבער די אויגן, וואָס איך האָב געזען אין דער פאַנטאַזיע, — שאַרפע, אַכזראַיעסדיקע, ניט קיין יונגע, — אויגן, וואָס האָבן זיך געקענט אָנ-צינדן מיט מילכאָמע־אַזאַרט, וואָס האָבן געקענט לאַנג מיט אינטערעס באַטראַכטן אַ מאַפּע, זיינען איצט ניט געווען באַלעבט מיט דער שפּיל פון סייכל, האָבן ניט געגלאַנצט מיט קיין געדאַנק. ער, דער דייטשישער פּאָל-קאָווניק אָדער גענעראַל האָט מיך געהאַסט, האָט געהאַסט דעם באַטאַליאָן, די עטלעכע הונדערט רויטאַרמייער, וועלכע האָבן באַ די צוטריטן צו מאָסקווע פאַרצוימט אַכט קילאָמעטער פראָנט. ער האָט זיך געלאַנגווייליקט. אין זיין פאָרשטעלונג איז די מילכאָמע אַפן מיזרעך שוין געווען אַ געוואונענע, דער וועג צו מאָסקווע אַן אָפענער. ער האָט אונדז גרינג-שעצנדיק פאַראַכטעט, ער האָט ניט באַוויליקט צו שענקען אונדז אַן אָנ-שטרענגונג פון זיין מויעך.

עפשער האָב איך אַ טאָעס? עפשער האָבן אים די לעקציעס פון דער מילכאָמע, — דער העלדישער ווידערשטאַנד פון די רויטאַרמייאישע גרע-נעץ־טיילן, די פאַרטיידיקונגס־שלאַכט באַ סמאָלענסק, די פאַרטיידיקונג פון אָדעס, לענינגראַד, — געצוואונגען צו פאַרטראַכטן זיך? עפשער אויך אונדזער נאַכט־איבערפאַל, אונדזער אַרויסרוף, האָט אים באַוויזן, אַז הינ-טער מאָסקווע שטייט פאַר אַן אומבעראַכמאָנעסדיקער קאַמף?

איך צווייפל אין דעם... פאַר אים, דעם באַזיגער, וואָס איז מיט דער היטלעריסטישער אַרמיי אין פיר מאָנאַטן אַדורך טויזנט קילאָמעטער פון דער גרענעץ ביז מאָסקווער ראַיאָן, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די דיוויזיעס באַ וויאַזמע, וואו ס'איז צעבראָכן געוואָרן אונדזער צענטראַלער פראָנט; פאַר אים, וואָס איז זיכער געווען, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער פון זיין אויטאָמאָביל באַטראַכטן די מאָסקווער פּלעצער און גאַסן, — פאַר אים איז דער נאַכט־איבערפאַל פון אַ הונדערט רויטאַרמייער געווען ניט מער ווי אַ פּאַרטיזאַנישע שטיקל אַרבעט.

דער כוש האָט אונטערגעזאָגט: דו האָסט געטראָפן, דו האָסט זיך דערקליבן צו זיין שאַרבן־קעסטל. מיין מאָרך איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט

האם. דו פאראכטעסט? דו לאנגווייליקסט זיך? ווארט־זשע, מיר וועלן דיך צווינגען צו טראכטן!

און דערווייל... דערווייל דארף מען פון אים, פון דעם „פראפעסיאנעלן זיגער", וואס איז זיך ניט מאטריעך צו טראכטן, דערווארטן א האנדלונג, לויטן שאבלאן. און דער שאבלאן איז באקאנט. בייקומענדיס אין עטלעכע שא די אומבאשיצטע צוועלף־פופצן קילאמעטער און אפשלאגנדיק אונדזער שלאכט־שויץ... איך האב געמוזט א שמייכל טאן. נאכן ארייננדרינגען אין שארבן־קעסטל פון סוינע, בין איך ווייט ניט אוועק: מאכנדיק א קרייז, בין איך געקומען צו דעם, פון וואס איך האב אנגעהייבן.

4.

איך האב געזאגט: דער שאבלאן איז באקאנט. איז עס אזוי?

דער קריג איז מיר געווען באקאנט פון דער ליטעראטור, פון די לערנביכער, סטאטוטן, פון שמועסן מיט מענטשן, וואס האבן דורכגעמאכט שלאכטן, איך האב אנטייל גענומען אין מיליטערישער שול־פראקטיק, געלערנט די סאלדאטן, ארויס מיט זיי צום פראנט, — און דאך איז די מילכאמע נעבליבן פאר מיר א סאד, ווי פאר יעדן, וואס האט פערזענלעך קיין שלאכט ניט דורכגעמאכט.

אין פוילן, אין פראנקרייך האבן די היטלעריסטן דעמאנסטרירט זייער אויפן פון קריגס־פירונג: דורכברעכנדיק אין עטלעכע פונקטן די פראנט־ליניע, האבן זיי אף טאנקען, לאסט־אויטאס, מאטאציקלען שטורמיש זיך באוועגט פארויס און דערנאך דערדריקט די אפגעזונדערטע און ארומגערינגלטע גרופעס. אזוי האבן זיי געפרואווט טאן אויך בא אונדז.

טראכטנדיק, האב איך אויך באנוצט די שאבלאנע ווערטער: דורכברעכן, דערדריקן... אבער וואס איז עס? פארוואס דערדריקן? ווי אזוי קומט עס פאר?

ניט ארייננקוקנדיק אין דער מאפע, וועלכע איך האב געקענט אף אויסווייניק, האב איך געזען די געשלענגלטע ברעגן פון דעם שמאלן לאנגזאמען טייך רוזא, אונדזער ליניע — דאס קייטעלע קוילנווארפער־נעסטן און שיסער־קעמערלעך הינטן אין וואלד זיינען געשטאנען פארבארגן אכט הארמאטן, וואס זיינען צוגעטיילט געווארן דעם באטאליאן; פארנט, לענגויס דעם ברעג, האט זיך געצויגן א שטיילער אפשניט פון באדן — קעגן טאנקען,

דער בליק איז געלאָפן ווייטער, איבערן טייך, אין דער ריכטונג צום סוינע. כ'האָב געזען מיט אַלע אייגנצלהייטן דעם צווישנפּאַס, וואָס דער סוינע האָט נאָך ניט פאַרנומען און מיר האָבן שוין פאַרלאָזן; כ'האָב געזען די וועגן, וואָס פירן פון די דייטשישע קאָנצענטראַציע־זאָנעס צו אונדזערע באַהעלטענישן; כ'האָב געזען די טאָלן און וועלדער, וועלכע זיינען ווי ספּעציעל באַשטימט געוואָרן אַף צו פאַרשטעקן זיך אין זיי. דאָס האַרץ האָט מיר געוויינט, ווען כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי די דייטשן, אָנטרעפנדיק אַף אַ ווידערשטאַנד, וועלן זיך באַוועגן דורך די טאָלן און וועלדער, וועלכע זיינען נאָך איצט צוטריטלעך פאַר אונדז, וואו אונדזערע ראָטעס וואָלטן זיך געקענט פאַרבאַרגן.

אין געדאַנק האָט זיך שוין געפורעמט אַן אידייע פון אַ קלאַפּ פון הינטן, אַ קלאַפּ פון דער באַהעלטעניש אין עק פון די קאָמפּאַקטע קאָלאָנעס, וועלכע וועלן אַריינפאַלן צווישן צוויי פייערן.

ס'איז אַנטשטאַנען אַ פּלאַן פון אַן אַנטקעגנדיקן קלאַפּ, — אַליין פּלוצלינג אַטאַקירן דעם סוינע. אָבער מיט וועלכע קויכעס? אַרויספירן דעם באַטאַליאָן פון די פאַרפעסטיקונגען?

בעיים זיין לעצטן באַזוך האָט דער גענעראַל פּאַנפילאָוו אויסדריקלעך געוואָנדט מיין אויפמערקזאַמקייט אַף דער מעגלעכקייט פון אַן אַנטקעגנדיקן קלאַפּ.

אָבער אַרום און אַרום האָב איך זיבן הונדערט מאַן אַף אַכט קילאָמעטער פראָנט. איך קען דאָך ניט אַרויספירן דעם גאַנצן באַטאַליאָן און איבערלאָזן אומבאַשיצט די ליניע. מיט וועלכע ווערטער קען איך אייך איבערגעבן די קלעמעניש פון אַ קאָמאַנדיר: ווייניק קויכעס, ווייניק קויכעס...

טראַכטנדיק פאַרן סוינע האָב איך געזען אַ סאַך אויפאַנים צו אַנטשיידן זיין אויפגאַבע — דורכרייסן די ליניע פון מיין באַטאַליאָן, און אַליין האָב איך ניט געקענט שאַפן קיין פּלאַן, ניט געקענט געפינען קיין שאַך־צוג אַף צו פאַרמיידן דעם דורכרייס.

כ'האָב זיך געזידלט, כ'האָב זיך געפּייניקט. ס'האָט מיר ווי געטאָן דער גאַנצער קערפּער, ווי מ'וואָלט אים געהאַט שטאַרק צעשלאָגן.

5.

איך אָוונט האָב איך באַקומען אַ באַפעל: מעלדן זיך פינף אינדערפרי אין ראַיאָן פון שאָבן לינקס, אין קאָמאַנדע־פּונקט פון שכייניש באַטאַליאָן.

אַ שאָ מיט פּאַנפּילאָוון

1.

צום שאָכן לינקס האָב איך זיך אָוועקגעלאָזן רייטנדיק.
שטרייכט אונטער: לינקס. עס ווילט זיך איר זאָלט האָבן כאָטש אַן אַלגעמיינע אָבער אַ קלאָרע אָריענטאַציע. שטעלט אייך פאָר נאָכאַמאָל די ליניע פון באַטאַליאָן לענגויס דעם טייך רוזא. שטעלט זיך מיטן פּאָנעם צום סוינע. ס׳איז נייטיק, אַז ווייטער זאָלט איר זיך קלאָר פאָרשטעלן: דאָס און דאָס קומט פאָר אַנטקעגנאיבער אייך, אַנטקעגנאיבער דעם פראָנט פון באַטאַליאָן; דאָס און דאָס — אין דער רעכטער זייט; דאָס און דאָס — אין דער לינקער זייט, וואו אַזעלכע באַטאַליאָנען ווי אונדזערער האָבן פאַרנומען אויך אַזעלכע אויסגעצויגענע סעקטאָרן.
נאָך דעם פריצייטיקן ווינטער, ווען ס׳האָט זיך אַף צוויי וואָכן איינגעשטעלט אַ שליטוועגס, אַ זעלטנהייט אין אָקטאָבער, האָט זיך דער וועמער געביטן. דער פראָסט האָט נאָכגעלאָזן, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ הארבסטיקע שליאַכאָטע. די נעכט זיינען געווען אָנלעוואָנעדיקע, שווארצע.
מוירע האָבנדיק ארייננצופאַלן אין דער פינצטער מיטן פערד ערגעץ אין אַ גרוב, בין איך ניט געפאָרן גלייך מיטן ברעג, נאָר אָוועקגעלאָזן זיך מיטן פעלדוועג.
דעם פערד איז שווער געווען צו גיין אַפילו טראָט־באַ־טראָט. וואָרפנדיק מיטן קאָפּ, האָט ליסאַנקאַ מיט אַ כליופּעריי געריסן די קאָפּיטעס פון דעם קלעפּיקן טייג. איך בין שווער געזעסן אין זאָטל, איבערגעגעבן מיינע מאַכשאָוועס.
אַפן וועג האָב איך אָנגעהויבן טרעפן מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען

אין דער זעלבער ריכטונג. כ'האָב זיך געוואונדערט. וואָס איז עס? זאָלן עס זיין נייע קויכעס? פאַרשטאַרקונגען? מיין טאַשן־לעמפּל האָט פון צייט צו צייט דורכגעשניטן די פינצטערניש מיט אַ בינטל שטראַלן.

וואָס איז עס: אָפּגעשטאַנענע פון אַ קאָלאָנע, צי וואָס? זיי גייען צו צוויי, צו דריי אין די פאַרשטאַרטע שינעלן, איבער וועלכע עס קייקלען זיך אַראָפּ די שנירלעך וואַסער פון מאַנאָטאָן־שניידנדיקן רעגן. עס שטאַרצן די לופעס פון די ביקסן, וועלכע הענגען אויף די רימענס. עמעצער פרעגט:

— ווי ווייט איז ביז סיפּונאָווע, כאַווער קאָמאַנדיר?

איך זאָג:

— וואָס פאַרא מענטשן? פונוואַנען?

איך דערוויס זיך: דאָ איז אין אַ נאַכטמאַרש דורכגעגאַנגען אַ רע־זערוו־באַטאַליאָן פון וואָלאָקאָלאַמסק; אָט די וואָס רעדן מיט מיר זיינען אָפּגעשטאַנען אין מאַרש.

ווידער פרעגט מען, וויפל קילאָמעטער איז ביז סיפּונאָווע. איך ענט־פער און יאָג איבער. אַ שטיקל צייט איז דער וועג ליידיק. אַרום איז שטיל: באַנאַכט איז אָנטשוויגן געוואָרן דער ווייטער האַרמאַטן־דונער.

נאָר אָט שלעפּט זיך ווידער עמעצער פאָרויס. עס גייען ווידער צוויי־דריי. עס פרייט די אָנקומענדיקע הילף, אָבער... אָבער, צום טייוול! ווי שלעכט זיי גייען. עס פילט זיך ניט די איינקנעלונג, וואָס פּאַנפילאָוו האָט מיט אונדז געמאַכט: באַ אונדז האָט מען זיך אַזוי ניט צעצויגן, ניט אָפּ־געשטאַנען.

אַ מינוט שפּעטער, אָן אַ זייט — פייערלעך פון פּאַפּיראָסן. עטלעכע סאָלדאַטן ליגן אויפן ראַנד פון וועג און רייכערן. די מידע קערפּערס זיינען גלייכגילטיק צו דער נעץ.

און פון אומעטום הער איך איין פראַגע: ווי ווייט איז צו סיפּונאָווע?

איך בין אויך געפאָרן אַהין. נאָענט פון דאָרף סיפּונאָווע, אין וואַלד איז געשטאַנען דער קאָמאַנדע־פּונקט פון אונדזער שכייניש באַטאַליאָן.

.2

איך האָב זיך דערקליבן אהין און איבער די פייכטע טרעפּלעך זיך אראָפּגעלאָזן אין בלינדאזש פון קאָמאנדער־פּונקט.

— אָ, כאווער מאָמיש־אולי, זייט אזוי גוט...

דאָס איז געווען א באקאנטע הייזעריקלעכע שטים. כ'האָב דערזען דעם גענעראַל פּאנפּילאָוו.

ער איז געזעסן באַם אייזערנעם אויוועלע און איבערגעטאָן די שטיוול. אָן א זייט איז געזעסן זיין אדיוטאנט — א יונגער רויטבאקיקער לייטע־נאנט. אין צווייטן ווינקל — אַן אומבאקאנטער קאפּיטאן.

איך האָב זיך אויסגעצויגן און געמאָלדן מיין אָנקום. פּאנפּילאָוו האָט ארויסגענומען דעם זייגער, א קוק געטאָן.

— טוט זיך אויס. זעצט זיך צום אייוועלע.

זיין שינעל, וואָס איז טונקל געוואָרן פון רעגן, האָט זיך געטריקנט באַם פייער. ווייזט אויס, אויפנעמענדיק דאָס אָנגעקומענע כאַיל, האָט פּאנפּילאָוו א לאנגע צייט פארבראכט אונטערן רעגן און עפּשער א גאנצע נאכט ניט געשלאָפן. אָבער אין זיין צערונצלטן טונקעלן פּאָנעם מיט די אונטערגעשווירענע וואָנצעלעך האָט זיך ניט געזען קיין מידקייט.

— איר, כאווער מאָמיש־אולי, האָט געהערט ווי מיר האָבן עס היינט...? — האָט ער פארזשמורעט מיט א שמייכל געפרעגט.

ס'איז שווער איבערצוגעבן ווי אנגענעם ס'איז פאַר מיר געווען אין דעם מאָמענט זיין רואיקע פריינטלעכע שטים, זיין כיטרע פארזשמורען זיך. כ'האָב פּלוצלינג דערפילט, אז כ'בין ניט איינזאַם, ניט איבערגעלאָזן אויג אויף אויג מיטן סוינע, וועלכער ווייסט עפּעס אזוינס, א געוויסן סאָד פון דער מילכאָמע, וועלכן איך ווייס ניט, איך — א מענטש, וואָס האָט נאָך קיין שלאכט ניט דורכגעמאכט. איך האָב א קלער געטאָן: אָט־אָ דעם סאָד ווייסט אויך אונדזער גענעראַל — א סאָלדאט פון פריערדיקן וועלט־קריג און שפּעטער, נאָך דער רעוואָלוציע, קאָמאנדיר פון א באטאליאָן, פון א פּאָלק, פון א דיוויזיע.

פּאנפּילאָוו האָט ווייטער גערעדט:

— מיר האָבן אָפּגעשלאָגן... פּו־ר־ו... — עס האָט אין שפּאס שווער

אָפּגעאָטעמט. — איך האָב זיך געשראָקן. אָבער איך, כאַוועד מאַמיש־אולי, דערציילט ניט קיינעם. די טאַנקען האָבן זיך דאָך דורכגעריסן... אָט, אויך ער, — פאַנפילאָוו האָט אָנגעוויזן אויפן אַדיוטאַנט, — איז געווען דאָרטן מיט מיר און עפּעס וואָס געזען. נו זאָג, ווי האָט מען זיי באַגעגנט?

דער אַדיוטאַנט איז אויפגעשפּרונגען און פריידיק געזאָגט:

— מיט דער ברוסט האָט מען זיי באַגעגנט, כאַווער גענעראַל.

פאַנפילאָווס מאָדנע געבראָכענע ברעמען האָבן זיך אומצופרידן אַ הייב געטאָן.

— מיט דער ברוסט? — האָט ער איבערגעפרעגט. — ניין, מיין ליבער, די ברוסט איז לייכט דורכצושטעכן מיט יעדער שאַרפער זאַך, ניט נאָר מיט אַ קויל. אַ זאָג געטאָן אַ ביסל: מיט דער ברוסט! גיי טרוי אָן אַזאַ כעוורעמאַן אַ ראָטע, וועט ער זי פירן מיט דער ברוסט אויף די טאַנקען. ניט מיט דער ברוסט, נאָר מיט פייער! מיט הארמאַטן האָט מען זיי באַגעגנט! ניט געזען, וואָס?

דער אַדיוטאַנט האָט אייליק מאַסקים געווען. אָבער פאַנפילאָוו האָט נאָכאַמאָל בייזיק איבערגעכאַזערט:

— מיט דער ברוסט... גיי זע צו מען קאָרמעט די פערד... און הייס זיי אין אַ האַלבע שאָ אַרום אָנזאָטלען.

אַ ביסל אַ פאַרשעמטער האָט דער אַדיוטאַנט סאַלוטירט און איז אַרויסגעגאַנגען

— ער איז יונג! — האָט ווייך געזאָגט פאַנפילאָוו.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, דערנאָך אויפן קאַפּיטאַן, אַ פּייקל געטאָן מיט די פינגער איבערן טיש און געזאָגט:

— מ'טאָר ניט קעמפן מיט דער ברוסט פון דער אינפאַנטעריע, בי־פראַט איצט. מיר האָבן דאָ, הינטער מאָסקווע, ניט קיין סאַך מיליטער... מ'דאַרף שאַנעווען דעם סאָלדאַט.

איך האָב אָנגעשטרענגט געהערט דעם גענעראַל און געזוכט אין זיינע ווערטער אַן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס האָבן מיך געמאַטערט, אָבער דערווייל ניט געפונען.

ער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און צוגעגעבן:

— שאַנעווען ניט מיט ווערטער, נאָר מיט טאַט, מיט פייער.

.3

דערנאָך האָט פּאַנפילאָוו געזאָגט:

— איצט, כאַווער מאָמיש־אולי, האָט איר אַ נייעם שאָכן... זייט באַקאַנט: קאַפּיטאַן שילאָוו.

דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען באַם טיש, — אַ הויכער און שלאַנקער, יונג פאַר זיין ראַנג, לויטן אויסזען — אַ יאָר זיבן און צוואַנציק. אַפן קאָפּ האָט ער געטראָגן ניט קיין „אושאַנקע"*), ווי מיר אַלע, סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן פון פּאַנפילאָווס דיוויזיע, נאָר אַ היטל פון שוצקאַליר מיט אַ מאַלינאָווען קאַנט פון אינפאַנטעריע. מיר האָבן זיך באַגריסט.

— איר זייט געפאָרן מיטן וועג, כאַווער מאָמיש־אולי? — האָט געפרעגט פּאַנפילאָוו.

— יאָ, כאַווער גענעראַל.

— אַ סאַך אָפּגעשטאַנענע?

— אַ סאַך, — האָב איך געזאָגט.

באַ פּאַנפילאָוון האָט זיך פאַרדראָסיק ארויסגעריסן:

— עך!...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום קאַפּיטאַן. שילאָוו האָט זיך פאַרויטלט און זיך געשטעלט „אכטונג". אָבער אָנשטאָט אַ פאָרוואורף האָט פּאַנפילאָוו געזאָגט:

— איך ווייס, קאַפּיטאַן, איך ווייס וועגן וואָס איר טראַכט. עמעצער האָט זיי דערצויגן, עמעצער האָט זיי געלערנט, און איצט, זיי מויכל, קאַפּיטאַן שילאָוו, און צאָל דערפאַר. אַזוי?

פּאַנפילאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן. אויך שילאָוו האָט געשמייכלט.

— ניין, כאַווער גענעראַל־מאַיאָר, ניט דאָס.

— ניט דאָס?

מיט אַ לעבהאַפטע באַוועגונג האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צום קאַפּיטאַן. אין די קליינע אויגן האָט אויפגעבליצט נייגעריקייט. שילאָוו האָט מיט אַ פעסטער שטים געענטפערט:

---

*) אַ היטל מיט אויערן־לעדלעך. איבערז.

— ניט וועגן זיך טראַכט איך, כּאַוועך גענעראַל־מאַיאָר. זאָלן אָקאָרשט די מענטשן ניט דאַרפן צאָלן דערפאַר. דערלויבט מיר ארויסגיין, אָננעמען מיטלען, כּאַוועך גענעראַל־מאַיאָר.

— וואָס, איר וועט איינטיילן אַ פּאַרציע די אָפּגעשטאַנענע?

— ניין, כּאַוועך גענעראַל־מאַיאָר, איינטיילן אַ פּאַרציע וועט מען דאַרפן די קאָמאַנדירן. און כ׳וועל באַפעלן קלאָר מאַכן וועמען עס קומט אַ „טאָפּלטע פּאָרציע”.

פּאַנפילאָוו האָט זיך צעלאַכט.

— גוט, גוט, קאַפּיטאַן.

— דערלויבט ארויסגיין.

— וואַרט אויף.

פּאַנפילאָוו האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געטראַכט. דערנאָך איבערגעבאַ־זערט.

— אַזוי, הייסט עס, כּאַוועך מאָמיש־אולי, האָט איר איצט אַ נײַעם שאָכן. דער באַטאַליאָן איז אַ שוואַכינקער. שוואַך צוגעגרייט. אַזוי, קאַ־פּיטאַן?

— אַזוי, כּאַוועך גענעראַל־מאַיאָר.

ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט פּאַנפילאָוו דערקלערט, אַז צו דער דיוויזיע איז צוגעטיילט געוואָרן אַ רעזערוו־באַטאַליאָן, וואָס איז געשטאַנען אין וואָלאָקאָלאַמסק. דער קאַפּיטאַן שילאָוו האָט ערשט מיט עטלעכע טעג צו־ריק איבערגענומען דעם באַטאַליאָן.

— דעם פריערדיקן קאָמאַנדיר האָט מען געמוזט באַזייטיקן, — האָט געזאָגט פּאַנפילאָוו. — ער האָט צעלאָזן די מענטשן, ראַכמאַנעס געהאַט. סאַראַ טשודאַק! ראַכמאָנעס האָבן — הייסט דאָך, נישט האָבן קיין ראַכ־מאָנעס! איר האָט מיך פאַרשטאַנען, קאַפּיטאַן?

— יאָ, איך ווייס עס, כּאַוועך גענעראַל־מאַיאָר.

עטלעכע סעקונדן האָט פּאַנפילאָוו שווייגנדיק געקוקט אויפן ערנסטן יונגן פּאָנעם פון קאַפּיטאַן שילאָוו, דערנאָך זיך אויסגעדרייט צו מיר:

— אייך, כּאַוועך מאָמיש־אולי, האָב איך ארויסגערופן אָט צוליב וואָס...

אין מיר האָט זיך אַלץ אָנגעשטרענגט... אָבער דער גענעראַל האָט

פּאַשעט געזאָגט, אַז איך מיטן קאַפּיטאַן שילאָוו דאַרפן צוזאַמען באַ־טראַכטן דעם שיידפּונקט צווישן די באַטאַליאָנען.

— אויב דער סוינע וועט אַריין אין שיידפּונקט, שלאָגט אים ביידע פּאַראַמאַל. גרייט זיך צו צו דעם. וועגן אַלע פראַגן פון פאַרבינדונג און צוזאַמענאַרבעט פאַרשטענדיקט זיך אַפן אָרט. פאַרלאָזט נישט אין אַ צאָרע איינער דעם צווייטן.

אַ קוק געבנדיק נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם אַפן קאַפּיטאַן, האָט פּאַנ־פילאָוו אים דערלויבט אַרויסגיין.

פאַר מיר איז גאָרנישט קלאָר געוואָרן. מיך האָבן אַלץ געמאַטערט די אַלטע פראַגן. „שלאָגט אים ביידע פּאַראַמאַל!" ווי אַזוי? מיט וועלכע קויכעס? אַרויסנעמען די מענטשן פון די גראָבנס? אָפּהוילן, עפּענען דעם פראָנט? און ווי, אויב דער סוינע וועט גלייכצייטיק אַ קלאַפּ טאָן אין אַ צווייטן פּונקט? „שלאָגט אים ביידע פּאַראַמאַל!" אָבער דער סוינע וועט דאָך אונדז אויך שלאָגן, וועט אונדז שלאָגן מיט קויכעס, וואָס שטייגן אי־בער אונדזערע, אין פאַרשיידענע פּונקטן, פון פאַרשיידענע זייטן.

אויפכאַפּנדיק יעדער פּאַנפילאָווס וואָרט, האָב איך זיך אָפּגעגעבן כעשבן: דער סאָד פון דער שלאַכט, דער סאָד פון זיגן אין דער שלאַכט איז פאַר מיר אַזוי ווי פריער פאַרנעפּלט.

.4

הינטערן קאַפּיטאַן האָט זיך צוגעמאַכט די טיר.

— דאַכט זיך, אַ גאָלדענער קאָפּ, — האָט פאַרטראַכט געזאָגט פּאַנ־פילאָוו. — אָבער... הייסט עס, כאָוועך מאָמיש־אולי, אַ סאַך אָפּגעשטאַ־נענע, זייער אַ סאַך?

— אַ סאַך, כאָווער גענעראַל.

— עך, אויך מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ האָט מען צאָרעס, אויב דער סאָלדאַט איז נישט צוגעגרייט.

פּאַנפילאָווס פּאָנעם איז אַף אַ רעגע געוואָרן זייער מיד און כוישעך. אָבער באַלד, אַ קוק געבנדיק אַף מיר, האָט ער זיך צעשמייכלט. לעבעדיק

האָבן זיך צעגלאַנצט די קליינע אויגעלעך מיט די דראָבנע קנייטשעלעך
אַרום.

— נו, כּאַוועך מאַמיש־אולי... דערציילט־זשע...

איך האָב אָפּגעגעבן אַ קורצן באַריכט וועגן דעם דערפאָלג פון באַ־
נאַכטיקן איבערפאַל, אָבער פּאַנפּילאָוו האָט זיך פונאַנדערגעפרעגט. גע־
וואָלט וויסן אַלע איינצלהייטן. און ווידער, ווי אין איטיקע פריערדיקע
פאַלן, האָט זיך באַקומען נישט קיין באַריכט, נאָר אַ שמועס.

פּאַנפּילאָוו האָט אונטערגעוואונקען און געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס, דערציילט עס איבער דעם קאַפּיטאַן שילאָוו.
העלפט אים אונטער... איך וויל, אַז מאָרגן זאָל ער אויך אַ קלאַפּ טאָן לויט
אייער ביישפּיל.

דער גענעראַל האָט מיך נישט באַגריסט, נישט געדריקט די האַנט,
נישט געזאָגט: „אויסגעצייכנט! מאָלאָדיעץ!" אָבער ער האָט געלויבט אויף
אַן אַנדער אופן, מיט געשעפּטלעכער צערטלעכקייט.

— אָט, כּאַוועך מאַמיש־אולי, האָט איר זיך אויסגעלערנט שלאָגן דעם
דייטש.

איך האָב טרויעריק געענטפערט:

— ניין, כּאַוועך גענעראַל, כ׳האָב זיך נישט אויסגעלערנט.

זיינע ברעמען האָבן זיך אויפגעהויבן.

— וואָס הייסט?

— הייסט, כּאַוועך גענעראַל, האָב איך זיך אַ גאַנצן טאָג געבראָכן דעם
קאָפּ. ווען איך טראַכט פאַרן סוינע, זיג איך לייכט. ווען איך טראַכט פאַר
זיך, זע איך נישט, ווי אַזוי צו שלאָגן אים, ווי אַזוי צוריקצושליידערן.

אַן אָנגעכמורעטער האָט פּאַנפּילאָוו אַ שטיקל צייט שווייגנדיק גע־
קוקט אויף מיר, דערנאָך באַפוילן:

— באַריכטעט אויספירלעך. דערלאַנגט די מאַפּע!

.5

איך האָב אויסגעשפּרייט אויפן טיש מיין מאַפּע. מיט אַ רויטן בלייַ־
שטיפט איז דאָרט געווען אָנגעמערקט אונדזער ליניע, אַן אומבאַרירטע,
אין ערגעץ נישט צעשעדיקטע פון קיין שלאַכט. פון ביידע זייטן פון אונ־

דזער ראיאָן האָבן זיך געצויגן די פּאַרטיידיקונגס־ליניעס פון די שכיינישע באַטאַליאָנען. אָט די ליניע — אַ שיטער קייטעלע פון שיסער־קעמערלעך און קוילנווארפער־נעסטן, האָט פאַרצאַמט מאָסקווע פאַרן סוינע.

איך האָב אָפּנהאַרציק געמאָלדן, אַז אַרומטראַכטנדיק די לאַגע, זע איך נישט קיין מעגלעכקייט צו פאַרמיידן מיט מיינע קויכעס אַ דורכרייס אין ראיאָן פון באַטאַליאָן. ס'איז נישט לייכט אַרויסצוזאָגן אַזעלכע ווערטער, — יעדער קאָמאַנדיר וועט מיך פאַרשטיין, — אָבער איך האָב אַרויסגעזאָגט. פּאַנפילאָוו האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט, פאַרלייגנדיק מיר צו ריידן ווייטער. איך האָב אַרויסגעזאָגט די אַלע געדאַנקען, וואָס האָבן מיך געמאַטערט; געזאָגט, אַז איך האָב נישט קיין שום רעזערווטייל, אַז אין פאַל פון אַ פּלוצלינגדיקן קלאַפּ האָב איך נישט מיט וואָס אונטערצושפּאַרן אונדזער פאַרצאַמונג, מיט וואָס זיך קעגנשטעלן.

— כ'בין זיכער, כאַווער גענעראַל, אַז מיין באַטאַליאָן וועט נישט צוריקגיין און וועט קענען, אויב ס'וועט נייטיק זיין, שטאַרבן אויף זיין ליניע, אָבער...

— אייל זיך נישט שטאַרבן, לערן זיך קעמפן, — האָט מיר פּאַנפילאָוו איבערגעריסן. — אָבער רעדט ווייטער, כאַווער מאָמיש־אולי, רעדט ווייטער.

— ווייטער, כאַווער גענעראַל, קימערט מיך אָט וואָס... איצט טיילט אָפּ אונדזער ליניע פון סוינע אַ צווישן־שעטעך פון פופצן קילאָמעטער די ברייט.

איך האָב אָנגעוויזן דעם שעטעך אויף דער מאַפּע. פּאַנפילאָוו האָט ווידער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איז ווי־זשע, כאַווער גענעראַל, אָפּגעבן אים אָט אַזוי די פופצן קילאָמעטער?

— ס'הייסט, ווי — אָפּגעבן?

איך האָב דערקלערט:

— צעקלאַפּנדיק אונדזער שלאַכטשורע, וועט ער, כאַווער גענעראַל, שנעל צוקומען...

— פאַרוואָס — צעקלאַפּנדיק?

ביז איצט האָט פּאַנפילאָוו געהערט ערנסט און אויפמערקזאַם. אָבער

דאָ צום ערשטן מאָל אין מעשעך פון מיין באַריכט האָט זיין געזיכט אויס־געדריקט אומצופרידנקייט. ער האָט שאַרף איבערגעכאַזערט:

— פאַרוואָס — צעקלאַפּנדיק?

איך האָב נישט געענטפערט. פאַר מיר האָט עס אויסגעזען קלאָר: עס קען דאָך נישט די שלאַכטשוץ, דאָס הייסט צען־צוואַנציק מענטשן, פאַר־האַלטן די באַדייטנדיקע קויכעס פון סוינע.

— עס וואונדערט מיך אַף אייך, כאַווער מאַמיש־אולי, — האָט גע־זאָגט דער גענעראַל. — איר האָט דאָך שוין געשלאָגן דעם דייטש!

— אָבער, כאַווער גענעראַל, דאַמאָלסט זיינען מיר דאָך אָנגעפאַלן און דערצו באַנאַכט, אומגעריכט...

— עס וואונדערט מיך אַף אייך, — האָט ער איבערגעכאַזערט. — איך האָב געמיינט, אַז איר האָט פאַרשטאַנען, אַז דער סאָלדאַט דאַרף ניט זיצן און וואַרטן אַפן טויט. מ'דאַרף טראָגן דעם טויט צום סוינע, אָנפאַלן. ווייל אויב דו שפּילסט ניט, שפּילט מען מיט דיר.

— ווי־זשע אָנפאַלן, כאַווער גענעראַל? ווידער אַף סערעדאַ? דער סוינע איז שוין דאָרטן פאַרזיכערט.

— און דאָס וואָס איז? — פּאַנפּילאָוו האָט מיטן בלייפעדער אָנגע־וויזן דעם צווישן־שעטעך. — איר, כאַווער מאַמיש־אולי, זייט מיט איין זאַך גערעכט: וועט דער סוינע צוקומען האַרט צו אונדז, וועלן מיר אים מיט אונדזער קיימעלע ניט פאַרהאַלטן. אָבער ער דאַרף דאָך צוקומען! איר זאָגט: צעקלאַפּנדיק... ניין, כאַווער, דאַוקע דאָ, אַף אָט דעם שעטעך דאַרף מען קעמפן... נעמט איר די איניציאַטיוו, פאַלט אָן. אין וועלכע פּונקטן איז באַ אייך די שלאַכטשוץ?

איך האָב אָנגעוויזן.

— דאָס איז ווייניק. דאָ דאַרפן טעטיק זיין פאַרשטאַרקטע אָפּטיי־לונגען. וואָס מער האַנט־מעטראַליעס פאַר זיי. קיין שווערע קוילנוואַרפער דאַרף מען נים. די אָפּטיילונגען דאַרפן זיין לייכט, באַוועגלעך. און דריים־טער, טיפער רוקט זיי אַרויס אין דער ריכטונג צום סוינע. זאָלן זיי באַ־געגענען מיט פייער, אָנגרייפן מיט פייער, ווען דער סוינע וועט זיך נעמען באַוועגן.

— אָבער, כּאַווער גענעראַל, דער סוינע וועט דאָך זיי אַרומגיין, אַרומפּליסן פון צוויי זייטן.

פּאַנפילאָוו האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איר מיינט: „וואו ס׳גייט דורך אַ הירש, גייט דורך אַ סאָלדאַט; וואו ס׳גייט דורך אַ סאָלדאַט, גייט דורך אַן אַרמיי?" דאָס, כּאַווער מאָ־מיש־אולי, איז ניט וועגן דייטש געזאָגט געוואָרן. איר ווייסט, ווי אַזוי זיי פירן איצט מילכאָמע? וואו אַ לאַסט־אויטאָ גייט דורך, דאָרט גייט דורך די אַרמיי. וואו-זשע וועט איר דורך די טאָלן, גריבער און בערגלעך דורכ־שלעפּן אַן אויטאָ־טראַנספּאָרט, אויב די וועגן זיינען פאַרמאַכט? אדרבא, כּאַווער מאָמיש־אולי,וואו?

— אין אַזאַ פאַל וועט ער ארויסשלאָגן...

— ארויסשלאָגן? אַ גרופּע מיט אַ דריי־פיר קוילנוואַרפערס איז ניט אַזוי לייכט ארויסצושלאָגן. מ׳דאַרף זיך פונאַנדערשפּרייטן, אָננעמען אַ שלאַכט, דאָס איז אַ האַלבער טאָג. זאָל ער אַרומגיין, ס׳איז ניט געפער־לעך. אָבער אַרומרינגלען לאָזט זיך ניט. אין נייטיקן מאָמענט דאַרף מען אָפּשפּרינגען, ארויסגליטשן זיך. צום ביישפּיל אַזוי...

מיט לייכטע באַרירונגען פון בליישטיפט האָט פּאַנפילאָוו איבערגע־צאַמט איינעם פון די וועגן לעבן דאָרף, וואָס איז געווען פאַרנומען פון די דייטשן, דערנאָך איז דער בליישטיפט אָפּגעלאָפן אַן אַ זייט, געמאַכט אַ קרייז און זיך אומגעקערט צוריק צום וועג, עטוואָס נעענטער צו אונדזער ליניע. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, צי איך פאַלג נאָך, צי איך פאַרשטיי, און געמאַכט מיטן בליישטיפט נאָך אייניקע אַזעלכע דריידלעך, רוקנדיק זיך אַלץ נעענטער צו אונדזער ליניע.

— איר זעט, סאַראַ ספּיראַל, אַ ספּרענזשינע, — האָט ער געזאָגט.

— וויפל מאָל וועט איר צווינגען דעם סוינע צו אַטאַקירן אויף פוסטן? וויפל טעג וועט איר באַ אים צונעמען? נו, וואָס וועט איר זאָגן אויף דעם, כּאַ־שעווער הער סוינע?

איך האָב אַרומגעטראַכט די זאַך. איך האָב דאָך אויך געהאַט אַ גע־דאַנק וועגן עפּעס אַזוינס, אָבער ביז דעם שמועס מיט פּאַנפילאָוון האָב איך זיך ניט געקענט באַפרייען פון היפּנאָז פון די פאַרפעסטיקונגען, כ׳האָב

ניט געהאַט קיין רעכט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַרויסצופירן די מענטשן פון די שוץ־גראָבנס.

.6

ס'איז אַריינגעקומען פּאַנפּילאָווס אַדיוטאַנט.

— די פערד זיינען אָנגעזאָטלט, כאַווער גענעראַל.

פּאַנפּילאָוו האָט אַ קוק געטאָן אַפן זייגער.

— גוט... קלינגט אָן אין שטאַב, אַז אין אַ צען מינוט אַרום פאָרן מיר אַרויס.

ער האָט אַ טאַפּ געטאָן דעם קאָלנער און די אַקסלען פון שינעל, וואָס האָט זיך געטריקנט לעבן אייוועלע, האָט זיך אַראָפּגעזעצט און צוגע־וואָרפן האָלץ צום פייער, און אַזוי געבליבן זיצן אַ ווײַלע באַם אָפענעם טירל פון אייוועלע. אין די דאָזיקע פּאַשעטע באַוועגונגען, ווי בעיים דער פריערדיקער באַגעגעניש, האָט זיך געמערקט אַ זיכערקייט. ס'האָט זיך געפילט, אַז ער האָט זיך צוגעגרייט צו קעמפן גרינטלעך, אויסגערעכנט, לאַנג.

דערנאָך איז ער ווידער צוגעגאַנגען צו דער מאַפּע, געקוקט אַף איר, געדרייט דעם בליישטיפט.

— פאַרשטייט זיך, כאַווער מאָמיש־אולי, — האָט ער געזאָגט, — אין דער שלאַכט קען זיך אויסלייגן ניט אַזוי, ווי מיר האָבן דאָ אַרומגע־רעדט. די מילכאָמע פירט ניט דער בליישטיפט, ניט די מאַפּע, נאָר דער מענטש.

ווי זיין טעווע איז געווען, האָט ער גערעדט, ווי ער וואָלט געטראַכט אַפן קאָל.

— קלייבט צו פאַר די פאַרשטאַרקטע גרופּעס קאָמאַנדירן דרייסטע און מיט קעפּ. אַט דאָ זאָל עפּעס זיין.

ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן.

— פון די, כאַווער גענעראַל, וואָס זיינען שוין געווען אין נאַכט־איבערפאַל?

פּאַנפּילאָוו האָט צוגעזשמורעט די אויגן.

— איך, כאַווער קאָמבאַט, האָב ניט בעדייע צו קאָמאַנדעווען מיטן באַטאַליאָן. איך האָב די דיוויזיע. דאָס וועט איר שוין אַליין דאַרפן טאָן: אויסקלייבן די צווישן-פּאָזיציעס פאַר דער שלאַכטשויג, אויסקלייבן די קאָמאַנדירן.

דאָך, נאָך אַ רעגע טראַכטן, האָט ער געענטפערט:

— ניין, צו וואָס שיקן די זעלבע, וואָס זיינען שוין געווען אין דער אַרבעט. זאָלן אויך אַנדערע זיך אַרומשיסן. אַלע דאַרפן מילכאָמע האַלטן. נאָר איר מאַכט קלאָר איין זאַך, די הויפּט-זאַך: לאָזט ניט דורך, פאַר קיין פאַל לאָזט ניט דורך דורך די וועגן. לאָזט ניט צו צו דער ליניע... היינט איז דער סוינע פון אייך פופצן קילאָמעטער. דאָס איז זייער נאָנט, ווען ס'איז ניטאָ קיין ווידערשטאַנד, און זייער ווייט, ווען יעדער וועלדל, יעדער בערגל שטעלט אַ ווידערשטאַנד.

ווידער האָט ער געקוקט אויף דער מאַפּע, געשוויגן אַ ווײַלע און דער־נאָך געזאָגט:

— נאָך אַ זאַך, כאַווער מאָמיש-אולי. קאָנטראָלירט די באַוועגלעכ־קייט פון באַטאַליאָן און גיט קעסיידער אַכטונג, צי ס'זיינען גרייט די פורן, דער געשפּאַן, די פערד... אין קריג קומען פאַר אַלערליי זאַכן. זייט גרייט לויט אַ באַפעל שנעל זיך צוזאַמענגעמען, שנעל אַריבערוואַרפן זיך.

מיר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער דריקט זיך אויס עפּעס ניט קלאָר, עפּעס אַנדערש מיינענדיק. איך האָב באַשלאָסן אַרויסזאָגן אָפן מיין צווייפל.

— כאַווער גענעראַל, דערלויבט פרעגן.

— יאָ, יאָ, פרעגט. צוליב דעם שמועסן מיר דאָך.

— מיר איז ניט קלאָר, כאַווער גענעראַל. דער סוינע וועט דאָך פאָרט צוקומען צו דער ליניע פון באַטאַליאָן. איר האָט געזאָגט: מיר וועלן אים ניט איינהאַלטן. איך בעט אַ דערלויבעניש אייך צו פרעגן: ווי איז די פּערספּעקטיוו? אויף וואָס דאַרף איך זיין גרייט, איך, קאָמאַנדיר פון באַ־טאַליאָן? אויף אַ ריקצוג?

— און ווי טראַכט איר אַליין וועגן דעם, כאַווער מאָמיש-אולי?

— איך ווייס ניט, כאַווער גענעראַל.

— איר פאַרשטייט, — האָט ער געזאָגט נאָך אַ ווײַלע שווייגן, — דער קאָמאַנדיר איז שטענדיק מחויעוו צו טראַכטן וועגן ערגסטן וואָ־

ריאַנט. אונדזער אויפגאַבע איז — האַלטן די וועגן. אויב דער דייטש וועט זיך דורכרייסן, דאַרף ער אַף די וועגן ווידער אָנטרעפן אונדזער מיליטער. אָט דעריבער טאַקע האָב איך פונדאַנען גענומען דעם באַטאַליאָן. געוואָלט נעמען אייערן, אָבער איר האַלט אַ וויכטיקן וועג.

ער האָט אָנגעוויזן אַף דער מאַפּע דעם וועג סערעדאַ-וואָלאָקאָלאַמסק, וועלכן ס׳האָט איבערגעצאַמט דער רויטער שטריך פון באַטאַליאָן.

— ניט די ליניע איז וויכטיק, כאַווער מאָמיש־אולי. וויכטיק איז דער וועג. אויב ס׳וועט נייטיק זיין, פירט אַרויס דרייסט די מענטשן פון די שוצגראָבנס, קאָנצענטרירט זיך דרייסט, אָבער האַלט איין דעם וועג. איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

— יאָ, כאַווער גענעראַל.

אָנטוענדיק דעם שינעל, האָט ער געפרעגט:

— איר קענט די רעטעניש: „וואָס איז אַף דער וועלט דאָס סאַמע לאַנגסטע און סאַמע קורצסטע, דאָס סאַמע שנעלסטע און סאַמע לאַנג־זאַמסטע, צו וואָס מען באַציט זיך אָממייסטן מיט גרינגשעצונג און וואָס מען זשאַלעוועט מער פון אַלץ?".

איך האָב זיך ניט גלייך געכאַפּט. אַ צופרידענער, וואָס ער האָט מיך געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט, האָט פאַנפילאָוו אַרויסגענומען דעם זייגער און געוויזן:

— אָט וואָס! — די צייט! איצט איז אונדזער אויפגאַבע קעמפן פאַר דער צייט, צונעמען באַם סוינע צייט. באַגלייט מיך.

מיר זיינען אַרויס פון בלינדאַזש.

7.

ס׳האָט גענרויט דער באַגינען. דער רעגן האָט אויפגעהערט. די ביי־מער האָבן זיך קוים געמערקט דורכן נעפּל. מ׳האָט צוגעפירט די פערד. פאַנפילאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט.

— און וואו איז שילאָוו? מיר׳ן דערווייל גיין, זאָל ער אונדז אָניאָגן.

אַפּן וועג האָט מיך פאַנפילאָוו געפרעגט, וועלכע אַרבעט גייט באַ אונדז אַף דער ליניע. איך האָב געמאָלדן, אַז מיר גראָבן פאַרבינדונגס־גענג. פאַנפילאָוו האָט זיך צוגעשטעלט.

— מיט וואָס גראָבט איר?

— וואָס שאַיעך, מיט וואָס? מיט רידלען, כאַוועך גענעראַל.

— מיט רידלען? מיט סייכל דאַרף מען גראָבן. — ער האָט עס אַרויס־געזאָגט ווייך, מיט הומאָר. — איר האָט דאָרט אָנגעקערט מיסטאָם אַביסל ערד! איצט דאַרפט איר גראָבן אַ פּאַלשע פּאָזיציע. מ'דאַרף כיטרעווען, אָפּנאַרן.

ס'האָט מיך פאַרוואונדערט. נאָכן שמועס מיטן גענעראַל איז בײַ מיר געבליבן דער איינדרוק, אַז ער גיט ניט צו קיין באַדײַטונג דער פּאַרטיי־דיקונגס־ליניע. און איצט קומט אויס ניט אַזוי. איך האָב געענטפערט:

— רעכט, גראָבן אַ פּאַלשע פּאָזיציע, כאַוועך גענעראַל.

לויפנדיק האָט אונדז אָנגעיאָגט דער קאַפּיטאַן שילאָוו.

בײַם וועג איז געשטאַנען אַ וואַכפּאָסטן, אַ יונג פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט גרויע ערנסטע אויגן. ניט זייער פּינקטלעך אָבער מיט אײַפער האָט ער באַגריסט דעם גענעראַל רעגלאַמענטאַריש.

— ווי לעבט זיך דיר, סאָלדאַט?

דער יונג איז געבליבן עטוואָס צעמישט. אין דער צײַט איז אין דער אַרמיי ניט געווען אָנגענומען די ווענדונג „סאָלדאַט". מ'האָט געזאָגט „קעמפער", „רויטאַרמייער". ס'קען זײַן, אַז צום ערשטן מאָל האָט מען אים אָנגערופן סאָלדאַט. באַמערקנדיק זײַן פאַרלעגנהייט, האָט פּאַנפילאָוו געזאָגט:

— סאָלדאַט — איז אַ גרויס וואָרט. מיר אַלע זײַנען סאָלדאַטן. נו, דערציי׳ל ווי לעבט זיך דיר?

— גוט, כאַוועך גענעראַל.

שמייכלענדיק האָט פּאַנפילאָוו אָראָפּגעקוקט אונטן. די שיטערע בלאַ־טע האָט אינגאַנצן אַרומגעקלעפּט די שווערע שיך בײַם סאָלדאַט. די שפּורן פון דער בלאָטע פון וועג האָבן זיך געמערקט אויף די פייכטע וויקל־שניר און העכער, אַפילו נאָכדעם, ווי ס'איז שוין אָראָפּגעשאַרט געוואָרן מיט אַ שפּענדל צי אַ צווייגל. די האַנט וואָס האָט געהאַלטן די ביקס איז געווען בלוי פון דער באַגינענדיקער קעלט.

— גוט? — האָט איבערגעפרעגט פּאַנפילאָוו. — און ווי האָט איר דורכגעמאַכט דעם מאַרש?

— גוט, כאַווער גענעראַל.

פאַנפילאָוו האָט זיך געווענדט צו שילאָוון.

— כאַווער שילאָוו, ווי האָט איר דורכגעמאַכט דעם מאַרש?

— שלעכט, כאַווער גענעראַל.

— עהע... ווייזט זיך אַרויס, סאָלדאַט, האָסט געזאָגט אַ ליגן. — פאַנפילאָוו האָט געשמייכלט. — נו, רייד־זשע, דערציייל, ווי לעבט זיך?

דער סאָלדאַט האָט איינגעשפּאַרט איבערגעכאַזוערט:

— גוט, כאַווער גענעראַל.

— ניין, — האָט געזאָגט פאַנפילאָוו. — לעבט זיך דען גוט מילכאָמע־צייט? שפּאַנען באַנאַכט אין רעגן איבער אַזאַ קאַשע — וואָס פאַרא גוטס איז אין דעם? געשלאָפן נאָכן מאַרש? ניין. געגעסן? ניין. שטיי דאָ אַ דורכגעווייקטער אָפן ווינט אָדער גראָב די ערד, און מאָרגן־איבערמאָרגן אין שלאַכט, וואו בלוט וועט זיך גיסן. וואָס פאַרא גוטס איז פאַראַן אין דעם?

דער סאָלדאַט האָט פאַרלעגן געשמייכלט. פאַנפילאָוו האָט ווייטער גערעדט:

— ניין, ברודערל, אין מילכאָמע לעבט זיך ניט גוט... אָבער אונדזערע מאַמעס, אונדזערע זיידעס האָבן געקענט דאָס אַלץ אַריבערטראָגן. זיי האָבן באַזיגט די שווערקייטן פון מילכאָמע־לעבן און צעשמעטערט די סאָנים. דו, ברודערל, האָסט זיך נאָך ניט באַגעגנט מיטן סוינע אין קאַמף... אָבער קעמפן מיט דער קעלט, מיט דער מידקייט, מיטן מאַנגל אין דעם סאַמע נייטיקסטן — איז אויך אַ שלאַכט, וואו ס'פאָדערט זיך מוט. און דו לאָזט ניט אַראָפּ די נאָז, קלאָגסט ניט... דאָס איז גוט, סאָלדאַט! ווי איז דיין נאָמען?

— פאָלזונאָוו, כאַווער גענעראַל... אָט דאָס זעלבע האָב איך אויך געוואָלט זאָגן, כאַווער גענעראַל...

— אַ באַרימטער נאָמען... אַ באַרימטער מעכאַניקער געווען... געוואָלט... פאַרוואָס־זשע האָסטו ניט געזאָגט?

— זייט מויכל, כאַווער גענעראַל. פּאַשעט, ניט אַ טראַכט געטאָן.

— אַ סאָלדאַט דאַרף שטענדיק טראַכטן. אַ סאָלדאַט דאַרף קעמפן

מיט סייכל. נו, פּאַלזונאַוו... כ'וועל דיך געדענקען. כ'וויל הערן וועגן דיר. האָסט מיך פאַרשטאַנען?

פאַרשטאַנען, כאַווער גענעראַל.

א פאַרטראַכטער, סוקנדיק זיך אַף די פּיס, איז פּאַנפּילאַוו לאַנגזאַם געגאַנגען מיטן וועג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, א קוק געטאָן אַף שילאָוון און אַף מיר.

— שווער איז דאָס לעבן פון סאָלדאַט, — האָט ער געזאָגט. — ניטאָ וואָס צו ריידן, שווער. מ'דאַרף דאָס שטענדיק זאָגן דעם סאָלדאַט אין די אויגן, און אויב ער זאָגט ליגן, דאַרף מען אים אָפּן אָרט פאַריכטן.

ער האָט א ווײַלע געשוויגן, געטראַכט.

— זשאַלעוועט ניט, כאַווער שילאָוו, די מענטשן פאַר דער שלאַכט, אָבער אין דער שלאַכט שאַנעוועט... שאַנעוועט דעם סאָלדאַט אין דער שלאַכט.

דאָס האָט ניט געקלונגען ווי א באַפעל. ס'איז געווען מער ווי א באַ-פעל: א געבאָט. אָבער באַלד האָט פּאַנפּילאָוו איבערגעבאַזערט מיט אַן אַנדער טאָן, באַפעלעריש, שטרענג:

— שאַנעוועט... קיין אַנדער מיליטער, קיין אַנדערע סאָלדאַטן האָבן מיר איצט ניט דאָ, הינטער מאָסקווע. פאַרלירן מיר אָט די, האָבן מיר ניט מיט וואָס דעם דייטש צו פאַרהאַלטן.

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט, אײַנגעשטיגן אין זאָטל און אַוועקגעריטן מיטן ראַנד פון וועג.

די שלאַכט אַפֿן וועג

.1

לויט פּאַנפּילאָווס אָנווייזונג בין איך מיטן קאַפּיטאַן שילאָוו אַרויסגעפֿאָרן צום ראַיאָן פֿון שיידפּונקט. מיר האָבן באַטראַכט די געגנט, אַרומגערעדט די צוזאַמענאַרבעט און קעגנזייטיקע הילף אין דער שלאַכט.

איך האָב זיך צעשיידט מיטן קאַפּיטאַן און זיך אומגעקערט צו זיך אין שטאַב, רייטנדיק מיטן ברעג. נאָך דער שלאָפֿלאָזער נאַכט, וואָס איז אַדורך אין שווערע מאַכשאָוועס, נאָכן שמועס מיט פּאַנפּילאָוון, ווען די נערוון־סיסטעם איז ווידער אָנגעשטרענגט געווען, האָב איך געפֿילט, ווי מאָדנע עס זאָל ניט אויסקומען, ניט קיין מידקייט, נאָר אַ וואונדערלעכע לייכטקייט. אין זאָטל בין איך שוין ניט געזעסן שווער, ווי ס'האָט פּאַסירט באַנאַכט; די געדאַנקען האָבן שוין ניט געדריקט. דוכט זיך, אויך ליסאַנקאַ איז לייכטער געלאָפֿן.

אַרום איז געווען שטיל. ס'האָט זיך ניט געהערט ניט קיין נאָנטע, ניט קיין ווייטע באַכען פֿון קאַנאָנען. דעם טאָג, דעם זיבעצנטן אָקטאָבער, האָט געהערשט אַ שטילקייט אויף דאָרט, לינקס פֿון אונדז, וואו נעכטן האָבן זיך געריסן די דייטשישע טאַנקען, וואו נעכטן האָט געדונערט די שלאַכט.

ביז איצט געדענקט זיך מיר די דאָזיקע שטילקייט; ס'געדענקט זיך דער הימל, אַ טונקעלער ווי גראַפֿיט; די בלאָטיקע פֿעלד מיט די קליינע לוזשעס, וואָס האָבן אָפּגעלויכטן מיט אַ בלייערנעם גלאַנץ.

הינטערן טייך האָט זיך געזען דער שוואַרצער נאַסער וועג, וואָס איז פֿאַרשוואונדן אין נאָנטן וואַלד. אויפֿהייבנדיק זיך אַפֿן שיפּוע פֿון ברעג, האָט דער דאָזיקער וועג, וואָס איז אָפּגעצייכנט געווען מיט טעלעגראַף־

כלופּעס, איבערגעשניטן די ליניע פון באַטאַליאָן און פּאַרביי. די דאָרפישע שטיבלעך, די טונקעלע פונעם רעגן, פאַרביי דעם ציגלנעם קלויסטער געפּירט אַהין, וואוהין ס'האָט זיך געריסן דער סוינע — צום וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי, צו מאָסקווע.

ס'איז געבליבן איינגעקריצט אין דער נעשאָמע אַלץ, וואָס כ'האָב באַגעגנט דעם פרימאָרגן אַפן וועג, ס'געדענקט זיך דער אומרואיקער פרעגנדיקער בליק פון א פויערטע, וואָס כ'האָב אויפגעכאַפּט, ווען ליסאַנקאַ איז מיט א לייכטן טראַט געלאָפן דורכן דאָרף, לענגויס דעם טייך. ס'איז געבליבן אין זיקאָרן אָט דאָס געזיכט, דורכגעשניטן מיט קנייטשעלעך, פאַרטונקלט פון דער זון, פון ווינט, פון פראָצע, מיט אָפּגעבלאַקירטע העל־בלאָע אויגן, — א געזיכט פון א רוסישער פרוי. זי האָט אַזוי ווי געפרעגט, וואוהין פאָרסטו, וועלכע בסורעם טראָגסטו? וואָס וועט זיין מיט אונדז?" זי האָט אַזוי ווי געבעטן: „זאָג עפּעס, בארואיק".

און דאָס פערד איז שוין פאַרבייגעלאָפן. איך האָב דערזען א רויט־אַרמייער מיט א קעסעלע שפּייז, אָנגעבויגן צו א פויערשן יאַטל. דער סאָלדאַט האָט זיך אויסגעגלייכט, און איך האָב דערקענט די כיטרע־גוטמוטיקע פיזיאָנאָמיע פון מעטראַליסט בלאָכאַ: זיין אָפּטיילונג איז געשטאַנען נאָענט פונדאַנען. ער איז גלייך געוואָרן ערנסט, צונויפגעצויגן די קוים קענטיקע העלע ברעמען און איילנדיק מיך סאַלוטירט. גלייך נאָך אים, מיט דער זעלבער ערנסטער מינע, האָט מיך אויך סאַלוטירט דאָס יאַטל.

אַזעלכע סצענעס זיינען גאַנץ געוויינלעכע, באַמערקסט עס און טייקעף פאַרגעסטו עס, אָבער אין דעם דאָזיקן פרימאָרגן האָט אויך דאָס יינגעלע, דאָס „פּיצל־פּויערל", צוטרוילעך זייט־בא־זייט מיטן רוסישן סאָלדאַט, אויפגערודערט, געקלעמט באַם האַרצן.

און דאָס אויג זעט שוין עפּעס אַנדערש. בא א פּלויטל, האַלטנדיק זיך מיט די הענט פאַר די שטאַכעטן, שטייט א מיידל. זי רעדט צו עמעצן און לאַכט. פון א גאַניק שמייכלענדיק דערנענטערט זיך צו איר דער פּאָליטקאָם פון דער קוילנוואַרפער־ראָטע באַזשאַנאָוו. באביידן שפּילן די אויגן, עס שפּילט די יוגנטלעכקייט. דערזעענדיק מיך, האָט באַזשאַנאָוו זיך געשטעלט „אַכטונג" און סאַלוטירט. און דאָס מיידל האָט אויסגעדרייט

איר פּאָנעם צו מיר. איר בליק איז טייקעף געוואָרן אַנדערש, — אויך אַזוי ערנסט און פרעגנדיק, ווי בא יענער פרוי.
און דער דאָזיקער בליק האָט ווידער גערירט באַם האַרצן.

2.

מיידנדיק דעם דאָרף, ביז איך צוגעפאָרן צו דער אָפּטיילונג פון לייטענאַנט ברודני. די רויטאַרמייער האָבן געגראָבן פאַרבינדונגס-געענג. עמעצער אַ נאַקעטער ביזן גאַרטל, גיט געקוקט אַף דעם קאַלטן דורכדרינגלעכן וועטער, האָט געהאַקט די ערד מיט אַ קירקע. די פאַרשוויצטע אַקסלען האָבן געגלאַנצט ווי אָפּגעלאַקירטע. דאָס איז געווען קורבאַטאָוו, דער געהילף פון קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג.
— כ'האָב זיך אַליין גענומען, כאַוועך קאָמבאַט, — האָט ער געזאָגט.
— אַ שטייניקער באָדן, מ'דאַרף צוהעלפן, און אויך צעוואַרעמען זיך.
אַ מוסקולדיקער, אַ שטאַרקער, האָט ער פריי אויסגעשטעלט זיין נאַקעטע ברוסט אַפן אָקטאָבערדיקן ווינט. איך האָב אָפּט אָנגעקוקט און שטאָלצירט מיט אָט דעם קעמפער, וואָס איז געווען שיין מיט אַ באַזונדער זעלנערישער שיינקייט. אָבער איצט האָב איך געזאָגט:
— וואָס האָט איר דאָ אָנגעקערט אַזוי פיל ערד. מ'זעט עס פאַר דריי קילאָמעטער. שנעל וואַרפט עס פונאַנדער און גלייכט אַלץ אויס. וואו איז דער לייטענאַנט?
דער לייטענאַנט ברודני, — אַ קליינער און אַ פלינקער אין אַ גוט געפּאַסטן, פעסט פאַרצויגענעם שינעל, — איז שוין געלאָפן צו מיר. ער האָט פליסיק אָפּראַפּאָרטירט. איך האָב געזאָגט צו אים:
— זאָלן די מענטשן פאַרענדיקן די אַרבעט. זאָלן זיי אַלץ פאַרמאַסקירן. פאַראָרדנט עס, כאַוועך לייטענאַנט, און דערנאָך שנעל צו מיר, אין שטאַב פון באַטאַליאָן.
ער האָט שנעל געענטפערט:
— רעכט, כאַוועך קאָמבאַט.
דער לייטענאַנט ברודני איז געווען איינער פון די צוויי קאָמאַנדירן, וועלכע איך האָב אויסגעקליבן, זיי זאָלן אויספירן די אויפגאַבע, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורכן גענעראַלס בלייַשטיפט.
אַפן קאָמאַנדע-פּונקט אין בלינדאַזש האָט מיך באַגעגנט מיין קליי-

נער שטאַב: דער שטאַב־שעף, לייטענאַנט ראַכימאָוו און מיין ייִנגערער אַדיוטאַנט, לייטענאַנט דאַנסקיך.

ראַכימאָוו האָט ראַפּאָרטירט: קיין שום נייעס; דער פֿוינט באַוועגט זיך ניט און שיקט אַפֿילע ניט אַרויס קיין אויסשפּיר־גרופּעס. איך האָב זיך פֿאַרנומען מיט ראַכימאָוון דערליידיקן אייניקע אייליקע איניאַנים. די סכעמע פֿון אַ פֿאַלשער פּאָזיציע האָט ער שוין געהאַט אָנגעצייכנט מיט עטלעכע טעג פֿריער. איך האָב באַפֿוילן טייקעף נעמען גראָבן די פֿאַלשע פּאָזיציע און אָפּשטעלן די אַרבעט אויף דער פֿאָדער־ליניע. אַכוץ דער מאַסקירונג.

— רעכט, כּאַוועך קאָמבאַט, — האָט געזאָגט ראַכימאָוו. — דער־לויבט אויסצופֿירן.

— יאָ.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דאַנסקיך.

— איר, כּאַוועך קאָמבאַט, דאַרפֿט איצט האָבן דעם לייטענאַנט דאַנסקיך.

— כ׳דאַרף אים.

ראַכימאָוו האָט סאַלוטירט און איז אַרויס.

באַלד האָט זיך געמאָלדן ברודני, אַ פּאַרסאָפּעטער מיט צעהיצטע באַקן. זיינע קלוגע פֿלינקע אויגן זיינען אַדורכגעלאָפֿן איבערן בלינדאַזש און זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר מיט נייגעריקייט און דערוואַרטונג. דאַנסקיך האָט עפּעס געשריבן באַם טיש.

— דאַנסקיך! קומט נאָר אַהער! נעמט מיט די מאַפּע!

אים, מיין אַדיוטאַנט, דעם קאָמסאָמאָלעץ דאַנסקיך, האָב איך באַשטימט פֿאַרן קאָמאַנדיר פֿון דעם צווייטן פֿאַרשטאַרקטן פּעלאָטאָן.

3.

איך ווייס: אַ מענטש, וואָס איז שוין געווען אין שלאַכט, זעט אייך אויס, אַזוי ווי אַמאָל מיר, אַ ביסל אומגעווייגלעך, אַ ביסל סוידעספּול. אָבער זיי — ברודני און דאַנסקיך — האָבן נאָך קיינמאָל ניט אנטייל גע־נומען אין קיין איין שלאַכט.

ביידע זיינען געווען קאָמסאָמאָלצעס, ביידע האָבן געענדיקט די צענ־יאָריקע שול, באַזוכט אַ געוויסע צייט אַ מיליטערישע שול און געוואָרן ליי־

טענאַנטן. ווען ס׳איז פאַרמירט געוואָרן די דיוויזיע איז דאַנסקיך באַ־שטימט געוואָרן אַלס ראָטע־קאָמאַנדיר, אָבער ער איז דערנאָך אַראָפּגע־זעצט געוואָרן צוליב זיין ווייכהאַרציקייט. ער איז געווען שעמעוודיק, לייכט זיך געריטלט, ניט געקענט שטרענג באַשטראָפן אַ פאַרשולדיקטן. דאָס שטרענג זיין, דאָס פאָדערן אַ סאַך, וואָס איז אומבאַדינגט נייטיק באַ אַ קאָמאַנדיר, האָט זיך ניט געפּאַסט צו זיין נאַטור. נאָכדעם ווי ס׳איז באַ אים צוגענומען געוואָרן די ראָטע, איז ער אַ לאַנגע צייט געווען טרויע־ריק. איך האָב פאַרשטאַנען, ער האָט זיך געטראַכט: „עך, מ׳האָט דיר, קאָמ־פּאַמאַלע דאַנסקיך, נישט אָנגעטרויט צו פירן אַ ראָטע אין שלאַכט“. מ׳האָט אָנגערירט זיין שטאָלץ, זיין אייגנליבע.

מיט צוויי מעסלעם צוריק, דעם פופצנטן אָקטאָבער, ווען מ׳האָט אָפּ־געקליבן אין די ראָטעס מענטשן צום באַנאַכטיקן איבערפאַל, איז דאַנס־קיך געקומען צו מיר און געזאָגט: „דערלויבט אויך מיר, כאָווער קאָמ־באַט, מיט דער אָפּטיילונג“... אָבער אַהין, צו דער געוואָגטער נאַכט־אַטאַ־קע איז שוין באַשטימט געווען מיין עלטערער אַדיוטאַנט, וואָס איז געווען שטאַב־שעף, ראַכימאָוו. איך האָב קורץ געענטפערט: „ניין!“ דאַנסקיך איז ניט באַלד אַוועקגעגאַנגען. ס׳קען זיין, איך האָב געדאַרפט זאָגן: „וואַרט, דאַנסקיך, מ׳וועט דיך דאַרפן, וועסט זיך נאָך שלאָגן“. אָבער איך האָב גאָרנישט געזאָגט. אויך דאַנסקיך האָט מער גאָרניט געזאָגט.

איך האָב געהאַט צייט צוצוקוקן זיך צו מיין אַדיוטאַנט. מיר איז גע־ווען געפעלן זיין שטאָלץ, זיין שוויינגן און ערנסטקייט באַם דערפילן זיינע אויפגאַבן.

איצט איז ער ווידער געשטאַנען פאַר מיר, דערלאַנגענדיק די מאַפּע. עס ווילט זיך שטענדיק זען דאָס פּנים, דעם בליק פון דעם, וועמען מ׳פאַרגיט אַן אויפגאַבע. מיר האָבן געוואוינט אינעם זעלבן בלינדאַזש. דאָך האָב איך זיך ניט געקענט איינהאַלטן ניט צוקוקן זיך גוט אין פּנים פון מיין אַדיוטאַנט — דעם זייער ריינעם מיט אַ דינער ניט פאַרגרעבטער, קימאַט מיידלשער הויט.

אויך ברודני איז מיר געווען געפעלן. ער איז געווען באַ מיר עפּשער דער בעסטער פּעלאָטאָן־קאָמאַנדיר. אַ קלוגער, אַ פלינקער, האָט ער שטענ־דיק פריער ווי עמעצער אַנדערש באַוויזן אויסצוגעפינען אין דער נאָנט דעם נייטיקן בוי־מאַטעריאַל. אין זיין פּעלאָטאָן זיינען די רידלען, העק

און זענען שטענדיק געווען גוט אָנגעשאַרפט. בּאַ דער אַרבּעט פלעגט זיין פעלאָטאָן איבּעריאַגן די שכנים, און עס פלעגט זיך אים שטענדיק וועלן,
— ווער איז פרייער פון זינד? — איך זאָל עס בּאַמערקן.

איינמאָל האָבּ איך געהאַט די געלעגנהייט צו איבּערצייגן זיך, אַז בּרודני איז ניט קיין פּאַכדן. די שיסער־קעמערלעך זיינען בּאַ אים פּאַרטיק געוואָרן פריער ווי אין די אַנדערע פעלאָטאָנען. בּאַם איבּערקוקן האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די פאָדערשטע אָנשיטן זיינען שוואַך. האָבּ איך גע־זאָגט צו בּרודנין: „דו האָלסט, אַז ס'איז פאַרטיק?" — „יאָ, כאַוועּר קאָמ־בּאַט". — „ווועסט אַריינזעצן אַהין די מענטשן?" — יאָ, כאַווער קאָמבּאַט".
איך האָבּ גענומען בּאַ אַ סאָלדאַט די בּיקס. „בּרודני, קריך אַריין אַהין!" ער האָט פאַרשטאַנען און איז בּלייך געוואָרן. איך האָבּ געזאָגט: „דו האָסט געוואָלט אַהין, אונטער די קוילן, אַריינזעצן די מענטשן. קריך אַליין אַריין. איך וועל שיסן". אַ רעגע האָט ער זיך געוואַקלט, אָבּער בּאַלד סאַ־לוטירט, אויסגעדרייט זיך אָפּן אָפּצאַס און אַריינגעשפּרונגען אין טראַנשיי. דאַמאָלסט האָבּ איך אַ געשריי געטאָן: „האַלט! גיי אָפּ אָן אַ זייט!" ער האָט זיך אָפּגערוקט און איך האָבּ אויסגעשאָסן. די קויל איז ניט אַדורך. בּרודני האָט געהאַט רעכט צו זיין שטאָלץ. זיין טריאומפירנדיקער בּליק האָט אַזוי ווי געזאָגט: „נו וואָס? לויב־זשע מיך!" פון דאַמאָלסט אָן, פון דעם דייטשלעכן מיליטערישן אומדריי, האָבּ איך ליבּ בּאַקומען אָט דעם שוואַרצינקן פלינקן לייטענאַנט.

— זעץ זיך, בּרודני! זעץ זיך, דאָנסקיך! — האָבּ איך געזאָגט.

.4

דאָנסקיך האָט פונאַנדערגעלייגט די מאַפּע. אין גערדאַנק האָבּ איך שוין אָנגעמערקט די פונקטן, וואו די גרופּעס זאָלן זיך פאַרטאַיען, אָבּער איך האָבּ עס נאָכאַמאָל קאָנטראָלירט אויף דער מאַפּע. דערנאָך האָבּ איך דערקלערט די אויפגאַבּע: פאַרטאַיען זיך בּאַ די וועגן, איינקלאַמערן זיך און האַלטן זיך, ניט דורכלאָזן די דייטשישע אויטאָ־קאָלאָנעס און אַרטי־לעריע; קליינע אויספּשפּיר־גרופּעס דורכלאָזן אָן אַ שאָס, און די קאָלאָנעס בּאַגעגענען מיט זאַלפּן, מיט קוילנוואַרפערס. איבּעראַשנדיק דעם סוינע מיטן פלוצלינגדיקן פייער, קען די גרופּע לייכט אָפּציען.

— אָבּער, כאַווירים, ניט דאָס איז אייער ציל, — האָבּ איך געזאָגט.

— פארקערט, מ׳דארף ווארטן ביז דער סוינע וועט קומען צו זיך און אריינטרעטן אין שלאכט. האלט זיך, האלט דעם וועג! צווינגט אים צו פארמירן זיך אין שלאכט־ארדענונג. דאס איז איינס. פארשטאנען?

— פארשטאנען, — האט אומזיכער געענטפערט ברודני.

זיין שטענדיק באגלעבע פיזיאנאמיע האט איצט פארלארן איר לע־בעדיקייט, געווארן קאנצענטרירט. דאנסקיך האט געשוויגן.

— פארשטאנען, דאנסקיך? — האב איך געפרעגט.

— פארשטאנען, כאווער קאמבאט. שטיין ביז צום טויט...

— ניין, דאנסקיך, ניט שטיין, נאר ארבעטן, מאנעווורירן, אנפאלן.

— אנפאלן? — האט איבערגעפרעגט ברודני.

— יא, אנפאלן פון דער באהעלטעניש. אוועקלייגן מיט פייער וואס מער היטלעריסטן. דערנאך אפווארטן. זאל דער סוינע זיך פונאנדערוויק־לען, אריינטרעטן אין שלאכט, אויסטיילן קויבעס קעדיי אייך צו ארומ־רינגלען. דאמאלסט דארף מען זיך ארויסגליטשן, און אין א צווייטן ארט ווידער ארויסגיין אפן וועג, פארלויפן דעם סוינע און ווידער שטעלן זיך אים אין וועג.

כ׳האב אנגעצייכנט אף דער מאפע דאס דריידל פון פאנפילאווס ספיראל.

— אזוי ארום וועלן מיר צווינגען דעם סוינע צו פונאנדערוויקלען זיך פריצייטיק, אטאקירן אף פוסטן, מיר׳ן אים מאכן צום נאר. דערנאך, אז ער וועט זיך ווידער דירן, א צווייטן מאל אנפאלן.

— אנפאלן? — האט ווידער איבערגעפרעגט ברודני.

זיין פאנעם איז ווידער געווארן באלעבט, די אויגן האבן געגלאנצט. דאנסקיך האט שווייגנדיק געשמייכלט. ער האט אויך פארשטאנען.

„אנפאלן"! אט דאסווארט, וואס פאנפילאוו האט מיר געגעבן, האט געהאט עפעס קישעפדיקס אין זיך. עס האט גלייך קלאר געמאכט די אויפ־גאבע, איז אריינגעדרונגען אין דער נעשאמע, האט פארענדערט די מענ־טשן, צוגעגעבן דרייסטקייט. איך האב א טראכט געטאן: דאס איז ניט נאר טאקטיק, עס איז עפעס טיפערס.

מיר האבן ארומגערעדט די דעטאלן. ברודני איז געווען אויפגעברויזט. באקומענדיק אן אימפולס, האט זיין קאפ גענומען ארבעטן. ער האט שוין געזען ווי אזוי צו פארטאיען, פארמאסקירן די מענטשן,

איך האָב געזאָגט:

— יאָ, די מענטשן דארפן זיך איינגראָבן, פארמאסקירן זיך. איך זאָג עס, דעריקער, דיר, דאָנסקיך. קיין שום ראַכמאָנעס דערביי.

דאָנסקיך האָט שווייגנדיק געקוקט אף מיר. איך האָב איבערגעכאַפט פאנפילאָווס ווערטער:

— ראַכמאָנעס האָבן — הייסט זיין אומבעראַכמאָנעסדיק. פארשטאָנען?

דאָנסקיך האָט פעסט געענטפערט:

— יאָ, כאַווער קאָמבאַט.

זיינע בלויע אויגן זיינען שוין ניט געווען ווי מיט א האַלבע שאָ צוריק, זיי זיינען טונקעלער געוואָרן, שטרענגער.

וועגן פאָטערלאַנד, וועגן מאָסקווע איז אין אונדזער שמועס גאָרניט געזאָגט געוואָרן, אָבער דאָס איז געלעגן הינטער די ווערטער, דאָס האָט געלעבט אין יעדערן פון אונדז.

5.

די לייטענאַנטן זיינען אוועק צוגרייטן די פעלאָטאָנען אין וועג אריין, און איך האָב זיך ווידער פארטראַכט. איר וואונדערט זיך? די לייזונג איז געפונען געוואָרן, דער באַפעל איז געגעבן געוואָרן, דער באַפעל איז אויפגעקלערט געוואָרן, פארשטאַנען געוואָרן פון די אויספירער, — וואָס בלייבט נאָך?

עס בלייבט די שלאַכט.

ווען איר וועט שרייבן וועגן קריג, פארגעסט ניט, כ'בעט אייך, צו נעמען אין אַכט איין קלייניקייט: אין קריג עקזיסטירט דער סוינע. און, ווי מאָדנע ס'זאָל ניט אויסקומען, ניט שטענדיק טוט ער דאָס, וואָס אייך ווילט זיך.

איך האָב געפילט: די שלאַכט פון סייכל קעגן סייכל האָבן היינט געוואונען מיר, פאנפילאָוו. אָבער ווייטער? שוין-זשע וועלן די דייטשן אונטערשטעלן זיך ווי שעפסן אונטער די קוילן איין מאָל, א צווייטן מאָל, א דריטן מאָל? וואָס וועט אונטערנעמען דער סוינע נאָכדעם, ווי דער דייטשישער קריגפירער, דער פאריסענער הער „גרויסדייטש" וועט אונדז אַנטאָן דעם קאָווער און וועט זיך פאַרטראַכטן?

אין מילכאָמע זיינען פאַראַן ניט איין געדאַנק, נאָר צוויי; ניט איין באַפעל, נאָר צוויי. בעיים דער שלאַכט בלייבט עמעצנס געדאַנק, עמעצנס באַפעל ניט קיין אויסגעפירטער. פאַרוואָס?

זאָגט, אַדעראַבע, פאַרוואָס?

6.

אַקעגן אָוונט זיינען די פּעלאָטאָנען געווען גרייט צום אַרויסטריט.

די גרופּע פון לייטענאַנט דאָנסקיך האָט זיך אויסגעשטעלט בא דער בריק איבערן טייך רוזאַ. איך בין צוגעפאָרן אַהין רייטנדיק. ניט קיין סאַך זיינען זיי געווען — פיר און פופציק מאַן, אַלע מיט מאַסאָעס אַף די פּלייצעס. פיר האָבן געטראָגן האַנט־מעטראַליעס. אַנדערע האָבן געטראָגן אין די ראַנצעס פאַרלייטע צינקענע קעסטלעך מיט קוילן פאַר די מעטראַליעס און ביקסן. די טעלעפאָניסטן האָבן זיך אָנגעלאָדן אַף די פּלייצעס ראָלן דראָט. ס׳זיינען מיטגעגאַנגען צוויי סאַניטאַרן.

אַפן רעכטן פלאַנק איז געשטאַנען מיט דער ביקס דער געהילף־קאָמאַנדיר פון פּעלאָטאָן סערזשאַנט וואָלקאָוו, פון פאַך א שלאָסער, שטענדיק אַן אָנגעכמורעטער, א בייזער אין דינסט. ער איז געווען צווישן די אָנטיילנעמער אינעם נאַכט־איבערפאַל אַף סערעדאַ. לויט מ׳האָט מיר דערציילט, האָט ער געהאַרגעט די דייטשן שווייגנדיק און צוריקקומענדיק אויך ווייניק וואָס גערעדט.

איך האָב זיי בעקיוון צונויפגעפאָרט, — דעם יונגן דאָנסקיך מיט דעם פערציק־יאָריקן וואָלקאָוו, ווענן וועלכן מ׳האָט געוואוסט, אַז ער וועט אַן אייגענעם אויך דערשיסן, אויב יענער וועט אַנטלויפן פון אַנטקעגן דייטש.

אין דעם פריעם ביינאַשמאָשעם האָב איך יעדערן דערקענט אין פּאָנעם. א סאַך וועלן צום ערשטן מאָל שיסן אַפן דייטש, בא א סאַך וועט זיך צאַפּלען, פאַרכאַלעשן דאָס האַרץ אונטער דער ערשטער באַשיסונג.

וואָס זאָל איך אייך, קעמפער, ווינטשן אַפן וועג? אַלץ וואָס איך האָב געקענט, האָב איך אייך געזאָגט, אַלץ וואָס כ׳האָב געקענט, האָב איך אייך געגעבן. א־נו, צום אָפּשייד...

— אַכטונג! האַלב־אומדריי לינקס! אַנלאָדן! אַף דער באַזונדערער יאָדלע אין שפּיץ, מיט א זאַלפּ... אָפּטייל!...

מיט אַ ווייכן און גרויזאַמען קלאַנג האָבן אַ שנאָל געטאָן די אָנגע־שמירטע ביקסן־שלעסער. די קאָלבעס האָבן זיך אַ הייב געטאָן צו די אַקס־לען. אַפן היגל באַם ברעג האָט זיך געצייכנט מיט איר שוואַרצן געשניצטן סילועט אַפן אָוונטיקן הימל אַ הויכע פעסטע יאָדלע. די סאָלדאַטן האָבן געוואַרט אַף דער אויספיר־קאָמאַנדע.

כ'האָב אויסגעשריען:

— פייער!

ס'האָט אָפּגעדונערט: ר־ר־ר־ר... אַף אַ רגע איז דערשינען אַ ליניע רויטלעכע אויפבליצן, וואָס האָט באַלויכטן די באַגנעטן און די עקן פון די לופעס. ס'האָט זיך דערטראָגן אַ טראַסקעריי פון די איבערגעהאַקטע צווייגן, וואָס האָבן זיך געבראָכן און געפאַלן אין שניי. ווידער האָבן אַ שנאָל געטאָן די שלעסער, ווידער זיינען פאַרגליווערט געוואָרן די ביקסן־קאָלבעס באַ די אַקסלען. די שוואַרצקייט פונעם סכאַך איז שוין ניט געווען קיין פולע. ס'האָבן זיך געזען בלויזן, וואו ס'זיינען אָפּגעשפרונגען די צווייגן.

— פייער!

ווידער האָבן אויפגעבליצט די רויטלעכע צונגען, ווידער האָט אָפּ־געדונערט אַ זאַלפּ, ווידער זיינען געפאַלן די שווערע צווייגן.

— פייער!

נאָכן דריטן זאַלפּ האָט דער שפּיץ זיך אָנגעבויגן, ווי אַן אונטערגע־האַקטער, דערנאָך אַ ציטער געטאָן, זיך אויסגעגלייכט און ווידער זיך גענומען בייגן, בילדנדיק אַ טעמפּן פאַלנדיקן ווינקל. עטלעכע סעקונדעס איז ער געהאַנגען און באַלד זיך אַ וואַלגער געטאָן אַראָפּ, ברעכנדיק די אונטערשטע צווייגן, צו דער ערד. אָנשטאָט דעם שאַרפן שפּיץ האָט זיך געטונקלט אַפן הימל אַן אָפּגעהאַקטער צייגערדיקער קאָנוס.

אָפּגעבנדיק די קאָמאַנדע: „ביקס צום פוס!" האָב איך געזאָגט:

— איר שיסט גוט!

די יונגען האָבן געענטפערט, אַזוי ווי זיי האָבן געשאָסן, אין איין קלאַפּ:

— מיר דינען דעם ראַטנפאַרבאַנד!

— אָט אַזוי זאָלט איר קלאַפּן דעם דייטש! לויט דער קאָמאַנדע מיט אַ זאַלפּ! אַז דער טויט זאָל פּלייצן און ניט שפּריצן ווי אַ רעגנדל! גע־

טרויט, כאַווירים, אייער ביקס! לייטענאַנט דאַנסקיך, איר קענט פירן!
פון אַ צווייטן פונקט האָב איך באַגלייט דעם פעלאָטאָן פון לייטענאַנט ברודני.

7.

איך האָב זיך גערוכט, אַז מאָרגן, דעם אַכצנטן אָקטאָבער, וועט דער פעלאָטאָן פון דאַנסקיך אָדער פון ברודני אויפנעמען אַ שלאַכט. אָבער ניט דעם אַכצנטן, ניט דעם ניינצנטן האָבן זיך די דייטשן אויף אונדזער סעקטאָר ניט באַוועגט.

ביידע אָפּטיילונגען האָבן זיך פאַרטאַיעט בײַ די ראַנדן פון וואַלד, וואו זיי האָבן אויסגעבויט אונטערערדישע באַהעלטענישן פאַר אַ לענגערער שלאַכט.

אויף די שפּיצן פון די סאָסנעס זיינען געזעסן אויסקוקער מיט די בליקן צו דער דייטשישער זייט. אָבער ביידע וועגן זיינען געווען פּוסט. אין באַשטימטע שאָען, עטלעכע מאָל אַ טאָג האָבן דאַנסקיך און ברודני געמאָלדן דורכן טעלעפאָן: „דער סוינע באַוויזט זיך ניט".

דער גאַנצער צענטראַלער אָפּשניט פון וואָלאָקאָלאַמסקער פאַרפעסטיקטן ראיאָן — ניט נאָר מיר, נאָך אויך דער פראָנט פון די שכייניש באַטאַליאָנען, — האָט די טעג ניט געפילט קיין שום דרוק פון סוינע; די דייטשן האָבן דאָ ניט אַרויסגעשיקט אַפילו קיין אויסשפּיר־גרופּעס.

אָבער פון דער זייט, פון הינטער דער לינקער זייט פון דער ליניע פון באַטאַליאָן, פון הינטער די וועלדער, וואוהין ס'איז געפלאָסן די רוזאַ, האָט זיך דערטראָגן אַן אומאויפהערלעכער האַרמאַטן־דונער. דאָרטן האָט געקעמפט אונדזער אַנטיטאַנק־אַרטילעריע. אַהין, צום לינקן פלאַנק פון דער דיוויזיע, האָט פאַנפילאָוו גענומען אַלע זעניט־מעטראַליעס, צווישן זיי אויך די, וואָס זיינען צוגעטיילט געוואָרן מיין באַטאַליאָן. אַהין האָט ער אַריבערגעוואָרפן איין ראָטע פון באַטאַליאָן רעכטס און באַפוילן צו דעקן דעם אָפּגעהוילטן סעקטאָר מיט די איבערגעבליבענע קויכעס. בײַנאַכט, לויט די פייער־אָפּגלאַנצן, באַטאָג לויטן געהער האָבן מיר נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון דער שלאַכט־ליניע. דאָס באַכען פון די האַרמאַטן האָט זיך ניט דערנענטערט. פאַרקערט, צייטנווייז האָט זיך עס דער־

ווייטערט, אָבער דערווייטערט אין דער טיף פון אונדזער פראָנט, פאַרגייענ־דיק אַלץ בוילעטער אונדז אין רוקן.

אין אַלגעמיינע שטריכן האָב איך געקענט די לאַגע. די אַקס פון דייטשישן דרוק איז געבליבן די זעלבע, וואָס דעם זעכצנטן. צוברעננענדיק קויכעס האָבן זיך די דייטשן אַ ריר געטאָן. מיט צוויי־דריי דיוויזיעס, צווישן זיי איינע אַ טאַנק־דיוויזיע, האָבן זיי זיך דורכגעריסן צום ברוך־קירטן וועג מאַזשאַיסק־וואָלאָקאָלאַמסק, אױף דער אַזוי־גערופענער „ראָקאַ־דע" (פאַרשריבט אין קלאַמערן: ראָקאַדע הייסט אַ וועג, וואָס ליגט פּאַ־ראַלעל צו דער ליניע פון פראָנט), אויף דער ראָקאַדע, וואָס איז געלעגן הינטער אונדזערע פּלייצעס. זיי האָבן זיך דורכגעריסן און פאַרקערעוועט אויף וואָלאָקאָלאַמסק.

אונדזער באַטאַליאָן האָט געשיצט דאָס כאַיל, וואָס האָט זיך געשלאָגן אויף דער ראָקאַדע, פון אַ קלאַפּ אין פלאַנק און רוקן. אָבער די דייטשן האָבן זיך צו אונדז ניט דערנענטערט. צווישן אונדז און דעם סוינע איז אַלץ געלעגן אַ פוסטער צווישנפּאַס פון צוועלף־פופצן קילאָמעטער די ברייט.

8.

דעם צוואַנציקסטן אָקטאָבער האָט דאָנסקיך אָנגעקלונגען אין אַ ניט אָפּגערעדטער שעה.

— כאַוועד קאָמבאַט, ס'גייט אַ לאַסט־אויטאָ. דייטשישע אינפאַנ־טעריע.

— איין מאַשין?

— יאָ.

— לאָז דורך.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מיך דאָנסקיך ווידער אַרויסגערופן.

— כאַוועד קאָמבאַט, ס'האָט זיך באַוויזן אַ קאָלאָנע אויטאָס, אויך מיט אינפאַנטעריע.

— וויפיל?

— דעם עק זעען מיר ניט, דערווייל צען. אַנטשולדיקט, מ'גיט מיר איבער: נאָך צוויי.

— נו, דאָנסקיך... — האָב איך געזאָגט.

— פאַרליר זיך ניט? — האָט דאַנסקיך פאַרענדיקט די פראַזע, און איך האָב געהערט אין טרייבל, ווי ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם — אַזוי, כאָוועך קאָמבאַט?

— יאָ.

— רעכט, כאָוועך קאָמבאַט. מיר וועלן ניט דורכלאָזן, כאָוועך קאָמ־באַט...

דאַנסקיך איז אַוועק. און איך האָב אַלץ געדריקט דאָס טרייבל צום אויער. באַם צווייטן עק פון דראָט, וואָס איז געווען באַהאַלטן אונטער דער ערד איז געזעסן דער פאַרבינדלער, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר. מיין געהער האָט זיך פאַרשאַרפט. איך האָב אויפגענומען ניט נאָר די ווערטער, נאָר אויך די ניואַנסן פון טאָן, מיט וועלכן זיי זיינען געזאָגט געוואָרן. אין בלינדאַזש פון שטאַב, אַכט קילאָמעטער ווייט פון פעלאַטאָן, האָב איך קימאַט ווי געזען דאָס, וואָס עס האָט געזען דער פאַר־בינדלער פון גראָבן.

לאַנגע אָפּענע לאַסט־אויטאָס האָבן זיך לאַנגזאַם געצויגן איבערן וועג, וואָס איז אין יענע טעג פאַרהאַרטעוועט געוואָרן פונעם פרעסטל און געווען פאַרפּרושעט פון פריאיקן אָקטאָבערדיקן שניי. אויף בענק באַ די זייטן און אינמיטן פון די לאַסט־מאַשינעס זיינען געזעסן די דייטשישע סאָלדאַטן. איצט זעט עס אויס קימאַט אומגלויבלעך, אָבער דאַמאָלט, הינטער מאָס־קווע, אין אָקטאָבער פון 1941 האָבן די דייטשן אָפט געמאַכט זייער אָנגריף־מאַרש אויף אַזאַ אופן: אָן אויסשפּירונג, אָן פּאַטרולן, אָן זייטנשוץ, מיט באַקוועמלעכקייט, זיכערע, אַז באַ דער באַגעגעניש וועלן זיי פאַר־טרייבן דעם „רוס".

און דער „רוס" איז געלעגן אין וואַלד באַם ראַנד און ניט אַראָפּגע־נומען דעם בליק פון די מענטשן אין גרינלעכע שינעלן, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער אונדזער ערד ווי באַלעבאַטים, — געלעגן פאַרטאַיעט מיט דער צוגעדריקטער אָנגעצילטער ביקס און געוואַרט אויף דער קאָמאַנדע: „פייער!".

ס'האָט מיר אויסגעוויזן: אין טרייבל האָט עפּעס אַ שנאָל געטאָן. עס האָט זיך באַ מיר אַרויסגעכאַפּט:

— נו, וואָס קומט פאָר?

ס'האָט נאָכאַמאָל אַ שנאָל געטאָן.

— וואָס קומט דאָרט פאָר? — האָב איך איבערגעבאַזערט.
— מיר שיסן, כאַווער קאָמבאַט. איך אויך, כאַווער קאָמבאַט.
— אין זאַלפּן?
— יאָ, לויט דער קאָמאַנדע, כאַווער קאָמבאַט.
— און די דייטשן?
ס'האָט זיך פאַרצויגן אַן אומדערטרעגלעך לאַנג שווייגן.
— זיי לויפן! — האָט אויסגעשריען דער טעלעפאָניסט. — ערן־וואָרט, זיי לויפן...
אַ פרייד האָט מיך אַרומגעכאַפּט. די דייטשן לויפן! אָט אַזוי, הייסט עס, קומט עס פאָר, אָט אַזוי לויפט מען אין קריג! האָבן מיר, הייסט עס, אַ קראַפט, וואָס שלאָגט דעם קערפּער און דעם גייסט, וואָס האָט גע־צוואונגען פלוצלינג די דייטשן צו פאַרגעסן די דיסציפּלין און דעם שטאָלץ, פאַרגעסן, אַז זיי זיינען אַ „העכערע" ראַסע, באַצווינגער פון דער וועלט, אַן אומבאַזיגלעכע אַרמיי. וואו נעמט מען איצט די קאַוואַלעריע דאָ! מ'וואָלט עס אַרויסגעפלויגן נאָך זיי, געיאָגט און געשניטן, געשניטן קאַל־זמאַן זיי זיינען צו זיך ניט געקומען. קאַלזמאַן זיי לויפן!
איך האָב זיך געקוויקט ניט נאָר מיטן זיג, נאָר אויך מיטן סאָד פון זיג, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַרן סייכל. מיר האָבן אַ קראַפט! איר נאָמען איז... ניין, אין יענעם מאָמענט האָב איך זי נאָך ניט געקענט אָנ־רופן ביים נאָמען.

.9

אביסל שפּעטער האָט דאָנסקיך געמאָלדן אין טעלעפאָן: אין די ערשטע מינוטן האָט דער פּעלאָטאָן אוועקגעלייגט באַ אַ הונדערט היטלעריסטן. דריי אָדער פיר מאָל אַזויפיל זיינען אַרום גאַנץ, זיינען אָפּגעשפּרונגען, צוריקגעשטעלט די אָרדענונג, זיך פונאַנדערגעוויקלט, זיך אויסגעלייגט און אַריין אין שלאַכט.
— גוט. פּונקט דאָס, וואָס ס'האָט זיך געפאָדערט, — האָב איך גע־זאָגט. — טו אַ שפּיל מיט זיי, זאָלן זיי זיך אַנטאַנצן. די מענטשן באַ־האַלט. אָבער גיב אַכטונג פון די זייטן.
דורך די טעלעפאָנישע מעלדונגען האָב איך נאָכגעפאָלגט די שלאַכט. פון אָנהייב האָבן די דייטשן געענטפערט מיט אַ שיסעריי פון ביקסן, אויי־

טאמאטן, קוילנוואַרפער, דערנאָך האָבן קענן פעלאָטאָן גענומען אַרבעטן מינענוואַרפער. אין דעם איז דאַמאָלט געווען אַן איבערגעוויכט פון דער היטלעריסטישער אַרמיי — אַ מאַסע מינענוואַרפער. די אינפאַנטעריע האָט זיי געפירט מיט זיך אין די לאַסט־אויטאָס צונויפגעלייגט אין שטאַב־לען ווי האָלץ.

די קעמפער זיינען אַריין אין די שוצגראָבנס. די דייטשישע אויס־שפיר־גרופע, וואָס האָט זיך דערנענטערט צום וואַלד נאָך אַ צוויי־שאָאיקער באַשיסונג, איז באַגעגנט געוואָרן מיט פייער. דער פעלאָטאָן האָט געלעבט, דער פעלאָטאָן האָט געהאַלטן דעם וועג.

איך האָב טעלעפאָניש געמאָלדן די ראָטע־קאָמאַנדירן וועגן גאַנג פון דער שלאַכט און באַפוילן צו אינפאָרמירן וועגן דעם די סאָלדאַטן; זאָלן זיי וויסן, ווי זייערע כאַווײרים שלאָגן דעם דייטש.

דער קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע, סעוורויקאָוו, האָט געענט־פערט:

— די סאָלדאַטן ווייסן שוין, כאַווער קאָמבאַט.

— פונוואַנען?

— עס איז טעטיק, כאַווער קאָמבאַט, דער סאָלדאַטסקער דראָטלאָזער טעלעפאָן.

ס'האָט זיך געפילט: סעוורויקאָוו רעדט מיט אַ שמייכל.

— וואָס פאַרא טעלעפאָן?

— ס'זיינען אָנגעקומען פאַרוואונדעטע, כאַווער קאָמבאַט, און דער־ציילן, כאַפּן אויס איינער באַם אַנדערן. עס וואונדערט מיך, כאַווער קאָמ־באַט.

סעוורויקאָוו האָט אַ טראַכט געטאָן אייער ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק. איך האָב אים אויסגעהערט מיט אַ שמייכל, פאַראינטע־רעסירט.

— עס וואונדערט מיך, כאַווער קאָמבאַט... מענטשן פאַרוואונדעטע, ס'איז דאָך ליידן, וווּטיק, — און זיינען פריילעך. מיר, טייגעוו זיי, האָבן זיי דערלאַנגט! און — איר ווייסט? — דערפון איז טאַקע דער ווייטיק קלענער. איז אָט, ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך פאַרוואונדעטע קענען אויפ־הייבן די שטימונג.

— וויפל זיינען געקומען פארוואונדעטע?

— פיר... זיי זיינען אפילע פארבאנדאזשירט, דאך דארף מען זיי וואס שנעלער אפשיקן אפן מעדפונקט. נאר גיי שיק זיי אפ, אז זיי האלטן אין איין דערציילן.

די פרייד, וועלכע האט געקלונגען אין זיין שטים, האט זיך אויך געצאפלט און געשפרונגען אין מיר. כ'האב אוועקגעלייגט דאס טרייבל.

ס'האט זיך אויפגעשטעלט מיין שטאב־שעף, דער דארער ווייניק־ריידנדיקער ראכימאוו.

— דערלויבט, כאווער קאמבאט, צוגיין צו די פארוואונדעטע, קלאר מאכן די אומשטאנדן.

— יא, גייט.

אין א שטיקל צייט ארום האט מיך ווידער ארויסגערופן צום טעלעפאן דאנסקיך. ער האט געמאלדן, אז פון די פלאנקען פון דער דייטשישער קייט האבן זיך אפגעטיילט צוויי גרופעס, בעערעך צו א מאן פערציק, מיט א דייטלעכן מיין ארומציינגלען דעם פעלאטאן, ארומרינגלען. דאנסקיך האט גערעדט מיט אומרו. איך האב פארשטאנען: ער שרעקט זיך אביסל, עס ווילט זיך אים פרעגן, צי איז שוין ניט צייט אפצושפרינגען, אבער ער, מיין שעמעוודיקער, שטאלצער דאנסקיך, האט דאך ניט געפרעגט.

— נישקאשע, דאנסקיך, — זאג איך. — טייל אוים קעמפער, זאלן זיי נאכשפירן. ווען זיין א געלעגנהייט, זאלן זיי א שמיץ טאן מיט פייער. האב קיין מוירע ניט. זיי האבן מוירע פאר דיר.

די ווייטערדיקע מעלדונג פון דאנסקיך איז געווען אזא:

— כאווער קאמבאט, זיי שיסן פון דריי זייטן. זיי שרייען: „רוס, גיב זיך אונטער"!.

— און דו?

— און מיר שיסן.

— גוט. האלט זיי אויף, דאנסקיך.

דאס מאל האט ער ארויסגעזאגט:

— כאווער קאמבאט! זיי קענען ארומרינגלען...

— נישקאשע דאנסקיך. ס'איז אקעגן אוונט. אין דער פינצטער וועסטו ארוים. האלט זיך, טייערער.

ניט ווילנדיק האָט זיך באַ מיר אַרויסגעכאַפּט דאָס וואָרט. איך האָב גערעדט מיט אים, מיטן בלוי־אויגיקן דאַנסקיך, ניט לויטן רעגלאַמענט, נאָר פון האַרצן.

איך טראַכט עפּשער: וואָס האָט ער זיך דענערווירט, דאַנסקיך? עפּשער זעט ער אייך אויס אַ ווייניק־מענערישער, מיט שוואַכע נערוון? איר דאַרפט אָבער פאַרשטיין: ער איז ניט געזעסן באַם שרייבטיש, ניט געשטאַנען באַם פּרידלעכן וואַרשטאַט. אים האָט אַרומגערינגלט דער טויט. ער האָט געהערט זיין פּייפן. ער האָט אים געזען, — די דייטשן האָבן געשאָסן מיט טראַסירנדיקע קוילן. דער טויט איז געפלויגן פון פאַרשיידענע זייטן אין דער געשטאַלט פון רויטע און בלויע גלי־פליגעלעך. ער איז געפלויגן, געפלויגן פאַרביי, שיר ניט אָנרירנדיק, און דאָס האַרץ האָט זיך געצאַפּלט קעגן דעם מיכל, קעגן דעם ווילן. ער איז ניט געווען קיין מעכאַניזם, ניט קיין געפּילאָזער קלאָץ, ניט קיין שטיקל גוסאייזן. ער האָט דורכגעלעבט די ערשטע שלאַכט — אַן אומגעהייערער קריטישער מאָמענט אין מענטשנס לעבן.

דורך אַ מעהאַלעך פון אַכט קילאָמעטער האָב איך געפילט זיין צאַפּלדיק האַרץ. דער גייסטיקער קויעך, וואָס איך האָב, גיכער אינסטינקטיוו ווי באַוואוסטזיניק, באַמיט זיך אונטערהאַלטן אין אים, האָט זיך פון אים, דעם אָפיציר, איבערגעגעבן צו די סאָלדאַטן.

און פּלוצלינג, — טאַקע פּלוצלינג, עפּעס אינגאַנצן אומגעריכט, האָט דאַנסקיך אַ צערודערטער געמאָלדן: די דייטשן זיינען אוועק. לעכאַטכילע האָט זיך ניט געגלויבט. אָבער דאָס פענצטערל פון שטאַב־בלינדאַזש איז שוין געווען טונקל. דער טאָג האָט זיך געענדיקט. באַלד האָט דאַנסקיך באַשטעטיקט: יאָ, זיי האָבן נאָך אַביסל געשאָסן, אַביסל געשריען און אוועק, מיטנעמענדיק אונטערן צודעק פון דער פינצטערניש די טויטע.

דאָס איז געווען אַ קליינינקע שלאַכט. אָבער איך האָב אינגאַנצן געציטערט פאַר גליק; עס האָט זיך געוואָלט לאַכן, ס'האָט זיך געוואָלט אַרויפשפּרינגען אַפן פערד און אַוועקטראָגן זיך אַהין, צו דאַנסקיך, צו די קעמפער, צו אונדזערע העלדן.

באַנאַכט האָט דער פּעלאָטאָן פון לייטענאַנט דאַנסקיך איבערגעביטן זיין פּאָזיציע.

„האָסט אָפּגעגעבן מאָסקווע!"

.1

אַף מאָרגן אינדערפרי האָבן ווידער טויב געגומען באַכען די האַרמאַטן הינטער אונדזערע פּלייצעס אין דער טיף.

און אַנטקעגן פראָנט פון באַטאַליאָן איז געווען שטיל. אין די אָפּגערעדטע שאָען האָבן דאָנסקיך און ברודני געמאָלדן: די וועגן זיינען פּוסט. דאָרטן, ווייט פאָרויס, האָבן פון די הויכע ביימער די באָאָבאַכטער אויסגעקוקט די דייטשן.

איך האָב געוואָרט אַף אַן אומגעריכטן קלונג, און ס'איז געשען. דער דיזשורנער טעלעפאָניסט האָט געזאָגט:

— באַוועגער קאָמבאַט, פון דאָרטן...

דער טעלעפאָניסט האָט געלעבט איין לעבן מיט אונדז. ס'זיינען ניט נייטיק געווען קיין דערקלערונגען. איך האָב פאַרשטאַנען — פונוואַנען.

— איך הער...

— באַוועגער קאָמבאַט, אָט אַ געשיכטע: דייטשן-רייטער... פאָרן מיטן וועג.

איך האָב דערקענט דאָס אייליקע רעדן פון ברודני. געקומען איצט, הייסט עס, זיין ריי. ברודנים פּעלאָטאָן, ווי איר ווייסט, האָט זיך פאַרטאַיעט לעבן אַ צווייטן וועג.

— וויפיל?

— אַ מאָן צוואַנציק.

הינטער די קאַוואַלעריסטן האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע אַף מאָטאָציקלען. היינט איז דער סוינע שוין געווען פאָרזיכטיקער: ער האָט אַרויס־

געשיקט פּאָדער־גרופּעס. אָבער דער פּעלאָטאָן איז קונציק פאַרשטעקט אין וועלדל.

דאָס וועלדל באַם וועג, וואו ס'האָט געלויערט אויף די דייטשן דער פּע־לאָטאָן פון ברודני, איז געווען קליין. אָבער ניט ווייט, אַן ערעך פאַר אַ האַלבן קילאָמעטער, איז געווען נאָך אַ וואַלד, וואוהין מ'האָט געקענט, כאַפּנדיק אַ מאָמענט, לייכט אַריבערלויפן, קעדיי, אַנטרינענדיק פון סוינע, אַרויסגיין צוריק צום וועג.

אין אַ שאָ אַרום זיינען די דייטשן אויף די פערד און מאָטאָציקלען דורכגעפאָרן אויף צוריק, — דער וועג ביזן טייך איז פאַר זיי געווען פריי.

באַלד האָט ברודני געמאָלדן, אַז ס'האָט זיך באַוויזן אַ קאָלאָנע לאַסט־אויטאָס מיט אינפאַנטעריע. באַטראַכטנדיק דעם וועג פאַר אַן אויסגע־פאָרשטן, האָבן די דייטשן, אַזוי ווי נעכטן, זיך באַוועגט אָן אַ זייטנשוץ.

— ביזט צוגעגרייט? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, כּאַווער קאָמבאַט, מיר זיינען גרייט.

— לאָז זיי צו און פאַל אָן! אַרבעט רואיק.

אין טרייבל האָט אָפּגעקלונגען אַ האַרטע און ערנסטע שטים:

— רעכט, כּאַווער קאָמבאַט.

דער פאַרבינדלער האָט מיר באַריכטעט וואָס עס קומט פאָר. אויך אויף דעם וועג האָט זיך איבערגעכאַזערט דאָס נעכטיקע. אַ זאַלפּ פון דער באַהעלטעניש. אַ צווייטער, אַ דריטער. ווידער זיינען די דייטשן אַראָפּגע־שפּרונגען פון די אויטאָס און אַנטלאָפן, — האָבן פאַרגעסן אין איין מאָ־מענט אַלץ וואָס מ'האָט זיי געלערנט; האָבן פאַרגעסן די קאָמאַנדע, די דיסציפּלין און געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ האַמוין אַן אַרומגעכאַפּטן פון פּאַניק.

איך האָב געפאָרשט באַם טעלעפאָניסט, וועלכער האָט מיר פון ווייטן וואַלד באַריכטעט, ווי אַזוי ס'גייט אָן די שלאַכט:

— זיי לויפן אָדער זיי האָבן זיך אויסגעלייגט? ענטפער פּינקטלעך.

— זיי לויפן, כּאַווער קאָמבאַט... אָ, ווי פלינק! מיר האָבן זיי איצט, כּאַווער קאָמבאַט, ווידער אַ שניט געטאָן.

נאָך נעכטן האָב איך געטראַכט וועגן דעם. ווי דאַרפן זיך די דייטשן אויפפירן, אַרונטערפאַלנדיק פּלוצלינג אונטער אַ זאַלפּן־פייער? טייקעף

אויסלייגן זיך, צודריקן זיך צו דער ערד, עפענען אַ שטורעמדיקן ענט־פער־פייער. דאַכט זיך, אַפילע אַן אַ קאָמאַנדע דאַרף דאָס יעדערן דיקטירן זיין זעלבסטדערהאַלטונג־אינסטינקט. ווייזט זיך אָבער אַרויס, כ'זאָג עס נאָכאַמאָל, אַז אין קריג איז פאַראַן אַזאַ קראַפט, וואָס פּאַראַליזירט דעם געדאַנק, נעמט צו דעם סייכל האַיאָשער, פּראַוועט מאָדנע שפּאַסן מיטן מענטשן און מאַכט פון אים אַ לייכטן קאָרבן פאַרן טויט.

אין יענע טעג, בעיִם די ערשטע שלאַכטן אונדזערע האָב איך אויפגע־כאַפּט מיטן פאַרשטאַנד, געגומען באַגרייפן די דאָזיקע קראַפט. איילט זיך ניט. ס'וועט קומען די צייט, — מיר וועלן זי אָנרופן באַם נאָמען, מיר'ן אַ שמועס טאָן וועגן איר.

2.

אומגעריכט, אין סאַמע אָנהייב פון דער שלאַכט, האָט זיך איבער־געריסן די פאַרבינדונג מיט ברודנים פּעלאָטאָן.

די טעלעפאָניסטן, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן קאָנטראָלירן די ליי־ניע, האָבן זיך אומגעקערט, ווייל זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אַף די דייטשן. איך האָב ליידנשאַפטלעך פונאַנדערגעפרעגט די טעלעפאָניסטן, ניט קע־נענדיק פאַרשטיין וואָס ס'האָט פּאַסירט. דער סוינע האָט זיי באַשאָסן פון דאָרף באַם וועג. זיי האָבן ניט געוואוסט, וויפל דייטשן זיינען דאָרט און צי זיינען אַדורך די אויטאָס אַהין.

ס'איז מיך באַפאַלן אַן אומרואיקייט. וואו איז אונדזער פּעלאָטאָן? וואָס איז מיט אונדזער פּעלאָטאָן? שוין־זשע וועלן מיינע פופציק קעמפער, מיינע פופציק זין זיך אונטערגעבן? אויפהייבן די הענט? ניין, זיי וועלן קעמפן פאַרן לעבן. איך האָב געגלויבט אין דעם, געגלויבט די קעמפער, געגלויבט דעם קאָמאַנדיר. זיי האָבן ביקסן, זיי האָבן פיר האַנט־מעטראַ־ליעס, קוילן איבערגענוג, — בראַוואָ נאָר, דו סוינע, צוקומען צו זיי!

איך האָב אַוועקגעשיקט זיי צוהילף אַ האַלבן פּעלאָטאָן אויסשפּירער. אַ האַלבן פּעלאָטאָן! מיט אַזעלכע קויכעס האָבן מיר דאַמאָלט געקעמפט. דעם קאָמאַנדיר האָב איך באַפוילן: „גיי צו אומבאַמערקט קריך ניט אין פייער, האַנדל מיט קאָפּ, מיט אישעור־האַדאַס, וואַרט ביז ס'וועט פינצ־

טער ווערן, דאַמאָלסט פאַרבינד זיך מיט ברודנין, העלף אים אַרויס".

ברודנין האָב איך געהייסן איבערגעבן: דורכשלאָגנדיק זיך, זאָל ער צוריק אַרויס מיטן פּעלאָטאָן צום וועג, אַזוי ווי ס'איז אים באַפוילן געוואָרן; מאָרגן זאָל ער פון אַ נייער באַהעלטעניש ווידער באַגעגענען די דייטשן מיט פייער.

3.

אָפּגעשיקט דעם קאָמאַנדיר, בין איך אַרויס פון בלינדאַזש אונטערן פאַרנעפּלטן נידעריק-הענגנדיקן הימל. ביז אָוונט איז געבליבן אַ שאָ צוויי. ס'האָט זיך ניט געוואָלט זען קיין מענטשן, ניט רעדן מיט קיינעם. ס'האָט זיך ניט געטראַכט וועגן קיין אַנדער זאַך, כוץ דעם אָפּגעשניטענעם פּעלאָטאָן, די פופציק קעמפער, וואָס שלאָגן זיך אין וואַלד באַם וועג.

איך האָב לאַנגזאַם געשפּאַנט צום טייך. אָפּן פעלד האָבן די רויט־אַרמייער געגראָבן די פאַרגליווערטע ערד, צוגעשלעפּט געהילץ, געבויט אַ פּאַלשע פּאָזיציע. אויך אַהין האָט זיך ניט געוואָלט צוגיין. פונדערווייטנס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז זיי גראָבן פּאַמעלעך, גריבלען זיך... שנעלער! אונדזערע מענטשן, פופציק קעמפער, שלאָגן זיך, האַלטן זיך אויף יענער זייט טייך, קעמפן אויס פאַר אונדז די שאָען, די מינוטן, שמידן צו דעם סוינע צום אָרט. כ'האָב געפילט: וועל איך צוגיין, וועט די אַנשטרענגונג פּלאַצן און איך וועל אָנשרייען אויף שולדיקע און אומשולדיקע.

דער אויער האָט זיך געסטאַרעט אויפכאַפּן, — הערן זיך ניט פון יענער זייט טייך די קלעפּ פון די דייטשישע מינענוואַרפער? ניין, ס'איז דאָרטן שטיל. און עפּשער איז שוין דאָרט אַלץ געענדיקט? און כ'וועל שוין קיינמאָל מער ניט זען מיין ברודני, מיין קורבאַטאָוו, די אַנדערע.

שפּעטער, שוין פאַרהאַרטעוועט אין קריג, האָט דאָס האַרץ אַזוי אָפּט ניט געקלעמט, ניט ווי געטאָן.

כ'האָב זיך אומגעקערט אין בלינדאַזש, כ'האָב געוואַרט אויף די אויס־שפּירער, דערוואַרט יעדיעס.

— כאַוועך קאָמבאַט, אייך — האָט געזאָגט דער טעלעפאָניסט.

ס'האָט געקלונגען דער קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע, לייטע־נאַנט סעווריוקאָוו. ער האָט געמאָלדן:

— כאַווער קאָמבאַט! דער פּלאָטאָן פון לייטענאַנט ברודני האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער אַרומרינגלונג.

4.

כ'האָב שנעל געפרעגט:

— פונוואַנען ווייסט איר?

— וואָס הייסט, פונוואַנען, זיי זיינען דאָ, כאַווער קאָמבאַט.

— וואו,

— איך מעלד דאָך אייך, — סעווריוקאָוו האָט גערעדט פּאַמעלעכ־דיק, ווי שטענדיק און וואָס איז אָפט געווען פאַר מיר אַן אָפּקומעניש, — איך מעלד אייך, כאַווער קאָמבאַט, אַט דאָ. זיי זיינען אַרויסגעקומען צו דער ליניע פון דער ראָטע.

— ווער?

איך האָב נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען, אָדער, ריכטיקער, שוין פאַר־שטאַנען, אָבער...

אָבער, עפּשער באַלד, די מינוט, וועט אַלץ אויפגעקלערט ווערן אויף אַן אַנדער אופן. סעווריוקאָוו האָט געענטפערט:

— לייטענאַנט ברודני... און די סאָלדאַטן. אַט די וואָס האָבן זיך אומגעקערט. זעקס זיינען געפאַלן, כאַווער קאָמבאַט.

— און די דייטשן? און דער וועג?

די פראַגע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, האַגאַם ס'איז איבעריק געווען צו פרעגן. ס'איז דאָך קלאָר... ס'האָט זיך דערהערט סעווריוקאָווס ענטפער: „דעם וועג האָט פאַרכאַפּט דער סוינע". איך האָב געשוויגן. סעווריוקאָוו האָט געפרעגט:

— כאַווער קאָמבאַט, איר זייט באַם טעלעפאָן?

— יאָ.

— רופן צום טעלעפאָן ברודנין?

— מ'דאַרף ניט.

זאָל ער גיין צו אייך?
— מ׳דאַרף ניט.
— וואָס-זשע?
— וואַרט אַף מיר.
כ׳האָב אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, כ׳בין ניט באַלד אויפגעשטאַנען.

5.

אָט איז עס, דאָס סאַמע שרעקלעכסטע.

שרעקלעך איז ניט געווען דער פאַרלוסט פון וועג. צו דעם בין איך געווען צוגעגרייט. לויט אונדזער טאַקטישער אויסרעכענונג האָט דאָס גע-דאַרפט געשען מאָרגן־איבערמאָרגן. אָבער מיין לייטענאַנט, מיין פּעלאָטאָן, מיינע קעמפער זיינען היינט אַוועק, איבערגעלאָזן דעם וועג אָן אַ באַפעל. אַנטלאָפן!

אין עטלעכע מינוט אַרום בין איך צוגעפאָרן רייטנדיק צום קאָמאַנדע־פּונקט פון דער צווייטער ראָטע. ניט ווייט פון דאַנען, אין דעם גערענקלעכן פאַרנאַכט האָב איך מיט דריי מעסלעס צוריק באַגלייט די קעמפער. אויך איצט איז געווען פאַרנאַכט. אָבער דאַמאָלסט האָט מיך באַגעגנט אַ סטראַי. איצט זיינען די צוריקגעקומענע רויטאַרמייער מידע געזעסן און געלעגן אַף דער מיט שניי פאַרפּרושעטער ערד.

באַם בלינדאַזש איז געשטאַנען אַ גרופּע קאָמאַנדירן. עמעצער פון קליינעם וואוקס האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער גרופּע און זיך געלאָזן לויפן צו מיר. לויפנדיק האָט ער אויפגעהויבן די קאָמאַנדע:

— אויפשטיין, אַכטונג!

דאָס איז געווען ברודני. ער איז צוגעלאָפן, מיט אַ דייטלעכער באַ־וועגונג סאַלוטירט און געבליבן אויסגעצויגן אַנטקעגן מיר.

— כאַווער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן... — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ גערירטער שטים.

איך האָב אים איבערגעשלאָגן:

— לייטענאַנט סעווריוקאָוו! צו מיר!

סעווריוקאָוו איז שווערלעך צוגעלאָפן.

— ווער איז דער עלטסטער דאָ בײַ אײַך?

— איך, כאַווער קאָמבאַט.

— פּאַרוואָס־זשע קאָמאַנדעוועט איר ניט? פאַרוואָס איז דער פּעלאָ־טאָן ניט אויסגעשטעלט? וואָס פּאַרא קאַבאַק? אַלע אין סטראָי! די קאָ־מאַנדירן אויך!

ס'איז צוגעקומען באָזשאַנאָוו. ער האָט שטיל געפרעגט אויף קאַזאַכיש:

— אַקסאַקאַל, וואָס איז געשען?

איך האָב געענטפערט אויף רוסיש:

— איך, כאַווער פּאָליטקאָם, איז דער באַפעל ניט געגייען! אין סטראָי!

עטלעכע סעקונדעס איז באָזשאַנאָוו געשטאַנען, אויפהייבנדיק צו מיר זײַן פולבלעכן פּנים. ער האָט דײַטלעך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זיך ניט אַנטשלאָסן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט וועל איך ניט אָננעמען, ניט דולדן קיין שום באַרואיקנדיק וואָרט.

די שטרענגע ליניע פון סטראָי האָט זיך געשוואַרצט אויפן שניי. ס'איז געווען שטיל. נאָר פון דער ווייט, פון מיזרעך־זײַט איז דערגאַנגען אַ טויבע קאַנאָנאַדע. איך האָב צוגעריטן צום סטראָי. דאָסמאָל האָט ראַפּאָרטירט סעוורייוקאָוו. לעבן אים, אָנגעשטרענגט אויסגעצויגן איז געשטאַנען ברודני. איך האָב זיך געווענדט צו אים:

— באַריכטעט.

ער האָט אײַלנדיק אָנגעהויבן:

— היינט, כאַווער קאָמבאַט, האָט דער פאַרשטאַרקטער פּעלאָטאָן אונטער מײַן קאָמאַנדע פאַרניכטעט אַ הונדערט פאַשיסטן, אָבער מ'האָט אונדז אַרומגערינגלט. איך האָב אָנגענומען אַ באַשלוס: אַטאַקירן, דורכ־שלאָגן זיך...

— גוט. און פאַרוואָס ביזטו צוריק ניט אַרויס אויפן וועג?

— כאַווער קאָמבאַט, מ'האָט זיך געיאָגט נאָך אונדז...

— געיאָגט?!

איך האָב עס אויסגעשריען מיט בייזקייט, מיט האַס.

— געיאָגט? און בײַ דיר האָט זיך געקערט די צונג צו פאַרענטפערן זיך דערמיט? דער סוינע האָט געמאָלדן, אַז ער וועט אונדז יאָגן ביזן אַר־

ראל. איז ווי מיינסטו, אזוי וועט עס טאקע זיין? מיר׳ן אפגעבן מאסקווע, מיר׳ן אפגעבן אונדזער לאנד, מיר׳ן אוועקלויפן צו די זקיינים און פרויען און מיר׳ן זאגן: „מ׳האט אונדז נאכגעיאגט"... אזוי, ווי מיינסטו? ענטפער.

ברודני האט געשוויגן. איך האב ווייטער געזאגט:

— א שאד, וואס עס הערן דיך ניט די פרויען. זיי וואלטן דיר דער־לאנגט פעטש, זיי וואלטן דיך באשפיגן. דו ביזט ניט קיין קאמאנדיר פון דער רויטער ארמיי, ביזט א פאכדן.

פון דער ווייט האט זיך ווידער דערטראגן א טויבער געברום פון הארמאטן.

— הערסט? דארטן זיינען אויך דייטשן, — הינטער אונדז. דארטן רייסט זיך דער סוינע צו מאסקווע. דארטן שלאגן זיך אונדזערע ברידער. מיר, אונדזער באטאליאן, שיצט זיי דא פון א קלאפ פון דער זייט. זיי גלויבן אונדז, גלויבן אז מיר׳ן ביישטיין, מיר וועלן ניט דורכלאזן. און איך האב דיר געגלויבט. דו האסט געהאלטן דעם וועג, האסט אים פאר־שפארט. און האסט זיך דערשראקן. אנטלאפן. מיינסט, האסט פארלאזן דעם וועג? ניין, האסט אפגעגעבן מאסקווע.

— איך... איך האב געמיינט...

— אונדזער שמועס איז געענדיקט. גיי.

— וואוהין?

— אהין, וואו ס׳איז דיין פלאץ לויטן באפעל.

איך האב אנגעוויזן הינטערן טייך. דער קאפ בא ברודנין האט זיך א צופ געטאן, גלייך ער וואלט וועלן א קוק טאן אהינטער, וואו ס׳האט אנ־געוויזן מיין האנט, אבער ער האט איינגעהאלטן די באוועגונג און געבליבן שטיין אויסגעצויגן אנטקעגן מיר.

— אבער דארטן, כאוועך קאמבאט... — האט ער הייזעריק ארויס־גערעדט.

— יא, דארטן זיינען די דייטשן! גיי צו זיי! דין זיי, אויב דו ווילסט! אדער הארגע זיי! איך האב דיר ניט באפוילן צו מעלדן זיך אהער. איך דארף ניט קיין דעזערטיר! גיי!

— מיטן פעלאטאן? — האט אומזיכער געפרעגט ברודני.

— ניין. דער פעלאטאן וועט האבן א צווייטן קאמאנדיר, גיי אליין!

דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן קען אַף פאַרשיידענע אופאַנים באַשטראָפן אַן אָפיציר, וואָס האָט ניט אויסגעפירט אַ שלאַכט באַפעל: שיקן אים צוריק אין שלאַכט, אָפּשטעלן אים פון זיין אמט, איבערגעבן צום געריכט און אפילע, אויב ס'פאָדערן די אומשטאַנדן, דערשיסן אפן אָרט. איך האָב אויך געמישפּעט אפן אָרט. דאָס איז געווען — דערשאָסן לעבן סטראָי, — האַגאַם ניט פיזיש, — דערשאָסן אַ קאָמאַנדיר, וועלכער האָט פאַרגעסן זיין מיליטערישע ערע און אַנטלאָפן מיט די סאָלדאַטן פון סוינע. פאַר שאַנד האָב איך באַשטראָפט מיט שאַנד.

און ברודני איז נאָך אַלץ געשטאַנען קעגנאיבער דעם שווייגנדיקן סטראָי, ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען, אַז דער שמועס איז ווירקלעך פאַרענדיקט, אַז כ'האָב אים אַרויסגעטריבן פון באַטאַליאָן. ס'איז געווען פאַר אים אַ שרעקלעכע מינוט. ער איז געווען אַ קאָמסאָמאָלעץ; ער האָט געוויס ניט איין מאָל געטראַכט וועגן קריג, וועגן טויט; ער האָט געוואוסט, אַז ס'וועט עפּשער אויסקומען אָפּגעבן דאָס לעבן פאַרן פאָטערלאַנד. געטרוימט צו זיין העלדיש, געטרוימט וועגן גרויסן גליק פון זיג און גלייכצייטיק דערמיט וועגן אויסצייכענונגען, וועגן רום, וועגן דעם קליינטשינקן אָבער אומגעהייער טייערן פּערזענלעכן גליק.

נאָר אָט איז געקומען דער עמעסער קריג, די עמעסע שלאַכט, און ער, דער קאָמסאָמאָלעץ ברודני, לייטענאַנט, קאָמאַנדיר פון פעלאָטאָן, איז אַנטלאָפן צוזאַמען מיטן פעלאָטאָן. און דער מישפּעט איז שוין געשען, — אָן דיסקוסיעס, אָן אָפּשטימונגען, ניט אַף אַ זיצונג פון קאָמסאָמאָל-ביוראָ, נאָר אַפן שלאַכטפעלד. און די טרוימען זיינען געוואָרן אויסגעמעקט. ער, ברודני, האָט געראַטעוועט זיין לעבן, אָבער פאַרן לעבן האָט ער שוין גאָרניט פאַרמאָגט; ס'איז אים געוואָרפן געוואָרן פאַרן סטראָי דאָס שענדלעכע וואָרט „פאַכדן"; ס'איז געמאָלדן געוואָרן דער פּסאַקדין: אַרויסטרייבן!

ער איז געשטאַנען, ווי דאָס אַלץ, וואָס איז עפּשער שרעקלעכער פון טויט, וואָלט נאָך ניט דערגאַנגען צו אים, ווי ער וואָלט געוואָרט אַף עפּעס אַ לעצטן וואָרט מיינעם. אָבער איך האָב שטום געקוקט אים אין פּאָנעם אריין. אין דעם מאָמענט בין איך געווען ווי אַ שטיינערנער. אין האַרצן האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן קיין ראַכמאָנעס. מיך וועט פאַרשטיין דער,

וואָס איז געווען אין קריג. אין אַזעלכע מינוטן ברענט אוים דער האַס ווי מיט פייער, אַלע אַנדערע געפילן.

ברודני האָט פאַרשטאַנען: ס'איז געזאָגט געוואָרן אַלץ, ס'האָט אים געקלעקט קויעך אויפצוהייבן די האַנט צום דאַשעק.

— רעכט, כאַווער קאָמבאַט.

ארויסזאָגנדיק עס, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיליטעריש, לינקס, אַפן אַפּצאַס. און איז אַוועק, פאַרשנעלערנדיק דעם טראָט, ווי ער וואָלט זיך געאיילט צו דער בריק איבערן טייך, צו דער פינצטערניש, וואו אַף באַנאַכט איז פאַרשווינן געוואָרן דער סוינע.

.6

עמעצער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער שוואַרצער וואַנט פון פּעלאָ־טאָן און האָט זיך געלאָזן לויפן נאָך ברודנין. אַלע האָבן דערהערט:

— כאַווער לייטענאַנט, איך גיי מיט אייך...

איך האָב דערקענט אָט דעם ברייט־פּלייציקן הויכן סילועט מיט אַ האַלב־אויטאָמאַט אַפן רימען, די שטימע.

— קורבאַטאָוו, צוריק!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— כאַווער קאָמבאַט, אויך מיר זיינען שולדיק.

— ווער האָט דערלויבט ארויסגיין פון סטראָי?

— כאַווער קאָמבאַט, אַהין קען מען ניט איינער אַליין. דאָרטן...

— ווער האָט דערלויבט ארויסגיין פון סטראָי? אַפן אָרט! אויב דו דאַרפסט ווענד זיך צו מיר, ווי מען דאַרף זיך ווענדן צום קאָמאַנדיר אין דער רויטער אַרמיי.

אומקערנדיק זיך אין סטראָי, האָט קורבאַטאָוו געזאָגט:

— כאַווער קאָמבאַט, דערלויבט צו ווענדן זיך.

— כ'דערלויב ניט! ס'איז ניט קיין מיטינג! איך ווייס — איר זייט אויך געלאָפן צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר. אָבער פאַר אייך ענטפערט דער קאָמאַנדיר. אויב ער באַפעלט צו לויפן, זייט איר מעכויעוו צו לויפן. פאַראַנטוואָרטלעך איז ער. אָבער אויב דער קאָמאַנדיר באַפעלט „האַלט!",

דאמאָלסט איז ער אַליין און יעדער פון אייך, יעדער אָרנטלעכער סאָלדאַט, מעכויעו צו דערשיסן דעם וואָס אַנטלויפט. אייער קאָמאַנדיר האָט ניט געקענט נעמען אייך אין די הענט, פאַרהאַלטן אייך, צעשיסן אַפּן אָרט די אַלע, וואָס וואָלטן אים ניט געפאָלגט, צאָלט ער איצט דערפאַר.

פון דער פינצטערניש, וואו ס'האָט געהאַט פאַרשוואונדן ברודני, האָט ער ווי אַ טונקעלער געשפּענסט פּלוצלינג צוריק זיך באַוויזן. צוזאַמען מיט דער אַפּסניי אויפגעפלאַמטער סינע האָב איך דערפילט אויך אַ פאַראַכ־טונג. וואָס איז ער, — געקומען בעטן זיך? אויך דאָ איז אים די פּאַכדאָ־נעם באַפאַלן?

— וואָס ווילסטו?

— כאַוועד פּאָליטקאָם, נעמט צו די דאָקומענטן.

— וואָס האָסטו דאָ?

אביסל צושטאַמלענדיק האָט ברודני געענטפערט:

— דעם קאָמסאָמאָל־בילעט, קאָמאַנדיר־באַשטעטיקונג, בריוו. כ'האָב אַרויסגערופן באַזשאַנאָוון.

— כאַוועד פּאָליטקאָם, נעמט צו די דאָקומענטן.

ברודני האָט אַרויסגעצויגן פון אונטער דער פּאָלע פון שינעל אַ דין פּעקעלע פּאַפּירן און דערלאַנגט באַזשאַנאָוון.

— אַקסאַקאַל, — האָט שטיל אַ שעפּטשע געטאָן באַזשאַנאָוו.

ער האָט מער גאָרניט געזאָגט, ער האָט זיך בא מיר געבעטן מיט דעם איינציקן וואָרט. ברודני איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. מיר האָט זיך אויסגעוויזן: דאָס איז דאָס כיטרעווען פון אַ פּאַכדן. ער האָט געוויס אַף דעם אויסגערעכנט: ער וועט זיך אומקערן, דער קאָמבאַט וועט אַרויסרופן דעם פּאָליטקאָם, יענער וועט זיך איינשטעלן פאַר אים. כ'האָב אַ טראַכט געטאָן: „אַזוי! דו כיטרעוועסט מיט מיר, אָנשטאָט מיטן סוינע? איך האָב דיר געוואָלט געבן אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען דיין ערע, האָלסטו זיך ווידער ווי אַ פּאַכדן, טאָ גיי צום טייוול!".

— ברודני, — האָב איך געזאָגט, — קענסט איבערלאָזן די דאָקו־מענטן בא זיך. קענסט גיין ניט אַהין. אָט האָסטו אַן אַנדער וועג.

כ'האָב אָנגעוויזן אַ שטעג, וואָס פירט צום הינטערלאַנד.

— גיי אין שטאַב פון פּאָלק... מעלד, אַז כ'האָב דיך אַרויסגעיאָגט פון באַטאַליאָן און איבערגעגעבן צום געריכט... פאַרענטפער זיך דאָרטן...

מיט א קוים־דערהערטן פייפנדיקן קלאנג, ענלעך צו א שלוכץ, האט ברודני א שלונג געטאן לופט.

— כאווער קאמבאט, איך... איך וועל אייך דערווייזן... — איצט האט זיין שטים געציטערט, איצט האט זיך דורכגעריסן דאס, וואס ער האט איינגעהאלטן אין זיך. — איך וועל דארט הארגענען דעם פאסטן... כ'וועל ברענגען זיין געווער, זיינע דאקומענטן... כ'וועל אייך דערווייזן...

איך האב געהערט, און ס'איז אוועק, אנטרונען דער האס. ס'האט זיך מיר געוואלט א שעפטשע טאן, אז נאר ער זאל עס דערהערן: „מאַדאַליעזן, אט אזוי!" די נעשאמע האט א צאפל געטאן א דורכגעשפּיזטע פון ליבע. אבער וועגן דעם האט זיך קיינער ניט דערוואוסט.

— גיי וואו דו ווילסט! איך דארף דיך ניט.

— נאט אייך, כאווער פאליטקאם, — האט ברודני געזאגט.

באזשאנאוו האט א לייכט געטאן מיטן עלעקטרישן לעמפל. דער שטראל האט זיך דורכגעגליטשט איבער ברודנים מאטן אפגעצערטן פּאַנעם, — די אויגן האבן אויסגעזעען ווי איינגעפאלן, און די פארשארפטע באקנביינער — רויטלעכע פלעקן. דערנאך איז דאס ליכט געפאלן אפן בינטל פּאפּירן. באזשאנאוו האט עס צוגענומען. דאס לעמפל האט זיך אויסגעלאשן.

ברודני האט זיך אויסגעדרייט און שנעל אוועק. איך האב א געשריי געטאן:

— קורבאטאוו גיב דעם לייטענאנט א האלב־אויטאמאט!

ס'איז געווען דאס איינציקע, וואס כ'האב געקענט פאר אים טאן. איך האב געטראגן די אכראיעס פאר דער שטאנדהאפטיקייט פון באטאליאן, פאר דער פעסטקייט פון דער ליניע, — דער ליניע אין די נעשאמעס און באם ברעג פון רוזא, — וואס האט פארשטעלט דעם צוטריט צו מאסקווע.

נאָך אַ שלאַכט אויפן וועג

א

אומגעקערט זיך אין בלינדאַזש פון שטאַב, האָט איך אַרויסגערופן צו זיך קורבאַטאָוון.

ער איז אַריין אין אַנגעכמורעטער, צווישן אַנדערע האָט דער סוינע געיאָגט אויך אים, דעם מענטשן מיטן שטאָלצן געשטעל פון קאָפּ, דעם שיינעם שטאַרקן און, דאַכט זיך, דרייסטן. פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט עס פּאַסירט. איך בין געווען מעכוייעוו צו וויסן.

— דערציייל, — האָב איך באַפוילן, — וואָס איז דאָרטן מיט אייך פאָרגעקומען? פאַרוואָס זייט איר אַנטלאָפן?

קורבאַטאָוו האָט געענטפערט קאַרג. בעיס דער איבערשיסונג מיט די דייטשן האָט זיך דערהערט אַ טראַסקעריי פון אויטאָמאַטן פון הינטן, גאַר נאָענט. פון הינטער די ביימער, אין רוקן די קעמפער, האָבן גענומען פליען טראַסירנדיקע קוילן. ברודני האָט אַ געשריי געטאָן: „נאָך מיר!“, און דער פעלדאָטאַ האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון וועלדל צום שכיינעסדיקן וואַלד, ווי ס'איז פאַרוים אָנגעמערקט געוואָרן. אָבער פּלוצלינג האָבן אויך פון דאָרטן, די קעמפער אַנטקעגן, גענומען קנאַלן שאָסן. עמעצער איז געפאַלן, עמעצער האָט אַ געשריי געטאָן. די מענטשן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַ זייט און פון דעם מאָמענט אָן שוין ניט געקענט זיך אָפּשטעלן. די טראַסירנדיקע קוילן האָבן זיי נאָכגעיאָגט די גאַנצע צייט. די דייטשן זענען שיסנדיק געגאַנגען נאָך זיי; אויפן מיליטערישן לשון הייסט עס: „אויפן רוקן“.

איך האָב געפרעגט:

— וויפל זיינען זיי געווען, די אויטאמאטלער, וואס האבן אייך געיאגט?

קורבאטאוו האט א כווישעכדיקער געענטפערט:

— איך וויים ניט, כאווער קאמבאט.

— עפשער א טוץ? אדער עפעס ווייניקער?

קורבאטאוו האט שווייגנדיק געקוקט אראפ.

— גיי, — האב איך געזאגט.

2.

קורבאטאוו איז אוועק.

וואס האט ער דורכגעלעבט, מיין סאלדאט? איך האב געזען: ער האט געפילט כארפע.

כארפע... האט איר זיך אמאל פארטראכט וועגן דעם, וואס דאס איז אזוינס? אויב אין קריג וועט דערשלאגן ווערן די כארפע באם סאלדאט, אויב עס וועט שטום ווערן אט די אינעווייניקסטע מישפעטנדיקע שטים, וועט קיין שום איינאיבונג, קיין שום דיסציפלין ניט פעסטהאלטן די ארמיי.

א געיאגטער פון די קוילן איז קורבאטאוו געלאפן צוזאמען מיט די איבעריקע. די שרעק האט אים געשריען אין אויער: „ביזט פארלארן; ס׳איז א סאף צו דיין יונג לעבן; מ׳וועט דיך באלד הארגענען אדער צעקריפלען, צעקאלעטשען אף אייביק. ראטעווע זיך, באהאלט זיך, אנטלויף!”.

ס׳האט אבער געקלונגען אויך א צווייטע מעכטיקע שטים: „ניין, שטעל זיך אפ! אנטלויפן איז א נידערטרעכטיקייט, א שאנד! מ׳וועט דיך האסן ווי א פאכדן! שטעל זיך אפ, קעמפ, זיי א ווירדיקער זון פון פאטערלאנד!”.

ווי נייטיק ס׳איז געווען אין מאמענט פון אט דעם פארצווייפלטן אינערלעכן קאמף, ווען די וואגשאל האט זיך געבויגן דא אין איין זייט, דא אין דער צווייטער, ווען די נעשאמע פון סאלדאט האט זיך געריסן אף צווייען, — ווי נייטיק ס׳איז אין דעם מאמענט געווען די קאמאנדע! א רואיקער, הויכער, באפעלערישער רוף פון קאמאנדיר, — דאס וואלט געווען דער באפעל פון פאטערלאנד צום זון. די קאמאנדע וואלט ארויסגעריסן דעם סאלדאט פון די נעגל פון קליינמוטיקייט; די קאמאנדע וואלט מאביליזירט ניט נאר דאס אלץ, וואס איז איינגעאימפט געווארן מיט דער

לער, איבונגען, דיסציפּלין, נאָר אויך אַלע דערהייבענע אימפּולסן — גע־ווייסן, ערע, פּאַטריאָטיזם. ברודני האָט זיך פאַרלאָרן, האָט דורכגעלאָזן דעם מאָמענט, ווען ער האָט געקענט, געוועזן מעכויעוו צו געבן די קאָ־מאַנדע. צוליב דעם איז דער פּעלאָטאָן צעקלאַפּט געוואָרן אין שלאַכט. צו־ליב דעם שעמט זיך איצט אַן ערלעכער סאָלדאַט צו קוקן מיר אין די אויגן.

3.

דער קאָמאַנדיר פון פּעלאָטאָן האָט געענטפערט פאַר זיין שולד.

און איך? פאַר אַלץ וואָס האָט פּאַסירט און וועט פּאַסירן אין באַטאַ־ליאָן, פאַר יעדער פאַל פון אַנטלויפן, פאַר יעדער קאָמאַנדיר און סאָלדאַט ענטפער דאָך איך. מיינער אַ פּעלאָטאָן האָט ניט אויסגעפירט דעם שלאַכט־באַפעל, הייסט עס, דעם שלאַכט־באַפעל האָב ניט אויסגעפירט איך.

כ'האָב געמאָלדן טעלעפאָניש אין שטאַב פון פּאָלק וועגן דער פּאַסי־רונג. כ'האָב געגעבן די געפאָדערטע דערקלערונגען, כ'האָב אויפגעהאנגען דאָס טרייבל און... געגומען אָפּגעבן אַ דין וועכעשבן פאַר דעם אומבע־ראַכמאָנעסדיקן שויפעט — פאַר דעם אייגענעם געוויסן, דעם אייגענעם פאַרשטאַנד.

איך בין מעכויעוו געוועזן צו דערגריבלען זיך: וואו שטעקט דאָ מיין שולד? עפּשער אין דעם, וואָס אין שפּיץ פון פּעלאָטאָן האָב איך אוועק־געשטעלט אַ ניט־פּאַסיקן קאָמאַנדיר? עפּשער אין דעם, וואָס איך האָב באַצייטנס ניט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ פּאַכדן? ניין. ס'איז ניט אַזוי. האָט ער דאָך באַוויזן שוין נאָכן אַנטלויפן, נאָך דער שטראָף פאַרן סטראָ־אַפּסניי אויפצוּאוועקן די ליבע אין מיין האַרצן, האָט ער דאָך דערוויזן, אַז עס לעבט אין אים דאָס געפיל פון ערע.

— וואָס־זשע איז דאָרטן, אונטער די קוילן, געשען מיט אים? פאַר־וואָס האָט ער דאָרטן פאַרגעסן אָן דעם כויוו און מאַכט פון קאָמאַנדיר? עפּשער איז ער אַרונטערגעפאַלן דער ווירקונג פון דער פּאַכדאָנעס פון די איבעריקע? ניין, כ'האָב ניט געגלויבט, אַז מיינע סאָלדאַטן זיינען פּאַכ־דאָנים. אויב אַזוי, עפּשער האָב איך זיי שלעכט צוגעגרייט? ניין, אויך אָט די שולד האָב איך ניט געפילט אין זיך.

דער עמעס האָט געגומען אַרויסשפּאַרן, אַנטפּלעקן זיך פאַרן פאַר־שטאַנד נאָר בעהאַדראָגע, אין אומקלאָרע און גראָבע שטריכן.

ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען איך האָב געשטעלט דעם ליי־

טענאַנט די אויפגאַבע, האָב איך געטראַכט: שוין־זשע וועלן די דייטשן, ווי בּאַראַנען, אונטערשטעלן זייערע קעפּ איין מאָל, אַ צווייטן מאָל, אַ דריטן מאָל אונטער אונדזערע זאַלפן? אָבער דאַמאָלסט האָב איך ניט געמאַכט קיין שום אויספיר פון דעם דורכגעלאָפענעם געדאַנק; כ׳האָב געהאַלטן דעם סוינע פאַר נאַרישער, ווי ער האָט זיך אַרויסגעוויזן.

וואַרשיינלעך שוין נאָך דער ערשטער שלאַכט אַפן וועג האָבן מיר געצוואונגען דעם דייטשישן מיליטער־שעף אַ טראַכט צו טאָן, געצוואונגען פריער ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. אַפן פאַל פון אָנטרעפן זיך מיט אַ פאַרטאַיעטן ווידערשטאַנד איז שוין, ווייזט אויס, געווען בּאַ אים פאַרגרייט עפּעס אַ פּלאַן, וועלכן איך האָב בּאַצייטנס ניט אָפּגעטראָפן. אף דער פּלוצלינגדיקייט האָט ער געענטפערט מיט אַ פּלוצלינגדיקייט. ער האָט געצוואונגען צו אַנטלויפן מיין פעלאָטאָן, מיינע סאָלדאַטן מיטן זעלבן מיטל, — מיט אַן אומגעריכטן פייער שיר ניט גלייך אין פּאָנעם אַריין, — פון וועלכן ס׳זיינען געלאָפן אַרומגעכאַפּט פון פּאַניק אויך זיינע סאָלדאַטן.

היינט האָט ער מיך בּאַזיגט, מיך אָוועקגעיאָגט, — אין געדאַנק האָב איך דאַווקע בּאַנוצט דאָס וואָרט: „איך“, — אָבער ניט דערפאַר ווייל זיינע אָפיצירן און סאָלדאַטן זיינען געווען דרייסטער אָדער בעסער צוגעגרייט. און ניט מיט דער צאָל האָט ער מיך מענאַצייאַך געווען, — קעגן דער צאָל וואָלט מען לויט אונדזער פאַרטראַכטער טאַקטיק געקענט לאַנג קעמפן מיט קליינע קויכעס, — נאָר אויך, אַפן זעלבן שטייגער, מיט אַ טאַקטישן גאַנג, מיט סייכל.

יאָ, וויניק האָב איך נעכטן געטראַכט! איך בין געווען צעקלאַפּט שוין פאַר דער שלאַכט. אָט דאָס איז מיין שולד.

4.

איך האָב אַריינגעקוקט אין דער מאַפּע, רעקאָנסטרואירט אין דימיען דאָס בילד פון דער שלאַכט, דאָס בילד פון אַנטלויפן, כ׳האָב געוואָלט פאַרשטיין, ווי אַזוי מיין סוינע, דער דייטשער מיליטער־שעף האָט עס צוגעגרייט, ווי אַזוי ער האָט עס דורכגעפירט.

מיינע קעמפער זיינען אַנטלאָפן. דער סוינע האָט זיי געצוואונגען לויפן, האָט זיך געיאָגט נאָך זיי. אין דימיען האָב איך עס געזען, זיך צוגע־

קוקט צו דעם. כ'האָב געזען ווי זיי לויפן שנעל, פאַרסאָפּעטע, אונטערגע־שמיסן פון די לייכטנדיקע בייטשלעך פון די טראַסירנדיקע קוילן, אונטער־געשמיסן פון טויט. כ'האָב געזען ווי ס'יאָגן זיך נאָך זיי די דייטשן, שיסנדיק אין מיטן לויפן, אויך פאַרסאָפּעטע, פאַרשוויצטע, פאַרכאַפּט פון דער פאַרפאָלגונג. וויפל ביימלעך, קוסטעס, גריבלעך ס'איז דאָרטן אַפן וועג געווען! געדראַפּט פאַרשטעקן זיך ערגעץ, אוועקלייגן זיך טייַ־קעף, אויסדרייען די לופעס צו די סאָנים, צולאָזן זיי נאָנט, די טריאומ־פירנדיקע, פאַרכאַפּטע פון אַזאַרט פון דער פאַרפאָלגונג און קאַלטבלוטיק צעשיסן זיי פון אַ פּאָר טריט.

ברודני האָט ניט אויפגעהיט די קאַלטבלוטיקייט. ברודני האָט פאַר־לאָרן די פעאיקייט צו דאָמינירן זיין אייגענע נעשאָמע און די נעשאָמע פון די סאָלדאַטן. אין דעם באַשטייט זיין פאַרברעכן.

אָבער איך, דער קאָמבאַט, בין מעכויעוו געווען נאָך נעכטן, פאַר דער שלאַכט, טראַכטן פאַר אים, פאַרויסזען.

דער סוינע האָט פאַרכאַפּט דעם וועג. אָבער דערווייל איינעם. דער צווייטער וועג געהערט נאָך ניט אים. דאָרטן וואַרט אָפּ דעם דייטש אין אַ נייער באַהעלטעניש דער פעלאָטאָן פון דאַנסקיק. מאָרגן וועט דער סוינע פּרואוון מיט וועלכן ס'איז אויפן פאַרטרייבן אויך אָט דעם פעלאָטאָן.

.5

איך האָב זיך פאַרבונדן מיט דאַנסקיק און באַפוילן אים נעמען אַ וואַך און מעלדן זיך צו מיר.

אין אַ שאָ אַנדערהאַלבן ארום איז ער געקומען.

ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז דער זעלבער וואָס פריער. די הויט אַפן פּאָנעם און אַף די הענט איז געווען ווי פריער מיידליש־צאַרט. באַם אריינקומען האָט ער זיך לייכט פאַרויטלט. אָבער שוין פון זיין ערשטן זשעסט, נאָך זיין ערשטן וואָרט האָב איך פאַרשטאַנען: דאַנסקיק איז אַן אַנדערער. באַגעגענענדיק מיין בליק, האָט ער אַ שמייכל געטאָן: דער שמייכל איז מיר געווען באַקאַנט, אָבער דאָך ניי — ס'האָט זיך ארויסגעזען פון אים עפּעס אַן אינערלעכע קראַפט, אַזוי ווי ער וואָלט

געפילט, אז ער האָט רעכט צו שמייכלען. און די באוועגונגען זיינע גע־וואָרן זיכערער, שנעלער. ער האָט פרייער ווי פריער סאַלוטירט, פרייער געמאַכט די מעלדונג.

— זעץ זיך, — האָב איך געזאָגט. — נעם אַרויס די מאַפּע.

אויף דער מאַפּע, וואָס דאָנסקיך האָט אויסגעשפּרייט, איז דער פּונקט, וואו דער פּעלאָטאָן איז געהאַט געווען פאַרשטעקט, ניט געווען באַמערקט מיט קיין שום צייכן. אַזעלכע סוידעס טרויט מען ניט אָן דער מאַפּע. אָבער דער פּונקט פון דער ערשטער שלאַכט, וואָס איז שוין ניט געווען קיין סעקרעט, האָט דאָנסקיך אַרומגעצייכנט מיט אַ רויטן קרייז. איך האָב גע־קוקט דערויף. מיר ביידע האָבן געוואוסט: דאָרטן איז דורכגעמאַכט געוואָרן אַ גרויסער ניסאָיען פון גייסט, דאָרטן איז דורכגעלעבט געוואָרן די גרויסע פרייד פון ניצאָכן, — ביידע האָבן מיר עס געוואוסט און ביידע האָבן מיר וועגן דעם קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

— זעסטו, דאָנסקיך, האָב איך געזאָגט, — פאַריקן מאָל האָבן מיר געשמועסט אָט וועגן וואָס: זאָל דער סוינע אַרומנעמען אייער באַהעלטעניש. דאָס קען דערלאָזט ווערן. אָבער ניט אַריינפאַלן אין אַרומרינגלונג.

דאָנסקיך האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דער בליק איז געווען אַ פאַר־שטייענדיקער. איך האָב ווייטער גערעדט:

— אָבער דער סוינע קען אַרומרינגלען אומבאַמערקט. לעמאָשל אַזוי... ער קען דיך אַרומנעמען פון אָט דער זייט. — מיטן טעמפּן שפּיץ פון בליישטיפט האָב איך עס אָנגעוויזן אויף דער מאַפּע. — דיר וועט בלייבן אָן אַרויסגאַנג אַהער. וועסטו זיך אַרויסגליטשען, וועסט נעמען אָפּציען, און דער סוינע, האָבנדיק אומבאַמערקט נאָך פריער זיך פאַרקליבן אַהער, האָט זיך שוין אויסגעלייגט אַפן וועג, וואַרט שוין, זעט דיך שוין. און וועט דיך באַגעגענען מיט פייער אין פּאָנעם אַריין. וואָס וועסטו דאַמאָלסט טאָן?

— וואָס? — האָט דאָסקיך איבערגעפרעגט. — מיט די באַגנעטן!

— אָי, דאָנסקיך... מיטן באַגנעט איז ווייט צו דערלאַנגען: ער וועט אייך אויסשיסן. וועסטו זיך ניט פאַרלירן? וועסט ניט נעמען לויפן?

ער האָט עטוואָס פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן.

— איך, כאַוווער קאָמבאַט, וועל ניט אַנטלויפן.

— ניט וועגן דיר אײנעם האַנדלט זיך. די מענטשן, צי וועלן זיי ניט לויפן?

דאַנסקיך האָט געשוויגן, געקוקט אַף דער מאַפּע, געטראַכט, געזוכט אַן ערלעכע טשאַוווע.

— געוויס, דאַנסקיך, דאַרף מען קעמפן אַפילע אין דער סאַמע פאַר־צווייפלטער לאַגע. אָבער צו־וואָס דאַרפן מיר אַריינפאַלן אין אַזאַ לאַגע? זאָלן די דייטשן אַריינפאַלן. מיטן באַגגעט, דאַנסקיך, וועסטו טויטן איינעם, מיטן סייכל — טויזנט. דאָס איז אַ קאַזאַכישער שפּריכוואָרט.

— ווי־זשע, כאַווער קאָמבאַט?

די יונגנטלעכע בלויע אויגן האָבן צוטרוילעך געקוקט אַף מיר.

— לויפן! — האָב איך געזאָגט. — לויפן, אַזוי ווי עס ווילט זיך די דייטשן, אין אומאָרדענונג, אין פּאַניק. שלאָג זיך אַ צען־פופצן מינוט און שפּיל אָפּ אַ קלוימערשטע פּאַניק. זאָלן זיי אונדז נאָכיאָגן! די שפּיל וועלן מיר פירן. ניט זיי וועלן אונדז יאָגן, נאָר מיר וועלן זיי צווינגען, פאַר־שטייסט, מיר וועלן זיי כיטרע צווינגען אונדז נאָכצויאָגן. האַלט זיך באַם ברעג. לאָז זיך אַראָפּ אין אָט דעם טאָל. — כ׳האָב ווידער געוויזן מיטן בליישטיפט אַף דער מאַפּע. — אָדער קלייב צו אַן אַנדער פּאַסיק ערטל. דאָרט דאַרף מען אינעם אויגנבליק זיך פאַרשטעקן, אויסלייגן זיך. די ערשטע גרופּע זאָל דורכלאָזן די דייטשן. און די צווייטע זאָל זיי באַ־געגענען מיט קוילנוואַרפער און זאַלפן אין פּאָנעם. זיי וועלן זיך אַ וואָרף טאָן צוריק. דאַמאָלסט דאַרף מען פונדאַנען אַ פלייץ טאָן ווידער אין פּאָנעם אַריין, פון דער נאָנט. נעמען צווישן צוויי פייערן, אָוועקלייגן אַלע, וואָס האָבן נאָכגעיאָגט; פאַרשטאַנען?

איבערלעבנדיק אין געדאַנק די דאָזיקע שלאַכט, האָב איך אַ קוק גע־טאָן אַף דאַנסקיך מיט אַ טריאומפירנדיקן בייזן שמייכל. דאַנסקיך האָט ניט מיטגעשמייכלט. אין זיינע אויגן האָב איך געזען, אַז ער האָט אויפגעכאַפּט די אידייע, אָבער אין דער טיפעניש פון די שוואַרצאַפּלען האָב איך איבער־געלייענט אַן אויפשווידער.

כ׳האָב ניט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס עס פּאַסירט מיט אים.

מעגלעך, אַז דאַנסקיך האָט אַף אַ מאָמענט דערפילט אַ שווידער פאַר דער שכיטע, פאַר דער בלוטבאָד, וואָס אים שטייט פאָר דורכצופירן. אָבער ער האָט געענטפערט פעסט:

— כ׳האָב פאַרשטאַנען, כאַווער קאָמבאַט.

מיר האָבן ארומגערעדט פארשידענע איינצלהייטן. דערנאָך האָב איך געזאָגט:

— דערקלער די קעמפּער אָט דעם מאַנעווער.

ער האָט איבערגעפרעגט:

— דעם מאַנעווער?

דאָס דאָזיקע וואָרט איז אים צוליב עפּעס אויסגעקומען מאָדנע. מיסטאָמע ניט דאָס, ניט דאָס פארניכטן דעם סוינע, האָט זיך בא אים ביז איצט געבונדן מיטן באגריף „מאַנעווער". אָבער באלד האָט ער געענטפערט, ווי ס'פֿאָדערט זיך:

— רעכט, כּאָווער קאָמבאַט.

— נו, דאַנסקיך, דאָס איז אַלץ.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

אָט דאָס יינגל מיטן צארטן פּאָנעם, מיט דער צארטער נעשאָמע האָט מאָרגן געדארפט פארנארן דעם סוינע אין א פאסטקע און צעשיסן אין פּאָנעם אריין מיט בעהאָלע ארומגענומענע, דול־געוואָרענע מענטשן. איך האָט געזען: ער וועט עס קענען מאַכן.

.6

עס האָט מיר אויסגעזען צו האָבן דערגרייכט, אז די פּראַקטיק פון אונדזער היינטיקן דורכפאל זאָל ווערן אן אַנזאָגער פון מאָרגנדיקן דערפֿאָלג.

ס'איז געוואָרן גרינגער אפן הארצן. אָפּגעזעגנט דאַנסקיך, האָב איך זיך אוועקגעלייגט אפן בעטל, זיך צוגעדעקט מיטן שינעל, זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, קעדיי איינצושלאָפן. א שטיקל צייט האָט געארבעט דער געדאַנק, דערנאָך געכומען פארטונקלט ווערן.

אנטקעגן די צוגעמאכטע אויגן איז אויפגעשוואומען די טאָפּאָגראַפישע מאַפּע, דאָס אויפמערקזאמע געזיכט פון דאַנסקיך. מיטן טעמפּן שפּיץ בליישטיפט באריר איך די מאפּע און ווייז אים אָן: „זיי וועלן נעמען לויפן, וועלן זיך א וואָרף טאָן אהער, דאָ וועלן מיר זיי ווידער באגעגענען מיט פייער!"

און אומגעריכט — אַט דער מאָמענט האָט זיך מיר פאַרגעדענקט שרעקלעך בוילעט — האָב איך דערזען: די מאַפּע באַרירט אַ פּרעמדער, ניט מיין בליישטיפט. מיינער איז געווען אַ געוויינלעך שווארצער, און דער האָט לאַקירטע קאַנטן, אַ שאַרף־פאַרשניצטן שטעכיקן שפּיץ. און די האַנט איז ניט מיינע. אַ ווייסע האַנט מיט געלע הערעלעך אויף דער ניט יונגער אָבער ראָזלעכער הויט.

מיין בליק האָט זיך אוועקגעגליטשט פון דער האַנט צום פּאָנעם. יאָ, דאָס איז ער, מיין סוינע, דער דייטשישער קאָמאַנדיר מיט די גרויזאַמע שאַרפע אויגן. וועגנדנדיק זיך צו עמעצן, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, האָט ער אַרויסגעזאָגט (איך האָב ניט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך און גלייכ־צייטיק יאָ פאַרשטאַנען, — אין כאָלעם פּאַסירן אַזעלכע אומגעלומפּערט־קייטן), אַרויסגעזאָגט וואָרט אין וואָרט מיין פּראַזע: „זיי וועלן נעמען לויפן, וועלן זיך אַ וואָרף טאָן אַהער, דאָ וועלן מיר זיי ווידער באַגעגענען מיט פייער". און אויף דער מאַפּע, אונטערן שפּיץ פון בליישטיפט, האָב איך דערזען ניט דעם טאָל, ניט די מאַרגנדיקע פּאָסטקע פאַר די היט־לעריסטן, נאָר די ליניע פון מיין באַטאַליאָן. איך האָב אָנגעשטרענגט מיין בליק אויף צו דערזען, פאַרפיקסירן דעם פונקט, וואו דער בליישטיפט האָט געוויזן, מיטן גאַנצן קערפּער האָב איך זיך אַ באַוועג געטאָן אַהין... און אויפגעעפנט די אויגן...

אין בלינדאַזש האָט געברענט דער באַקאַנטער נאַפטלאָמפּ. אין ווינקל באַם אַפּאַראַט איז געזעסן דער טעלעפאָניסט.

איך האָב זיך ווידער אויסגעדרייט צו דער וואַנט, ווידער גענומען איינשלאָפן. עס האָט זיך דערמאָנט ברודנים פּאָנעם, אויף אַ מאָמענט אַ באַ־לויכטענער פון טאַשנלעמפּל, אַ פּאָנעם אַ ליידנדיקער, וואָס האָט אָבער ניט פאַרלאָרן זיין שטאָלץ, די איינגעפאַלענע אויגן, די פיבערדיקע פלעקן אויף די פאַרשפּיצטע באַקנביינער. ס'האָט זיך דערמאָנט זיין שטים, וואָס האָט אין לעצטן מאָמענט גענומען ציטערן: „איך וועל דערוויזן... איך וועל דערוויזן..." שפּעטער עפּעס נאָך; דערנאָך האָט זיך אַלץ צונויפגעמישט אין אַ ניט־דערפרישנדיקן שווערן שלאָף.

7.

אינדערפרי, גלייך ווי איך בין אויפגעשטאנען, האט מיר מיין אָרדע־נאנץ סינטשענקאָ סוידעספּול געמאָלדן:

— כאוועך קאָמבאט, דאָרטן, — ער האט אָנגעוויזן אַף דער טיר, — דער לייטענאנט ברודני... ער ווארט, ווען איר וועט אויפשטיין.

— וואָס טוט ער דאָ?

און דאָס הארץ האט גענומען קלאַפּן. ער האט זיך אומגעקערט? האט ער דורכגעפירט דאָס, וועגן וואָס ער האט גערעדט?

סינטשענקאָ האט אייליק געזאָגט:

— ער איז געגאנגען, כאוועך קאָמבאט, צו די דייטשן. געבראכט אויטאָמאטן. איצט זיצט ער, רעדט ניט מיט קיינעם, וויל צו אייך פּער־זענלעך.

— זאָל ער אריינקומען, — האָב איך געזאָגט.

סינטשענקאָ איז פארשוואונדן. אין א מינוט ארום האט זיך די טיר געעפנט. ניט אויסריידנדיק קיין וואָרט, מיט צענויפגעפּרעסטע ליפּן, איז ברודני צוגעגאנגען צום טיש, וואו איך בין געזעסן, און אוועקגעלייגט צוויי דייטשישע אויטאָמאטן, צוויי דייטשישע סאָלדאטן־ביכלעך, בריוו, א העפט, דייטשיש פּאַפּיר־געלט און מאטבייעס. זיינע איינגעפאַלענע שווארצע אויגן האָבן געקוקט אַף מיר גלייך, ניט באהאַלטנדיק זיך, אָבער אביסל ווילד, פון אונטערן שטערן אַרויס.

איך האָב געוואָלט זאָגן: „זעץ זיך" און פלוצלינג דערפילט, אז איך קען קיין וואָרט ניט ארויסזאָגן, אז אַ קייַלכל האט זיך מיר צוגעקייקלט צום האַלדז. איך האָב גענומען אַ פּאַפּיראָס, אויפגעשטאנען, געגאנגען צום שינעל נאָך שוועבעלעך, האָגאָס איך האָב געהאט שוועבעלעך אויך אין די הויזן־קעשענעס, כ'בין געשטאנען אביסל באַם פענצטערל, וואָס איז אויס־געשניטן געווען אונטערן צודעק פון קלעצער, געקוקט אַף די שטאַמען און וואַרצל־געפלעכט פון די סאָסנעס, אפן שנייעלע, וואָס האט וואו־ניט־וואו צווישן די ביימער פארפרושעט די ערד. דערנאָך האָב איך זיך אויסגע־דרייט און רואיק געזאָגט:

— זעץ זיך, ברודני... האסט געפרישטיקט?

ברודני האָט ניט געענטפערט. אין דעם מאָמענט האָט אויך ער ניט געקענטריידן. אין טיר האָט פארקוקט סינטשענקאָ; צוגעלאָפן צו מיר, א שעפּטשע געטאָן אפן אויער:

— בראָנפן, כאָווער קאָמבאט, דערלאַנגען צום פרישטיק?

ער, מיין אָרדענאַנץ, מיין וואוילער סינטשענקאָ, האָט, ווי אלע אין באטאַליאָן, געוואוסט די נעכטיקע געשיכטע. און איצט האָט ער אלץ פארשטאַנען.

— יאָ, — האָב איך געזאָגט, — גיס אָן א גלעזל דעם לייטענאַנט.

מיר האָבן געפרישטיקט צוזאַמען. ברודני האָט דערציילט וועגן זיין נאכט־וואַנדערונג, וועגן דעם ווי ער האָט געהאַרגעט צוויי דייטשן. אין זיינע אויגן, וואָס האָבן פייכט געגלאַנצט נאָכן בראָנפן, זיינען ווען־ניט־ווען דורכגעלאָפן די באַקאַנטע כיטרע פונקעלעך.

— ווי־זשע האָסט עס, ברודני, נעכטן, הא? — האָב איך געפרעגט.

— ווי ביזטו עם אוועק אָן א באפעל?

ער האָט זיך אָנגעכמורעט, ס'האָט זיך אים ניט געגלוסט ריידן וועגן דעם.

— איר ווייסט דאָך?!...

— איך ווייס ניט...

נאָך וויייניקער גערן האָט ער געזאָגט:

— איר האָט דאָך געזאָגט...

— באפאלן פאַכדאָנעס?

ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. איצט, ווען דאָס נעכטיקע וואָרט איז איבערגעכאַזערט געוואָרן, איז אים געוואָרן לייכטער צו רעדן וועגן דעם.

— כ'קען עס אליין ניט פארשטיין, כאָווער קאָמבאט... ס'איז געווען, ווי זאָל איך אייך זאָגן... ווי מיט א ציגל איבערן קאָפּ... און ווי איך בין שוין ניט איך... אויפגעהערט צו דענקען...

ער האָט נערוועז א צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— ווי מיט א ציגל? — האָב איך איבערגעפרעגט.

און פאר מיר האָבן פלוצלינג אויפגעלויכטן די ווערטער, וועלכע דער גענעראַל האָט אזוי געזוכט. א זעץ אין דער פסיכיק! אין דעם מאָמענט האָב איך לעסאָף אָנגערופן באַם נאָמען פאר זיך אליין דעם סאָד פון דער שלאַכט, דעם סאָד פון זיג אין דער שלאַכט.

אַ זעץ אין דער פּסיכיק! אין מויעך! אין דער נעשאָמע!

ווי מאָדנע ס'איז ניט, אָבער די דאָזיקע מינוט, ווען ס'איז דאַכט זיך גאָרניט פאָרגעקומען, איז מיר פאַרבליבן אין זיקאָרן צוגלייך מיט די סאַמע שטאַרקסטע מילכאָמע־איבערלעבענישן.

אַ זעץ אין דער פּסיכיק! אָבער עס עקזיסטירן דאָך ניט קיין שום איקס־שטראַלן אויף צו ווירקן אויף דער פּסיכיק. די מילכאָמע ווערט דאָך געפירט מיט מאַכשירים פון פיזישער פאַרניכטונג, און אַט די מאַכשירים שלאָגן דאָך דעם גוף, ניט די נעשאָמע, ניט די פּסיכיק. ניין, אויך די נעשאָמע! און נאָכדעם ווי די פּסיכיק איז געשלאָגן, געבראָכן דער גייסט, קען מען יאָגן, דעריאָגן, האַרגענען, נעמען געפאַנגען מאַכנעס סאָנים.

דער סוינע שטרעבט אָפּצוטאָן עס מיט אונדז. איין מאָל, הער „גרויס־גערמאַנער" איז דיר עס געלונגען מיט מיר, מיט מיין פּעלאָטאָן. איצט — גענוג!

צו ברודנין האָב איך געזאָגט:

— אַט וואָס... קיין פּעלאָטאָן וועל איך דיר פונדעסטוועגן דערוויילניט געבן. אָבער פאַר די דייטשן, מיין איך, האָסטו איצט קיין מוירע ניט. כ'וועל דיך שיקן צו זיי. איך באַשטים דיך אַלס קאָמאַנדיר־געהילף פון אויסשפּיר־פּעלאָטאָן.

ער איז פריידיק אויפגעשפּרונגען.

— רעכט, כאַווער קאָמבאַט.

איך האָב אים אָפּגעלאָזן.

אַ זעץ אין דער פּסיכיק! דאָס איז דאָך באַוואוסט שוין פון די אור־אַלטע צייטן. און פון די אוראַלטע צייטן דערגרייכט מען עס מיט פּלוצלינגדיקייט. און אין דעם איז דאָך די קונסט פון קריג, די קונסט פון טאַקטיק, דעם סוינע פאַרטויבן מיט דער פּלוצלינגדיקייט און פאַרהיטן פון דעם זעלבן דאָס אייגענע כאַיל.

די דאָזיקע אידייען זיינען ניט ניי, מ'קען זיי געפינען אין די ביכער, אָבער אויפן פראָנט האָבן זיי זיך מיר אַפּסניי אַנטפּלעקט נאָך לאַנגע, אָפּטמאָל אויסמאַטערנדיקע טראַכטענישן, נאָך אַ דערפאָלג אָדער אַ דורכפאַל אין שלאַכט. זיי האָבן נעפּלדיק געשוועבט אין מיר אויך אין די פריערדיקע טעג. אָבער איצט איז מיר סאָפּקאָלסאָף דער סאָד פון דער שלאַכט קלאָר.

אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט.

אָבער דעם זעלבן טאָג, עטלעכע שאָ שפּעטער, האָט מיר דער סוינע דערוויזן, אַז ניט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען, דערוויזן, אַז ס'עקזיסטירן נאָך אַנדערע געזעצן פון שלאַכט. און אין קריג, ווי ס'איז באַוואוסט, זיינען די באַווייזן ניט די זעלבע, ווי אין לאָגיק אָדער מאַטעמאַטיק. דאָ ווערט דערוויזן מיט בלוט.

8.

אָט וואָס ס'האָבן דערציילט די קעמפער פון דאָנסקיכס פעלאָטאָן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון דער שלאַכט.

דעם טאָג, דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן אָקטאָבער, האָט דער סוינע קעגנאיבער דעם פראָנט פון באַטאַליאָן, צופירנדיק אַרטילעריע און מאַסאָעם דורכן פאַרנומענעם וועג, אויך באַנייט די באַוועגונג אויפן צווייטן וועג, וואו אייערנעכטן האָט דאָנסקיך מיט זיינע מענטשן ניט דורכגעלאָזן די דייטשן.

דאַסמאָל זיינען די דייטשן געגאַנגען נאָך פאָרזיכטיקער, צופוס, אין שיטערע רייען און האָבן געשאָסן פון אויטאָמאַטן איבער די בייוועגיקע וועלדער און קוסטעס. די לאַסט־מאַשינעס זיינען ליידיקע געגאַנגען לאַנג־זאַם לעבן די רייען.

דער פעלאָטאָן האָט באַגעגנט די דייטשן מיט זאַלפן. אָבער דער סוינע האָט זיך אויף דעם גערעכנט. די דייטשן האָבן זיך טייקעף אויסגעלייגט. דערנאָך, אַריבערלויפנדיק, האָבן זיי גענומען אַרומכאַפּן דעם פעלאָטאָן.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער פאַרטראַכטער פּלאַן. געקומען די צייט אָפּצושפּילן אַ פּאַניק — אַנטלויפן צעשאָטענערהייט, אין אומאָר־דענונג.

די דייטשן האָבן דערזען די אַנטלויפנדיקע. „אַ, דער רוס לויפט! פאָרויס!" די קעמפער זיינען געלאָפן, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, ניט דערווייטערנדיק זיך פון וועג. די דייטשישע שאָפערן האָבן געלאָזן אין גאַנג די מאָטאָרן, די סאָלדאַטן האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די אויטאָס, און שטייענדיק אין די קאַסטנס און שיסנדיק אין גאַנג, האָבן זיי געיאָגט די אונדזעריקע מיט באַקוועמלעכקייטן, אין אויטאָס.

דער פעלאָטאָן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין טאָל. די קעמפּער האָבן זיך שנעל אויסגעלייגט הינטער די קוסטעלעך און בערגעלעך פוןביידע זייטן וועג. ס'האָבן זיך באַוויזן די מאַשינעס. די דייטשן, צעהיצטע פון דער פאַרפאָלגונג, האָבן געשאָסן סטאַם אין דער וועלט אַריין, פּאַסעוועדיק די לופט מיט לייכטנדיקע קוילן. „וואו איז דער רוס? וואוהין אַנטלאָפן? פאַרויס!”...

און פּלוצלינג פון דער זייט א זאַלפּ. און א קינזשאַל־פייער פון די האַנט־מעטראַליעס. איר ווייסט ווי מ'שלאָגט מיט א קינשאַל? פון דער נאָנט, פּלוצלינג, אַף טויט. ס'האָבן גענומען פאַלן טויטע, זיך דערהערט געשרייען. די שאָפערן זיינען געטראָפן געוואָרן פון די קוילן אָדער אַרויס־געשפּרונגען פון די קאַבינקעס, ניט באַוויזנדיק צו פאַרטאַרמאָזירן. די מאַשינעס זיינען אַרויף איינע אַף די אַנדערע, און פון די זייטן א זאַלפּ נאָך א זאַלפּ, פייער און פייער.

פאַרטויבט און באַפאַלן פון שרעק האָבן די דייטשן געשפּרונגען פון די מאַשינעס. די דייטשן זיינען געלאָפן ווי א סטאַדע. און אין רוקן שיט א פייער, אין רוקן — דער טויט!

און פּלוצלונג פון יענער זייט, וואוהין די דייטשן, פאַרשטעלט פון די אויטאָס, זיינען אַנטלאָפן פון די קוילן, — ווידער א זעץ פון טויט אין פּנים אַריין, ווידער א קינזשאַל־פייער פון האַנט־מעטראַליעס.

און דאָ האָט פּאַסירט דאָס, וואָס איך האָב ניט פאָרויסגעזען. דער צווייטער קלאַפּ, די צווייטע פּלוצלינגדיקייט האָבן, ווייזט אויס, אומגע־קערט די סאָנים דעם פאַרשטאַנד. זיי האָבן געטאָן דאָס איינציקע, וואָס האָט זיי געקענט ראַטעווען פון פאַרניכטונג: ווי א רעווענדיקע, צעוויל־דעוועטע כוואַליע האָבן זיי זיך א ריס געטאָן פאָרויס, אַנטקעגן די קוילן, אַף זיי.

די דייטשן האָבן ניט געהאַט קיין באַגנעטן. זיי זיינען געלערנט צו גיין אין אַטאַקע, ניט מיטן באַגנעט פאָרויס, נאָר צודריקנדיק דעם אויטאָ־מאַט צום בויך און שיסנדיק אין גאַנג. צי האָט די פאַרצווייפלונג זיי געגעבן קראַפט, אָדער ס'האָט זיי אין קריטישן מאָמענט זייער קאָמאַנדיר באַהערשט, אָבער די דייטשן האָבן זיך א לאָז געטאָן אַף אונדזער שיטערינ־קע קייטעלע, אַרויסשטעלנדיק פאָרויס פאַר זיך ניט קיין באַגנעטן, נאָר לאַנגע לייכטנדיקע ליניעס פון טראַסירנדיקע קוילן.

און פלוצלינג האָט זיך אַלץ געענדערט. ס'איז אַריין אין אַקציע אַ פּאַשעטער מילכאָמע-געזעץ, דער געזעץ פון דער צאָל, פון צאָל־און פייער־איבערגעוויכט. איבער צוויי הונדערט צעווילדעוועטע מענטשן, וואָס רייסן זיך צו טויטן, האָבן זיך געוואָרפן אַף אונדזערע. און מיר האָבן דאָ געהאַט אַ הייפעלע, אַ האַלבן פעלאָטאָן, פינף און צוואַנציק קעמפער.

אין דעם גרונט־געדאַנק פון דעם פּלאַן, ווי כ'האָב עס פאַרשטאַנען שפּעטער, האָט געשטעקט אַ טאָעס. מ'טאָר ניט, קעמפנדיק מיט קליינע קויכעס קעגן גרויסע ארומנעמען דעם סוינע. ס'איז געווען אַ ביטערע לעקציע.

וואָס האָט געקענט טאָן דאַנסקיך? אין אַזעלכע שרעקלעכע מאָמענטן איז דער מוט — אָדער ער פאַרלאָזט אינגאַנצן דעם מענטשן, אָדער ער קומט אויף מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט.

דאַנסקיך האָט באַפוילן אָפּצולויפן איבערן פעלד צום נאָענטן וואַלד. און אַליין, דעקנדיק צוזאַמען מיט עטלעכע קעמפער דעם ריקצוג, איז ער געבליבן באַ דער האַנט־מעטראַליע.

די דייטשן האָבן, שיסנדיק, זיך דערנענטערט, אָבער אויך דאַנסקיך האָט זיי צעשאָסן מיט זיין מעטראַליע, און אויסלייגנדיק זיי איינעם נאָכן צווייטן, האָט ער געדעקט דאָס שטיקל פעלד, דעם קירצסטן וועג פון דער פאַרפאָלגונג. ער איז געווען פאַרוואונדעט מיט עטלעכע קוילן, אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט שיסן, ניט באַמערקנדיק אין דער היץ פון שלאַכט, אַז ער גייט אָפּ מיט בלוט.

הינטער דאַנסקיך האָט גענומען שטעפן אַ צווייטער קוילנוואַרפער אונדזערער. דאָס האָט דער פאַרכמורעטער וואָלקאָוו, דער געהילף־קאָמאַנדיר פון פעלאָטאָן, געדעקט דעם ריקצוג פון לייטענאַנט. דאַנסקיך האָט באַוויזן אָפּצולויפן אַביסל, אָבער ווידער אַ געטראָפענער פון די קוילן איז ער געפאַלן. און וואָלקאָוו האָט געקלאַפּט און געקלאַפּט מיט קורצע און אָפטע צייַלן, ניט צולאָזנדיק די דייטשן צום לייטענאַנט. די קעמפער האָבן פויזענדיק אָפּגעשלעפּט זייער קאָמאַנדיר, ארויסגעטראָגן צום וואַלד. דאָרט האָט מען דעם לייטענאַנט דאַנסקיך פאַרבאַנדאַזשירט זיבן קויל־וואונדן, צום גליק ניט קיין לעבנסגעפערלעכע. דער סערזשאַנט וואָלקאָוו, דער שווייגנדיקער און בייזער אין דינסט, דער „ריכטיקער מענטש", ווי די סאָלדאַטן האָבן אים גערופן, איז געפאַלן טויט באַם קוילנוואַרפער.

.9

אזוי האָבן די דייטשן פארכאפט דעם צווישנפאס.

קלאָר, אז ניט איך, א באטאליאָן־קאָמאנדיר, דארף דערקלערן די אלגע־מיינע אָפעראטיווע לאגע הינטער מאָסקווע אָדער, לעפּאָכעס, אין דער וואָלאָקאָלאמסקער ריכטונג.

דאָך, אָפּווייכנדיק אין דעם פאל פון אָט דעם קלאל אונדזערן, וועל איך זאָגן קורץ. דורכקוקנדיק שפּעטער די דאָקומענטן, וואָס זיינען אָפּגע־קליבן געוואָרן פארן מוזיי, וועגן דעם קאמפּס־וועג פון די פאנפילאָווצעס, האָב איך איבערגעלייענט אייניקע אָפעראטיווע באריכטן פון שטאב פון ראָקאָסאָווסקיס ארמיי, וואָס האָט פארטיידיקט דעם ראיאָן פון וואָלאָ־קאָלאמסק. דער באריכט פון צוויי און צוואנציקסטן אָקטאָבער האָט גע־זאָגט: „היינט אוונט-צו האָט דער סוינע פארענדיקט די קאָנצענטראציע פון דער הויפּט-גרופּירונג אפן לינקן פלאנק פון אונדזער ארמיי און פון דער הילפס־גרופּירונג — קעגן צענטער פון דער ארמיי".

קעגן צענטער פון דער ארמיי... און יענע טעג איז אַף דעם אָפּשניט געווען אונדזער באטאליאָן און צוויי שביינעסדיקע מיט דער ארטילעריע, וואָס איז אונדז געווען צוגעטיילט.

דער דריי און צוואַנציקסטער אָקטאָבער

.1

דעם דריי און צוואַנציקסטן אָקטאָבער אינדערפרי, ווי נאָר ס׳איז ליכטיק געוואָרן, האָט זיך איבער אונדז באַוויזן אַ דייטשישער קאָרעקטיר־אַוויאָן. זיינע פליגלען זיינען פאַרבייגן אויף הינטן, ווי בא אַ קאָמאַר. די רויטאַרמייער האָבן אים געגעבן אַ צונאָמען „הויקער״.

שפּעטער האָבן מיר זיך צוגעוואוינט צו די „הויקערס״, אויסגעלערנט זיך אַראָפּקלאַפּן זיי, אויסגעלערנט זיי דערקענען — האַלט זיך פונדער־וויטנס, קאָמאַר! — אָבער אין יענעם פרימאָרגן האָבן מיר געזען אַ „הויקער״ צום ערשטן מאָל.

אומבאַשטראָפט האָט ער געקרייזט אונטער די האַרבסטיק־נידעריקע וואָלקנס, אַמאָל פאַרטשעפּענדיק אַ גרויען ברעג, אַמאָל מיט אַ פאַרשטילטן מאָטאָר פלאַנירנדיק אין אַ זינקענדיקער ספּיראַל, קאָדריי אויסצושפּירן אונדז פון אַ קלענערער הייך.

דער באַטאַליאָן האָט ניט געהאַט קיין אַנטי־לופט מיטלען. איך האָב שוין געזאָגט, אַז די זעניט־מעטראַליעס, וואָס זיינען צוגעטיילט געוועזן דעם באַטאַליאָן, זיינען לויט פּאַנפילאָווס באַפעל איבערגעוואָרפן געוואָרן אויפן לינקן פלאַנק פון דער דיוויזיע, וואו דער סוינע האָט דריקנדיק מיט די טאַנקען, גלייכצייטיק אריינגעפירט אין שלאַכט די אוויאַציע. דאַמאָלסט האָבן מיר ניט געוואוסט, אַז אַן אוויאָן קען מען אַראָפּקלאַפּן מיט אַ זאַלפּן־פייער פון ביקסן. אָט דער דאָזיקער סאָד, ווי אַ סאַך אַנדערע, איז אונדז אַנטפּלעקט געוואָרן שפּעטער.

אַלע האָבן נאָכגעפאָלגט דעם „הויקער״. איך געדענק דעם מאָמענט,

דער אוויאָן האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרשוואונדן אין דער כמאַרע, צוריק ארויסגעטויכט, און פּלוצלינג האָט ארום און ארום געגומען דונערן. אפן פעלד האָבן אויפגעשפּרונגען, בליצנדיק מיט פייער, סלופּעס ערד. נאָך ניט פונאַנדערגעשאָטן זיך די ערשטע, דאָס אויג האָט נאָך געזען די לאַנגזאַם פאַלנדיקע צעריסענע שטיקער, אַרויסגעפּליקטע פון דער געפרוירענער ערד, זיינען שוין לעבן זיי אויפגעשפּרונגען נייע פאָנטאַנען.

לויטן טאָן פון פלי, לויטן כאַראַקטער פון די אויפרייסן האָב איך פעסטגעשטעלט: דער סוינע פירט א קאָנצענטרירטן פייער פון הארמאטן פון פאַרשיידענע קאַליבערן; גלייכצייטיק שלאָגן די מינענוואַרפער. כ'האָב אַרויסגענומען דעם זייגער. ס'איז געווען צוויי מינוט אַף צען.

כ'בין אוועק אין בלינדאַזש פון שטאַב, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין וואַלד, האָב אויסגעהערט די מעלדונגען פון די ראָטעס און טעלעפאָניש געמאָלדן דעם קאָמאַנדיר פון פּאָלק: ניין נול־נול האָט דער סוינע אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע ארטילעריע־באארבעטונג פון פאָדערשטן קאַנט אפן גאַנצן פראָנט פון באַטאַליאָן. אלס ענטפער האָט מען מיר צו וויסן געגעבן, אז די זעלביקע באַשיסונג באַקומט אויך דער באַטאַליאָן רעכטס.

2.

ס'איז געווען קלאָר: דאָס איז אַן אַרטילערישע צוגרייטונג פון אַן אַטאַקע. אין אַזעלכע מינוטן זיינען בא אַלעמען אָנגעצויגן די נערוון. דער אויער כאַפּט אויף די אומאויפהערלעכע קלעפּ, וואָס דערטראָגן זיך מיט א טעמפּן קלאַנג דורך דער ערד. דער קערפּער פילט, ווי אין בלינדאַזש ציטערן די קלעצער. פון אויבן, פון שווערן געדעק שיטן זיך בעיים די נאָנטע אויפרייסן שטיקלעך געפרוירענע ערד און קלאַפּן פאַלנדיק אָן טיש. אָבער דער סאַמע אָנגעשטרענגטער מאָמענט איז די שטילקייט. אַלע שווייגן, אַלע דערוואַרטן נייע קלעפּ. שטיל... הייסט עס... אָבער ווידער — טראַך, טראַך... און ווידער באַבעט און רייסט זיך, ווידער ציטערן די באַלקנס, ווידער וואַרטסטו אַף דעם סאַמע שווידערלעכסטן — אַף דער שטילקייט.

קונצנמאַכער זיינען די דייטשן. יענעם טאָג, שפּילנדיק אַף אונדזערע נערוון, האָבן זיי עטלעכע מאָל איבערגעריסן אַף 3-2 מינוט די שיסעריי

און ווידער און ווידער געהאמערט. ס'איז געווען אומדערטרעגלעך. זאָל שוין זיין וואָס שנעלער די אַטאַקע!

אָבער ס'איז אַריבער אַ האַלבע שעה, אַ שעה און נאָך אַ שעה, און די באָמבאַרדירונג האָט אָנגעהאַלטן. איך, ביז גיט לאַנג צוריק אַן אַרטילע־ריסט, האָב זיך גיט פאַרגעשטעלט, אַז אַ קאָנצענטרירטער, קאָמבינירטער פייער קעגן אונדזערע פעלד־באַהעלטענישן, קעגן אונדזער פּאָזיציע, וואו ס'איז ניט געווען קיין איין בעטאָנירטער פונקט, קען געדויערן עטלעכע שעה. די דייטשן האָבן אַרויסגעשלײַדערט וואַגאָנען קוילן — אַלץ וואָס זיי האָבן בעיסן שטילשטאַנד צוגעבראַכט אַהער פון דער טיף, — ברעקלענ־דיק פונדאַמענטאַל די ערד, זיכער אויסרעכענענדיק אַפּצוּאַווישן די ליניע, צעמאָלן, צערייבן אונדז, קעדיי שפּעטער מיט אַ שטורם פון דער אינפאַנ־טעריע לייכט פאַרענדיקן די זאַך.

פון צייט צו צייט האָב איך טעלעפאָניש גערעדט מיט די ראָטע־קאָ־מאַנדירן. זיי האָבן איבערגעגעבן: ס'איז אין ערגעץ ניט געלונגען צו באַ־מערקן אַן אָנזאַמלונג פון דייטשישער אינפאַנטעריע.

אָפּט האָט זיך איבערגעריסן די פאַרבינדונג. אַלע ווײַלע האָבן די שפּליטערן איבערגעהאַקט די דראָטן. די דיזשורנע טעלעפאָניסטן האָבן שנעל אונטער דער שיסערײַ צוזאַמענגעהאָפטן די לייטונג.

אין מיטן טאָג, נאָכדעם ווי ערגעץ — שוין צום צוועלפטן מאָל! — האָט זיך איבערגעהאַקט די לייטונג און די דיזשורנע פאַרבינדלער האָבן זיך אַרויסגעשלייכט פון בלינדאַזש, בין איך אויך נאָך זיי אַרויסגעקראָכן, אַ קוק צו טאָן, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט.

די גראַנאַטן זיינען געפאַלן אויך אין וואַלד. עפּעס האָט אַ זעץ געטאָן אין די שפּיצן, אַ בוים האָט געקראַכט,צווייגן האָבן זיך געשאָטן. ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט צוריק, אונטער דער ערד. אָבער כ'האָב אין געדאַנק אָנ־געשריען אויף זיך און בין אַרויס צום ברעג וואַלד. איבער אונדז האָט ווי פריער געקרייזט דער „הויקער". אָפּן פאַרשנייטן פעלד, צעלעכערטן אין גריבער, פאַרצויגענעם מיט שטויב, האָבן זיך, ווי פריער, געהויבן ערד־פאָנטאַנען, דאָ נידעריק, פון אַ זייט, מיט אַ רויטן אויפבליץ, ווען מיטן כאַראַקטעריסטישן אָנוואַקסנדיקן וואָיען איז געפאַלן אַ מינע, דאָ ווי אַ

שוואַרצער סלופּ, אָפּט הויך ווי דער וואַלד, ווען ס'האָט געפּלאַצט אַ שווע-רע קויל.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן די נערוון זיך אַביסל צוגעוואוינט, ס'האָט זיך איינגעשטילט דער ניט-ווילנדיקער ציטער, דער אויער האָט רואיקער אויפגענומען די קלעפּ.

און פּלוצלינג — אַן איבערייס, אַ שטילקייט. די נערוון זיינען ווידער געשפּאַנט געוואָרן. דערנאָך אַ טויבער זעץ אין הימל און אַ שאַרפער לע־כערנדיקער פייף, וואָס גייט דורך מיט אַ ציפּעניש איבער דער הויט. ווידער אַ זעץ, ווידער אַ שניידנדיקער פייף. אַזוי רייסן זיך שראַפּנעלן. פּילנדיק ווידער דעם עקלדיקן ציטער, בין איך צוגעפאַלן צו אַ בוים.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך אַן איבערייס פון אַ מינוט האָבן די דייטשן געביטן די קוילן-קאָמבינאַציע — די קאָמבינאַציע פון אויפ־רייסן, קלאַנגען און זע־עפעקטן. איצט האָבן זיי געוואָרפן שראַפּנעלן און בריזאַנטנע קוילן, וואָס עקספּלאָדירן אין דער לופטן, נאָנט בא דער ערד מיט אַ שרעקלעכן טראַסק און פלאַם. פאַרן סאָלדאַט, וואָס איז פאַרשטעקט אינעם שיס-קעמערל, זיינען אַזעלכע קוילן קימאַט אומשעדלעך, — אומ־שעדלעך פאַרן קערפּער, אָבער די דייטשן האָבן געשטרעבט צו דערשלאָגן דעם גייסט, זיי האָבן באָמבאַרדירט די פּסיכיק. דאַמאָלסט, שטייענדיק צוגעקלעפּט צום בוים, האָב איך זיך עס דערטראַכט און פאַרשטאַנען, איך האָב זיך געלערנט באַם סוינע.

דערנאָך האָבן זיך ווידער גענומען רייסן אין פעלד פוגאַס-קוילן, וואָס האָבן אויפגעהויבן שוואַרצע פאָנטאַנען ערד און געדיכטן שטויב פון אויפ-רייס-שטאָף.

אַ שווערער זעץ האָט אויפגעשליידערט די לאַנגע קלעצער, ביז איצט באַהאַלטענע אונטער אַ הערבל ערד. אין דעם מאָמענט האָט געווים אָנגע־קוואָלן דער דייטשישער פּילאָט-קאַרעקטירער וואָס האָט געזשומעט אי־בער אונדז.

אָבער אויך איך האָב שאַדנפרײדיק געשמייכלט. ס'איז געלונגען אונ־דזער כיטרעקייט. דער סוינע האָט געקלאַפּט אונדזער פאַלשע פּאָזיציע.

די פאַלשע בלינדאַזשן, אין דער פאָרם פון שוואָמען, צוגעדעקטע מיטן אָנשיט, פאַרפרושעטע פון שניי, וואו מיר האָבן בעקיוון דורכגעטראָטן

שטעגלעך, האָבן זיך געצויגן אין אַ גענוג קענטיקער ליניע לענגויס דעם טייך.

אָבער די עמעסע, וואו ס'זיינען געזעסן פאַרשטעקט די קעמפער, זיי־נען געווען אויסגעגראָבן, ווי איך ווייסט, נענטער צום טייך, אין שיפּוע פון ברעג, און געדעקט געווען מיט דריי-פיר רייען געזונטע קלעצער.

פירנדיק אַ פייער, אַ געצילטן, איבערן גאַנצן שטעטל, האָבן די דייטשן געהאַמערט אויף דעם ברעג, אָבער אַף צו צעקלאַפּן איז נייטיק געווען צו טרעפן ניט אין אויבערשטן שווערן צודעק, נאָר אין פראָנטאַלן אַנשיט. אונדזער שוץ איז צוליב די באַוואוסטע טאַימים געווען אַזוי שיטער, אַז דער באַטאַליאָן האָט געליטן בלויז צופעליקע, איינצלנע פאַרלוסטן.

3.

ארום פיר אַזייגער האָט דער סוינע שאַרף פאַרשטאַרקט דאָס פייער אַפן סעקטאָר פון דער צווייטער ראָטע, אין ראַיאָן פון דאָרף נאָוואָליאַנסקאָיע, וואו ס'איז געלעגן דער וועג סערעדאַ-וואָלאָקאָלאַמסק.

אויפכאַפּנדיק עס לויטן געהער און לויט די אויפטרייסלונגען, האָב איך אָנגעקלונגען צום קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע סעוורױקאָוו.

— ער איז ניטאָ...

איך האָב דערקענט די שטים פון איינעם פון די פאַרבינדלער, דעם קליינעם טאָטער מוראַטאָוו.

— וואו איז ער?

— אוועקגעקראָכן אַפן אויסקוקער־פונקט...

— און פאַרוואָס ביזטו ניט מיט אים?

— אוועק אַליין, ס'זאָל זיין געהיימער. ער קען, כאַווער קאָמבאַט, די טאַקטיק.

מוראַטאָוו האָט גערעדט לעבעדיק. אין אַזעלכע מאָמענטן נעמט זיך אויף ספּעציעל שאַרף דער טאָן און די ניואַנסן פון דעם סאָלדאַטס שטים; עס לייענט זיך ווי אַ שלאַכט־מעלדונג.

מ'האָט מיך גערופן צום צווייטן טעלעפאָן. ס'האָט גערעדט סעוור־ריוקאָוו.

— כאַווער קאָמבאַט?

— יאָ. וואו זיינט איר? פונוואַנען רעדט איר?

— איך ליג אפן ארטילערישן אויסקוק-פונקט... איך קוק אין בינאָקל... זייער אינטערעסאַנט, כאַווער קאָמבאַט...

אויך איצט, אונטערן פייער, האָט אים ניט פארלאָזן זיין פאַמעלעכדיקייט. איך האָב אים אונטערגעיאָגט מיט פראַגעס:

— וואָס איז אינטערעסאַנט? וואָס זעט איר?

— די דייטשן האָבן זיך אָנגעזאַמלט באַם וואַלד־ראַנד... זיי ווימלען, כאַווער קאָמבאַט, באַוועגן זיך... אַן אָפיציר איז אַרויס, קוקט אין בינאָקל.

— וויפל זיינען זיי?

— כ'מיין... ניט צו זאָגן קיין ליגן, אַן ערעך אַ באַטאַליאָן... איך קלער, כאַווער קאָמבאַט, מ'וואָלט זיי געדאַרפט...

— צו וואָס קלערן? קוכטאַרענקאָ צום טעלעפאָן, שנעל!

— איך, כאַווער קאָמבאַט, האָב טאַקע דאָס־אָ געקלערט...

מיך האָט אָפּט אויפגערעגט סעוורוקאָווס פאַמעלעכדיקייט. פונדעסטוועגן האָב איך זיך ניט געוואונטשן קיין אנדערן אָנשטאָט אָט דעם מעיושעוודיקן ראָטע־קאָמאַנדיר, וועלכער האָט אין דעם טאָג ניט איין מאָל דורכגעפּויזעט איבערן שרעקלעכן פעלד, געווען אין די שוץ־גראָבנס און באַ די אויסקוקער.

דאָס טרייבל האָט גענומען לייטענאַנט קוכטאַרענקאָ — דער ארטילעריסט-קאָרעקטירער. די אכט הארמאטן, צוגעטיילטע צום באַטאַליאָן, פאַרבאָרגענע אין וואַלד אין ערדענע באַהעלטעגישן, האָבן אַ גאַנצן טאָג געשוויגן, ניט אַרויסווייזנדיק זיך ביז דער דעצידירנדיקער מינוט. זי האָט זיך דערנענטערט. דער וואַלד־ראַנד, וואו די דייטשן האָבן זיך קאָנצענטרירט צו דער אַטאַקע, איז ווי דער גאַנצער שטעטך קעגנאיבער דעם פראָנט פון באַטאַליאָן, געווען צוגעצילט פון פריער. מיין פּלאַן איז געווען אַזאַ: לאָזן אין גאַנג די פאַרבאָרגענע אַרטילעריע נאָר אין דעם מאָמענט, ווען דעם סוינעס שלאָג-גרופּע וועט שוין זיין גרייט צו אַטאַקירן, אַ זעץ טאָן, ווי מיט אַ ציגל איבערן קאָפּ, באַטויבן, צעשטויבן, אַראָפּרייסן די אַטאַקע.

עס האָט זיך געוואָלט אַ קאָמאַנדעווע טאָן: „אַפן סוינעס קאָנצענטראַציע מיט אַלע הארמאטן — פייער!” אָבער צוערשט האָט מען גע־

דארפט ארויסלאזן עטלעכע קאנטראל־גראנאטן, קעדיי אבסערווירן דעם פאל און קארעגירן דעם אנציל אין שאיכעס מיט דער ריכטונג און קראפט פון ווינט, דעם אטמאספערישן דרוק, דעם זינקען פון באדן אונטער די הארמאטן און אן א שיר אנדערע ענדערונגס־פאקטארן.

אף דעם האט זיך געפאדערט א שטיקעלע צייט, — בלויז עטלעכע מינוט.

אבער, איר געדענקט פאנפילאוום רעטעניש וועגן דעם, וואס איז צייט? איר ווייסט וואס אין דער מילכאמע קען פאסירן אין עטלעכע מינוט?

4.

אפגעגעבן די קאמאנדע, האב איך דאס טרייבל ניט אפגעלאזן. איך הער, — אף די פייער־פאזיציעס גייט אן די קאמאנדע:

— אף די ערטער! אנלאדן און מעלדן!

קוכטארענקא — דאס לעבעדיקע אויג פון די פארבארגענע הארמאטן — גיט אן די קאארדינאטן. עמעצנס שטים כאזערט איבער. איצט קע־רעווען זיך לאנגזאם די הארמאטן־לופעס. און די צייט לויפט, די צייט לויפט...

לעסאף דערהערט זיך:

— פארטיק!

און גלייך קוכטארענקאס קאמאנדע:

— צוויי קוילן, פייער!

און ווידער א שטילקייט. ווידער לויפן די סעקונדן... ווייזט אוים עפעס איז דאך ניט אינגאנצן גרייט. שנעלער, שנעלער, צום טייוול! און פלוצ־לינג דערהער איך אין טרייבל דאס זעלבע ווארט. קוכטארענקא שרייט:

— שנעלער!

איך מיש זיך אריין:

— קוכטארענקא, וואס איז דארטן?

— די דייטשן גרייטן זיך צו, כאווער קאמבאט, טוען אן די ראנצעס, די קאסקעס...

און ער שרייט:

— פייער־דינסט!

— איך!

— שנעלער!

— נעם אויף! א שאָס! א שאָס! א ריי!

צווישן די אומאויפהערלעכע קלעפּ, וואָס שלאָגן טעמפּ אין אויער, קען מען ניט אונטערשיידן אונדזערע שאָסן, אָבער די גראַנאַטן זײַנען אַרויסגעלאָזן, די גראַנאַטן פליען, דערווייל נאָר די צוציִלנדיקע, דערווייל נאָר צוויי. קוכטאַרענקאָ וועט באַלד זען די אויפרייסן. ווייט פון ציל? און עפּשער גלייך אין פּינטל? עס פּאַסירט דאָך אויך אַזוי, ס'פּאַסירט דאָך!

גיין! קוכטאַרענקאָ קאָרעגירט.

און פּלוצלינג א שטאַרקער טראַסק אין טרייבל. און די פּראָזע איז איבערגעהאַקט.

— קוכטאַרענקאָ!

ניטאָ קיין ענטפער.

— קוכטאַרענקאָ!

א שטיל שווייגעניש... רעכטער נול... נול נײַן? נול דרײַ? אָדער עפּ־שער נול־נול דרײַ?

מיר האָבן א סאַך קוילן, מיר האָבן אַכט האַרמאַטן, אָבער אין דעם מאָמענט, ווען זיי זײַנען אַמנייטיקסטן, האָט א פאַרשאָלטענע צופעליקייט זיי בלינד געמאַכט.

דער דיזשורנער פון דער אַרטילערישער פאַרבינדונג איז שוין אַרויס־געלאָפן צו דער ליניע, אָבער די צייט גייט אַוועק.

עס איז אָבער ניט געווען קיין איבערייס אין דער פאַרבינדונג. דער אומגליק האָט זיך אַרויסגעוויזן גרעסער.

מ'האָט מיך אַרויסגערופן צו א צווייטן טעלעפאָן. פון קאָמאַנדע־פּונקט פון דער צווייטער ראָטע האָט ווידער גערעדט מוראַטאָוו, דער קליי־נער טאָטער, וועלכער האָט מיט עטלעכע מינוט פריער פרייִלעך געענט־פערט. איצט האָט זײַן שטים געקלונגען פאַרלוירן.

— כּאָווער קאָמבאַט, דער ראָטע־קאָמאַנדיר איז פאַרוואונדעט.

— וואו? שווער?

— כ'ווייס ניט... מ'האָט נאָך אים ניט געבראַכט... און אַנדערע

דאָרטן, — כ'ווייס ניט, טויט אָדער פאַרוואונדעט.

— וואו דאָרטן?

— אפן אויסקוק־פונקט... פונדאַנען זיינען אַלע אוועק ארויסטראָגן דעם קאָמאַנדיר און די אַנדערע... און מיך האָט מען איבערגעלאָזן... גע־הייסן קלינגען צו אייך.

— וואָס־זשע איז דאָרטן... געשען... אפן אויסקוק־פונקט?

איך האָב עס ארויסגערעדט מיט אָנשטרענגונג, פאַרשטייענדיק, אַז עס האָט פּאַסירט אַ שרעקלעכער אומגליק.

— צעקלאַפּט...

איך האָב געשוויגן. צוואַנצעטנדיק אַ ווײַלע, האָט מוראַטאָוו טרויעריק געפרעגט:

— וואו־זשע זאָל איך איצט, כּאַווער קאָמבאַט? מיט וועמען זאָל איך?...

איך האָב דערפילט די פאַריאַסעמטקייט פון קעמפער, וואָס איז גע־בליבן אָן אַ קאָמאַנדיר.

אָט באַלד וועט זיך דאָס דונערן פאַרבייטן מיט אַ פּכאָדעמדיקער שטילקייט, אָט באַלד וועט די קאָנצענטרירטע דייטשישע אינפאַנטעריע קרייצן דעם טייך, און דער אויסקוק־פונקט איז צעקלאַפּט, די האַרמאַטן זיינען בלינד געוואָרן און די ראָטע האָט ניט קיין קאָמאַנדיר.

איך האָב געזאָגט:

— פאַרזאַמל, מוראַטאָוו, די פאַרבינדלער. זאָלן זיי איבערגעבן אין די פּעלאָטאָנען: לייטענאַנט סעווריוקאָוו איז פאַרוואונדעט; אפן קאָמאַנ־דע־פונקט פון דער ראָטע איז אָנשטאָט אים — דער קאָמבאַט. באַלד וועל איך דאָרט זיין.

אוועקגעלייגט דאָס טרייבל, האָב איך באַפוילן דעם שטאַב־שעף ראַ־כימאָוו:

— טייקעף פאַרבינדט זיך מיט קראַיעוון. זאָל ער זיך מעלדן איבער־נעמען בא מיר די ראָטע.

דערנאָך האָב איך אַ געשריי געטאָן:

— סינטשענקאָ! דאָס פערד!

.5

מיר האבן זיך אוועקגעטראָגן אין גאַלאָפּ איבערן פעלד, — איך אױף ליסאַנקאָן, הינטער מיר מיין אָרדעגאַנץ סינטשענקאָ. בײַ ליסאַנקאָן זיינען ווי בײַ אַ קאַץ אויפגעשטעלט געווען די אויערן; איך האָב זי געיאָגט גלייך, אַנגעצויגן די לייצע און ניט געלאָזן זיך וואַרפן אָן אַ זייט פון די אויפרייסן.

אין געדאַנק האָט געקלאַפּט: „נאָך, נאָך! אַבי ניט קיין שטילקייט! אַבי נאָר באַוויזן צו דער צייט!"

אונדז אַנטקעגן איז פון נאָוואָליאַנסקאַיע אַרויסגעפלויגן אַ טאַטשאַנ-קע. דער קוטשער האָט געשמיסן די פערד. בײַ איינעם איז פון היפּט געראָ-נען אַ טונקעלער פאַס בלוט.

— האַלט!

דער קוטשער האָט ניט טייקעף פאַרהאַלטן.

— האַלט!

אויפן הינטערשטן געזעס האָב איך דערזען קוכטאַרענקאָן. זיין זייער בלייכער פּנים איז געווען באַשפּרענקלט מיט בלאָטע. אױפן שטערן אין דער קרים האָט ער געהאַט אַ פרישן אויפגעשוואָלענעם קראַץ מיט אַ פאַר-טריקנטן ראַנד פון בלוט.

— קוכטאַרענקאָ, וואוהין?

— צום... צום... — ווי אַ שטאַמלער האָט ער ניט געקענט אַרויס-רעדן פּאַראַמאָל. — צום פייער־פּונקט, כאַווער קאָמבאַט...

— צוליב וואָס?

— דער אויסקוק־פּונקט...

— איך ווייס! איך פרעג דיך — צוליב וואָס? אַנטלויפסט? צוריק!

— כאַווער קאָמבאַט, איך...

— צוריק!

קוכטאַרענקאָ האָט אַ קוק געטאָן אױף מיר מיט צעשוואָומענע, ווי ניט קיין לעבעדיקע אויגן, אין וועלכע ס'איז פאַרגליווערט געווען דער איבער-געלעבטער שוידער.

און פּלוצלינג, אונטערן באַפעלערישן בליק פון קאָמאַנדיר, ווי עמע-צער פון אינעווייניק וואָלט בײַ קוכטאַרענקאָן אומגעביטן די שוואַרצאַפּ-

לען. ער האָט אויפגעשפּרונגען און ווילדער פון מיר א רעווע געטאָן:

— צוריק!

און אַרויסגעוואָרפן א קלאָלע אין דער וועלט אריין.

מיר האָבן זיך געטראָגן צום דאָרף. הינטער מיר, ניט זוכנדיק קיין וועג און שליידערנדיק די טאַטשאַנקע איבער די גריבלעך, האָט געיאָגט די פּאָר אַרטילעריע־פערד.

דער קלויסטער מיטן גלאָקן־טורעם האָט געדינט פאַר א סאַניטאַר־פּונקט. אין דרויסן, הינטער דער וואַנט, וואָס האָט געשיצט פון דער באַ־שיסונג, האָט זיך איינגעאָרדנט די באַטאַליאָן־קיך. דער קאָמאַנדיר פון ווירטשאַפט־פּעלאָטאָן, לייטענאַנט פּאַנאָמאַרעוו, האָט דערזעענדיק מיך זיך אויסגעצויגן.

— פּאַנאָמאַרעוו, די פאַרבינדונג איז טעטיק?

— טעטיק, כּאַווער קאָמבאַט.

— וואו איז דער טעלעפאָן?

— אָט דאָ, כּאַווער קאָמבאַט, אין וועכטער־שטיבל.

אַפן אויג איז פון גלאָקן־טורעם ביזן וועכטער־שטיבל געווען אַן ערך הונדערט פופציק מעטער.

— פאַראַן קאַבעל?

אויפכאַפּנדיק דעם פּאָזיטיוון קאָפּ־שאָקל, האָב איך באַפוילן:

— די מינוט דעם טעלעפאָן אַפן טורעם! געלאָפן! יעדע סעקונדע איז טייער, פּאַנאָמאַרעוו!

איבער די שטיינערנע שטיגן בין איך אַריינגעלאָפן אין קלויסטער. ס'האָט א שלאָג געטאָן דער רייעך פון בלוט. אַף שטרוי פאַרשפּרייט מיט צעלטן זיינען געלעגן די פאַרוואונדעטע.

— כּאַווער קאָמבאַט...

ניט הייך האָט מיך גערופן סעווריוקאָוו. כ'בין שנעל צוגעגאַנגען און אָנגענומען זיינע מאָדנע שווערע, געל־געוואָרענע הענט.

— אַנטשולדיק, סעווריוקאָוו... כ'קען איצט ניט...

אָבער ער האָט ניט אָפּגעלאָזן מיינע הענט. זיין מיטליאָריק פּאָנעם מיט די גרויע האָר בּאַ די שלייפן, איז געוואָרן כווישעך, בלוטלאָז.

— ווער איז, כּאַווער קאָמבאַט, אָנשטאָט מיך?

— איך, סעוואָריוקאָוו... זײַ מוחל, כ'קען ניט מער...

כ'האָב אַ דריק געטאָן און אָפּגעלאָזן די שווערע הענט. סעוואָריוקאָוו האָט מיך באַגלײט מיט אַ שוואַכן שמייכל.

ס'איז דורכגעלאָפן אַרויפצו דער טעלעפאָניסט מיטן אַפּאַראַט. נאָך אים האָט זיך געדרייט דאָס דינע שלענגל פון קאַבעל. אויפן וועג האָט מיך פאַרהאַלטן אונדזער דאָקטאָר קראַסענקאָ.

— כאַווער קאָמבאַט, ווי איז די לאַגע?

— פאַרנעמט זיך מיט אייער אַרבעט. באַנדאַזשירט און עוואַקוירט שנעלער.

ער האָט אומרואיק איבערגעפרעגט:

— שנעלער?

איך האָב זיך צעקאָכט.

— אויב איך וועל נאָכאַמאָל דערזען, ווי בײַ אײַך ווערט צעקרימט די פיזיאָנאָמיע בײַ דעם איין וואָרט „שנעלער", וועל איך מיט אײַך האַנד־לען ווי מיט אַ פּאַכדן, פאַרשטאַנען? גייט...

מיט די געדרייטע טרעפּ בין איך אַרויף אויפן טורעם. דאָרטן איז שוין געווען קוכטאַרענקאָ. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט בײַ דער שטיינערנער פּאַ־רענטשע און געקוקט אין בינאָקל. דער טעלעפאָניסט האָט פאַרפעסטיקט די דראָטן צום אַפּאַראַט.

— וויפל רעכטער? — האָב איך געפרעגט.

קוכטאַרענקאָ האָט אַ קוק געטאָן פאַרוואונדערט, דערנאָך פאַרשטאַנען.

— נול פינף, — האָט ער געזאָגט.

כ'האָב זיך געווענדט צום טעלעפאָניסט:

— וואָס איז דאָרטן בײַ דיר?

— איין מאָמענט, כאַווער קאָמבאַט.

קוכטאַרענקאָ האָט מיר דערלאַנגט דעם בינאָקל. פאַר די אויגן, אויפגעכאַפּט די שאַרף־דערנענטערטע געצייכנטע ליניע פון וואַלד, האָב איך אַראָפּגעפירט די גלעזער נידעריקער און פלוצלינג דערזען, ווי פּאָר פופציק טריט, דערזען די דייטשן. זיי זײַנען געשטאַנען, — געשטאַ־נען פרײַ, אָבער שוין אין סטרױ. מ'האָט געקענט אונטערשיידן זייער קאָמפּס־אָרדענונג: גרופּעס, מיסטאָם פּלאַטאָנען, זײַנען געווען צעטיילט

מיט קליינע בלויזן. הינטער יעדער גרופּע — צוויי באַ די זייטן ווי פליג-לען. די אָפיצירן, אויך אין קאַסקעס, האָבן שוין געהאַט אָפּגעשפּילעט די שיידלען פון די פּאַראַבעלומס, וועלכע, — כ'האָב עס דאַמאָלסט צום ערשטן מאָל געזען, זיי טראָגן לינקס אויפן בויך. איז אָט זיינען זיי עס, די וואָס זיינען צוגעקומען ביז מאָסקווע, די פּראָפעסיאָנעלע זיגער! באַלד וועלן זיי זיך נעמען קרייצן דעם טייך.

6.

— פּאַרטיק! — האָט געזאָגט דער טעלעפאָניסט. — פּאַראַן אַ פאַר-בינדונג, כאַווער קאָמבאַט.

— רוף אַרויס די פייער־פּאָזיציע...

און אָט, ענדלעך, סאָפּקאָלסאָף, איז געגעבן געוואָרן די קאָמאַנדע, צו-ריקגעשטעלט געוואָרן די איבערגעריסענע פראַזע.

— אַנציל מער איינס! רעכטער גול פינף! צוויי גראַנאַטן, פייער! כ'האָב איבערגעגעבן דעם בינאָקל קוכטאַרענקאָן.

שוין ניט זעענדיק די דייטשן, האָב איך מיט אומבאַוואָפנטע אויגן זיך איינגעקוקט אין וואַלד־ראַנד, וואַרטנדיק אָנגעשטרענגט אויף די אויפרייסן. באַ די ביימער האָט אויפגעבליצט און ס'האָבן זיך אויפגעהויבן צוויי רויכלעך. כ'האָב ניט געוואָגט צו גלויבן, אָבער ס'האָט זיך געדאַכט — דער ציל איז געטראָפן.

— אין פּינטל! — האָט געזאָגט קוכטאַרענקאָ און אַראָפּגעלאָזן דעם בינאָקל. זיין פּאָנעם מיט די ערטערווייז פונאַנדערגעשמירטע בלאָטע-שפּרענקלעך, מיטן אָנגעשוואָלענעם שניט איבערן שטערן, האָט געשיינט.

— איצט וועלן מיר...

ניט צוהערנדיק זיך, האָב איך געכאַפּט דאָס טרייבל און אָפּגעגעבן אַ קאָמאַנדע:

— פון אַלע האַרמאַטן צו אַכט קוילן, שפּליטערדיקע, פלינקן פייער!

קוכטאַרענקאָ האָט מיט גרייטקייט, מיט שטאָלץ מיר דערלאַנגט דעם בינאָקל.

איך האָב געקוקט. ווייזט אויס, די אַנציל־גראַנאַטן האָבן עמעצן פאַר-

וואונדעט. אין איין אָרט האָבן עטלעכע דייטשן מיט די פּלייצעס צו אונדז זיך אָנגעבויגן איבער עמעצן, אָבער די רייען זיינען געשטאַנען.

נו, זייט מיספּאַלעל צו אייער גאָט! אין דער טראַסקעריי און דונער, וואָס דער אויער האָט אויפגעהערט צו באַמערקן, האָבן מיר דערהערט, עס האָבן זיך צערעדט אונדזערע הארמאַטן. אָנבייגנדיק זיך פאָרויס אי־בער דער פאָרענטשע, האָב איך געזען דורכן בינאָקל: באַם ראַנד פון וואַלד, וואו ס׳האָבן זיך גרופּירט די דייטשן, האָט געבליצט א פייער, האָט זיך געהויבן די ערד, זיך איינגעוואַלגערט ביימער, געפלויגן אין דער לופטן אויטאָמאַטן און קאַסקעס.

קוכטאַרענקאָ האָט מיך מיט קויעך א שלעפּ געטאָן:

— לייגט זיך! — האָט ער אויסגעשריען.

מ׳האָט אונדז באַמערקט. לעבן גלאָקן-טורעם האָט זיך מיט א פּאַר־טויבנדיקן העסלעכן הארמידער דורכגעטראָגן א „הויקער". ער האָט גע־קלאַפּט פון א קוילנוואַרפער. עטלעכע קוילן האָבן דערלאַנגט אין פּירקאַנ־טיקן סלופּ, איבערלאָזנדיק בלינדע לעכער. דער אַוויאָן האָט זיך דורכגע־טראָגן אַזוי נאָענט, אַז כ׳האָב געזען דעם געוועגדטן צו אונדז בייזן פּאָ־נעם. א רעגע האָבן מיר איינער דעם צווייטן געקוקט אין די אויגן. כ׳האָב געוואוסט, מ׳דאַרף זיך ווארפן אָפן דיל, אָבער ניט געקענט זיך צווינגען, ניט געוואָלט לייגן זיך פאַרן דייטש. כ׳האָב אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָל־ווער און, איינעסנדיק זיך מיטן בליק אינעם סוינע, האָב איך געדריקט און געדריקט דאָס צינגל, ביז ס׳האָט זיך ניט געענדיקט דער מאַגאַזין.

דער אַוויאָן איז אַוועק. איבערן טורעם האָבן גענומען דערלאַנגען הארמאַטן. איין גראַנאַט האָט געטראָפן נידעריקער פון אונדז אין דער פּעסטער שטיינערנער וואַנט. די לופט איז פול געוואָרן מיט דינעם ציגל־שטויב, וואָס האָט גענומען קנאַקן אונטער די ציין. אָבער ס׳האָט זיך אויס־געדוכט, אַז דעם סוינעס גראַנאַטן זיינען ניט קיין עמעסע, זיי רייסן אויף, ווי אַף א קינאָ-עקראַן, אָט דאָ לעבן דיר, אָבער אין אַן אַנדער וועלט, ניט דאָס, וואָס אונדזערע: אונדזערע שניידן, פּליקן קערפּערס.

ווידער איז דורכגעפלויגן דער „הויקער". ווידער האָבן געקנאַקט די קוילן. איך האָב זיך פאַרשטעקט הינטערן שטיינערנעם סלופּ. דער טעלע־פאָניסט האָט גענומען קרעכצן.

— וואו האָט דיר דערלאַנגט? וועסט דערגיין ביז אונטן?
— כ'וועל דערגיין, כאַוועך קאָמבאַט.
כ'האָב גענומען דאָס טרייבל, ארויסגערופן פּאַנאָמאַרעוון.
— דער טעלעפאָניסט איז פאַרוואונדעט. שיק אַ צווייטן אָפּן טורעם.
כ'האָב נאָך ניט דערזאָגט, און מאָדנע שטאַרק האָב איך דערהערט מיין אייגענע שטים.
אַלץ איז שטיל געוואָרן. ס'איז געקומען די מוירעדיקע שטילקייט, וואָס שלאָגט אין די אויער־הייטלעך. נאָר פון זייער, זייער ווייט, פון הינטן האָט זיך דערהערט אַ האַרמאַטן־קלאַפּעריי. האָרט האָבן זיך מיט אַ נייעם קלין די דייטשן געשפּאַרט דורך אונדזער דעקונג.
איך האָב באַפוילן קוכטאַרענקאָן:
— פיר אָן מיטן פייער! שנייד, שנייד, אויב זיי וועלן קריכן.
— רעכט, כאַוועך קאָמבאַט!
איצט האָב איך אַ טרעפּ איבער צוויי געשפּרונגען אַראָפּ. איצט, שנעלער צו דער ראָטע.

.7

ווידער אַף ליסאַנקאַן, ווידער אין גאַלאָפּ, — דורכן דאָרף צום טייך.
אָ, ווי שטיל...
לענגזיים דעם ברעג, וואָס איז באַשאָטן געווען מיט שניי און ערטערווייז שוואַרץ געוואָרן פון די אויפרייסן, איז שנעל געלאָפן איינגעבויגן עמעצער מיט אַ ביקס. איך בין צוגעשפּרונגען. מוראַטאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, מאָמענטאַל זיך צוגעזעצט און געקוקט אַף מיר מיט די שוואַרצע אייגעלעך.
— שפּרינגט אַראָפּ, כאַוועך קאָמבאַט, שפּרינגט אַראָפּ, — האָט ער שנעל גערעדט.
— וואוהין לויפסטו?
— אין פּעלאָטאָן... איבערגעבן, אַז דער פּאָליטקאָם באָזשאַנאָוו האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע פון דער ראָטע. — און צוגעגעבן, ווי אַנטשולדיקנדיק זיך: — איר, כאַוועך קאָמבאַט, זייט לאַנג ניט געקומען, און ער...

— גוט. לויף.

מיר האָבן זיך פֿונאַנדערגעמיטן.

באַם קאָמאַנדע־פּונקט פֿון דער ראָטע, באַם בלינדאַזש, וואָס איז געווען טיף אַריינגעזעצט אין דער ערד אַ פּופּציק טריט הינטער דער ליניע שוץ־גראָבנס, האָב איך פֿאַרהאַלטן ליסאַנקאָן און אַראָפּגעשפּרונגען. באַ איר האָט שוין ניט געציטערט די הויט, זיך ניט געשפּיצט די אויערן. אַ דאַנק דיר! היינט האָבן מיר צוזאַמען דורכגעמאַכט די ערשטע באַשיסונג. עס האָט זיך געוואָלט זי אַ צערטל טאָן... אָבער ניטאָ קיין צייט, ניטאָ קיין צייט, מיין פֿריינט! און זי האָט געבעטן, האָט פֿאַרשטאַנען. אַ וואָרף טוענדיק די לייצע סינטשענקאָן, וועלכער איז טייקעף צוגעלאָפֿן, האָב איך מיט צאַרטקייט אַ ריר געטון דאָס ציימל. מיטן ברעג ליפּ האָט ליסאַנקאַ ווייך געכאַפּט און אַ רעגע פֿאַרהאַלטן מיינע פֿינגער. כ'האָב דערזען דאָס בוילעטע פֿייכטע אויג, כ'האָב זיך אויסגעדרייט און שנעל אַוועק איבער די געפּרווירענע טרעפּלעך אין בלינדאַזש, אויסרופֿנדיק אין גאַנג:

— סינטשענקאָ, אין טאָל אַראָפּ!

אינעם האַלבן כווישעך פֿון קעלער, האָב איך ניט באַלד דערזען באַזשאַנאָוון. אַפֿן דיל, אָנגעשפּאַרט אָן די ווענט, זיינען געזעסן די קעמפֿער. אַלע זיינען אויפֿגעשפּרונגען, פֿאַרשטעלנדיק דאָס קאַרגע ליכט פֿון אויסשניט אינעם פּאָדערשטן אָנשיט. נאָך ניט האָבנדיק אונטערשיידט קיין פּענעמער, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: וואָס איז עס, וואָס טוען דאָ אַזוי־פֿיל מענטשן?

באַזשאַנאָוו האָט געמאָלדן, אַז ער האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע, פֿאַרטרעטנדיק דעם פֿאַרוואונדעטן סעוורויקאָוון. ער, באַזשאַנאָוו, דער פּאָליטקאָם פֿון דער קויל־וואַרפֿער־ראָטע, וועלכע איז לויטן כאַראַקטער פֿון אונדזער פֿאַרטיידיקונג געווען צעגלידערט אויף באַזונדערע פֿייער־פּונקטן לענגאויס דעם פֿראָנט, האָט אַ גאַנצן טאָג, וואו דורכלויפֿנדיק, וואו פּויזנדיק, זיך דורכגעקליבן פֿון איין נעסט צו דער צווייטער און קאָנטראָלירט די מעטראַליסטן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום דאָרף נאָוואָליאַנסקאָיע, צום סעקטאָר פֿון דער צווייטער ראָטע, ווי נאָר דער סוינע האָט מיט אַ האַלבער שאָ צוריק אַריבערגעוואָרפֿן אַהער דעם גאַנצן פֿייער.

מיין ערשטע פֿראַגע איז געווען:

— וואָס מערקט זיך קעגנאיבער דעם פראָנט פון דער ראָטע? ווי איז דער סוינע?

— קיין שום באוועגונג, כאווער קאָמבאַט.

די אויגן האָבן זיך צוגעוואוינט צו דער האַלב־פינצטערניש. אין ווינקל, אונטערשפאַרנדיק די אויבערשטע באַלקנס מיטן אָנגעבויגענעם קאָפּ, איז געשטאַנען גאַליולין.

— וואָס פאַר אַן אוילעם? — האָב איך געפרעגט. — וואָס ט'מען זיך אָנגעפּאַקט אהער?

באַזשאַנאָוו האָט דערקלערט, אַז דערוואַרטנדיק אַ שטורם פון די דייטשן, האָט ער באַשטימט אריבערוואַרפן אהער, אַפן קאָמאַנדע־פונקט, איין קוילנוואַרפער, מאַכן אים באַוועגלעך אַף אַנטקעגנשטעלן זיך יעדער אומגעריכטקייט.

— ריכטיק! — האָב איך געזאָגט.

באַזשאַנאָוו איז געווען אַביסל שווערלעך, מיט אַ פולן פּאָנעם, אָבער גלייכצייטיק זייער באַוועגלעך, אָדער ווי מ'זאָגט „מאָטאָרדיק“. איצט איז ער געשטאַנען אויסגעצויגן, אויפגעפּאַסט, האָט באַריכטעט קורץ, לויט דער פאָרמע. אַן אינערלעכע אָנשטרענגונג האָט זיך געמערקט אין זיין בליק, אין די צונויפגעפּרעסטע ליפּן, אין די קאַרגע דייטלעכע זשעסטן. האָבנדיק אָנטיילגענומען אין פינישן קריג, איז ער, דער פּאָליטישער אַרבעטער, ניט איין מאָל געווען אין שלאַכט, באַלוינט געוואָרן מיט אַ מעדאַל „פאַר גע־וואַגטקייט“ און ניט זעלטן אַרויסגעזאָגט דעם ווונטש צו ווערן אַ קאָ־מאַנדיר. דאָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן איצט, אין דער גרויזאַמער שאָ פון דער שלאַכט.

באַם שוואַרצן קערפּער פון קוילנוואַרפער, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן מיט אַ צוגעפּראַוועטער סטעננגע אין פענצטער־שניט, איז געשטאַ־נען אויסגעצויגן דער נידעריקער בלאָכאַ. טראָץ דער דערלויבעניש האָט ער זיך ניט געזעצט, זיך ניט אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, געווען ערנסט.

דער דינאַמישער מורין האָט זיך צוגעקלעפּט צוזאַמען מיטן אויסקו־קער צו די קלעצער פון פּאָדערשטן באַדעק און געקוקט דורכן אויסשניט אין דער ווייט.

איך בין צוגעגאַנגען אַהין. די אומגלייכקייטן פון ברעג און דער אַנטי־טאַנק־שיפּוע האָבן וואַר־ניט־וואו פאַרשטעלט דעם טייך, אָבער יענע זייט

האָט זיך געזען קלאָר. אָן א בינאָקל האָב איך ניט געקענט זען די צע־האַקטע, צעשפּליטערטע ביימער אַף דעם אָרט, וואו נאָר וואָס זיינען גע־פאַלן אונדזערע קוילן. מ'האָט געקענט באַמערקן בלויז עטלעכע יאָדלעס, וואָס זיינען געפאַלן אַפן שניי. זיי האָבן איצט געדינט אַלס אָריענטיר. פון דאָרטן, זיי וועלן נאָר אביסל קומען צו זיך, וועלן זיך אָט באַלד באַווייזן די דייטשן. זאָלן זיי זיך באַווייזן! קוכטאַרענקאָ ליגט אַפן טורעם, די האַר־מאַטן זיינען אָנגעצילט אַף דעם פּאַס, אַהין קוקן די קוילנוואַרפער, אַהין צילן די ביקסן.

שטיל, שטיל... פּוסט...

ס'האָט אָפּגעדונערט א שאַרפער איינצלנער שאָס פון א דייטשישן האַרמאַט. איך האָב ניט ווילנדיק אָנגעשטרענגט די ריע, גרייט צו זען אַרויסלויפן די גרינלעכע פיגורלעך. אָבער אין דעם אויגנבליק איז ווי הונ־דערטער האַמערס וואָלטן געגומען באַכן איבער אייזנבלעכן. די דייטשן האָבן ווידער גענומען האַמערן איבער אונדזער פאָדערשטן ראַנד: איבערן קלויסטער, וואו זיי האָבן דערטאַפּט אונדזער קאָרעקטירער, איבער די האַר־מאַטן וואָס האָבן זיך אַרויסגעגעבן.

— נו, איצט, הייסט עס, וועט ער ניט קריכן, — האָט געזאָגט בלאָכאַ.

דאָס האָבן אַלע פאַרשטאַנען. די ערשטע אַטאַקע איז אָפּגעשלאָגן גע־וואָרן איידער זי האָט זיך אָנגעהויבן, — אָראָפּגעריסן מיטן קלאַפּ פון דער אַרטילעריע. די דייטשן האָבן זיך ניט אַנטשלאָסן וואַרפן זיך פון דער אויסגאַנג־פּאָזיציע, וואָס איז געדעקט פון אונדזערע גראַנאַטן. אָבער דער טאָג האָט זיך נאָך ניט געענדיקט. כ'האָב א קוק געטאָן אַפן זייגער; ס'איז געווען פינף מינוט נאָך דריי, — ס'איז געגאַנגען די זיבעטע שאָ פון דער באָמבאַרדירונג.

כ'האָב אָנגעקלונגען אין שטאַב פון באַטאַליאָן און באַפוילן: די האַר־מאַטן און דער קאָרעקטירער בלייבן אַף די ערטער; אוועקשיקן צום קלויס־טער נאָך אַן אַרטילעריסט־קאָרעקטירער מיט א רעזערוו פאַרבינדונגס־מיטלען, קעדיי אין פאַל פון דירעקטן געטראָפן ווערן, טייקעף צוריקשטעלן דעם אויסקוק־פונקט אַפן טורעם; די רויטאַרמייער מיט דער שעף־גרופּע פון ווירטשאַפט־פּעלאָטאָן, צוזאַמען מיט די סאַניטאַרן טראָגן שנעל אַרי־בער די פאַרוואונדעטע פון קלויסטער דורכן טאָל צום וואַלד.

— לויט אייער באפעל איז געקומען קראיעוו, — האט געמאלדן ראַ־כימאוו. — שיקן אים צו אייך?

— ניין. זאָל ער ווארטן, כ'וועל באלד זיין אין שטאב.

8.

פארן צוריקקערן אין שטאב האב איך באשלאסן צו באזוכן די קעמ־פער, אריינכאפן זיך אין די שיס־קעמערלעך. כ'בין ארויס פון בלינדאזש, זיך צוגעזעצט אין טראנשיי, זיך ארומגעקוקט. דער הימל האט זיך אויס־געלייטערט. הינטערן טייך אינעם בלויעם שטיק הימל האט זיך באוויזן א ראנד פון דער זון. בינטלעך שטראלן זיינען געפאלן עטוואס אין דער קרים. דער פארשטויבטער שניי האט ניט געפינקלט. אין אנדערהאלבן־צוויי שעה ארום וועט צופאלן דער אוונט.

לויט דעם קלאנג פון דער שיסעריי, לויט דער געדיכטקייט פון דייַ־טשישן פייער האב איך פארשטאנען: אן אטאקע וועט זיין. וועט זיין היינט. ערגעץ אט דא, נאנט. זי וועט זיך ניט פארענדיקן סטאם אזוי, מיט בלויזער שיסעריי, — די לעצטע שעה פון שלאכט־טאג.

גלייך ווי זיי וואלטן אויסגעגאסן זייער צארן, האבן די דייטשן מיט אלע קאליבערן געשמיסן איבער אונדזער פאדער־ראנד. א טייל גראַ־נאטן איז בויערנדיק מיט א שורשעריי די לופט געפלויגן אהין, וואו אף באַ־האלטענע בלינדירטע פאזיציעס זיינען געשטאנען אונדזערע הארמאטן. אנ־דערע זיינען געפאלן אין דער נאנט. אינמיטן פעלד האבן די שווארצע ערד־אויפשלייַדערס זיך באוויזן זעלטענער ווי באטאג. זיי האבן זיך דערנענ־טערט צום ברעג, וואו אין די שיפועס זיינען געווען דורכגעגראבן די אומ־באמערקבארע ברונימער. אורטיילנדיק לויט דעם איבעררוקן זיך פון פייער, האט דער סוינע אנגעטאפט אונדזער פארבארגענע שוץ־ליניע. ווייזט אויס, עם האט זי ארויסגעגעבן די באוועגונג פון די פארבינדלער און קאמאנדירן־

צונויפגעדריקט אף א טרעפל פון שמאלן דורכגאנג, האב איך זיך צור־געקוקט צו די אויפרייסן. ס'איז געווארן קאלט: איך בין געווען אן שינעל, אין וואטענעם קאפטל, פארצויגן מיטן פאס.

עפשער לוינט ניט צו גיין אהין, אין די שוץ־גראבנס? ווי נאר איך האב זיך געשטעלט אט די פראגע, האב איך פארשטאנען, אז איך האב

מוירע. ס'האָט זיך געדאַכט, טויזנטער נעגל האָבן זיך איינגעטשעפּעט אינעם קאַפּטל, טויזנט פּוד האָבן מיך געהאַלטן אין טראַנשיי. כ'האָב זיך אַרויסגעריסן פון די נעגל, זיך אָפּגעריסן פון די טויזנט פּוד און שנעל־שנעל אַריבערגעלאָפן צום ברעג.

פליענדיק רייטנדיק איבערן פעלד און דערנאָך אַפן גלאָקן־טורעם, אין יענע צעהיצטע מינוטן, האָב איך ניט באַמערקט די גראַנאַטן, און דאָ... פּרובירט, לויפט דורך אַ פּערציק־פופציק טריט אונטערן קאָנצענטרירטן פייער, ווען פון איין זייט גיט דיר אַ זעץ די הייסע לופט, טוסט זיך אין געלויף אַ וואָרף אָן אַ זייט און פלוצלינג אַ שליידער צוריק, ווען פון דער צווייטער זייט באַכעט אויס אַ ווייסער פלאַם. פּרובירט, און דערנאָך וועט אייך עפּשער געלינגען עס צו באַשרייבן. מיר אָבער דערלויבט צו זאָגן קורץ: נאָך די ערשטע צען טריט איז מיר די פלייצע געווען נאַס.

אָבער אין גראָבן בין איך אַריין ווי אַ קאָמאַנדיר.

— גוטנאָוונט, קעמפער!

— גוטנאָוונט, כאַווער קאָמבאַט!

אָ, ווי היימיש ס'איז דאָרטן געווען נאָך דער פרייער וועלט, — אין דעם טונקעלן קעלער, באַדעקטן מיט שווערע קלעצער. ס'איז געווען אַ גראָבן פאַר איין מענטשן, אַן אַזוי־גערופענע איינצלנע שיס־קעמערל.

ביז איצט געדענק איך דאָס געזיכט פון דעם סאָלדאַט, דעם פאַמיליע־נאָמען. פאַרשרייבט: סודאַרושקין, אַ רוסישער סאָלדאַט, אַ קאָלווירט פון לעבן אַלמאַ־אַטאַ. ער איז געווען בלייך און ערנסט; דאָס היטל מיטן רויט־אַרמייאישן שטערן איז אים אַראָפּגעפאָרן אַביסל אַף אַ זייט. קימאַט אַכט שאָ האָט ער געהערט די קלעפּ, פון וועלכע עס טרייסלט זיך די ערד און ס'פאַלן שטיקער פון די ווענט. אַ גאַנצן טאָג קוקט ער דורך דער עפענונג אַפן טייך און אַף יענעם ברעג, ער שטייט דאָ און זיצט איינער, אַליין מיט זיך.

איך האָב אַ קוק געטאָן דורך דער עפענונג, — דער אָנזיכט איז געווען ברייט. דער אָפענער שעטעך אַף יענעם ברעג, פאַרשפּרייט מיט רויִנעם שניי, האָט זיך גוט געזען. וואָס זאָל איך אים זאָגן, דעם סאָלדאַט? ס'איז אַלץ קלאָר: וועלן זיך באַווייזן די דייטשן, דאַרף מען צילן און טויטן. אויב מיר וועלן זיי ניט האַרגענען, וועלן זיי אונדז האַרגענען. אין דער עפענונג איז געלעגן מיטן באַגנעט אין דרויסן די ביקס, גרייט צום

שיסן. פון די אויפטרייסלונגען זיינען אַף איר געפאַלן ברעקלעך ערד, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צום שמירעכץ.

איך האָב שטרענג געפרעגט:

— סודאַרושקין, פאַרוואָס איז שמוציק די ביקס?

— מיין שולד.. באַלד, כאַווער קאָמבאַט, וועל איך עס דורכווישן... זי וועט טייקעף זיין אַקוראַט.

ער האָט מיט גרייטקייט אַ נישטער געטאָן אין קעשענע, זוכנדיק אַ שמאַטקע. ס'איז אים אַנגענעם געווען, וואָס אויך איצט, אין דער מינוט, פאָדער איך פון אים, ווי כ'האָב שטענדיק געפאָדערט. ס'זיינען אים צוגעקומען קוויכעס, די נעשאָמע האָט זיך באַרואיקט אונטער דער פעסטער האַנט פון קאָמאַנדיר.פוצנדיק מיט דער שמאַטקע דעם שטויב פון שלאָס, האָט ער געכאַפּט אַ קוק אַף מיר, ווי ער וואָלט זיך געבעטן: „נאָך מוסער אָן, געפין נאָך עפּעס אַ פאַרזען, זיי נאָך אַבּיסל!".

אָ, סודאַרושקין, וואַלסטו ווּסן, ווי עס ווילט זיך דאָ נאָך זיין, ווי עס ווילט זיך ניט אַרויסשפּרינגען אַהין, וואו דער טייוול ווייס, וואָס עס שיט זיך פון הימל. ווידער האָבן זיך איינגעטשעפּעט די נעגל, ווידער האָבן זיך צוגעבונדן פּודן צו די פיס. איך האָב אַליין געזוכט עפּעס אַן אומאָרדענונג, קעדיי נאָך אַ מינוט ניט אַוועקצוגיין. אָבער אַלץ, סודאַרושקין, איז באַ דיר אַקוראַט, אַפּילע די ביקס-קוילן ליגן ניט אַף דער ערד, נאָר אַפן פונאַנדערגעבונדענעם ראַניעץ. איך האָב געקוקט אַרום, געקוקט אויבן. ווי אַנגענעם עס זיינען געווען אָט די גראָב אַרומגעהאַקטע יאָדלע-שטאַמען איבערן קאָפּ. סודאַרושקין האָט אויך אַהין אַ קוק געטאָן, און מירביידע האָבן אַ שמייכל געטאָן: ביידע האָבן מיר זיך דערמאָנט, ווי איך האָב פאַר-נאַנדערגעשליידערט די לויזע אָנדעקן, געצוואונגען שלעפן שווערע קלעצער.

סודאַרושקין האָט געפרעגט:

— וואָס, כאַווער קאָמבאַט, זיי וועלן זיך רוקן היינט?

איך אַליין, סודאַרושקין, וואָלט באַ עמעצן דאָס זעלבע געפרעגט. אָבער כ'האָב פעסט געענטפערט:

— יאָ, היינט וועלן מיר אויספּרואוון אַף זיי די ביקסן.

מיטן סאָלדאַט דאַרף מען נישט שפּילן אין באַהעלטעניש. מ'דאַרף מיט אים ניט קרעכצן: „עפּשער, ווי ניט איז, וועט אַדורכגיין..." ער איז

אפֿן פראָנט. ער דאַרף וויסן, אַז ער איז געקומען אַהער, וואו מען הארגעט, געקומען, קעדיי צו האַרגענען דעם סוינע.

— פארריכט ס'היטל, — האָב איך געזאָגט. — קוק גוט. היינט וועלן מיר זיי אויסלייגן דאָ באַם טייכל.

און ווידער אינערלעך אַ ריס טוענדיק זיך, אַרויספּליקנדיק זיך פֿון די איינגעטשעפּעטע נעגל, בין איך אַרויס פֿון גראָבן.

אָבער באַמערקט: איצט האָט זיך עס געגעבן לייכטער.

און באַמערקט נאָך אַ זאַך: דער קאָמאַנדיר פֿון באַטאַליאָן דאַרף אַבסאָלוט ניט אַרומלויפֿן אונטערן אַרטילעריע־פייער איבער די שוץ־גראָבנס. פאַר אים איז עס אַן אומנייטיקע, נאַרישע שפּיל מיטן טויט. אָבער אין דער ערשטער שלאַכט, האָב איך געטראַכט, מעג זיך עס דער קאָמבאַט דערלויבן. די סאָלדאַטן וועלן שפּעטער זאָגן: „אונדזער קאָמאַנדיר איז ניט קיין פּאַכדן; אונטער די קוילן, וואו ס'איז שרעקלעך זיך אַרויסצורוקן צוליב אַ קליינער באַדערפעניש, איז ער געקומען צו אונדז".

ס'איז גענוג, האָב איך געטראַכט, איין מאָל: אַלע וועלן עס געדענקען, און דער סאָלדאַט וועט דיר גלויבן. דאָס איז אַ גרויסע זאַך אין קריג. קענסטו, קאָמאַנדיר, מיטן פֿולן געוויסן זאָגן, אַז דו גלייבסט אין דיינע מענטשן? יאָ, דו קענסט, אויב די מענטשן גלייבן דיר אַליין!

.9

איך וויל דערציילן איין עפּיזאָד, וואָס האָט מיך אַביסל איבעראַשט, ווען כ'בין אַרומגעלאָפֿן איבער די קעמערלעך. איך לויף און פּלוצלינג זע איך: עמעצער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון אונטער דער ערד און אַנגעבויגן האָט ער זיך געלאָזן מיטן גאַנצן אימפּעט מיר אַנטקעגן. וואָס איז עס? וואָס פאַר אַ שוויטע (צו מיר, פאַרשטייט זיך, האָב איך עס ניט באַצויגן), וואָס פֿאַרא שוויטע לויפֿט עס אונטער אַזאַ פייער? אַהאַ, טאָלסטונאָוו... וועגן אים האָב איך, דאַכט זיך, נאָך ניט דערמאָנט.

קורץ פֿאַר די שלאַכטן האָט ער זיך געמאָלדן צו מיר און זיך אָפּרע־קאָמענדירט: „פּראָפּאַגאַנדע־אינסטרוקטאָר פֿון פּאָלק. כ'וועל אַרבעטן אַ ביסל אין אייער באַטאַליאָן". כ'בין זיך מוידע, כ'האָב דאַמאָלסט אַ קוק געטאָן אויף אים קרום.

טאָלסטונאָוו איז געקומען אין באַטאַליאָן אַף אַן אומבאַשטימטן טער־מין. אויב זאָגן דעם גאַנצן עמעס, דאַרף איך זיך מודה זיין: איך האָב עס אויפגענומען ווי אַ פאַרשמעלערונג פון מיין מאַכט. לויטן רעגלאַמענט האָט טאָלסטונאָוו ניט געהאַט קיין שום רעכט אין באַטאַליאָן, ער איז ניט געווען מיין קאָמיסאַר (דאַמאָלסט זיינען אין די באַטאַליאָנען קיין קאָמיסאַרן ניט געווען), אָבער... ער האָט געזאָגט: „מיך האָט געשיקט צו אייך אין באַטאַליאָן דער קאָמיסאַר פון פּאָלק". איך האָב גאָרניט גע־ענטפערט.

„זייער וואויל, — האָב איך געטראַכט, — גיי פאַרנעם זיך מיט וואָס דו דאַרפסט. מיר'ן אָקאָרשט אַ קוק טאָן אַף דיר אין שלאַכט".

און פּלוצלינג אָט די באַגעגעניש.

— קאָמבאַט! — טאָלסטונאָוו האָט מיך שטענדיק אַזוי גערופן. — קאָמבאַט! וואָס טוסטו דאָ? לייג זיך!

— לייג זיך אַליין!

— כ'לייג זיך טאַקע.

מיר האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַף דער ערד.

— קאָמבאַט, צו וואָס ביזטו דאָ?

— צוליב דינסט...

זיינע ברוינע אויגן האָבן געשמייכלט. צום טייוול, — האָט ער פאַר־שטאַנען מיינע געדאַנקען וועגן אים?

— צוליב דינסט?

— יאָ. דעם סאָלדאַט איז פרייִלעכער, אַז מען לויפט אריין צו אים. ער טראַכט — דאָ, הייסט עס, איז ניט שרעקלעך...

נאָענט האָט אַ זעץ געטאָן אַ גראַנאַט. דער קאָמבאַט און פּראָפּאַגאַנדע־אינסטרוקטאָר האָבן זיך צוגעפּלעטשט צו דער ערד, סטאַרענדיק זיך ער־געץ אריינשטופן די קעפּ. עס האָט אָפּגעגאָסן מיט אַ לופט־כוואַליע. טאָלסטונאָוו האָט אויפגעהויבן זיין פּאָנעם, — ער איז געווען בלייך. ער האָט געזאָגט ערנסט:

— שוין איינמאָל ניט שרעקלעך... דאַרפסט ניט, קאָמבאַט, ארומלויפן דאָ. דעם דאָזיקן איניען וועלן מיר אָן דיר דערלייזיקן... נו, אַ גוטן... לאָ־מיר זיין באַקאַנט...

אויפהייבנדיק זיך, האָט ער מיר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אין

דער קומענדיקער סעקונדע האָבן מיר געיאָגט איינער פון אנדערן ווי שנעל די פיס האָבן געטראָגן. „לאָמיר זיין באַקאַנט...“ אָט אזא, הייסט עס, איז ער... יאָ, אייגנטלעך, איז טאַקע איצט פאָרגעקומען אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט. איך האָב אַפילו ניט באַמערקט, ווי מיר זיינען אַריבער אַף „דו“.

איך האָב אַריינגעקוקט נאָך אין א צוויי־דריי שוצגראָבנס, וואו נאָר וואָס איז געווען טאָלסטונאָוו. יאָ, די קעמפער זיינען דאָרטן געווען רואיקער, פרייל עכער.

אָט אזוי האָבן מיר, קאָמאַנדירן און פּאָליטאַרבעטער, קעגנגעווירקט דער דייטשישער „פּסיכישער“ באָמבאַרדירונג. אָט אזוי איז געגאַנגען די שלאַכט, בעיים וועלכער קיינער פון די קעמפער האָט קיין איין שאָס ניט געגעבן.

און עפּשער וועט שוין בעעמעס זיין גענוג פאַר מיר צו לויפן?

פון טייך, פון פאָדער־ראַנד, האָב איך פאַרקערעוועט צום וואַלד. דאָ האָט איבערן קאָפּ געפּלאַצט א בריזאַנטנער גראַנאַט. אינמיטן געלאָף האָב איך זיך א שליידער געטאָן צו דער ערד. בא דעם טיפ גראַנאַטן, וואָס פּלאַצן אין דער לופטן, פליען די שפּליטערן פאָרויס. ס'האָט א ציטער געטאָן אַן אַלטע סאָסנע, ס'האָט זיך א שאָט געטאָן שניי, אַף דער קאָרע האָבן זיך באַוויזן פרישע ווייסע צייכנס. דאָס האַרץ האָט אומאַנגענעם געקלאַפּט.

אין וואַלד האָט דער טרייער סינטשענקאָ, וואָס האָט מיך פונדערווייטנס נאָכגעפאָלגט באַם ראַנד, גלייך צוגעפירט ליסאַנקאָן.

שוין צייט, לאַנג צייט אין שטאַב אַריין!

דער 23סטער אָקטאָבער, באַם סאָף פון טאָג

1.

אין שטאַב האָט מיך אָפּגעוואַרט דער קאָמאַנדיר פון דער קױלנװאַר־פער־ראָטע, קראַיעװ. פון שלייף איבער דער באַק, איבער דער מאָרדע איז באַ אים גערונען בלוט. אוועקמאַכנדיק עס פאַרדראָסיק מיט די פינגער, האָט ער עס צעשמירט איבערן קאַנטיקן פּאָנעם. אָבער דאָס העל־רויטע שנירעלע האָט אַלעמאָל פונסניי זיך באַוויזן.

— וואָס איז מיט דיר, קראַיעװ?

— דער טייוול ווייסט עס... ס'האָט פאַרטשעפּעט...

— גיי צום סאַניטאַר־פּונקט. ראַכימאָװ, די פאַרוואונדעטע האָט מען אַריבערגעטראָגן פון קלויסטער?

— מ'טראָגט אַריבער, כאָוער קאָמבאַט. דער פּונקט האָט זיך אויסגעשטעלט אין וואַלד, אין שטוב פון וואַלד־וועכטער.

— גוט, גייט אַהין, קראַיעװ...

— כ'וועל ניט גיין.

ער האָט עס געזאָגט איינגעשפּאַרט, אָנגעכמורעט. כ'האָב אָנגעשריען:

— וואָס, אַזאַ וועל איך דיך שיקן, די מענטשן שרעקן? נעם אָן אַ מיליטערישן אויסזען. וואָס זיך איין, פאַרבאַנדאַזשיר זיך. דערנאָך וועלן מיר ריידן. סינטשענקאָ, צוויי קעסעלעך וואַסער דעם לייטענאַנט קראַיעװ!

מיט אַ כמאַרנעם שמייכל איז קראַיעװ אַרויס. אָבער פאַרבאַנדאַזשירן זיך איז אים דאָך ניט אויסגעקומען.

מיך האָט אַרויסגערופן צום טעלעפאָן דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק, מאַיאָר יעלין.

— מאַמיש־אולי, דו? דער סוינע אַטאַקירט די זעקסטע ראָטע אין ראַיאָן פון קראַסנאַיאַ גאָרא. ער האָט זיך איצט אַריינגעריסן אין דער ליניע בלינדאַזשן. העלף אַרויס. וואָס האָסטו אונטער דער האַנט, באַם שטאַב?

מאַיאָר יעלין, אַן אַנטיילנעמער אין צוויי מילכאָמעס, איז געווען אַ מענטש אַ גלייכגעוויכטיקער מיט פעסטע נערוון. אויך איצט האָט אים זיין אָטעם ניט פאַראַטן, ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט: „העלף אַרויס".

דער דאָרף קראַסנאַיאַ גאָרא האָט זיך געפונען צוויי מיט אַ האַלבן קילאָמעטער רעכטס פון נאָוואָליאַנסקאָיע. וואָס האָב איך געהאַט אונטער דער האַנט? די שויץ־וואַך פון שטאַב, עטלעכע טעלעפאָניסטן און דעם ווירטשאַפט־פעלאָטאָן. כ'האָב עס געמאָלדן.

— וואַרף זיי שנעל צוהילף דער זעקסטער ראָטע. נעם אויך אַכט: פון צאָפן גייט אַהין אַ פעלאָטאָן אונטער דער קאָמאַנדע פון לייטענאַנט איס־לאַמקולאָוו. זאָג עס אָן, זיי זאָלן זיך ניט צעשיסן איינער דעם אַנדערן. מעלד די אויספירונג.

איך האָב באַפוילן ראַכימאָוון אויפהייבן מיט שלאַכט־אַלאַרם דעם ווירטשאַפט־פעלאָטאָן און אַלעמען אַרום שטאַב, און אַרויס פון בלינדאַזש. אין וואַלד האָט זיך שוין געפילט דער אָוונט. ניט ווייט האָט זיך געוואַשן קראַיעוו. זיין פּאָנעם איז שוין געווען ריין, אָבער דאָס אָראַפּרינענדיקע וואַסער איז געווען עטוואָס ראָזלעך.

— קראַיעוו!

ער איז צוגעלאָפן. איבערן נאַסן פּאָנעם איז ווידער געקראָכן דאָס שנירעלע בלוט. ער האָט עס פאַרדראָסיק אָוועקגעמאַכט. איך האָב געהאַט בעדייע צו באַשטימען קראַיעוון ווי אַ קאָמאַנדיר פון דער צווייטער ראָטע, אָבער... צו קראַסנאַיאַ גאָרא וועט ער פירן די הילפגרופע.

פון בלינדאַזש איז אַרויסגעשפּרונגען דער טעלעפאָניסט.

— כאַווער קאָמבאַט, אייך צום טעלעפאָן!

— ווער?

— דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק. ער בעט טייקעף.

דאָסמאָל האָט מאַיאָר יעלין גערעדט איילנדיק, אויפגערודערט:

— מאַמיש־אולי, דו? שטעל אָפּ! שפּעט! דער סוינע איז אַריין אין

דורכברוך און ברייטערט אים אויס. איין גרופּע באַוועגט זיך אַהער צום שטאַב פון פּאָלק. איך גיי אָפּ. די צווייטע, אומבאַקאַנט די צאָל, האָט פאַרקערעוועט צו דיר, אין פלאַנק. פאַרבייג דעם פלאַנק! האַלט זיך! דערנאָך...

און די שטים האָט זיך אָפּגעהאַקט. די פאַרבינדונג איז איבערגעריסן געוואָרן. אין טויטן טרייבל — ניט קיין זשומעריי, ניט קיין טראַסקעריי פון שטראָם. שטיל...

איך האָב אָוועקגעלייגט דאָס אומנוציקע טרייבל, און ווידער האָט מיך די שטילקייט אַ שלאָג געטאָן איבער די נערוון. ס'איז געווען שטיל ניט נאָר אין טרייבל. ס'איז שטיל געווען אַרום. דער סוינע האָט אָפּגעשטעלט די אַרטילעריע־באַשיסונג פון אונדזער ראַיאָן. וואָס־זשע איז עס? דער מאָמענט פון דער אַטאַקע? אַ וואָרף פון אינפאַנטעריע קעגן דער שויץ־ליניע פון דער צווייטער ראָטע? ניין, דער פראָנט איז שוין דורכגעבראָכן.

.2

דער פראָנט איז שוין דורכגעבראָכן. די דייטשן זיינען שוין אויף דעם ברעג, זיי באַוועגן זיך שוין אין דער טיף. זיי גייען אויך אַהער, צו אונדז, אָבער ניט פון דאָרטן, וואו דער וועג איז פאַרצאַמט מיט שוצגראָבנס, וואו די קעמפער זיינען גרייט צו באַגעגענען זיי מיט קוילן, וואו ס'זיינען צו־געצילט אונדזערע האַרמאַטן און קוילנוואַרפער.

זיי גייען פון דער זייט און פון הינטן איבער אומבאַשיצטן פעלד, וואו אַנטקעגן זיי איז ניטאָ קיין פראָנט.

אויף אַ רגע האָב איך אין געדאַנק דערזען מיינע מענטשן אין די טונקעלע ברוניקעס, ווי זיי ווערן פּלוצלינג באַפאַלן פון הינטן. כ'האָב שנעל אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

ס'איז געווען פופצן מינוט צו פיר.

דער פילבאַרער, אָפט אַן ווערטער פאַרשטייענדיקער, ראַכימאָוו האָט אַוועקגעלייגט פאַר מיר די מאַפּע. באַגעגנדיק זיין פרעגנדיקן בליק, האָב איך שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אין ראַיאָן פון קראַסנאַיאַ גאָראַ? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ.

איך האָב געקוקט אַף דער מאַפּע, געהערט ווי עס טיקעט דער זייגער, ווי עס גייען אַוועק די סעקונדעס, געפילט, אַז מען טאָר שוין ניט קוקן, מ׳מוז שוין טאָן. נאָר איבערשטאַרקנדיק זיך, האָב איך זיך געצוואונגען צו שטיין איבערגעבויגן איבער דער מאַפּע. אָ, ווען איר קענט באַשרייבן די דאָזיקע מינוט, אַט די מינוט, וואָס איז געגעבן געוואָרן מיר, דעם קאָמאַנדיר, אַף אָנצונעמען אַ באַשלוס!

אָפּגעבן נאָוואָליאַנסקאָיע? אָפּגעבן דעם דאָרף, וואָס ליגט אַפן הויפּט־וועג, וואָס דער סוינע דאַרף אַזוי האָבן, איבער וועלכן ער וועט זיך אַ לאָז טאָן דירעקט אין פלאַנק פון פּאָלק, וואָס באַוועגט זיך אַף דער ראָקאַדע? ניט לייכט איז זיך אַליין צו ענטפערן: יאָ, אָפּגעבן! אָבער אַנדערש וועל איך ניט אויפהיטן דעם באַטאַליאָן. און האָבנדיק אים אויפגעהיט... דעמאָלסט וועלן מיר זען, ווערמענס וועט זיין דער וועג.

אַף דער מאַפּע, — דערוויי׳ל בלויז אַף דער מאַפּע, — האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ נייער שטריך, וואָס האָט זיך געצויגן קווער איבערן פעלד, קעגנאיבער די אָנקומענדיקע דייטשן. כ׳האָב געמאָלדן ראַכימאָוון מיין באַשלוס, באַפוילן איבערוקן די הארמאטן צום ראַנד פון וואַלד, צו דער נייער פאַרטיידיקונגס־ליניע, כ׳האָב געמאַכט נאָך אייניקע פאַראָרדענונגען און אַרויסגעלאָפן פון שטאַב־קעלער.

— סינטשענקאָ!

— איך.

— דאָס פערד! אויך ראַכימאָווס גיב אַהער! פאַר קראַיעוון! קראַיעוו, נאָך מיר!

איבערן זעלבן פעלד, איצט אַן איינגעשטילטן, האָבן מיר זיך אַוועקגעטראָגן צו דער צווייטער ראָטע. אַ האַלבער הימל האָט זיך אָפּגערייניקט. אין די אויגן האָט געשלאָגן די רויטלעכע נידעריקע זון.

3.

אָנגעבויגן, האָב איך געיאָגט ליסאַנקאָן אין קאַריער. פלוצלינג האָבן רויטע גלי־פליגעלעך געגומען פינקלען איבערן קאָפּ. כ׳האָב זיך אַ הייב געטאָן אַף אַ סעקונדע אין די זאָטל־רינגען, אַ קוק געטאָן אין דער זייט און דערזען די דייטשן. זיי זיינען געגאַנגען איבערן פעלד, וואָס מיר

האָבן דורכגעשניטן רייטנדיק, אומגעפּער אַ קילאָמעטער פון אונדז, געגאַנ־
גען אין אַ קייט, צוויי־דריי טריט איינער פון אַנדערן. איך האָב געוואוסט,
אַז זיי טראָגן גרינלעכע שינעלן, דעם זעלבן קאַליר קאַסקעס, אָבער איצט,
אויפן שניי, האָבן די פיגורן אויסגעזען שוואַרצע. קונצנמאַכער! טראַסקענ־
דיק אין גאַנג מיט די אויטאָמאַטן, האָבן זיי אַרויסגעלאָזן טויזנטער אָפּ־
שרעקנדיקע לייכטקוילן.

און דאָס גוטע פערד האָט געטראָגן און געטראָגן.

באַם קאָמאַנדע־פּונקט פון דער ראָטע האָט גאַליולין שוין געלאָדן אויפן
פּלייצע דעם קוילנוואַרפער. איינער פון די פאַרבינדלער איז געלאָפן צום
טייך, צום פלאַנק פון באַטאַליאָן. ראַכימאָוו האָט שוין געהאַט געקלונגען
אַהער, געמאָלדן די אויפגאַבע.

באָזשאַנאָוו איז געשטאַנען אין דרויסן, באַגלייטנדיק די מעטראַליסטן.
לעבן אים — די פאַרבינדלער: דער קליינער מוראַטאָוו און דער הויכער
בעלוויצקי, פאַרן קריג אַ סטודענט פון פּעדאַגאָגישן טעכניקום. מוראַטאָוו,
ווי ער וואָלט געוועזן דורכגעפרוירן, האָט אונטערגעטופּעט מיט די פיס.

איך האָב באַפוילן:

— באָזשאַנאָוו! וועסט גיין מיט די מעטראַליסטן! כאָזער איבער די
אויפגאַבע!

— שטאַרבן! — האָט ער געזאָגט, — אָבער...

— לעבן! דער פייער־פּונקט דאַרף לעבן! האַלטן זיך ביז מיר וועלן
פאַרבייגן דעם פלאַנק!

— רעכט, כאַווער קאָמבאַט, דער פייער־פּונקט דאַרף לעבן...

— קלייב זיך אַריבער דורכן טאָל. אַרבעט קאַלטבלוטיק. וואַרט אויס,
לאָז צו נאָענט...

איך האָב געקוקט אויף די מעטראַליסטן, אויף מורינען, דאָבריאַקאָוון,
בלאָכאַן, וואָס זיינען שווער באַלאָדן געווען מיט סטענגעס.

— אין איין אָטעם! צווינגט, כאַווירים, די דאָזיקע אויסוואַרפן זיך
אָוועקלייגן! קראַיעוו, נאָך מיר! סינטשענקאָ, נאָך מיר!

צו מיר איז צוגעגאַנגען מוראַטאָוו.

— און מיר, כאַווער קאָמבאַט? — האָט ער ווי פאַריאָסעמט געפרעגט.

— מיטן פּאָליטקאָם! די אויסקוקער, טעלעפאָניסטן, אַלע מיטן פּאָ־
ליטקאָם!

איבערן שעטעך צווישן טייך און דאָרף האָבן מיר זיך אוועקגעיאָגט הינטער נאָוואָליאַנסקאָיע, צום פלאַנק פון באַטאַליאָן. דער פאַרבינדלער האָט זיך נאָך אהין ניט דערקליבן, אָבער פון די זייטיקע שוצגראָבנס זיינען שוין די קעמפער ארויס. אייניקע האָבן זיך צוגעזעצט אין די דורכגענג און אַרויסגערוקט בלויז די קעפּ, אַנדערע האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין גרוי־פּעס. פונדאַנען, הינטערן בערגלדיקן באָדן, האָט מען די שפּרייזנדיקע דייטשן ניט געזען, אָבער אַלע האָבן געקוקט אהין, וואו ס'האָבן געטראַס־קעט די אויטאָמאַטן, פונוואַנען ס'זיינען געפלויגן די מעטורעפדיקע רויטע פונקטירן.

די פורפורנע קויל פון דער פאַרגייענדיקער זון האָט געוואָרפן קרומע שטראַלן.

דער קאָמאַנדיר פון פּעלאָטאָן, דער יונגער לייטענאַנט בורנאַשעוו, וועלכער איז אַרויסגעלאָפן עטלעכע טריט אַנטקעגן די שאָסן, איז געבליבן שטיין אַ דערשיטערטער, אַ פאַרלוירענער. אין שלאַכט דערקענט זיך עס טייקעף. מיט די ווייסגעוואָרענע פינגער האָט ער גערדיקט דעם רעוואָלווער, אָבער די האַנט איז אַראָפּגעהאַנגען. אַן איבעראַשטער פון דער אומגע־ריכטקייט, האָט ער ניט געוואוסט ווי צו האַנדלען, וואָס צו קאָמאַנדעווען. ער האָט זיך פאַרלוירן עפּשער ניט מער ווי אויף איין מינוט, — אויף דער איימעדיקער קריטישער רגע, — און די קעמפער האָבן פאַרלוירן דעם קאָמאַנדיר. כ'האָב ניט געזען די אָפּטיילונגען, ניט געזען די ייִנגערע קאָ־מאַנדירן, — זיי זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען ערגעץ דאָ, אָבער מיט קיין זאַך זיך ניט אַרויסגעוויזן און געווים געדריקט זיך צו די פּאַרעמלאָזע טונקעלע קופּקעס מענטשן.

די מיליטערישע אָרדענונג, די קעמפערישע שטייפקייט, וואָס כ'האָב שטענדיק דערקענט פון ערשטן בליק, איז געווען צעטראָטן פון דער אומ־געריכטקייט, זיך פונאַנדערגעפאַלן. איך האָב דערפילט: אָט אַזוי קומען אום, קומען אום באַטאַליאָנען.

קיינער איז נאָך ניט געלאָפן, אָבער... איין רויטאַרמייער האָט גע־נומען לאַנגזאַם שטעלן טריט, ניט אַוועקנעמענדיק דעם בליק פון די גליענדיקע לייכטנדיקע ליניעס, לאַנגזאַם זיך אָפּרוקן אָן אַ זייט לענגאויס דעם ברעג. דערווייל לאַנגזאַם... דערווייל איינער... אָבער אויב ער וועט נעמען לויפן, צי וועלן ניט נעמען לויפן אַלע נאָך אים?

און פּלוצלינג האָט עמעצער מיט אַ באַפעלערישן זשעסט אָנגעוויזן אהין — אַף דעם אָפּטרעטנדיקן רויטאַרמייער. מאָדנע... ווער קאָמאַנדע־וועט עם דאָ? ווער האָט עם מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקייט אויסגעשטרעקט די האַנט? איך האָב פונדערווייטנס דערקענט די פיגור פון טאָלסטונאָוו. עס האָט זיך באַלד לייכטער אָפּגעאָטעמט. דאָ האָב איך ניט געדענקט מיינע פריערדיקע מאַכשאָוועס, דאָ איז פּאַשעט דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: גוט, וואָס ער איז דאָ.

אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי:

— וואוהין! איך וועל דיר ווייזן לויפן! כ'וועל דערשיסן, פּאַכדן! קיין טראָט ניט אָן אַ קאָמאַנדע!

דאָס האָט געשריען דער פּאַרטאָרג פון דער ראָטע, דער רויטאַרמייער בוקעיעוו, אַ קליינער קאַזאַך. זיין ביקס איז געווען ענערגיש אונטערגעהויבן.

ערשט איצט האָב איך באַמערקט אין פאַרשיידענע פּונקטן נאָך עט־לעכע פיגורן, וואָס האָבן זיך ניט צונויפגעגאָסן מיט אַלעמען. פון טאָלס־טונאָוון, וואָס האָט זיך געפונען אין צענטער, האָט זיך זיי איבערגעגעבן די פּאַזע פון קאָנצענטרירטער אַנטשלאָסנקייט. דאָס איז ניט געווען דער באַקאַנטער גרונט־געשטעל פון מיין פעלאָטאָן, אָבער כ'האָב געזען: זיי, אָט די מענטשן האַלטן אויף, פאַרפעסטיקן דעם פעלאָטאָן.

איך בין צוגעשפּרונגען רייטנדיק און אַ געשריי געטאָן:

— בורנאַשעוו! ווער קאָמאַנדעוועט דאָ? וואָס ביסטו צעקראָכן? וואו זיינען די אָפּטייל־קאָמאַנדירן?

בורנאַשעוו האָט זיך פאַרוויטלט. ער האָט זיך פאַרשעמט, וואָס ער האָט זיך פאַרלוירן. אייליק האָט ער אויסגעשריען:

— אָפּטייל־קאָמאַנדירן, צו מיר!

איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און קורץ און הויך געמאָלדן מיין באַשלוס: פאַרבייגן דעם פלאַנק און אָפּגעבן דעם סוינע דעם דאָרף. דערנאָך האָב איך באַפוילן:

— קאָמאַנדיר פון ערשטן אָפּטייל! פיר אַרוים די קעמפער! יעדער זאָל וויסן זיין פּלאַץ לויטן סיידער פון די נומערן! דעם ערשטן אָפּטייל פיר איך! דעם צווייטן טאָלסטונאָוו, דעם דריטן בורנאַשעוו! קראַיעוו, נעם אי־בער די קאָמאַנדע פון דער ראָטע. פיר אַרוים דעם ווייטערדיקן פעלאָטאָן. וועסטו צוקומען צו אונדז. רייס אויף די בריק.

— רעכט, כאַווער קאָמבאַט.

— טאָלסטונאָוו, צו דיין אָפּטייל...

— קאָמבאַט, איך קלער...

— ניטאָ וואָס צו קלערן... האַלט אַ דיסטאַנץ פופציק מעטער פון מיר. ניט אָפּשטיין! ניט אויפשלאָגן זיך אין קופּעס. ערשטער אָפּטייל, הערן מיין קאָמאַנדע! נאָך מיר! געלאָפן!

צודריקנדיק די עלנבויגנס, האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן מיטן גאַנצן אימפּעט איבערן ניט־שטיילן באָדן־אויפהייב, פאַרביי די טונקעלע דאָרף־הייזער, וואו אין די שויבן האָט געברענט דער זון־פאַרגאַנג, איבערן צע־קלאַפּטן פעלד, צום וואַלד.

הינטן האָט זיך דערהערט אַ טופעריי, נאָך מיר האָט געאיילט דער אָפּטייל.

4.

אָפּן האַלבן וועג האָב איך ווידער דערזען די דייטשן. אָ, ווי ס'האָבן זיך דערנענטערט, אויסגעוואַקסן די שוואַרצע פיגורן, וואָס שפּאַנען איבערן שניי! פאַר די פינף־זעקס מינוט זינט מיר האָבן זיי דערזען פון די זאַטלען האָט זיך דער מעהאַלעך פאַרקירצט ביז צו אַ האַלבן קילאָמעטער. זיי גייען שנעל: הונדערט מעטער — אַ מינוט. און מיר דאַרפן נאָך לויפן, לויפן... דער ברעג פון וואַלד איז ווייט, ווייט ווי עק וועלט. ביז צו די ערשטע ביימער איז אויך קימאַט אַ האַלבער קילאָמעטער.

מיט אַ רים האָב איך פאַרשנעלערט דעם לויף.

אין דער דייטשישער קייט האָט מען אונדז באַמערקט. רויטע טראַ־זשעקטאָריעס האָבן קרייצנדיק זיך גענומען שניידן די לופט פון פאָרנט און פון הינטן, האָבן זיך געטראָגן איבערן קאָפּ אָדער מיט אַ לייכטן שיפּען זיך געלאָשן באַ די פיס.

די דייטשן האָבן געשאָסן אָן אַ ציל, אין גאַנג, אָבער מיט אַ מאַסע קוילן. הינטן איז עמעצער געפאַלן. ס'האָט זיך דערהערט אַ געשריי, אַ דינ־גער, וואָס כאַפּט אָן באַם האַרצן:

— כאַווײַרים...

כ'האָב זיך אומגעקוקט, אויסגעשריען:

— נאָך מיר! מ׳וועט אים צונעמען!

די דייטשן האָבן פון פארפאַלגונגס־אינסטינקט, — אהא, דער רוס לויפט! — אויך פארשנעלערט דעם טראָט. אָבער אויך דער וואלד, אָט איז ער, — פאר א הונדערט שריט. און פלוצלינג האָב איך מיט פאר־צווייפלונג דערפילט: כ׳בלייב אָן אָטעם. דאָס האָט זיך אָפגערופן דער קאָנוואולסיווער רים אינמיטן וועג. די סאָפעריי איז אַלץ נענ־טער. די קעמפער דעריאָגן מיך. ס׳איז באפוילן געווען ניט צונויפשלאָגן זיך אין א קופע, דאָך האָבן זיי זיך צענויפגעדריקט. יאָ, אזא געיעג פארן סוינעס אויגן, אונטערן פייער פון אויטאָמאטן, מיטן שניידנדיקן געשריי פון פארוואונדעטן, וואָס איז געבליבן שטעקן אין די אויערן, — דאָס איז ניט קיין לערן־איבונג פון א פלאנק־איבערבוי.

כ׳האָב אנגעשעפט וויפל כ׳האָב געקענט לופט:

— אָפטייל, האַלט!

איר פארשטייט? אין דעם איינציקן אויגנבליק, אין אָט דער קאָמאַנ־דע, אין דעם איין וואָרט „האַלט!” האָט זיך צונויפגעפרעסט אונדזער גאנצע ביזאיצטיקע געשיכטע, — די געשיכטע פון באטאַליאָן פאנפילאָוו־צעס. אין דעם איז אריין דער באוואוסטזיין פון פליכט, און דאָס שטיין „אכטונג”, און דאָס שטענדיקע אָנראכמאָנעסדיקע „פאָלגן! ניט דיסקו־טירן!” וואָס איז פארוואנדלט געוואָרן אין א געוויינטשאפט, דאָס הייסט, אין דער צווייטער נאטור פון סאָלדאט, און דאָס דערשיסן דעם פאכדן קעגנאיבער דעם סטראַי, און דער נאכט־איבערפאַל אַף סערעדאַ, וואו איין מאָל איז שוין געשלאָגן געוואָרן דער דייטש, געשלאָגן געוואָרן די שרעק.

און טאָמער וואָלטן זיך די קעמפער ניט אָפגעשטעלט, טאָמער וואָלטן זיי פון אימפעט זיך געוואָרפן ווייטער, אין וואלד? דאמאָלסט... דאמאָלסט וואָלט ניט לעבן מער אַף דער וועלט דער קאָמאנדיר פון באטאַליאָן באור־דזשאן מאָמיש־אולי. אזא איז דער גזעץ פון אונדזער ארמיי — פאר דאָס ערנלאָזע אנטלויפן פון די קעמפער ענטפערט דער ערנלאָזער קאָמאנדיר.

אין א קופע, שווער אָטעמענדיק, זיינען די קעמפער געשטאַנען — געשטאנען! — לעבן מיר.

— אָפטייל־קאָמאנדיר!

— איך!

— לייג זיך דאָ! שיס! רעכט־פלאנקיקער!

— איך!
— אהער! לייג זיך! שיס! דער ווייטערדיקער!
— איך!
— אהער! לייג זיך! שיס! פונאנדערנעמען זיך! אינטערוואַל — פינף מעטער! וואו לייגסטו זיך! לויף אַפּ! דאָ! שיס!

.5

איך האָב באַגאַנגען אַ פעלער. מ'האָט געדאַרפט זיך אויסלייגן ניט שיסנדיק, זיך צוגרייטן, צוצילן זיך, איינגעמען אביסל דאָס מעשוגענע קלאַפּן פונעם בלוט אין די אָדערן און דערנאָך, לויט אַ קאָמאַנדע, אַ פּלייצ טאָן מיט זאַלפן.

די קעמפער האָבן געשאָסן יעדער פאַר זיך, מיט אַ פיבערדיקער איילעניש און אַ פיבערדיקער אומפינקטלעכקייט. ארויסלאָזנדיק גאַנצע שטראָמען לייכטנדיקע קוילן, זיינען די דייטשן געגאַנגען אַף אונדזער שנירעלע און קיינער פון זיי איז ניט געפאַלן.

גאַרניט ווי אָנהייב-אָוונט האָט העל געלויכטן די זון און געוואָרפן אירע שטראַלן פון אַ זייט, עטוואָס זיי אַנטקעגן. זיי האָבן שוין ניט אויסגעזען שוואַרץ, אָנפּאָנעמדיק. די זון האָט צוריקגעקערט די קאָלירן. אונטער די גרינלעכע קאַסקעס האָבן זיך געוויזן אָנבערדיקע פּנעמער. באַ איינעקע האָבן געגלאַנצט ברילן. אָבער פאַרוואָס פאַלן זיי ניט?

ערשט איצט האָב איך זיך ארומגעזען, אַז די דייטשן זיינען אייגנטלעך נאָך אביסל ווייטלעך, — אַ דריי־פיר הונדערט מעטער. און מיר האָבן צעקאָכטערהייט געקנאַקט מיטן ציל־רעמל אַפן ערשטן שטריך, אַפן הונדערט־מעטערדיקן.

— ציל צוויי אַ האַלב! — האָב איך אַ געשריי געטאָן, איבערשרייענדיק די טראַסקעריי.

איבערן פעלד, אַף אונדזערע שפּורן, איז אָנגעלאָפן טאָלסטונאָווס אָפּטייל. פון הינטער די הייזער פון נאָוואַליאַנסקאָיע האָט זיך באַוויזן דער דריטער אָפּטייל.

פון דאָרף האָבן זיך געטראָגן געלאָדענע פורן. די קוטשערס האָבן געשמיסן די פערד.

די דייטשן האָבן זיך אָנגערוקט. אין זייער קייט איז געפאַלן איינער, א צווייטער... אָבער אויך בא אונדז האָט עמעצער געגומען קרעכצן... דער ווייטער עק פון דעם סוינעס שורע איז פאַרגאַנגען הינטער די הייזער. דער סוינע איז שוין אין נאָוואָליאַנסקאַיע. מיר האָבן אָפּגעגעבן דעם דאָרף.

און די אַנדערע שפּרייזן, שפּרייזן... איצט האָט מען זיי א קאָמאַנדע געגעבן: געלאָפן! איך האָב א מעסט געטאָן אַפן אויג דעם מעהאַלעך. זיי וועלן אונדז צעטרעטן! אָ, ווען איר וואָלט פאַרזוכט אָט דעם נאָגנדיקן כאַלאַשעסדיקן פאַרגעפיל: צעטרעטן!... א קוילנוואַרפער! וואו זייט איר, באַזשאַנאָוו, מורין, בלאַבאַ? וואו איז דער קוילנוואַרפער, דער קוילנ-וואַרפער?!

בא דער זייט האָט עמעצער א געשריי געטאָן, געגומען יענטשען:
— אַי, אַי, דער טויט מיינער! אַי, אַי...

דער פיינלעכער געשריי האָט געצופּט די נערוון, גערייבט דעם מוט.

יעדערן האָט זיך געדוכט: באַלד וועט דאָס זעלבע געשען מיט מיר, באַלד וועט אויך מיך טרעפן א קויל, פון קערפּער וועט א שפּריץ טאָן בלוט, איך וועל אויסשרייען א טויט-געשריי. איך זאָג: יעדערן... יאָ, אויך מיר... פון דעם דאָזיקן אומהיימלעכן כליפּען האָב אויך איך אויפגעצאַפּלט. פון בויך איז צום האַלדז אונטערגעקראָכן א קעלט, וואָס האָט אָפּגענומען די קויכעס, דעם ווילן.

איך האָב א קוק געטאָן אַהין, פונוואַנען עס זיינען דערגאַנגען די גע-שרייען. אָט דאָרט איז ער, דער פאַרוואונדעטער; ער ליגט אַפן שניי אָן א היטל, איבערן פּאָנעם איז צעשמירט פריש בלוט. עס רינט אים אראָפּ פון דער מאָרדע אַפן שינעל. ס'ארא שרעקלעכע ווייסע אויגן ער האָט: די אויגן האָבן זיך שטאַרק פונאַנדערגעעפנט, די ווייסלען זיינען געוואָרן אומ-געוויינלעך גרויס.

און ניט ווייט ליגט עמעצער מיטן פּאָנעם פאַרשטעקט אין שניי, דעם קאָפּ צונויפגעדריקט מיט די הענט, ווי בעקיוון, קעדיי גאָרניט צו הערן און צו זען. וואָס איז עס — א געהאַרגעטער? ניין, א דראָבנער ציטער טרייסלט זיינע הענט... לעבן אים שוואַרצט זיך אַפן שניי א האַלב-אויטאָמאַט. ווער איז עס ס'איז דער רויטאַרמייער דזשילבאַיעוו, מיינער א לאַנדסמאַן, א קאַזאַך! ער איז גאַנץ, נאָר פּאַכדאָנעס איז אים באַפאַלן,

דעם אויסוואורף! אָבער מיר אַליין האָט זיך דאָך נאָר וואָס אויך געוואָלט אָט אַזוי זיך פאַרשטעקן מיטן פּאָנעם, אַריינקוועטשן זיך אין דער ערד, — און ס׳זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין.

איך בין צוגעשפּרונגען צו אים:

— דזשילבאַיעוו!

ער האָט אַ ציטער געטאָן, אָפּגעריסן פון דער ערד זיין ערדיק בלייך פּאָנעם.

— שיס! מיעסער נעפּעש!

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם האַלב־אויטאָמאַט, איילנדיק געגומען שיסן.

איך האָב געזאָגט:

— ציל רואיק, הארגע.

ער האָט אַ קוק געטאָן אָף מיר. זיינע אויגן זיינען נאָך אַלץ געווען דערשראָקענע, אָבער שוין באַזינטע. ער האָט שטיל געענטפערט:

— כ׳וועל שיסן, אַקסאַקאַל.

און די דייטשן גייען... זיי גייען זיכער, שנעל, אין פולן וואוקס, קנאַקנדיק אין גאַנג מיט די אויטאָמאַטן, וועלכע זיינען ווי געווען פאַרזען מיט לאַנגע פייערדיקע שאַרפן, וואָס דערלאַנגען צו אונדז, — אַזוי זעען אויס די אומאויפהערלעך אַרויספליענדיקע טראַסירנדיקע קוילן. איך האָב פאַרשטאַנען: די דייטשן שטרעבן אונדז צו פאַרטויבן און פאַרבלענדן, אַז קיינער זאָל קיין קאָפּ ניט אויפהייבן, קיינער זאָל ניט קענען רואיק צילן. וואו־זשע איז באָזשאַנאָוו? וואו איז דער קוילנוואַרפער? פאַרוואָס שווייגט דער קוילנוואַרפער?

און דער פאַרוואונדעטער שרייט אַלץ. איך בין צוגעלאָפן צו אים. כ׳האָב דערזען פון דער נאָנט דאָס מיט בלוט פאַרגאָסענע פּאָנעם, די רויטע נאַסע האַנט.

— לייג זיך, שוויינ!

— אַי...

— שווייג! ביים אַ שמאַטקע, ביים דעם שינעל, אויב דיר טוט וויי, אָבער שווייג!

און ער, — דער ערלעכער סאָלדאַט, — איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אָבער סאַף־קאַל־סאַף... סאַף־קאַל־סאַף א טרעל פון קוילנוואַרפער... א לאַנגע צייל: טאַק־טאַק־טאַק־טאַק... אַ, ווי נאָנט באַזשאַנאָוו האָט זיי צו־געלאָזן! ער האָט באַוויזן אויסצוהאַלטן, ניט פּאַראַטנדיק זיך מיט גאָר־ניט ביזן לעצטן מאָמענט. דערפאַר האָט איצט דער קוילנוואַרפער געשניטן מיט א קינזשאַל־פייער — פּלוצלינג, פון דער נאָנט, אַף טויט.

די ערשטע ציילן האָבן אונטערגעשניטן דעם צענטער פון דער דיי־טשישער קייט. אַ, ווי זיי האָבן זיך דאָרט געגומען שליידערן! איך האָב צום ערשטן מאָל דערהערט ווי עס קלאָגן די סאָנים. שפּעטער האָבן מיר זיך ניט איין מאָל איבערצייגט, אַז דאָס איז א באַזונדער שטריך פון דער דייטשישער אַרמיי: בּאַ אַן אומגעריכטקייט, בּאַ א דורכפאַל רעווען די אונטערגעשאָסענע דייטשן אַפן קאָל און בעטן הילף. אונדזערע סאָלדאַטן שרייען קימאַט קיינמאָל ניט אַזוי.

און דאָך איז אַנטקעגן אונדז געווען אַן אויסגעמושטירטע דיזי־גירטע קראַפט. ס'האָט זיך דערהערט א פּרעמדשפּראַכיקע קאָמאַנדע, און די דייטשישע קייט, וואָס איז פון אונדזער זייט ניט פאַרטשעפּעט געוואָרן פון קוילנוואַרפער, האָט זיך טייקעף אויסגעלייגט.

נו, איצטער קען מען אָפּעטעמען.

אין א מינוט אַרום האָט צו מיר צוגעפויזט טאָלסטונאָוו:

— ווי מיינסטו, קאָמבאַט? הוראַ?

איך האָב א דריי געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין. אין דערציילונגען פאַר לייכטן אונטערהאַלט איז עס זייער גרינג, זייער פּאַשעט: „הוראַ!" — און דער דייטש אַנטלויפט. אין דער מילכאָמע איז עס ניט אַזוי.

אָבער א „הוראַ" האָט דעם אָוונט פּאָרט אָפּגעקלונגען. ניט מיין איין באַטאַליאָן האָט עקזיסטירט אַף דער וועלט, און ניט איך איינער האָב אָנ־געפירט מיט דער שלאַכט. דער „הוראַ" איז אַנטשטאַנען דאָרטן, פונוואַנען ס'האָבן אים ניט דערוואַרט ניט מיר, ניט די דייטשן.

6.

פון וואַלד־קלין, עטוואָס פון הינטן פון די ליגנדיקע דייטשן, האָט זיך באַוויזן א לויפנדיקע פונאַנדערגענומענע שורע מענטשן.

אונטער די שטראַלן פון דער זינקענדיקער זון האָבן מיר דערזען

רוויטארמייער, — אונדזערע היטלען, אונדזערע שינעלן, אונדזערע באַגנעטן. זיי זיינען געווען ניט קיין סאך: א פערציק-פופציק. איך האָב פאַרשטאַנען: דאָס איז דער פעלאַטאָן פון לייטענאַנט איסלאַמקולאָוו, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון אַן אַנדער פונקט צום ראַיאָן פון דורכברוך.

איצט האָבן ניט מיר, נאָר די דייטשן געדאַרפט פאַרזוכן א קלאַפּ אין פלאַנק און פון הינטן. אָבער דער מאַנעוור פון פאַרבייגן א פלאַנק, איר דאַרפט דערין ניט צווייפלען, איז אויך זיי באַוואוסט געווען. דער עק פון דער קייט האָט זיך אויפגעהויבן; שיסנדיק האָבן די דייטשן גענומען אָפּלויפן, פאַרמירנדיק א בויגן.

— קאָמבאַט! — האָט היציק אויסגערופן טאָלסטונאָוו.

איך האָב א שאָקל געטאָן: יאָ! דערנאָך א געשריי געטאָן:

— איבערגעבן אין דער קייט: זיין גרייט צו אַטאַקע!

און ניט דערקענט מיין אייגענע שטים, — זי איז געווען צוגעדעמפּט, הייזעריק. פון קעמפער צו קעמפער זיינען געגאַנגען די ווערטער: „זיין גרייט צו אַן אַטאַקע“, און בא יעדערן האָט געווים אָפּגעכאַלעשט און ניט ריטמיש זיך צעטאַנצט דאָס האַרץ.

פון דער זייט פון וואַלד איז געלאָפן די שורע קעמפער, פון דאָרטן האָט זיך שוואַך דערטראָגן „הורא-א-א-א!“, און די דייטשן האָבן זיך אייליק איבערגעפאָרמירט. אַנטקעגנאיבער אונדז איז די דייטשישע ליניע שיטער געוואָרן, אָבער זיי האָבן באַוויזן צוציען אהער צוויי לייכטע קוילנוואַרפער, וועלכע זיינען פריער, ווייזט אויס, נאָכגעגאַנגען עטוואָס טיפער נאָך דער אָנגרייפנדיקער ליניע. איינער האָט שוין אָנגעהויבן קלאַפּן: ס'איז עפּטער געוואָרן די אומאַנגענעמע פייפעריי איבער די קעפּ.

און אין אונדזער קייט איז די שיסעריי שטיל געוואָרן; די קעמפער זיינען געלעגן, געדריקט די ביקסן, וואַרטנדיק אַפן מאָמענט, ווען וועלכן יעדער האָט געטראַכט פונעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז אריין אין דער אַרמיי, וועלכן יעדער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן שרעקלעכסטן, — וואַרטנדיק אַף דער קאָמאַנדע צו דער אַטאַקע.

מיך האָט איבעראַשט אָט דער ניט-ווילנדיקער איבערייס פון פייער. ניט אזוי האָט געדאַרפט זיין, ניט אזוי! אָבער שוין ניטאָ קיין צייט צו פאַר-

ריכטן. מ׳דארף האנדלען שנעל, שנעל, קאלזמאן דער סוינע איז נאך צעמישט.

איך האב אויסגערופן:

— בורנאשעוו!

לייטענאנט בורנאשעוו, דער קאמאנדיר פון פעלאטאן, דער וואס האט זיך ניט לאנג אפן ברעג פארשעמט פאר זיין פארלירן זיך אף א מאמענט, איז געלעגן א האלבע מייע טריט פון מיר. ער האט שנעל אויפגעהויבן און אראפגעלאזן די האנט אלס צייכן, אז ער הערט.

— בורנאשעוו, פיר!

ס׳איז אריבער א סעקונדע. איר האט, מיסטאמע, ניט איין מאל געלייענט און געהערט וועגן מאסן־העראאיזם אין דער רויטער ארמיי. דאס איז עמעס, הייליקע ווערטער. אבער זייט ווּיסן, — ס׳איז ניטא קיין מאסן־העראאיזם, אויב ס׳איז ניטא קיין פירער, אויב ס׳איז ניטא אזא, וואס גייט דער ערשטער. ס׳איז ניט לייכט א הייב צו טאן די מענטשן צו דער אטאקע, און קיינער וועט זיך ניט א הייב טאן, אויב ס׳וועט ניט זיין אן ערשטער, אויב ס׳וועט זיך ניט אויפשטעלן איינער, וועט זיך א לאז טאן פארויס און מיטרייסן די איבעריקע.

בורנאשעוו האט זיך אויפגעהויבן. אפן גרונט פון בייגאשמאשעסדיקן הימל האט זיך באוויזן זיין אנגעשטרענגט איינגעבויגענער, פארויסגעווענדטער סילועט, זיין צעעפנט מויל האט זיך באוועגט. ער האט זיך געגעבן א ריס אפ פון דער ערד און, אויספירנדיק דעם באפעל, ניט נאר מיינעם, נאר אויך פון פאטערלאנד צום זון, האט ער אויסגעשריען איבערן גאנצן פעלד:

— פארן פאטערלאנד! פאר סטאלינען!

ביז דאמאלסט איז מיר ניט איין מאל אויסגעקומען צו לייענען אין די צייטונגען באשרייבונגען פון אטאקעס. קימאט שטענדיק אין די קארעספאנדענצן האבן זיך די קעמפער געווארפן אין אטאקע מיט אט דעם אויסרוף. אבער אין די צייטונגס־שורעס האט עס אפט אויסגעזען עפעס צו־לייכט. און איך האב געטראכט: ס׳וועט קומען אונדזער ריי, מ׳וועט זיך א ווארף טאן מיט די באגנעטן, וועט אלץ געוויס זיין אנדערש ווי אין דער צייטונג. און פון האלדז וועט זיך ארויסרייסן עפעס אנדערש, עפעס א

העפּטיקער, אַ ווילדער אויסגעשריי, אָדער פּאַשעט „אַ־אַ־אַ!" אָבער אין אָט דעם גרויסן און שרעקלעכן מאָמענט האָט בורנאַשעוו, צערייסנדיק די טויזנטער פעדים, וואָס גייען צו אונטערן פייער דעם מענטשן צו דער ערד, זיך אַ וואָרף געטאָן פאָרויס, שרייענדיק דאַווקע אַזוי!

— פאַרן פאָטערלאַנד! פאַר סטאַלינען!

און פּלוצלינג האָט זיך זיין קאָל איבערגעהאַקט. ווי ער וואָלט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַן אָנגעצויגענעם דראָט, האָט בורנאַשעוו אין לויפן אַ פאַל געטאָן. ס'האָט זיך געדוכט: אָט באַלד וועט ער צוריק אויפשפּרינגען און לויפן ווייטער און נאָך אים, מיט די אויסגעצויגענע באַגנעטן, אַלע.

אָבער ער איז געלעגן מיט פונאַנדערגעוואָרפענע הענט, — געלעגן און זיך ניט אויפגעהויבן. אַלע האָבן געקוקט אויף אים, אפן לייטענאַנט, דעם צעפּלאַסטערטן איבערן שניי, וואָס איז אונטערגעשניטן געוואָרן באַ די ערשטע טריט, אַלע האָבן אויף עפּעס געוואַרט.

ווידער איז פאַרביי אַן אָנגעשטרענגטע סעקונדע. די קייט האָט זיך ניט אויפגעהויבן.

און ווידער איז עמעצער אויפגעשפּרונגען, ווידער האָבן צווישן דער קוילנוואַרפער־טראַסקעריי אויפגעטויכט איבערן פעלד די זעלבע ווערטער, דער זעלבער רוף:

— פאַרן פאָטערלאַנד! פאַר סטאַלינען!

דער קאָל איז געווען אַן אומנאַטירלעך הויכער, ניט קיין אייגענער, אָבער לויטן ניט־רוסישן אַקצענט, לויט דער דאַרער, קליינוואוקסיקער פיגור האָבן אַלע דערקענט דעם רויטאַרמייער בוקעיעוו.

אָבער, קוים זיך אַ ריס געטאָן, איז אויך ער געפאַלן. די קוילן האָבן אים וואַרשיינלעך געטראָפן אין דער ברוסט אָדער אין קאָפּ, אָבער ס'האָט זיך געדוכט אַז אים, ווי דעם לייטענאַנט בורנאַשעוו, זיינען די פיס אונטערגעהאַקט געוואָרן, מיט אַ שאַרפער קאָסע אָפּגעשניטן געוואָרן.

באַ מיר האָט זיך אָנגעשפּאַנט דער קערפּער; די פינגער האָבן געגראַבלט און צונויפגעפּרעסט דעם שניי. ווידער איז פאַרלאָפן אַ סעקונדע. די קייט האָט זיך ניט אויפגעהויבן.

קעגן אונדז האָבן שוין געאַרבעט ביידע קוילנוואַרפער. אינעם ביינאַשמאָשעם האָט זיך דייטלעך געזען דער פולסירנדיקער פלאַם, וואָס איז

געפלויגן פון די לופעס. ער האָט שוואַך באַלויכטן די מעטראַליסטן, וואָס זיינען געשטאַנען אַף די קני, האַלב פאַרשטעלטע מיט די שוץ־טאָוולען, און גערעקט די איבערפאָרמירונג פון די דייטשן, ניט דערלאָזן אונדז זיך וואַרפן מיט די באַגנעטן, געהאַלטן אונדז אונטער אַן אויסגעשפּרייטן פייער.

אונדזערע כאַוויירים, די פּערציק־פופציק רויטאַרמייער, וואָס האָבן אויסגעוויילט דעם מאָמענט אַף צו דערלאַנגען דעם סוינע אין רוקן, האָבן זיך דערנענטערט צו די דייטשן, וועלכע האָבן שוין אויך פון יענער זייט געבילדעט אַ פראָנט, דאָרטן שוין אויך געעפנט אַ שיסעריי, און מיר זיינען אַלע געלעגן צוגענאַגלט צו דער ערד, געלעגן און פאַרמישפּעט צום אומקום דאָס הייפל געוואַגטע ברידער אונדזערע.

יעדער פון אונדז איז, אַזוי ווי איך, געווען געשפּאַנט, יעדער האָט זיך געוואָלט אַ ריס טאָן, אויפשפּרינגען, און קיינער איז ניט אויפגעשפּרונגען.

איז וואָס־זשע איז עס? שוין־זשע וועלן מיר טאַקע אַזוי ליגן, וועלן מיר טאַקע זיך אַרויסווייזן פּאַר פּאַכדאָנים, פּאַר פאַרעטער פון ברידער? וועט זיך טאַקע ניט געפינען אַ דריטער, וואָס זאָל זיך אַ וואָרף טאָן פאָרויס און מיטרייסן די ראָטע?

און פּלוצלינג האָב איך דערפילט, אַז אַלעמענס בליקן זיינען געווענדט אַף מיר, כ'האָב דערפילט, אַז אַף מיר, דעם עלטסטן קאָמאַנדיר, דעם קאָמבאַט, ווי אַפן צענטראַלן פונקט פון דער שלאַכט, האָגאָס איך בין געלעגן אין עק ליניע, איז געווענדט אַ פאַרשאַרפטע אויפמערקזאַמקייט; ס'האָט אויסגעזען, אַז אַלע האָבן געוואַרט, וואָס וועט זאָגן, וואָס וועט טאָן דער קאָמבאַט. און אָפּגעבנדיק זיך אַ קלאָרן כעשבן, אַז כ'גיי אָפּטאָן אַ מעשוגאַס, האָב איך זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס, קעדיי צו געבן אַן אָנשטעקנדיקן ביישפּיל.

אָבער טייקעף האָט טאָלסטונאָוו מיך אַ כאַפּ געטאָן מיט קויעך פאַרן אַקסל און האָט מיך אַראָפּגעדריקט אין שנייי. ער האָט אַרויסגעשריען אַ רוסישן זידלוואָרט.

— מאַך זיך ניט נאַריש, זאָלסט ניט וואַגן, קאָמבאַט! איך...

זיין אַנגענעם־גראָבלעך פּאָנעם האָט זיך אין איין רעגע איבערגע־

ביטן; די געזיכט־מוסקולן האָבן זיך אָנגעשטרענגט, פאַרשטיינערט גע־וואָרן. ער האָט זיך אָפּגעשטויסן, קעדיי מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אויפ־שטעלן זיך, אָבער איצט האָב איך אים געכאַפּט פאַר דער האַנט.

ניין, כ'וויל ניט פאַרלירן אויך טאָלסטונאָוון. איך האָב זיך שוין באַ־דענקט, איך בין ווידער געוואָרן קאָמבאַט. דער פריערדיקער געפיל איז גע־וואָרן נאָך שאַרפער: אַלע ביז איינעם האָבן, דוכט זיך, מיט אַ ווינקל אויג געקוקט אױף מיר. די סאָלדאַטן האָבן זיכער באַמערקט: דער קאָמבאַט האָט געוואָלט אויפשטיין און ניט אויפגעשטאַנען; דער עלטסטער פּאָליטקאָם האָט געוואָלט אויפשטיין און ניט אויפגעשטאַנען. דער כוש, וועלכער איז אייגן דעם קאָמאַנדיר אין שלאַכט, האָט אונטערגעזאָגט: מיין ניט צו־שטאַנדגעקומענער ריס האָט צעטומלט די נעשאָמע פון סאָלדאַט. אויב דער קאָמבאַט האָט זיך אַ ריס געטאָן און זיך ניט אויפגעהויבן, — הייסט עס, מען קען זיך ניט אויפהייבן.

אַ קאָמאַנדיר דאַרף וויסן, אַז אין שלאַכט ווערט יעדער וואָרט זיינס, יעדע באַוועגונג, אויסדרוק פון פּנים אויפגעכאַפּט פון אַלעמען, ווירקט אױף אַלעמען; ער דאַרף וויסן, אַז אָנפירן מיט אַ שלאַכט איז ניט נאָר אָנ־פירן מיטן פייער אָדער מיט די באַוועגונגען פון די מענטשן, נאָר אויך אָנפירן מיט זייער פּסיכיק.

איך האָב זיך שוין באַדענקט. געוויס, ניט פאַרן קאָמבאַט איז אַן איניען צו פירן די ראָטע אין באַגנעטן־שלאַכט. איך האָב זיך דערמאָנט אַלץ, וואָס כ'האָב געלערנט, כ'האָב זיך דערמאָנט פּאַנפילאָווס געבאָט: „מען טאָר ניט קעמפן מיט דער ברוסט פון דער אינפאַנטעריע... שאַנעווע דעם סאָלדאַט. פאַרהיט אים מיט טאַט, מיט פייער...”

איך דערצייל עס אייך לאַנג, מיט אַלע איינצלהייטן, אָבער דאָרטן, אין פעלד, זיינען עס געווען בלויז סעקונדעס. אין אָט די סעקונדעס האָב איך און מיר אַלע זיך געלערנט מילכאָמע האַלטן, זיך געלערנט אויך פון סוינע.

איך האָב אַ געשריי געטאָן:

— געדיכטער פייער אױף די מעטראַליסטן! האַנט־מעטראַליעס, — מיט לאַנגע ציילן אױף די מעטראַליסטן! דריקט זיי צו צו דר'ערד!

די קעמפער האָבן פאַרשטאַנען. איצט האָבן אונדזערע קוילן גענומען

פייפן איבער די דייטשישע קעפ. איין האנט־מעטראליע אונדזערע איז גע־שטאנען ניט ווייט. זי איז אויך אנטשוויגן געוואָרן נאָכדעם, ווי איך האָב געגעבן די קאָמאַנדע צו בורנאַשעווען: „פיר!“ איצט האָט דער סאָל־דאַט בא דער מעטראַליע אייליק אַריינגעשטעלט אַ נייעם מאַגאַזין. אַהין האָט שנעל אוועקגעפויזעט טאָלסטונאָוו. די קעמפער האָבן פיבערדיק גע־שאָסן. אָט האָט גענומען אַרבעטן אויך די מעטראַליע.

אהא, — די דייטשישע מעטראַליסטן האָבן זיך אוועקגעלייגט, זיך באַהאַלטן הינטער די שוץ־טאָוולען. אהא, — עמעצן האָבן מיר דאָרטן אונ־טערגעשאָסן. איין קוילנוואַרפער האָט זיך פאַרהאַקט, ס'האָט אויפגעהערט אַרויספליען דער לאַנגער שאַרפער פלאַם. אָדער, ס'קען זיין, מ'בייט דאָרט איבער די סטענגע. ניין, אונטער די קוילן מאַכט זיך עס ניט אַזוי פּאַשעט... איך האָב געזוכט אַ מאָמענט צו געבן די קאָמאַנדע, און ניט באַוויזן. איבער דער קייט האָט זיך צעטראָגן טאָלסטונאָווס שניידיקער געשריי:

— קאָמונאַרן!

ניט נאָר צו די קאָמוניסטן, צו אַלעמען איז געווען געווענדט דער דאָזיקער רוף. מיר האָבן געזען: טאָלסטונאָוו האָט זיך אויפגעהויבן צו־זאַמען מיט דער האַנט־מעטראַליע, צוגעדריקט די קאָלבע זיך צום בויך און לויפנדיק געשאָסן און געשריען. צום דריטן מאָל האָבן זיך איבערן פעלד צעקלונגען די זעלבע ווערטער, צום דריטן מאָל האָט זיך דערטראָגן דער ליידנשאַפטלעכער רוף:

— פאַרן פאָטערלאַנד, פאַר סטאַלינען! הורא־אַ־אַ!

טאָלסטונאָווס קאָל איז פאַרלאָרן געגאַנגען אינעם רעווען פון די אי־בעריקע העלדזער. די קעמפער האָבן אויפגעשפרונגען. מיט אַ ווילדן גע־שריי, מיט צעקרימטע פּנעמער האָבן זיי זיך אַ ריס געטאָן צום סוינע, צו טרעפן זיך מיט אים ברוסט אַקעגן ברוסט, זיי האָבן איבערגעיאָגט טאָלסטונאָוון.

איך האָב באַוויזן צו באַמערקן די אויפגעהויבענע אין פאַרמעסט רי־זיקע קאָלבע פון דער האַנט־מעטראַליע. אַרויסלאָזנדיק אַלע קוילן האָט טאָלסטונאָוו אָנגעכאַפּט די מעטראַליע פאַר דער הייסער לופע און זיך פאַרמאָסטן מיט דער קאָלבע ווי מיט אַ דובינע.

די דייטשן האָבן ניט אָנגענומען אונדזער אַרויסרוף צו אַ האַנט־גע־

פּעכט, ניט אויפגענומען אונדזער באַגנעטן־קלאַפּ. זייער קאַמפּס־אָרדענונג האָט זיך צעמישט. זיי זיינען אַנטלאָפן פון אונדז.

פּאַרפאָלגנדיק דעם סוינע, דערשלאָגנדיק די אַלע, וועלכע ס׳איז גע־לונגען צו דעריאָגן, האָבן מיר — אונדזער צווייטע ראָטע און לייטענאַנט איסלאַמאַקולאָווס פּעלאָטאָן, וועלכער האָט אָנגעהויבן די דאָזיקע הערלעכע קאָנטר־אַטאַקע מיטן אָנפאַלן פון רוקן — האָבן מיר פון פאַרשיידענע זייטן זיך אַריינגעריסן אין נאָוואָליאַנסקאָיע.

מיר זיינען דאָ!

1.

גלייך נאָך די סאָלדאַטן בין איך אַריין אין דאָרף. דאָרט איז אַ שי־סעריי, אַ לויפעריי. די רויטאַרמייער האָבן גערייניקט דעם דאָרף פון די פאַרשפּעטיקטע דייטשן.

מיטן גאַנצן אימפּעט, ניט באַמערקנדיק מיך, איז פאַרבייגעלאָפן מיט אַ האַלב-אויטאָמאַט דער דאַרינקער אַביל דזשילבאַיעוו. די פּאָלעס פון שי־נעל זיינען געווען פאַרשטעקט אין פּאַס, דאָס היטל פונאַנדערגעבונדן, די אויערן־דעקלעך האָבן זיך געשאָקלט ווי באַ אַ צעשראָקן קעלבל, ווען עס טראָגט זיך איבערן פעלד.

אַ פאַרסאָפּעטער איז דזשילבאַיעוו צוגעלאָפן צו אַ כאַווער, אויך אַ קאַזאַך, און אַ ווייז געטאָן ערגעץ מיטן פינגער:

— דאָרטן איז אַ דייטש... ער שיסט, דער טייוול... קום...

זיי האָבן עפּעס גערעדט און אַוועקגעלאָפן צוזאַמען. אַביל איז געלאָפן גלייך, אַ צעהיצטער, אַן ענערגישער, מיטן האַלב-אויטאָמאַט גרייט, און דער כאַווער האָט זיך גענומען אָפּטיילן, ווייזט אויס קעדיי צו פאַרגיין פון דער זייט.

און פּלוצלינג, אין מיטן געלאָף, סטאָפּ! אַביל האָט זיך אויסגעדרייט צום כאַווער און אויסגעשריען:

— העי, מאָנאַרבעק, ווי איז עס אַף דייטש? הולט, צי ווי?

איך האָב זיך צעלאַכט. מיט עטלעכע טעג צוריק איז געווען אַ באַ־פעל אין באַטאַליאָן, אַלע זאָלן זיך אויסלערנען אַ צענדליק דייטשישע

ווערטער: האַלט, גיב זיך אונטער, קום נאָך מיר, א. א. וו. אָבער איך האָב ניט באַוויזן איבערצוקאָנטראָלירן.

דער כאַוועד האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן זיך איבערגע־שמועסט אַף קאַזאַכיש:

— ווי האָסטו געזאָגט?

— הולט, צי וואָס?

— ריכטיק.

זיי האָבן זיך געלאָזן לויפן. איך האָב זיי נאָכגעשריען:

— ניט אַזוי, דזשיגיטן! האַלט!

אביל האָט זיך אומגעקוקט, דערזען דעם קאָמבאַט, און זיך שנעלער אַוועקגעיאָגט. און איך האָב זיך ווידער צעלאַכט.

איך בין געגאַנגען און האָב געלאַכט. איך האָב זיך אַליין געוואונ־דערט איבער מיין לאַכן אָן אַן אָפּהאַלט. אַזאַ איז געווען די אויסלאָדונג פון דער נערוועזער שפּאַנונג פון דער שלאַכט.

— באַורדזשאַן! וואָס לאַכסטו?

ווער איז עס? מיך האָט שוין לאַנג קיינער ניט אָנגערופן באַם נאָמען. צו מיר איז געגאַנגען שמייכלענדיק דער לייטענאַנט איסלאַמקולאָוו. איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. ער האָט סאַלוטירט.

— כאַוועד אויבערלייטענאַנט! לויט די אומשטאַנדן געפינ איך זיך מיט מיין פּעלאָטאָן אונטער אייער באַפעל. די פאַרלוסטן פון פּעלאָטאָן: איין טויטער, פיר פאַרוואונדעטע. פּעלאָטאָן־קאָמאַנדיר, לייטענאַנט איסלאַמ־קולאָוו.

שווייגנדיק האָב איך מיט ביידע הענט אָנגענומען און געדריקט זיין האַנט. מיר האָבן זיך לאַנג געקענט נאָך פון אַלמאַ־אַטאַ. דאָרטן איז מו־כאַמעטקול איסלאַמקולאָוו געווען אַ זשורנאַליסט, אַ מיטאַרבעטער פון דער צייטונג „סאָציאַליסטיק קאַזאַכסטאַן". איצט האָב איך מיט ליבע און צאַרטקייט, אומבאַקאַנטע פאַר מיר ביז דער מילכאָמע, געקוקט אַף זיין שיינעם פּאָנעם פון העלן בראָנז־קאָליר; כ'האָב אָנגעקוואָלן פון אים — דעם הויכן, שלאַנקן שמייכלענדיקן.

דאָ, אין דער אַנטשיידנדיקער שאָ פון ניסאָיען, האָט ער זיך אַרויס־געוויזן אַלס עמעסער קריגער: אַ דרייסטער און אַ כיטרער. ס'איז ניט אַזוי

פּאָשעט — פאַרגאַנוועגען זיך הינטערן סוינע, אויסוואַרטן דעם מאָמענט און וואַרפן זיך אינדערשטיל פון הינטן.

איך האָב געזאָגט:

— ברענג אין אָרדענונג דיין פּעלאָטאָן. דערנאָך קום צו מיר אין שטאַב. דאָרטן וועלן מיר שמועסן.

די שלאַכט האָט זיך איינגעשטילט. די לעבנגעבליבענע דייטשן האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן אַף יענער זייט טייך, קריכנדיק צופּוס — ביזן גאַרטל, ביז דער ברוסט — דאָס אייזיקע וואַסער. אַנדערע, וואָס זיינען געווען ווייט פון טייך, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו קראַסנאַיאַ גאָרא. אין אָט דער ריכטונג האָבן די רויטאַרמייער אָנגעיאָגט די אַנטלויפנדיקע; אין ביינאַש־מאָשעס האָבן זיך באַוויזן די אויפבליצן פון שאָסן: דאָרטן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די דעריאָגטע איינצלנע דייטשן.

.2

מיטאַמאָל האָבן פון הינטערן טייך, פון יענער זייט, וואוהין ס'איז אוועק אַ פּיל־ווייניק קאָמפּאַקטע גרופּע דייטשן, אויפגעטויכט סיגנאַל־ראַקעטן. זיי האָבן ניט באַלויכטן די ברעגן, בלויז דאָס טונקעלע וואַסער האָט נעפּלדיק אָפּגעשפּיגלט די לויפנדיקע קאָלירטע פייערן.

צוויי גרינע, אַן אָראַנזשעווער, אַ ווייסער, דערנאָך ווידער צוויי גרינע. טונקל, פויזע און ווידער זעקס ראַקעטן אין דער זעלבער קאָמבינאַציע.

אַן צווייפל, די דייטשן האָבן עפּעס געמאָלדן. אָבער וואָס, אייגנטלעך? איז עס אַ מעלדונג וועגן געשעענעם? אַן אַרויסרוף פון פאַרשטאַרקונגען? אַ צייכן פון אַ נייער אַטאַקע?

אין פאַרשיידענע פונקטן זיינען דערשינען ענטפער־סיגנאַלן.

איך האָב אַרומגענומען מיטן בליק דעם האָריזאָנט, וואָס איז געווען דורכגעשניטן מיט פייערדיקע שלענגלעך. אָהאָ! צום טייוול, וואו דער סוינע איז שוין אַריינגעדרונגען! מיר זיינען געווען באַ דער כאַיע אין די לאַפּעס.

ס'האָבן זיך אָפּגעצייכנט מיט די סיגנאַלן צוועטקי, זשיטאַכאַ און אַנדערע דערפער הינטערן טייך, קעגנאַיבער אונדזערע טראַנשייען, אַ טייל פון וועלכע אַף אַ שטעך פון צוויי קילאָמעטער איז פאַרלאָזן געוואָרן פון

אונדזערע קעמפּער בעיִים דער איבערגרופּירונג. דאָרט איז געלעגן אָפן דער פּראָנט. און אַף דעם ברעג, שטראָם־אַרויף פון רוזאַ, האָט געשיקט ראַקעטן קראַסנאַיאַ גאָרא. עטוואָס אָן א זייט, אין דער טיף, האָט זיך דאָס פייער־ווערק געשלענגלט איבער נאָוואָשטשורינאָ, וואו באַטאָג איז געשטאַנען דער שטאַב פון פּאָלק; דערנאָך אַלץ ענגער ארומנעמענדיק אונדז — איבער יע־מעליאַנאָוואָ, איבער לאַזאַרעוואָ... דערנאָך א טונקעלער שטעטל, א רואיקער אוונט־הימל, ניט צעפּאַסעוועט פון פייערן... אָבער דער שטעטל איז מאָדנע שמאָל. אויסדרייענדיק זיך מיטן רוקן צו קראַסנאַיאַ גאָרא, האָב איך גע־קוקט און ניט געקענט באַגרייפן: ראַקעטן האָבן אויפגעטויכט אויך איבערן דאָרף סיפּונאָוואָ. וואָס זאָל עס זיין? דאָרטן איז דאָך דער באַטאַליאָן פון קאַפּיטאַן שילאָוו.

די פייערן האָבן זיך צעשאָטן אין פונקען, פאַרטונקלט געוואָרן און פאַרשוואונדן. ס'איז גלייך פינצטער געוואָרן.

ניין, ס'איז ניט סיפּונאָוואָ. לויטן כעשבן פון דער צייט, לויטן כאַ־ראַקטער פון דורכרייס, וואָס איז געווען געריכטעט אין דער טיף, האָט דער סוינע ניט געקענט אַהין אריינדרינגען. די דייטשן מאַכן דאָ געווים קונצן: זיי האָבן דאָרט אדורכגעשפּאַרט א ראַקעטן־סיגנאַליסט, קעדיי אונדז צו שרעקן. אָבער איך דאַרף, איך דאַרף טייקעף זיין אין שטאַב, פאַרבינדן זיך פון דאָרטן מיטן קאַפּיטאַן שילאָוו, קלאָר מאַכן, וואָס פאַרא ראַקעטן זיינען עס בא אים אין רעטאַגוואַרדיע, באַזאָרגן אַן אויסשפּירונג. ארבעט, ארבעט, ראַכימאָוו, קאָמאַנדעווע אָן מיר! פאָרש אויס, טייקעף פאָרש אויס, וואָס פאַרא קונצן קומען דאָרט פאָר לעבן סיפּונאָוואָ.

אויך אָן דעם האַלט עס בא אונדז גאַנץ שמאָל... קימאַט אַלע וועגן, וואָס קרייצן זיך אין נאָוואָליאַנסקאָיע, זיינען פאַרכאַפּט פון סוינע. אויב ער וועט א וואָרף טאָן אהער א לויפנדיקע אָדער אין לאַסט־מאַשינעס די אינפאַנטעריע, וועט זיך דאָ אַלץ פּלוצלינג איבערקערן. מ'וועט אונדז א קלאַפּ טאָן אין רוקן, און קיין זאַך וועט ניט ראַטעווען מיינע קעמפּער, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט איבערן פעלד אין געיעג פון דער אַטאַקע.

כ'האָב אויפגעזוכט קראַיעוון און באַפוילן אים אָרויספירן די ראָטע פון דאָרף און איינגראָבן זיך קוועד איבערן פעלד, אַף דער ליניע, פונוואַנען מיר האָבן אָנגעהויבן די אַטאַקע. דערנאָך בין איך אַוועק אין שטאַב.

באַם ראַנד פון וואַלד, וואו עטוואָס טיפער האָט זיך געפונען דער שטאַב פון באַטאַליאָן, זיינען געשטאַנען פאַרבאָרגן צווישן די ביימער מיינע אַכט האַרמאַטן.

זיי האָבן זיך איבערגערוקט אַהער, ווי ס׳איז באַפוילן געוואָרן. די טונקעלע לופעס האָבן געקוקט אַפן וועג, וואָס האָט געפירט פון נאָוואָשטשורינאָ. איך האָב אַרויסגערופן דעם קאָמאַנדיר.

— האַלסט אַפן ציל דעם וועג?

— יאָ, כאָווער קאָמבאַט.

— אויב ס׳וועלן זיך באַווייזן די דייטשן, לאָז זיי דורך צו נאָוואָליאַנסקאָיע.

— דורכלאָזן?

— יאָ. דעם דאָרף זעסטו?

קעגנאיבער אונדז, אַ זיבן הונדערט מעטער ווייט, איז געלעגן די ברייטע גאַס פון דאָרף, באַצייכנט דורך די טונקעלע סילועטן פון די הייזער. פון דאָרט האָבן זיך איבערגעשריען די רויטאַרמייער, זוכנדיק אין גאַנג זייערע אָפּטיילונגען, פון דאָרט זיינען געגאַנגען די פעלאָטאָנען.

— איך זע.

— ציל אָן לענגזוים דער גאַס. זאָל דער סוינע אַריינגיין. דאַמאָלסט וועלן מיר אַ זעץ טאָן אין דירעקטן ציל, מיט שפּליטער־קוילן.

— רעכט, כאָווער קאָמבאַט.

ווידער האָבן זיך אויפגעהויבן ראַקעטן איבערן האָריזאָנט. די ערשטע איבער נאָוואָשטשורינאָ, די ענטפער־ראַקעטן — אַרום און אַרום. און ווידער האָבן קאָלירטע שנירלעך דורכגעשניטן דעם הימל ווייט איבערן וואַלד, דאָרטן, וואו ס׳איז סיפּונאָוואָ.

וואָס זאָל דאָס זיין? איך מוז וואָס שנעלער זיין אין שטאַב!

3.

איך בין אַריין אין שטאַב־בלינדאַזש. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט. צווישן די אַנדערע האָב איך באַמערקט איסלאַמקולאָוון.

אָבער עמעצער, ווייט פון לאָמפּ, אין ווינקל, איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט קיין זאַך אַרום ניט באַמערקט.

ער האָט געטראָגן ניט קיין „אושאַנקע" ווי מיר אַלע, נאָר אַ היטל פון שוץ־קאָליר מיט אַ מאַלינאָוון קאַנט.

— קאַפּיטאַן שילאָוו? איר?

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ברעג טיש און זיך אויפגעשטעלט. אויפגעהויבן די האַנט צום דאַשעק.

כ'געדענק מיין ערשטן איינדרוק: ווי שטאַרק ער ליידט, ווי ער האַלט איין דעם ווייטיק. וואָס איז מיט אים? איז ער פאַרוואונדעט? וואָס טוט ער דאָ?

— וואָס איז אייך, קאַפּיטאַן?

ער האָט ניט געענטפערט. איך האָב איבערגעפרעגט:

— וואָס איז אייך? וואָס איז מיטן באַטאַליאָן?

— דער באַטאַליאָן... — זיין מויל־ווינקל האָט עטלעכע מאָל אַ צוק געטאָן. שילאָוו האָט עפּעס אָראָפּגעשלונגען. דערנאָך האָט ער ארויסגערעדט: — דער באַטאַליאָן איז צעקלאַפּט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, וואַרטנדיק אויף פראַגעס. איך האָב דערזען זיינע אויגן... שווער אָנגעשפּאַרט אָן טיש, האָט ער ניט אָפּגעקערט זיין בליק.

וואָס איז פאַראַן וואָס צו פרעגן? „דער באַטאַליאָן איז צעקלאַפּט"... און דו? און דו, דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן — ביסט אַנטלאָפן? אָבער ניט איצט איז די צייט פאַר דעם, פאַר אַזעלכע פראַגעס.

„דער באַטאַליאָן איז צעקלאַפּט..." שילאָוו איז בא מיר אין בלינדאַזש, בא מיר אין שטאַב... הייסט עס?... הייסט עס, דער פראָנט איז דורכגעבראָכן אויף לינקס...

שילאָוו האָט זיך אַנידערגעזעצט, ווידער אַראָפּגעזונקען דעם קאָפּ.

— דערלויבט אָפּגעבן אַ באַריכט. — האָט געזאָגט ראַכימאָוו.

איך האָב געזאָגט:

— באַריכטעט.

4.

ראַכימאָוו האָט פונאַנדערגעלייגט די מאַפּע. איבערגעבנדיק דעם באַריכט, האָט ער אָנגעוויזן די טאָפּאָגראַפישע פונקטן. איך האָב מעכאַניש

נאָכגעפּאָגלט זיין פּינקטלעך פּארשניצטן בלייטשטיפט. מיט א רואיקער שטים האָט ער אָנגערופן די שאָ און די מינוט פונעם אומגליק.

און איך האָב שלעכט טויפעס געווען, שלעכט געהערט, ווי פונדער־ווייטנס איז צו מיר דערגאנגען: „אָן ארטילערישער צוגרייטונג האָט דער סוינע פלוצלינג אטאקירט דעם באטאליאָן פון קאפּיטאַן שילאָוו. נאָכדעם, דורכרייסנדיק זיך באַם דאָרף סיפונאָווא...״

איך האָב געוואוסט, וואָס ס'איז געווען נאָכדעם. ראַכימאָוו האָט פאַרגעזעצט. די דייטשישע קאָלאָנעס, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן פארנאַכט פון ביידע זייטן פון אונדזער ראיאָן, האָבן, ווייזט אויס, אין דער טיף זיך נאָך ניט צוזאמענגעשלאָסן, אונדזערע רייטער־אויסשפּירער, וואָס זיי־נען געשיקט געוואָרן אין רעטאגווארדיע, זיינען עטלעכע מאָל באשאָסן גע־וואָרן. אָבער אין עטלעכע דערפער זיינען די רייטער פון קיינעם ניט פארטשעפּעט געוואָרן: די דייטשן זיינען דורכגעגאנגען אָן א זייט. דורך אָט די דאָזיקע פונקטן, דורך דאָרפישע הינטער־וועגן, קען מען זיך דורכ־גליטשען. ראַכימאָוו האָט עס אָנגעוויזן אַף דער מאַפּע.

די פריערדיקע פארטיידיקונגס־ליניע, וואָס האָט אָפּגעצוימט מאָס־קווע, איז געווען אָפּגעריבן. א גומע האָט אָפּגעמעקט דעם בלייטשטיפט, אראָפּגענומען דעם גלאַנץ; אַף דער מאַפּע זיינען פארבליבן קוים קענטיקע שפּורן.

דער פראָנט פון באטאליאָן, וואָס איז אפסניי אָנגעמערקט געוואָרן אַף דער מאַפּע, איז געווען צונויפגעבויגן ווי א פּאָדקאָווע. ביידע עקן זיינען געווען אָפּגעהאַקט, ביידע האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן ליידיקייט. ניין, ניט אָן ליידיקייט. ס'זיינען געווען שכיינים. דער שאָכן רעכטס — זיינען געווען די דייטשן, דער שאָכן לינקס — זיינען געווען די דייטשן; פון הינטן, אין דער אומבאשיצטער רעטאגווארדיע, וואוהין ראַכימאָוו האָט ארויסגערוקט צוויי קוילנוואָרפערס און ארויסגעשיקט וואך־פּאָסטנס, — פון הינטן זיי־נען אויך געווען דייטשן.

לויט ראַכימאָווס האשאָרע האָבן די דייטשן מיט דער צוגעפּאַלענער פינצטערניש, פאַרענדיקט זייער שלאַכט־טאָג. אונדז איז געווען באקאנט זייער מאַניר: באנאַכט שלאָפן, באטאָג מילכאָמע־האַלטן. ס'איז ניט וואר־שיינלעך, אז ביז באגינען זאָלן זיי אונטערנעמען וועלכע ס'איז באוועגונ־גען. דער שמאָלער האַלדז־שעטעך, וואָס קען אונדז ארויספירן צו די איי־

גענע, וועט ביז באַגינען, ווייזט אויס, בלייבן ניט פֿאַרכאַפּט.

ראַכימאָוו האָט באַריכטעט רואיק, זאַכלעך, מיט ווייניק ווערטער. איך האָב עס זייער געשאַצט אין אים: די פּינקטלעכקייט פֿון אויסדרוק. ער איז געווען פּינקטלעך אַפֿילו אין דעם, וואָס ער האָט ניט געוואוסט; וועגן דעם פֿלעגט ער טאַקע אַזוי זאָגן: איך ווייס ניט. ער האָט ניט געוואוסט ווי גרויס זיינען די קויכעס פֿון סוינע, וואָס האָט זיך אדורכגעריסן אין צוויי ערטער; ער האָט ניט געוואוסט, וואו עס איז דער שטאַב פֿון פּאָלק, צי איז ער ניט פֿאַרכאַפּט, צי איז ער ניט אומגעקומען; ער האָט ניט געוואוסט, וואוהין ציען זיך אונדזערע טיילן, אָבער ער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז אַהין, צו אונדזערע, איז פֿאַראַן אַ שפּעלטל.

די פֿרעווענטיווע פֿאַראָרדענונגען האָט ער געמאַכט אָן מיר. די אַמוניציע, פּראָדוקטן, אינזשעניערן־מאַטעריאַל, דער מעדפּונקט — אַלץ איז געווען אויף רעדער, די פֿערד געשפּאַנט.

אין קריטישן מאָמענט האָט ער געהאַנדלט שנעל און קלוג; זיין באַריכט האָט ער דערלאַנגט אָן קיין שום צערודערטן זשעסט, אָן קיין נערוועזן טאָן אין דער שטים.

און איך האָב געשוויגן.

5.

איך האָב געדאַרפֿט אַרויסזאָגן „יאָ“, און דער באַטאַליאָן, אַ באַוועגונגס־גרייטער, וואָלט זיך געלאָזן אין גאַנג, קעדיי זיך אַרויסגליטשן פֿון דער כאַיעס פּיסק. אָבער איך האָב געשוויגן.

איר דאַרפֿט מיך פֿאַרשטיין. מיט צוויי שאָ צוריק האָט מיט מיר גערעדט טעלעפֿאָניש דער קאָמאַנדיר פֿון פּאָלק, מאַיאָר יעלין. איך האָב גערעדט דעם שמועס בוכשטעבלעך, כ'האָב געדענקט אַלע איילִיקע אָפּגעהאַקטע פֿראַזן: „מאַמיש־אולי, דו? שפּעט. שטעל אָפּ. דער סוינע האָט זיך דורכגעריסן. איין קאָלאָנע גייט צום שטאַב פֿון פּאָלק. איך צי זיך צוריק. די צווייטע, אין אַן אומבאַקאַנטער צאָל, באַוועגט זיך צו דיר, אין פֿלאַנק. פֿאַרבייג דעם פֿלאַנק! האַלט זיך! דערנאָך...“ און ווי אַ ביימצוואַנג האָט איבערגעהאַקט די שטים. די פֿאַרבינדונג האָט זיך איבערגעריסן.

„דערנאָך"... וואָס דערנאָך? צי זיך צוריק?

ס'איז אַ כאַרפּע צו מוידע זיין זיך, נאָר ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען כ'האָב זיך געוואָלט אונטערגעבן אַ נידעריקער זעלבסטנאַרעריי. איך האָב זיך געוואָלט איינריידן, איינשמועסן: „האָסט דאָך געהערט די ווייטערדיקע ווערטער, ניט דעם גאַנצן זאַץ, נאָר דאָס ערשטע וואָרט: „דערנאָך צי ז..."

ס'אַ ליגן! מאַך ניט קיין הינטישע שטיק לעגאַבע דיין געוויסן! האָסט געהערט אָדער ניט? האָסט באַקומען פון דיין עלטערן שעף אַ באַפעל צו־ריקציען זיך אָדער האָסט אַזאַ באַפעל ניט באַקומען?

ראַכימאָוו האָט געוואָרט. איך האָב געדאַרפט זאָגן „יאָ", און דער באַוועגונגס־גרייטער באַטאַליאָן וואָלט זיך געלאָזן אין גאַנג, קעדיי אַרויס־גליטשן זיך פון דער כאַיעם פּיסק. אָבער איך האָב געשוויגן. איך האָב ניט געהאַט קיין באַפעל.

האָט מאַיאָר יעלין געקענט זאָגן: „צי זיך צוריק"? יאָ. ער האָט דאָך געמאָלדן: „איך צי זיך צוריק". אָבער ער האָט געקענט אויך ניט זאָגן. מיט צוויי שאָ צוריק איז די לאַגע געווען אַנדערש. לינקס פון אונדז איז דער פראָנט ניט געווען צעריבן, ניט געווען דאָרט קיין דורכברוך.

און איצט? וואו איז ער איצט, דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק? „איך צי זיך צוריק" וואוהין? די פאַרבינדונג איז איבערגעריסן געוואָרן פריער ווי ער האָט באַוויזן צו זאָגן — וואוהין, אין וועלכער ריכטונג, דורך וועלכן וועג, צי איינגאַנצן אָן אַ וועג האָט זיך צוריקגעצויגן דער קימאַט אומבאַ־שיצטער שטאַב. בּאַם קאָמאַנדיר פון פּאָלק איז ניט געבליבן קיין רעזערוו; דאָרטן, בּאַם שטאַב איז פאַראַן איין קוילנוואַרפער; דאָרט איז פאַראַן צוזאַמען מיט די שטאַב־קאָמאַנדירן סאַכאַקל דרייסיק־פערציק מאַן. לעבן זיי? עפשער שלאָגן זיי זיך דורך, פאַרזיכטיקע און אָנגעשפּיצטע, דורכן וואַלד? אָדער זיי האָבן אָפּגעשפּרונגען אויף רעכטס, צו די באַטאַליאָנען, וואָס זיינען געבליבן אויף יענער זייט קראַסנאַיאַ גאָראַ?

ווייסט ער, דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק, אַז אונדזער באַטאַליאָן איז אין אַ זאַק? ער וואָלט געווים צוואַנציק מאָל באַפוילן, ווען ער וואָלט גע־קענט: „נוץ אויס די פינצטערניש, צי זיך צוריק, און צום פרימאָרגן שפרינג אַרויס פון אונטער דער ערד אַנטקעגן סוינע אויף אַ נייער ליניע!"

אָבער קיין פאַרבינדונג איז ניטאָ. מיר זיינען אָפּגעשניטן.

ראַכימאָוו וואַרט. הינטער די ווענט פון בלינדאַזש, אויסגעלייגט אין אַ פּאַדקאָווע, וואַרט דער באַטאַליאָן.

און איך שווייג. איך האָב ניט קיין באַפעל.

דער טעלעפאָניסט האָט געזאָגט:

— כאַווער קאָמבאַט, איך...

— ווער?

— לייטענאַנט קראַיעוו.

איך האָב גענומען דאָס טרייבל. ס'האָט זיך ניט געוואָלט מיט קיינעם ריידן: די נעשאָמע און דעם קערפּער האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעקלעכע אַפּאַטיע.

קראַיעוו האָט געמאָלדן, אַז אין נאָוואָליאַנסקאַיע, וואָס איז פון אונדז אָפּגעריייניקט געוואָרן, איז צוריק אַריין דער סוינע. לויט די ידיעס פון די אויסשפּירער זיינען אַריין בערצן לאַסט־אויטאָס מיט אינפאַנטעריע.

— פונוואַנען? דורך וועלכן וועג?

— פון נאָוואָשטשורינאָ.

ווייזט אויס, אין נאָוואָשטשורינאָ איז בײַם סוינע געווען דער זאַמל־פּונקט.

עמעצער איז אַריינגעקומען. אַן אַנדערשמאָל וואָלט איך זיך טייקעף אומגעקוקט... און איצט האָט זיך ניט געוואָלט דעם קאָפּ אַ דריי טאָן, עמעצן זען, עפּעס אויסהערן, עפּעס ענטפערן. האַלטנדיק דאָס טרייבל, האָב איך אַ בורטשע געטאָן:

— צו ראַכימאָוון...

קראַיעוו האָט איבערגעגעבן איינצלהייטן.

— זיי זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבערן דאָרף. אָנגעצונדן ליכט אין די הייזער. די פענצטער מאַסקירן זיי ניט. עטלעכע לאַסט־מאַשינעס זיינען אוועק צום טייך, דאַכט זיך, מיט פּאָנטאָנען.

שוין־זשע וועלן זיי שוין היינט אָפּן אָרט פון דער אויפגעריסענער בריק האָבן אַ נייע? קומט אויס, זי איז ניט שטיין געבליבן אַף באַנאַכט, זי מאַכט באַוועגונגען, די דייטשישע מילכאָמע־מאַשין.

— אונדז זעען זיי ניט? — האָב איך געפרעגט.

— ניין... אָבער פון אונדזער זייט האָבן זיי זיך געדעקט מיט אַ וואַך.

געווים אויך קוילנוואַרפערס ערגעץ־וואו אוועקגעשטעלט. ביז באַגינען, קאַ־ווער קאָמבאַט, גלויב איך, וועלן זיי זיך ניט רוקן.

ווי שטענדיק, האָט קראַיעוו גערעדט ווי אַ פּאַרסאָפּעטער. ער איז שטיל געבליבן און אין טרייבל האָט זיך געהערט זיין אָטעמען. קראַיעוו האָט אויך עפּעס געוואַרט פון מיר, געוואָלט הערן מיין וואָרט.

אָבער וואָס האָב איך געקענט, וואָס האָב איך גערדאַרפט אים זאָגן?

7.

איך האָב געזאָגט:

— גוט.

און אוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

אין ווינקל איז געזעסן שילאָוו, ניט גערירט זיך, ניט געביטן זיין פּאָזע. נאָנט פון לאָמפּ איז געשטאַנען אַ קאָנצענטרירטער אין זיך און ערנסטער איסלאַמקולאָוו.

— וואו איז ראַכימאָוו? — האָב איך געפרעגט.

— אַרוים צו די אויסשפּירער. זיי האָבן געבראַכט אַ מעלדונג...

— וואָס איז דאָרט נאָך עפּעס?

— כ׳ווייס ניט. זעט אויס, גאָרניט אויסערגעוויינלעכס.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף איסלאַמקולאָוון מיט אַ לאַנגן, ניט־פריילעכן בליק. עס האָט זיך געגלוסט אַ פרעג צו טאָן: „פאַרשטייסטו מיך, מיין פריינט?" די שוואַרצע אויגן, אָנגעשפּיצטע, מעיושעוודיקע, האָבן געענט־פערט: „איך פאַרשטיי".

איסלאַמקולאָוו האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך גלויב, מיר׳ן זיך אַרויסבאַקומען, באַורדזשאַן...

און האָט אַ שמייכל געטאָן. ניין, ער האָט ניט פאַרשטאַנען.

איך האָב גראָב געענטפערט:

— זייט אַזוי גוט און לאָזט איבער אייער מיינונג פאַר זיך. איך האָב ניט צונויפגערופן, כאַווער לייטענאַנט, און כ׳האָב ניט בעדייע צונויפצו־רופן אַ קריגסראַט.

ער האָט זיך אויסגעצויגן.

— מיין שולד, כאַווער אויבער־לייטענאַנט... דערלויבט אוועקגיין?

אָבער שולדיק איז געווען ניט ער, נאָר איך. כ'האָב זיך אונטערגעגעבן א שוואכקייט, מיט מיין בליק האָב איך אַרויסגעוויזן פארלוירנקייט, מיטן בליק געבעטן: „העלף". ביסט באַליידיקט, איסלאמקולאָוו, אָבער איך האָב אָנגעשריען אַף זיך.

— זעץ זיך, — האָב איך שאַלעם־מאכנדיק געזאָגט.

8.

פאראן אַן אַלט קאזאכיש שפריכוואָרט: ערע איז שטאַרקער פון טויט. מיט דריי כאדאָשים צוריק, אין דער סטאַניצע טאַלגאַר, בא אַלמאַ־אַטאַ, אין א הייסן יולי־טאָג האָב איך געהאַלטן די ערשטע רעדע פארן באטאַליאָן, פאר עטלעכע הונדערט מענטשן, נאָך געקליידטע אין ציוויל, פאר די וואָס ליגן איצט מיט די ביקסן אַף דער געפרוירענער מאָסקווער ערד. דאמאָלסט האָב איך זיי געבראַכט אָט דאָס שפריכוואָרט, אָט דעם געבאָט פון א סאָלדאַט.

און טאַקע דאָרטן, אין אַלמאַ־אַטא, האָט איינמאָל באנאכט גערעדט מיט מיר פאנפילאָוו. אינעם גרויסן געמויערטן הויז, אינעם שטאַב פון דער דיוויזיע, זיינען אַלע, בוץ די דיזשורנע, געשלאָפן. אָבער פאנפילאָוו איז אויך ניט געשלאָפן. אין יענער שפּעטער שאָ, א מידער, אָן דעם גענעראַל־ראַנג, אין א ווייסן העמדל, מיט א האַנטוך אַפן אָרעם, האָט ער פארקוקט אין דיזשור־צימער. איך בין געווען דיזשורנע: „זעצט זיך, כאַווער מאָמיש־אולי, זעצט זיך..." ער האָט זיך אויך צוגעזעצט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אומפארגעסלעכער פאר מיר שמועס. נאָך עטלעכע פראַגעס האָט פאנפילאָוו פארטראכטערהייט געזאָגט: „יאָ, כאַווער מאָמיש־אולי, ס'וועט אייך ניט לייכט זיין אָנצופירן מיטן באַטאַליאָן". דאָס האָט אָנגערירט מיין אייגנ־ליבע. איך האָב ארויסגעשאָסן: „אָבער כ'וועל קענען שטאַרבן מיט ערע, כאַווער גענעראַל". — „צוזאַמען מיטן באַטאַליאָן?" — „צוזאַמען מיטן באַטאַליאָן". ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. „א דאַנק פאר אַזא קאָמאַנ־דיר. ווי לייכט איר זאָגט עס: כ'וועל שטאַרבן צוזאַמען מיטן באַטאַליאָן. אין באַטאַליאָן, כאַווער מאָמיש־אולי, זיינען זיבן הונדערט מענטשן. באַ־וויזט־זשע אויפצונעמען צען שלאַכטן, צוואַנציק, דרייסיק שלאַכטן און

אויפהיטן דעם באטאליאָן. אָט פאַר וואָס דער סאָלדאט וועט אייך זאָגן א דאנק!".

און די לעצטע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט פון אים מיט עטלעכע מעג צוריק, וואָס האָבן געקלונגען ווי א געבאָט, ווערטער, וואָס זיינען גע־זאָגט געוואָרן בא דער צעשיידונג, זיינען אויך געווען וועגן דעם זעלבן: „שאנעוועט דעם סאָלדאט. קיין אנדער מיליטער, קיין אנדערע סאָלדאטן האָבן מיר ניט דאָ, הינטער מאָסקווע. פארלירן מיט אָט די, האָבן מיר ניט מיט וואָס צו פארהאלטן דעם דייטש".

צוליב וואָס־זשע זיך פייניקן? ראכימאָוו האָט אַלץ צוגעגרייט. די מאסאָעם זיינען אַף די פורן. איך דארף א זאָג טאָן: „זאָל זיין אזוי!" און דער באטאליאָן וועט זיך לאָזן אין גאנג, דער באטאליאָן וועט ווערן אויפ־געהיט.

איך האָב ניט קיין באפעל, ניטאָ קיין ראדיאָ־פארבינדונג. אָבער אין אזא מאָמענט, ווען דער פראָנט איז צעריבן און צעבראָקלט, ווען די דייטשן גייען אין צוויי קאָלאָנעס צו וואָלאָקאָלאַמסק, פארכאַפנדיק די וועגן, אי־בערשניידנדיק די טעלעפאָן־ליניעס, ברעכנדיק די אָנפירונג, מעג איך דען, האָב איך דען רעכט צו דערוואַרטן, אז ס'וועט אריינקומען א פארבינדונגס־אָפיציר און דערלאנגען א באפעל?

און אויב ער האָט ניט געטראָפן דעם וועג? אויב ער האָט אומעטום באגעגנט דייטשן? אויב ער איז טויט? אויב ער האָט פארבלאָנדזשעט, דורכשלאָגנדיק זיך אָן א וועג?

מיר האָט זיך קעסיידער אויסגעדוכט: דורך דער נאכט דערגייט צו מיר, קלאָפט מיר אין מויעך פאנפילאָווס רוף. איך האָב זיך ניט געקענט באפרייען פון געפיל, אז איך הער, אָדער בעסער געזאָגט, איך נעם אויף, כאַפּ אויף, ווי פונוויטן רופט ער מיך, רעדט צו מיר: „גיי ארויס! פיר ארויס דעם באטאליאָן! איר זיינט נייטיק אַף צודעקן, וואָס גיכער צודעקן מאָסקווע! שנעלער פיר ארויס!".

איך האָב געזען, ווי פריידיק ער באגעגנט אונדז, דריקט מיין האנט, פרעגט: „גאנץ דער באטאליאָן?" — „יאָ, — כאָווער גענעראַל!" — „די הארמאטן, די קוילנוואַרפערס?" — „מיט אונדז, כאָווער גענעראַל..."

גיין, צום טייוול אָט די וויזיעס! איך האָב זיך באמיט פארשטיקן, אָפּטרייבן אָט די שטים, דעם רוף. צום טייוול! דאָס איז מיסטיק, איינרע־

דעניש. אַ קאָמאַנדיר האָט ניט קיין רעכט אונטערגעבן זיך מיסטעריעזע שעפּטשענישן. ס'איז אים געגעבן געוואָרן סייכל.

„מיט סייכל דאַרף מען קעמפן", האָט געזאָגט פּאַנפּילאָוו.

.9

עס האָט זיך מיר דערמאָנט יעדער וואָרט, וואָס פּאַנפּילאָוו האָט געזאָגט בעיים אונדזער לעצטער באַגעגעניש.

„...דעם סוינע וועלן מיר מיט אונדזער קייטעלע ניט פאַרהאַלטן".

„...זייט גרייט שנעל צוזאַמענגעמען זיך, שנעל זיך אַריבערוואַרפן".

„...מאַנעווורירן אַזוי, אַז אומעטום, וואו דער סוינע וועט זיך דורכרייסן, זאָל ער אָף די וועגן אָנטרעפן אונדזער מיליטער".

ס'האָט זיך דערמאָנט פּאַנפּילאָווס ספּיראַל.

בעיים דער באַגעגעניש באַם קאַפּיטאַן שילאָוו האָט פּאַנפּילאָוו מיך אַריינגעפירט אין דעם קרייז פון זיינע געדאַנקען. ער האָט געוואָלט, אַז איך, דער קאָמבאַט, זאָל זיך קלאָר־מאַכן דעם אָפּעראַטיוון פּלאַן פון דעם דיוויזיע־קאָמאַנדיר. ער האָט געוואָלט, אַז אין די קעסיידער זיך בייטנדיקע אומשטאַנדן, צווישן די אויפטרייסלונגען און שטויסן פון דער שלאַכט, זאָל איך האַנדלען מיט סייכל, זאָל איך פאַרשטיין, טרעפן, — דאָ איז פּאַסיק דאָס וואָרט, — דאָס וואָס עס דערוואַרט פון מיר דער, וואָס פירט אָן מיט דער שלאַכט.

דאָס איז ניט קיין מיסטעריעזער רוף, ניט קיין מאַיסע־סאָטן, ניט קיין איינרעדעניש.

וואָס־זשע צי איך אָפּ? גענוג צו קווענקלען זיך. מ'דאַרף אָפּטרייסלען פון זיך די פאַרשאָלטענע צעפלאָסנקייט. מען וואַרט אָף מיין וואָרט. מ'דאַרף באַשליסן. מ'דאַרף קאָמאַנדעווען.

.10

ראַכימאָוו איז צוריקגעקומען.

— וואָס איז דאָרטן?

— אַ קליינע אומאָנגענעמלעכקייט. דאַלגאַרוקאָווקאַ איז פאַרנומען פון סוינע.

— דאַלגאַרוקאָווקאַ?

— יאָ... אפן וועג, וועלכער איז געווען פריי. ס׳איז אריין, ווי ס׳איז געמאָלדן געוואָרן, אַן אומבאַדייטנדיקע גרופּע, אַ מאַן פערציק, אַ פּעלאָטאָן.

ראַכימאָוו האָט אָנגעוויזן דאַלגאַרוקאָווקאַ אַף דער מאַפּע. אין דעם שמאָלן זיגזאַגיקן דורכגאַנג, וואָס איז שוואַך אָנגעמערקט מיט אַ רויטן פּונקטיר, האָט ער איין אויסבייג אַרומגעפירט מיטן בלאָען בליישטיפט. דאָס העלדזל איז געוואָרן פאַרשטאָפּט.

אַזוי... דער סוינע פאַרלירט ניט קיין צייט. די באַוועגונג גייט ווייטער. זי איז ניט שטיל געבליבן אַף באַנאַכט, זי מאַכט באַוועגונגען, די דייטשישע מילכאָמע־מאַשין.

— איך האָב זיך דורכגעשמועסט מיט די אויסשפּירער, — האָט פאַרגעזעצט ראַכימאָוו. — דערלויבט אַרויסזאָגן מיינע באַטראַכטונגען.

— ווייזט אַהער.

ראַכימאָוו האָט געזאָגט, אַז דער כאַראַקטער פון דער געגנט גיט אַ מעגלעכקייט צו האַנדלען אַף צווייערליי אויפאַנים. מ׳קען, ניט דערגייענדיק אַנדערהאַלבן קילאָמעטער ביז דאַלגאַרוקאָווקאַ, פאַרבייגן אין פעלד און דורך דעם ליידיקן שעטעך צווישן צוויי אינדזלען וואַלד, וואו ס׳איז ניטאָ ניט קיין פאַרטיפונגען, ניט קיין פּעניעס, וואו צוזאַמען מיט די מענטשן וועלן לייכט אַדורכגיין אויך די פורן און האַרמאַטן, אויסמיידן דעם דאָרף. דורכמאַכנדיק אָט דעם אויסבייג, אַרויסגיין דערנאָך צוריק אַפן וועג. מ׳קען, פאַרשטייט זיך, אויך פאַרניכטן די גרופּירונג אין דאַלגאַרוקאָווקאַ, אָבער דאָס וועט וואַרשיינלעך ניט געלינגען צו מאַכן אָן אַ טומל.

— ווער האָט דאָרט אויסגעפאָרשט די געגנט? — האָב איך געפרעגט.

— גיט אים טייקעף אַהער.

ראַכימאָוו האָט אויפגעעפנט די טיר, עמעצן אַ רוף געטאָן. אין בלינדאַזש איז אייליק אַריין לייטענאַנט ברודני.

.11

לייטענאַנט ברודני! אַט דער זעלבער, אַף וועמען איך האָב מיט עט־לעכע טעג צוריק אַ געשריי געטאָן: „פּאַכדן! דו האָסט אָפּגעגעבן מאָס־קווע!" דער זעלבער, וואָס, אַן אַרויסגעטריבענער פון באַטאַליאָן, איז ער אַוועק צוריק צום סוינע און אַף צומאָרגנס געבראַכט דאָס געווער און דאָ־קומענטן פון צוויי דייטשן, וועלכע ער האָט דערשטאָכן, און אַוועקגעלייגט עס פאַר מיר, ווי זיין פאַרלוירענע ערע. איך האָב אים באַשטימט, ווי איר געדענקט עפּשער, אַלס געהילף־קאָמאַנדיר פון אויסשפּיר־פּעלאָטאָן.

אַ שאַרף־אויגיקער, לוסטיקער און פאַרוויטלטער האָט ער געוואָרט אַף מיינע פראַגעס.

און איך האָב געקוקט אַף אים אַ דערשיטערטער. אַף אים, אַף אים האָב איך עס געשריען: „פּאַכדן! דו האָסט אָפּגעגעבן מאָסקווע!" איז אָט וואָס ס'איז, אָט וואָס ס'געשעט, ווען מען טרעט אָפּ אָן אַ באַפעל. אַז אַלץ — סיי די אַלערליי וויזיעס, סיי דער היפּנאָטיזירנדיקער רוף, סיי די ראַ־יוינעס וועגן די סאָלדאַטן, סיי די לאָגישע באַטראַכטונגען, — אַלץ פירט צו איינעם, אַלץ הייסט: טרעט אָפּ!

אַזוי איז עס! הייסט עס, אַלע מיינע ראַיוינעס ציען מיך אַהין טאַקע, הייסט עס — זיי שטייען צו דינסט דער שרעק.

קיין באַפעל צו אָפּטרעטן איז ניטאָ, איז צום טייוול אַלע באַטראַכ־טונגען! ניין, כ'בין ניט גערעכט! האָט דאָך אונדז פּאַנפילאָוו ניט איין מאָל איבערגעכאַזערט, אַז שטענדיק, אין אַלע אומשטאַנדן, איז דער קאָ־מאַנדיר מעכויעוו צו טראַכטן!

איך האָב געפּרוּווט פאָרשטעלן זיך די לאַגע פון דער דיוויזיע נאָכן דורכברוך, פאָרשטעלן זיך פּאַנפילאָווס האַנדלונג, זיין פאַרטיידיקונגס־פּלאַן. „ניט די ליניע איז וויכטיק, וויכטיק איז דער וועג", — האָט ער מיר ניט לאַנג דערקלערט. דער וועג, וואָס פירט דורך נאָוואָליאַנסקאָיע איז אָי־בערגעגעבן געוואָרן אונדז, מיין באַטאַליאָן. פּאַנפילאָוו קען אונדז, קען מיך. ס'קען זיין, פּונקט אין דער מינוט טראַכט ער: מאַמיש־אולים באַטאַ־ליאָן וועט ניט אָפּטרעטן דעם וועג, וועט ניט אַוועקגיין אָן אַ באַפעל. מעג־לעך דאָס גייט איצט אַריין אין זיינע כעשבוינעס, ווען מאַנעווּרירנדיק מיט

קליינע קויכעס, צעשטעלט ער די דעקונגען, ווארפט איבער די טיילן, קעריי צו צונויפשליסן דעם פראָנט אין דער טיף.

נו, און אויב ס'איז ניט אזוי? אויב פאנפילאָוו פעלט אוים מיליטער, אַף צו דעקן דעם דורכברוך? אויב ער דאַרף נייטיק, אומבאַדינגט נייטיק אונדזער באַטאַליאָן? אויב ער האָט ארויסגעשיקט א באַפעל וועגן ריקצוג און דער פארבינדונגס־אָפיציר האָט זיך ניט געקענט דערשלאָגן צו אונדז? כ'וויים ניט. כ'וויל וועגן דעם ניט טראַכטן. קיין באַפעל איז ניטאָ, — פּאַרטיק!

איך האָב מיט קיין זאַך ניט אַרויסגעוויזן די וואַקלעניש, וואָס האָבן מיך געטרייסלט מיט א מינוט צוריק. די וואַקלענישן פון קאָמבאַט ווייסט נאָר ער איינער. אין באַטאַליאָן איז ער דער איינציקער דייע־זאָגער. ער באַשליסט און דיקטירט באַפעלן. איך האָב באַשלאָסן.

12.

— נו, ברודני, — האָב איך געזאָגט, — ביסט גרייט זיך לאָזן אין וועג אריין? אויסגעפאָרשט די דורכגענג?

ער האָט מיט ברען געענטפערט:

— בא מיר איז עס, כאַווער קאָמבאַט, ווי א האָר פון מילך... כ'וועל דורכפירן און ארויספירן... פאַרביי דאַלגאָרוקאָווקאַ וועלן מיר פולשטענדיק דורכגיין.

קאַפּיטאַן שילאָוו האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. א געוויסע צייט איז ער שוין געזעסן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך צוגעהערט.

— כאַווער אויבערלייטענאַנט... מיט מיר זיינען דאָ עטלעכע מיינע קעמפער, זיי בעטן אייך אויסנוצן זיי אין דער גרופּע, וועלכע וועט גיין פאָרויס, ווען דער באַטאַליאָן וועט זיך נעמען אַדורכשלאָגן.

ער האָט ווידער גערעדט קאַרג און, אָפּזאָגנדיק די עטלעכע ווערטער, האָט ער פעסט צונויפגעדריקט די ליפּן, ווי ער וואָלט וועלן איינהאַלטן די רייד, וואָס זיינען גרייט בא אים אַרויסרייסן זיך. מיט קיין איין וואָרט האָט שילאָוו ניט געפּרוּווט זיך פאַרענטפערן.

מיין ענטפער איז געווען קורץ:

— איך וועל זיך ניט אַדורכשלאָגן. איך האָב ניט קיין באַפעל.

אַלע האָבן געשוויגן, ווי ס'איז איינגעשטעלט געווען צו שווייגן, ווען דער קאָמאַנדיר מעלדעט זיין באַשלוס.

מיט איין פראַזע האָב איך אויסגעשטראָכן אַלע ראַכימאָווס פּאַראָרדע־נונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אָן מיר, אָבער זיין טרוקן רואיק פּאָנעם האָט ניט אויסגעדריקט גאָרניט, אַבוך אויפמערקזאַמקייט. עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ, איז ער געשטאַנען גרייט, ווי שטענדיק, צו אויסהערן, באַנעמען און אויספירן.

איך האָב פאָרגעזעצט:

— איך וועל קעמפן אין דער אַרומרינגלונג...

דער סטאַטוט פון דער רויטער אַרמיי, ווי איך האָב אייך שוין גע־זאָגט, שרייבט פאַר דעם קאָמאַנדיר צו זאָגן וועגן זיין טייל „איך". דער „איך" פון קאָמאַנדיר — דאָס זיינען זיינע סאָלדאַטן. זיי, זיי וועלן קעמפן אין דער אַרומרינגלונג.

— אייך, לייטענאַנט ברודני, וועט אויסקומען הייַנטיקע נאַכט אַ וואַנדער טאָן צווישן די דייטשן. איר וועט זיך אָוועקלאָזן זאַלבענאַנד מיט קורבאַטאָוון.

אויף דער מאַפּע האָב איך אָנגעוויזן אַ צען־צוועלף באַפּעלקערטע פּונקטן, וואו לויט דער האַשאָרע האָט זיך געקענט איינשטעלן דער שטאַב פון פּאָלק.

— אויב אין דעם דאָרף זיינען די דייטשן, דערלאַנגט זיך צום צווייטן. אויב אויך דאָרטן זיינען דייטשן, גייט ווייטער. די אויפגאַבע: ניט אָרונ־טערוקן זיך אונטער קיין קויל. זוכט אויף דעם שטאַב פון פּאָלק, באַריכ־טעט וועגן דער לאַגע און קערט זיך אום צוריק מיט אַ באַפעל.

— רעכט, כאַווער קאָמבאַט.

ער איז אַוועק.

קאַפּיטאַן שילאָוו איז צוגעגאַנגען צו דער מאַפּע.

— מיינע האַרמאַטן זיינען דאָרטן.

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אָנשטרענגונג.

— וואו? אויפגעריסענע?

— ניין... פאַרלאָזענע אין וואַלד...

ער האָט אָנגעמערקט מיטן בליישטיפט אויף דער מאַפּע.

— וויפל?

— זעקס שטיק... פיר הונדערט גראַנאַטן.

— הערט נאָר, קאַפּיטאַן, — האָב איך געזאָגט, — עפּשער לאָמיר פּרואוון זיי אַרויסשלעפּן פון דאָרטן? נעמט מיינע פערד. נעמט מענטשן. איר גייט?

שילאָוו האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן מיט אַ ווינקל פון מויל.

— ניין, כ'בין איצט ניט קיין גייער...

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אָפּגעבויגן די פּאָלע פון שינעל. איך האָב דערזען אַ צעטרעטענע הויז און צעשניטענע כאַלעווע. דער געשוואָלענער פוס איז געווען אַרומבאַנדאַזשירט. דורך דער מאַרלע האָט דורכגענעצט בלוט. מיט בלוט איז אויך געווען אָנגעזאַפּט די הויזן־שטאָף.

— איר זייט געווען אַפן מעדפּונקט? — האָב איך געפרעגט. — די ביין איז גאַנץ?

— דער טייוול ווייסט איר... די קעמפער האָבן פאַרבאַנדאַזשירט... די האַרמאַטן האָבן זיי אָוועקגעוואָרפן, — באַ שילאָוון האָט זיך לעסאָף אַרויסגעריסן אַ העפטיקע זידלעריי, — און מיך האָבן זיי אַרויסגעטראָגן...

ניט איינבייגנדיק אין קני דעם דורכגעשאָסענעם פוס, האָט ער שווער זיך אַוועקגעזעצט אַפן טאַבורעט.

— סינטשענקאָ! — האָב איך אַ געשריי געטאָן, — אַ טראָג־בעטל. שנעל!

שילאָוו האָט לאַנג געשוויגן, דערנאָך געזאָגט:

— אַט זעט איר, טראַכט וועגן באַטאַליאָן און קען ניט פעסטשטעלן, צי איז דער באַטאַליאָן געזעצמעסיק צעקלאַפּט געוואָרן. יאָ, די קעמפער זיינען געווען שלעכט אויסגעלערנט...

ער האָט ווידער זיך צעזידלט און, אַ קוק געבנדיק אויף מיר, מיט אומגעריכטער פעסטקייט צוגעגעבן:

— איר מיינט, אַלע זיינען זיך צעלאָפן ווי די שעפּסן? ניין, צוויי ראָטעס האָבן זיך מוטיק געשלאָגן... און זיי האָבן דאָך ניט פאַרלאָזן זייער קאָמאַנדיר, זיי...

און ער האָט ווידער צונויפגעפּרעסט די ליפּן, ניט דערזאָגנדיק.

צום בלינדאַזש האָט מען געבראַכט אַ טראָגבעטל. אָנגעלענט אָן סינטשענקאָן איז שילאָוו אַרויס.

.13

איסלאַמקולאָוו האָב איך באַפוילן אַרויספירן זיין פּעלאָטאָן, אויס־מיידנדיק דעם דאָרף דאָלגאָרוקאָווקאַ.

די דאָזיקע אָפּטיילונג האָט ניט געהערט צום באַטאַליאָן, און איך האָב ניט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו פאַרהאַלטן בא זיך פּערציק־פופציק מענטשן, ווייסנדיק, אַז פאַנפילאָוו שטרענגט זיך אָן מיט קליינע קויכעס צו פאַרשטאָפּן די ווענד פאַר דעם סוינע, און, מעגלעך, אין פאַנפילאָווס כעשבן גייט איצט אַריין יעדער אָפּטיילונג, יעדער פּעלאָטאָן.

איסלאַמקולאָוו האָט זיך פאַרויטלט און געפּרוּווט דיסקוטירן. פון אים האָט אַרויסגערעדט די דערהייבענע שטרעבונג צו טיילן אונדזער גורל. אָבער איך האָב ניט דערלויבט קיין ווידערשפּרעכן.

ראַכימאָוו האָט געפרעגט:

— מיר'ן זיך אַריינציען אין וואַלד? די פאַרטיידיקונג באַם ראַנד?

— יאָ.

ניט פונאַנדערפרעגנדיק מער גאָרניט, האָט ראַכימאָוו גענומען אַ פּאַפּיר, שנעל אָנגעוואָרפן די קאָנטורן פון וואַלד און גענומען אָפּצייכענען פאַר די ראָטעס די סעקטאָרן פון אַ קרייז־פאַרטיידיקונג.

צוזאַמען מיט איסלאַמקולאָוון בין איך אַרויס אין דרויסן.

ס'איז געווען פינצטער און שטיל. אין ערגעץ האָבן ניט געדונערט קיין האַרמאַטן; ס'האָט זיך ניט געהערט ניט קיין נאָענטע, ניט קיין ווייטע שלאַכט. איבער די שוואַרצע צווייגן זיינען געשטאַנען שטערן.

— גיי, — האָב איך געזאָגט, — דאָרטן ביסטו נייטיקער.

ער האָט אַרויסגערעדט אומאַנטשלאָסן:

— באַורדזשאַן...

שווייגנדיק האָב איך דערלויבט אין מאָמענט פון אָפּשייד צו רופן מיך אַזוי. ער האָט געזאָגט דרייסטער:

— באַורדזשאַן, אויב ס'איז בעעמעס אַזוי, אויב דאָרטן איז נייטיקער איין פּעלאָטאָן, איז אַ באַטאַליאָן... גיב נאָר אַ טראַכט...

— איך קען ניט, איסלאַמקולאָוו, כ'האָב קיין רעכט ניט און איך וועל ניט טראַכטן. גיי!

מיר האָבן זיך ניט צעקושט. בײַ אונדזער פּאָלק איז עס ניט אָנגענומען.

.14

ראַכימאָוו האָט אין עטלעכע מינוט פּאַרטיק געמאַכט אַ סכעמע: אונדזער אָפּגעזונדערטער וואַלד, — לויטן אָרטיקן אויסדרוק, — דער אינדזל; די נאָנטסטע באַפעלקערטע פּונקטן, די נאָנטסטע וואַלד־ראַנדן, די וועגן. די קאָנטורן פון אינדזל זיינען געווען צעטיילט אויף ראָטע־סעקטאָרן. אין צענטער איז געווען אָפּגעצייכנט דאָס הויז פון וואַלד־וועכטער, וואו ס׳האָט זיך איינגעשטעלט דער מערדפּונקט. דאָס הויז, ווי מיר האָבן געוואוסט, איז געווען גענוג גרויס און, מיט מיין האסקאָמע, האָט ראַכימאָוו דאָרטן אָנגעצייכנט אַ פענדל, — אַהין, אין צענטראַלן פּונקט, האָבן מיר איבערגעטראָגן דעם שטאַב פון באַטאַליאָן.

די סכעמע איז אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן גלייך אויף ריין, צום קאָפּירן אין פיר עקזעמפּלאַרן פאַר די ראָטע־קאָמאַנדירן. דערלאַנגענדיק מיר די סכעמע האָט ראַכימאָוו געזאָגט:

— באַנאַכט וועלן מיר זיך אומבאַמערקט איינגראָבן. מעגלעך, אַז אויך אינדערפרי וועלן זיי ניט באַמערקן.

עס האָט מיך אויפגעטרייסלט.

אַך, ראַכימאָוו! עפּעס האָט אים געפעלט, קעדיי צו זיין ניט נאָר אַ שעף פון שטאַב, נאָר אויך אַ קאָמאַנדיר.

— טעלעפאָניסט, — האָב איך געזאָגט, — רופט אַרויס די באַטעריייע.

— רעכט, כאַווער קאָמבאַט... רעדט, כאַווער קאָמבאַט. באַם טעלעפאָן איז דער קאָמאַנדיר פון דער באַטאַרייע.

איך האָב גענומען דאָס טרייבל.

— איר גיט אַכטונג אויפן סוינע? די דייטשן זיינען אין דאָרף?

— יאָ, כאַווער קאָמבאַט. דורכגעלאָזן זיי, ווי איר האָט באַפוילן.

— וואָס טוען זיי?

— אויפן טייך, בײַ שייטערס סטראָיען זיי די בריק. אַנדערע זיינען אין די הייזער אָדער לעבן די אויטאָס אויפן גאַס.

— די הארמאטן זיינען אנגעצילט?

— אָנגעצילט.

— דערלאַנג אין דירעקטן ציל, אין זאַלפּן, פּערציק גראַנאַטן, זיי זאָלן וואַיען.

— רעכט, כּאָוועך קאַמבאַט, — פּערציק גראַנאַטן, אין זאַלפּן.

אין אַ מינוט אַרום האָט דער ערד־מאַסיוו דערטראָגן צו אונדזער אונ־טערערדישער וואוינונג דעם טרייסל פון הארמאטן־זאַלפּ.

איך האָב ניט געוואָלט, מען זאָל אונדז ניט באַמערקן.

מיט דעם הארמאטן־דונער, וואָס האָט פּלוצלינג אַ זעץ געטאָן איבער די איינגעשטילטע פעלדער און וווּ זיך צעקייקלט אין דער פינצטערניש, האָב איך אָנגעזאָגט: מיר זיינען דאָ!

אטאַקירט אונדז! דרייט זיך אוים אַנטקעגן אונדז, קערעוועט אוים אַנטקעגן אונדז די אַרטילעריע און אינפאַנטעריע, קלאַפּט פון דער לופטן — מיר זיינען דאָ!

מיר האָבן פאַרלאָרן די פאַרבינדונג, ארייננעפאַלן אין קלעם, און ניט אוועק, האַגאַם ס'האָט שטאַרק געלאָקט דער לעצטער פרייער וועג, דער שמאָלער דורכגאַנג, וואָס מאָרגן וועט ער שוין ניט זיין.

ניט קעדיי צו אויסבאַהאַלטן זיך זיינען מיר דאָ געבליבן, ניט אוים־צובאַהאַלטן זיך, נאָר צוצושמידן צו זיך דעם סוינע, אָפּציען אָף זיך די קלעפּ, וועלכע זיינען צוגעגרייט פאַר יענע, וואָס אָף אַ נייער ליניע פאַר־שטעלן זיי מאָסקווע.

אונדזערע הארמאטן האָבן געקלאַפּט אָף אַ ציל פאַר די אויגן, די־רעקט, פון אַ מעהאַלעך פון זיבן הונדערט מעטער. יעדער זאַלפּ האָט גע־געבן צו וויסן: מיר זיינען ניט אוועק, מיר זיינען דאָ!

אין עפּעס אַ פּונקט, אַן אומבאַקאַנטן פאַר אונדז, הערט אונדז דער שטאַב פון פּאָלק. ערגעץ האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ איוואַן וואַסיליע־וויטש פּאַנפּילאָוו, אַ הייב געטאָן די ברעמען און פריידיק ארויסגעזאָגט: „אהא!“.

איך האָב ווידער ארויסגערופן צום טעלעפאָן דעם באַטערייע־קאָ־מאַנדיר:

— נו, ווי זיינען די האַנסן? זיי וואַיען? נאָך אַ זאַלפּ! איבער די הייזער!

און כ'בין ארויס פון בלינדאַזש.

נאָנט האָבן אַ דונער געטאָן די האַרמאַטן. אויפן הימל איז אַנטשטאַנען אַ ווייסער אָפּגלאַנץ. אָט אַזוי, נאָט אייך! נאָט אייך!

ווידער איז אין וואַלד פינצטער, ווידער אַ שטילקייט... און פּלוצלינג, ווי אַ פאַרזאַמטער עכאָ, האָבן, זיך דערקייקלט טויבע קלעפּ פון אַנדערע האַרמאַטן. כ'האָב אויסגעצויגן דעם האַלדז, דורשטיק זיך איינגעהערט. די האַרמאַטן האָבן זיך ווידער צערעדט. זיי האָבן געברומט אַ צען קילאָמעטער פונדאַנען רעכטס. פון הינטן, פון דער טיף, איז דערגאַנגען אַ זייער ווייטער אָבער דויערנדיקער מעכטיקער קלאַנג. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אין יענער זייט האָט עמעצער אַ ריר געטאָן די באַסאָווע סטרונעס, וואָס זיינען אומבאַמערקט אָנגעצויגן איבערן הימל. דאָס איז אַ „קאַטיושאַ"! מיט אַ הונדערט גלייכצייטיק ארויסגעלאָזענע גראַנאַטן, וואָס שאַפן פליענדיק אָט דעם געברום, זיינען ערגעץ ווייט־ווייט אָנגעטאַפּט געוואָרן אויף זייער נאַכט־לעגער די דייטשן.

דער געברום האָט זיך דורכגעקייקלט... און וואַלד איז ווידער שטיל, פינצטער...

אין הויז פֿון וואַלד־וועכטער

1.

אַ גרויס פֿאָדערהויז האָט צעטיילט אַף צווייען דאָס הויז פֿון וואַלד־וועכטער. אין איין העלפֿט האָט מען אַריבערגעטראָגן אַלע פֿאַרוואונדעטע; אין דער צווייטער, וואוהין מ׳האָט צוגעצויגן די פֿאַרבינדונג, האָבן זיך צונויפֿגעקליבן די קאָמאַנדירן און פּאָליטקאָמען, וועלכע איך האָב אַהער אַרויסגערופֿן.

איך האָב געזאָגט:

— הערט אויס מיין באַפֿעל: ערשטנס. דער באַטאַליאָן איז אַרומגערינגלט. מיין באַשלוס: קעמפֿן אין דער אַרומרינגלונג ביז ס׳וועט זיך באַקומען אַ באַפֿעל צו אָפּטרעטן. די סעקטאָרן פֿון דער קרייז־פֿאַרטיידיקונג זיינען אָנגעוויזן די ראָטע־קאָמאַנדירן. באַנאַכט אַרבעטן, אַז צום באַגינען זאָל יעדער קעמפֿער האָבן פֿאַרטיק אַ שוצגראָבן פֿון פֿולן פּראָפֿיל. צווייטנס. אין געפֿאַנגענשאַפֿט זיך ניט איבערגעבן, קיין געפֿאַנגענע ניט נעמען. אַלע קאָמאַנדירן גיב איך דאָס רעכט צו דערשיסן די פּאַכדאָנים אַפֿן אָרט. דריטנס. שאַנעווען די אַמוניציע. שיסן אין דער ווייט פֿון ביקסן און קוילנוואַרפֿערס פֿאַרבאָט איך. שיסן נאָר אַף זיכער. באַ די פֿאַרוואונדעטע און טויטע צונעמען דאָס געווער און קוילן. דאָס געווער פֿון די טויטע פֿאַרניכטן, די קוילן לאָזן אין גאַנג. שיסן ביז דער פֿאַרלעצטער קויל. די לעצטע פֿאַר זיך. פֿערטנס. די אַרטילעריע פֿירט אַ פֿייער אויסשליסלעך דירעקט, דעם לעבעדיקן ציל אין פּאָנעם. שיסן ביזן פֿאַרלעצטן גראַנאַט. מיטן לעצטן אויפֿרייסן דעם האַרמאַט. פֿינפֿטנס. איך באַפֿעל דאָס אַלץ צו מעלדן די קעמפֿער.

.2

קיין פראגעס זיינען ניט געווען. דעם פאליטקאם פון דער קוילנוואר־פער־ראטע באזשאנאוון האב איך געהייסן בלייבן. די אנדערע זיינען אוועק.

— באזשאנאוו, וואו זיינען דיינע אדלערס?

— דא, כאווער קאמבאט, לעבן שטאב.

— וויפל זיינען זיי?

— אכט.

דאס זיינען געווען עטלעכע פארבינדלער און בלאכאס מעטראליסטן, — דאס הייפל, וואס האט אין דער לעצטער שלאכט צוגעלאזן נאנט דעם סוינעס קייט און דערלאנגט א קינזשאל־פייער.

— וועסט זיך אוועקלאזן מיט אט דער קאמאנדע צו די דייטשן, — האב איך געזאגט.

דערנאך האב איך אויסגעלייגט די מאפע און אנגעוויזן דעם צייכן, וואס שילאוו האט געמאכט מיטן בליישטיפט.

דארטן, אין מיטן וואלד זיינען איבערגעלאזן געווארן די הארמאטן און קוילן. מ׳דארף פרואוון, האב איך דערקלערט, ארויסשלעפן עס באם סוינע פון אונטער דער נאז.

— נעם פערד, געשפאן, אנטרייבער. ארבעט כיטרע, שטיל...

— אקסאקאל, — האט מיט א שמייכל געזאגט באזשאנאוו.

— וואס?

— אקסאקאל, כ׳האב אייך געוואלט בעטן. זאלן אט די מענטשן טאקע זיין מיין אפטיילונג.

— וואס פארא אפטיילונג וועט עס זיין?

— דער רעזערוו פון באטאליאן־קאמאנדיר... אייערער, אקסאקאל.

— נו, קאמאנדיר פון רעזערוו, — האב איך געזאגט, — לאמיר ארויסגיין צו דיין כאיל.

.3

אין וואלד איז ארייַנגעדרונגען דאס אומקלארע לעוואנע־ליכט.

— האלט! ווער גייט?

— מורין, דו? — האָט אַלס ענטפער געפרעגט באַזשאַנאָוו.

— איך, כאַווער פּאַליטקאָם.

דאָס גאַנצע כאַיל באַזשאַנאָווס האָט פאַרנומען פּלאַץ אונטער איין יאָדלע־בוים. ענג צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, די פיס אונטערגע־צויגן, צוגעדעקט איבערן קאָפּ מיט די געצעלט־לייוונטן, זיינען די קעמ־פער געשלאָפן.

מורין האָט געהאַלטן וואַך.

לעבן דעם פּיראַמידל ביקסן האָט זיך געשוואַרצט אַ קוילנוואַרפער.

— מ׳דאַרף אויפהייבן די מענטשן, מורין — האָט געזאָגט באַזשאַנאָוו.

דעם גרויסן גאַליולין האָט דער שלאָף פאַרפּעטעטעט שטאַרקער ווי די אַנדערע. ער האָט זיך אונטערגעהויבן, זיך געזעצט און צוריק אַ פאַל געטאָן אָפּן ווייכן אונטערבעט פון די סכאַך־נאָדלען. מ׳האָט אים פונאַנדערגע־שטויסן.

— נעמען די ביקסן! אויסשטעלן זיך! — האָט שטיל אַ קאָמאַנדע געטאָן באַזשאַנאָוו.

געכאַפּט אַ קוק אויף דער קורצער שורע, האָט ער אַ שפּרייז געטאָן צו מיר און ראַפּאָרטירט.

— מעלדעט מיין באַפעל, — האָב איך געזאָגט.

— אָט, כאַווײַרים, — האָט אָנגעהויבן באַזשאַנאָוו, — דער באַטאַ־ליאָן איז אַרומגערינגלט.

דערנאָך, ווי פריער, ניט הייך, האָט ער אויסגעלייגט פונקט נאָך פונקט: איינשטעלן אַ קרייז־פאַרטיידיקונג, אין געפאַנגענשאַפט ניט אוי־בערגעבן זיך, שאַנעווען די אַמוניציע, שיסן נאָר אויף זיכער, שיסן ביז דער פאַרלעצטער קויל, די לעצטע פאַר זיך.

— די לעצטע פאַר זיך, — האָט ער לאַנגזאַם איבערגעכאַזערט. — ווילסט לעבן, שלאָג זיך אין טויט אַריין.

בא באַזשאַנאָוון פלעגן זיך אָפט שאַפן אַזעלכע אַפאָריזמען. אָט אַזוי, פאַרבייגייענדיק טוט ער אַ זאָג אַ וואָרט, און אין אים איז אַ פילאָזאָפיע, כאָכמע... איך האָב עס באַמערקט אין קריג ניט בא אים איינעם. דער עב־מער סאָלדאַט, בא וועמען אין דער מילכאָמע, אין שלאַכט מאָביליזירן זיך אַלע קעמערלעך פון מויעך, קען אַרויסזאָגן אַ קלוגן געדאַנק.

באזשאנאוו האט פארגעזעצט:

— מיר האבן הארמאטן, קוילנווארפערס, בא אונדז איז א קאמף־ברודערשאפט... פרואוו נאר, טרעט־צו...

איך האב געזאגט:

— דערקלערט, כאווער פאליטקאם, די אויפגאבע פון דער גרופע.

באזשאנאוו האט ניט־געאיילט דערקלערט, אז מ׳דארף גיין אין דייטשישן שטעטל נאך די הארמאטן, וואס זיינען איבערגעלאזן געווארן אין וואלד.

— איר קענט זיך פונאנדערגיין, — האב איך געזאגט, ווען ער האט געענדיקט. — גרייט זיך צו. קוקט איבער דאס געווער. נעמט צונויף די זאכן. אבער פריער קומט נאר אהער, מיינע פריינט.

זיי זיינען טייקעף צוגעשפרונגען.

נאר דער לאנגער מורין איז געבליבן וואכן באם קוילנווארפער. ער האט אויך געוואלט הערן, ער האט אויסגעצויגן זיין האלדז, אין לעוואנעליכט האבן געבליצט זיינע ברילן.

„מיינע פריינט!" צום ערשטן מאל האב איך אזוי אנגערופן מיינע סאלדאטן.

— היינט האט איר, כאווירים, געקעמפט גוט, באוואוסטזיניק.

זיי זיינען ניט געשטאנען פארמירט אין סטראי. קיין אלגעמיינער ענטפער האט זיך נישט געפאדערט. קיינער האט גארנישט געזאגט.

— איצטער באווייזט א בעריעשקייט: שלעפט ארויס שטילינקערהייט די הארמאטן מיט די קוילן. דאמאלט וועלן מיר האבן א פארמעגן.

מוראטאוו האט געזאגט:

— כאווער קאמבאט, וואורשט וואלטן מיר געדארפט נעמען מיט זיך.

ער האט, ווייזט אויס, ארויסגערופן הייטערקייט, אבער קיינער האט ניט געלאכט. דער קליינער טאטער האט איילים צוגעגעבן:

— איך מיין עס, כאווער קאמבאט, ניט אין שפאס, עפשער דארטן, בא זיי זיינען טאנקען.

— טראכטס אויס, מוראטאוו, — האט אומצופרידן געזאגט באזשאנאוו.

— וואס ווילט איר פון מיר? איך, כאווער קאמבאט, כ׳מיין עס

ערנסט, זיי שלאפן אין די טאנקען, און צו די טאנקען, האב איך געהערט, בינדן זיי צו הינט אף באנאכט.

— פלאפל ניט קיין פוסטע רייד, — האט שטרענג געזאגט בלאכא.

ס'זיינען ניט געווען קיין פוסטע רייד. וועגן די הינט האט מען טאקע געדארפט א טראכט טאן, אבער דער מאמענט האט געפאדערט אנדערע רייד. קיין ווערטער האבן זיך ניט געפונען. אלע האבן געשוויגן.

— כאווער קאמבאט, דערלויבט, — האט געזאגט מורין.

איך בין געווארן אויפמערקזאם, אבער מורין האט פאשעט געפרעגט:

— וועמען איבערגעבן דעם קוילנווארפער?

ס'האט זיך מיר דערמאנט, ווי מיט דריי כאדאשים צוריק איז ער צום ערשטן מאל צוגעגאנגען צו מיר אין א רעקל, מיט א קראוואט א פאר־פארענעם אן א זייט, א לאנגער און אומבאוועגלעכער, ניט געוואוסט, ווי צו שטיין פארן קאמאנדיר, ניט געוואוסט, וואו אהינטאן די הענט. ער איז געקומען זיך קלאגן: „מ'האט מיך, כאווער קאמבאט, צוגעטיילט צו דער ווירטשאפט, געגעבן א פערד און וואגן, און איך האב קיין אנונג ניט, וואס עס איז א פערד. און ניט צוליב דעם בין איך געגאנגען". עס האט זיך דערמאנט, ווי בעיים דער פאניק, ווען עס האט אנגעהויבן קלאפן דער קוילנווארפער און עמעצער האט אויסגעשריען: „די דייטשן", איז ער בע־כארפע געלאפן צוזאמען מיט די אנדערע. בא אים האט געציטערט די ביקס, ווען שטייענדיק אין דער שורע, האט ער געצילט אינעם פארעטער, אינעם פאכדן, וועלכן איך האב באפוילן צו דערשיסן אנטקעגן פארמירטן באטאליאן.

מורין האט עפשער שארפער, ווי עמעצער אנדערש, איבערגעלעבט די שרעק פון דער מילכאמע, דעם אינערלעכן קאמף, די מאטערנדיקע גייסטי־קע איבערגעבורט מיט די צוריקערנדיקע אנפאלן פון טויטשרעק און דער־נאך די ברענענדיקע פרייד פון קעמפער, וועלכער האט געטויט דעם יעניקן, וואס האט דיך אנגעפילט מיט מוירע, וואס איז געגאנגען טויטן...

איצט, אויסהערנדיק דעם באפעל און דערוויסנדיק זיך, אז מ'דארף גיין אין סוינעס לאגער, האט ער פאשעט געפרעגט:

— וועמען איבערגעבן דעם קוילנווארפער?

וואס איז מיט אים? האבן זיך בא אים די געפילן פארטעמפט? לעבט ער ניט איבער?

— איך גלויב ניט, כאווער מורין, אז איר וועט דארפן נוצלעך זיין. מיט די פערד וועט איר זיך ניט קיין אייצע געבן. בלייבט בעסער באַם קוילנוואַרפער.

איך האָב דערוואַרט דעם סאָלדאַטסקן ענטפער: „רעכט", אָבער ער איז ניט געקומען. מורין האָט ניט באַלד געענטפערט.

— כאווער קאָמבאַט, דערלויבט אייך בעטן... אין אַזאַ מאָמענט... — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעצויגן דעם אָטעם און פאָרגעזעצט: — אין אַזאַ מאָמענט ווילט זיך, כאווער קאָמבאַט, זיין צוזאַמען מיט די כאווײרים, איך בעט אייך: וואו זיי, דאָרטן איך אויך...

הייסט עס, ער האָט איבערגעלעבט, ער האָט געטראַכט. ניט די דינסט, ניט די דיסציפּלין, נאָר עפּעס מער מענטשלעכס, עפּעס העכערס האָט אים באַוועגט. ס'איז שווער צו דערקלערן, אָבער פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט די נעשאָמע פון סאָלדאַט, די נעשאָמע פון באַטאַליאָן. ס'האָט מיך דורכגעדרונגען אַ זיכערקייט: יאָ, מיר וועלן זיך ביטער שלאָגן, מיר וועלן האַרגענען, האַרגענען ביז דער פאַרלעצטער קויל.

איך האָב געזאָגט:

— גוט, מורין. נעם, גאַלוּלין, דעם קוילנוואַרפער, נעמט די סטענגעס, טראָגט אָפּ אין שטאַב. בלאָכאַ, שטעלט אוים די מענטשן. אין וועג אַריין, כאווײרים!

4.

עס האָבן זיך געצויגן די נאַכט־שאָען, די נאַכט־ראַיוינעס.

די קעמפער האָבן געריסן דעם געפרוירענעם שיכט ערד, געהאַקט דעם וואָרצל־געפלעכט, זיך איינגעגראָבן אויף דער גאַנצער לענג פון וואַלד־ראַנד. ס'זיינען דורכגעהאַקט געוואָרן שטעגן אויף צו מאַנעווּרירן מיט די האַרמאַטן. ס'האָבן געאַרבעט די זעגן, ס'זיינען געפאַלן ביימער.

מיר האָבן זיך ניט באַהאַלטן. זאָל דער סוינע וויסן: מיר זיינען דאָ! ער וועט ניט האָבן דעם ברייטן וועג, וואָס גייט דורך נאָוואָליאַנסקאָווע: דער וועג איז אונטער אונדזער פייער. דאָ לעבן אונדזער אינדזל וועלן ניט דורכגיין די אויטאָ־קאָלאָנעס, וועט ניט דורכגיין די אַרטילעריע.

נו, איז וואָס וועט זיין דערפון? די קאָלאָנעס שטראָמען מיט אַנדערע

וועגן, דורך אַנדערע פונקטן, דורך סיפּונאָוואָ, דורך קראַסנאַיאַ גאָרא. אָבער פון דאָרטן, פון הינטער קראַסנאַיאַ גאָרא, האָבן דאָך זיך אָפּגערופן האַר־מאַטן. ערגעץ־וואו האָבן זיך איינגעהאַלטן אונדזערע, ערגעץ־וואו האָבן זיי זיך פאַרטשעפּעט, אַזוי ווי מיר, אין אַ בערגל ערד און געדעקט די וועגן אין פאַרשיידענע פונקטן.

אָבער דער פראָנט איז פאָרט צעברעקלט, דער צוים איז דורכגעריסן, די דייטשן שטראָמען פאַרביי אונדז צו וואָלאָקאָלאַמסק, צו מאָסקווע. וועט דען געלינגען אָפּשטעלן דעם סוינע בא וואָלאָקאָלאַמסק?

ווידער האָט אומגעדולדיק אַ צי געטאָן אַהין, — צום פאַנפילאָוון, צו די אייגענע.

וואו איז איצט ברודני? וועט ער זיך אומקערן ביז באַגינען? וועט ער ברענגען דעם באַפעל? וועלן מיר באַווייזן אָוועקגיין פאַר פינצטער?

ניין, באַורדזשאַן, האָסט ניט וואָס צו וואַרטן... דער שטאַב פון פּאָלק, קען זיין, איז אומגעקומען. ערגעץ־וואו, קען זיין, איז אַרומגערינגלט אויך דער שטאַב פון דער דיוויזיע. און מאָרגן־איבערמאָרגן וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די קאַמף־ליניע איז דרייסיק־פערציק קילאָמעטער הינטער אונדז. און דער באַפעל וועט ניט קומען, קיין באַפעל וועט ניט זיין.

וואָס דאַמאָלסט? איך בין קאָמאַנדיר, איך בין מעבויעוו קאַלטבלוטיק צו באַטראַכטן דאָס ערגסטע. קיין באַפעל וועט ניט זיין. וואָס דאַמאָלסט?

דער סוינע וועט פאַרציען דעם רינג, וועט פאַרלייגן אונטערגעבן זיך. מיר וועלן ענטפערן מיט קוילן. איך האָב געגלויבט מיינע קעמפער און געוואוסט: זיי גלויבן מיר, זייער קאָמאַנדיר. מיין וואָרט, מיין באַפעל איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן.

זיי גראָבן איצט און גראָבן: בוקן זיך דער מוטער־ערד, דער באַשי־צערן פון סאָלדאַט. אין די ערדענע נאָרעס וועסטו אונדז ניט דערלאַנגען מיט קיין גראַנאַטן, מיט באָמבעס. ס'איז נייטיק די גאַנצע אַרטילעריע, וואָס איז קאָנצענטרירט אינעם ראַיאָן פון דורכבראָך, קעדיי אויסצור־הארגענען אונדז מיט האַרמאַטן־פייער. אַ באָמבאַרדירונג וועלן מיר אויס־האַלטן. אויך דעם הונגער וועלן מיר אַריבערטראָגן. פאַראַן פערד, — פלייש וועט קלעקן אויף לאַנג. פרואוו נאָר, פאַרמעסט זיך אונדז צו צע־קוועטשן!

איך האָב זעקס הונדערט פופציק קעמפער. יעדער וועט הארגענען עט־לעכע דייטשן, איידער ער וועט פאַלן אין שלאַכט, ס'איז נייטיק א דיוויזיע, קעדיי צו פארניכטן אונדזער באטאליאָן. א האלבע דיוויזיע — אוים! זאָלן זשע די דייטשן באצאָלן אָט דעם פרייז פאר א באטאליאָן פאנפילאָווצעס.

פארטיפט אין געדאנקען בין איך געזעסן אפן קאָמאנדע־פונקט, אין הויז פון וואלד־וועכטער, געבויט פון פעסטע קלעצער. דאָ זיינען שוין געשטאַנען די טעלעפאָנען; פונדאַנען זיינען געגאַנגען דראָטן צו די ראָטעס און צו די הארמאטן.

פונדאַנען וועל איך קענען אָנפירן מיטן ווידערשטאנד, כ'וועל קענען אריבערוואַרפן די קויכעס אנטקעגן סוינע, אויב ער וועט דורכברעכן די ליניע, זיך אריינשפאַרן אין וואלד. מיר וועלן זיך דאמאָלסט שלאָגן אין וואלד, פון הינטער די ביימער, פון הינטער די פעניעס, אָפטרעטנדיק טראָט נאָך טראָט.

דער לעצטער שטריך, דער לעצטער קרייז וועט זיין דאָ, באם הויז פון וואלד־וועכטער.

עס שלאָפן ניט נאָכן דיזשור די וואכלייט און די טעלעפאָניסטן: זיי גראָבן די פארטיידיקונג ארום שטאב, גראָבן גריבער, טראנשייען, רעזערוו־נעסטן פאר די קוילנוואַרפער, וואלגערן איין ביימער. מיר וועלן פארלייגן מיט קלעצער די פענצטער, מיר וועלן דורכשניידן אין די ווענט שיס־לע־כער, אויך דאָ, אינעם הויז וועלן מיר זיך שלאָגן, אהער זיינען געבראכט געוואָרן צוויי קאסטנס האנט־גראנאטן, אין פאָדערהויז שטייט א קוילנ־וואַרפער.

איך האָב געגלויבט מיינע קעמפער, מיינע קאָמאנדירן: קיין לעבעדיקן וועט מען קיינעם ניט נעמען.

ס'איז אונטערגעקראָכן א פיינלעכער געדאנק: און די פארוואונדעטע?

5.

און די פארוואונדעטע? וואָס טוט מען מיט זיי?

דורכן פאָדערהויז בין איך אריבער אין דער צווייטער העלפט, צו זיי. דאָס קנויטל פון קעראָסין־לאָמפ איז געווען אריינגעדרייט. אונדזער פעלדשער, דער אלטער קירעיעוו, האָט געהייצט דעם אויוון. דאָס טירל אין

געווען אָפן. די אָפּגלאַנצן פונעם פייער זיינען געשפּרונגען איבער דער קלעצערנער וואַנט, איבער די גרויע קאָלדרעס, איבער די אומבאַוועגלעכע פּענעמער.

עמעצער האָט געריעדט פון היץ. עמעצער האָט שטיל געזאָגט:

— כּאָווער קאָמבאַט!

טרעטנדיק אויף די שפּיץ-פינגער, בין איך צוגעגאַנגען. מיך האָט גערופן סעווריוקאָוו, ער איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ אָפן ברעג פון די אויף שנעל צונויפגעקלאַפּטע נאַרעס. זיין קאָפּ, אַריינגעדריקטער אין קישן, האָט זיך ניט אויפגעהויבן. ער האָט געאָטעמט מיט אַ לייכטן פּייפנדיקן קלאַנג; די שפּליטערן האָבן זיך אים איינגעשניטן אין דער ברוסט און אין די לענדן; די וואונדן זיינען געווען שווערע אָבער ניט קיין שטערבלעכע. ס'האָט דורכגעשוועבט אַ מאָדנער געפיל: ס'האָט זיך געדוכט, איך געדענק אים אָט אַזאַ, אַ פאַרוואונדעטן, שוין לאַנג-לאַנג, און אינדערעמעסן איז עס געשען ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק.

איך האָב זיך צוגעזעצט צופוסנס. סעווריוקאָוו האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס, געפּרוּווט זיך אונטערהייבן, האָט זיך פאַרקרימט און גענומען קרעכצן. ס'איז צוגעלאָפן קירעיעוו, פאַרזיכטיק אים איינגעלייגט און פריינטלעך געמאַכט אַ פאַרוואורף.

— גייט, קירעיעוו, — האָט קורץ געזאָגט סעווריוקאָוו.

און האָט געשוויגן ביז דער פעלדשער איז אוועק צום אויוון, דערנאָך האָט ער שעפּטשענדיק געזאָגט:

— בייגט זיך אָן אביסל. איך וויל אייך פרעגן: וואָס איז דאָרטן?

— מיטן בליק האָט ער אָנגעוויזן אויף דער וואַנט. — וואָס איז, כּאָוועך קאָמבאַט?

— וואָס הייסט — וואָס איז?

— פאַרוואָס שיקט איר אונדז ניט אָפּ אין הינטערלאַנד?

וואָס זאָל איך ענטפערן? אָפּנאַרן? ניין. זאָל סעווריוקאָוו וויסן. כ'האָב געזאָגט:

— דער באַטאַליאָן איז אַרומגערינגלט.

סעווריוקאָוו האָט צוגעמאַכט די אויגן. זיין גרוי פּנים האָט אויס־

געזען ווי אַן לעבן. ווען וואָס האָט ער געטראַכט? די טונקעלע אויגנ־לעדלעך האָבן זיך אויפגעהויבן.

— כאָווער קאָמבאַט... איך בעט, מ׳זאָל מיר געבן געווער...

— יאָ, מ׳דאַרף עס, סעווריוקאָוו. כ׳וועל עס פאַראָרדענען.

איך האָב געוואָלט אויפשטיין, אָבער סעווריוקאָוו האָט גענומען מיין האַנט.

— איר... איר וועט ניט איבערלאָזן? ניט איבערלאָזן אונדז?

מיט דער האַנט און מיט די אויגן האָט ער זיך געקלאַמערט אָן מיר.

— ניין, סעווריוקאָוו, כ׳וועל ניט איבערלאָזן.

די פינגער האָבן לייכט נאָכגעלאָזן. ער האָט שוואַך אַ שמייכל געטאָן צו מיר. ער האָט געגלויבט דעם קאָמבאַט.

מיט אַ שווערן געמיט האָב איך זיך שטיל געלאָזן צו דער טיר. אָבער מ׳האָט ווידער אַ רוף געטאָן:

— כאָווער קאָמבאַט...

ס׳האָט זיך ניט געוואָלט, נאָר כ׳האָב געמוזט צוגיין.

— סודאַרושקין, דו?

דער קאָפּ מיטן ווייסן ריין־געבליבענעם באַנדאַזש האָט אויסגעזען מאָדנע דיק. אויף דער קאָלדרע איז געלעגן אומבאַוועגלעך, ווי אַ פרעמדע, אַ פאַרבאַנדאַזשירטע, אויך אַ מאָדנע גרויסע האַנט.

— ווען האָט מען עס דיך אַזוי?

— איר געדענקט ניט, אַ שטייגער, כאָווער קאָמבאַט! איר אַליין האָט דאָך אָנגעשריען אויף מיר: „שווייג!"

איז ער עס געווען... כ׳האָב זיך דערמאָנט דאָס מיט בלוט פאַרגאָ־סענע פּנים, די רויטע נאַסע הענט, די פּיינלעכע געשרייען. איך האָב באַפוילן: „שווייג!" און ער איז געהאָרכזאַם אַנטשוויגן געוואָרן.

סודאַרושקין האָט געפרעגט:

— אָפּגעטריבן אים?

צו וואָס פּריצייטיק שניידן זיין נעשאָמע? כ׳האָב געזאָגט:

— יאָ.

— אַ דאַנק דעם... און מיך, כּאָווער קאָמבאַט, וועט מען שיקן אַהיים אַף דערהאָלונג.

— געוויס, — האָב איך געזאָגט.

ער האָט געשמייכלט.

— און דערנאָך, כּאָווער קאָמבאַט, וועל איך ווידער אַריינטרעטן צו אײַך, ווידער זיין בא אײַך אַ קעמפער...

— געוויס.

און איך בין שנעל אַוועק, קעדיי ניט הערן קיין פראַגעס, ניט ענט־פערן, ניט זאָגן קיין ליגנס.

כ׳האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען דעם קאַפּיטאַן שילאָוו. צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע נאָר ביזן גאַרטל, איז ער האַלב געזעסן, אָנ־געשפּאַרט אָן דער וואַנט און געקוקט אַף מיר. דאָס לעמפּל האָט געשיקט אַ שוואַך ליכט; טיפע שאָטנס האָבן אויסגעטיילט מיט שאַרפע שטריכן זיין אָפּגעצערט פּאָנעם. ווייזט אויס, ער האָט ניט געקענט און ניט גע־פרוווט איינשלאָפן. אַריבערגעבראַכט אַהער מיט אַ צעשאָסענעם פוס, האָט ער איינער צווישן די פאַרוואונדעטע געוואוסט דאָס, וואָס עס האָבן נאָך דערוויל נישט געוואוסט די איבעריקע. געוואוסט און געשוויגן. אויך איצט האָט ער געשוויגן, גאָרניט ניט געפרעגט, אַפילו די ליפּן ניט געעפנט.

וואָס טוט מען מיט די דאָזיקע אומבאַהאָלפענע, אומבאַשיצטע מענטשן? ענטפערט מיר, — וואָס טוט מען?

מעג איך האַנדלען אַזוי?...

...ווען ס׳וועט אָנקומען דער סאַמע סאָף, ווען ס׳וועט בלייבן נאָר איין קוילן-סטענגע, וועל איך אַריינקומען מיטן קוילנוואַרפער אַהער. כ׳וועל זיך טיף פאַרנייגן און זאָגן:

— אַלע קעמפער האָבן זיך געשלאָגן ביז דער פאַרלעצטער קויל, אַלע זיינען טויט. זייט מיר מויכל, כּאַווייריִם. עוואַקואירן אײַך האָב איך ניט געהאַט די מעגלעכקייט, איבערגעבן אײַך צו די דייטשן אַף פייניקן האָב איך ניט קיין רעכט. לאָמיר שטאַרבן ווי סאָוועטישע סאָלדאַטן.

...דער לעצטער וועל אויפנעמען דעם טויט איך. פריער וועל איך פאַרניכטן דעם קוילנוואַרפער, דערנאָך וועל איך זיך טויטן.

מעג איך אַזוי האַנדלען? ווי דען אַנדערש? איבערגעבן די פאַרוואונ־

דעטע דעם סוינע אַף פֿייניקונגען? ווי אַנדערש, — ענטפֿערט מיר!

...און עס וועט ניט בלייבן אַף דער וועלט קיינער, וואָס וואָלט געקענט דערציילן, ווי אַזוי ס'איז אומגעקומען דער באַטאַליאָן פּאַנפֿילאָוועס, דער ערשטער באַטאַליאָן פֿון טאַלגאַרער פּאָלק.

און ווען עס איז אַמאָל, נאָך דער מילכאָמע, וועט עפּשער געפֿונען ווערן אין די דייטשישע קריגס־אַרכיוון אַ מעלדונג, וואו מ'וועט איבער־לייענען, וויפֿל סאָנים עס האָט אויסגעהאַרגעט דער אַרומגערינגלטער סאָ־וועטישער באַטאַליאָן, דאַמאָלסט וועט מען עפּשער זיך דערוויסן, ווי אַזוי מיר האָבן געקעמפֿט און געשטאָרבן אין דעם נאָמענלאָזן וואַלד, הינטער מאָסקווע... און עפּשער וועט מען זיך נישט דערוויסן.

ס'האָבן זיך געצויגן די נאַכט־שאָען, די נאַכט־ראַיווינעס.

.6

ברודני איז ניטאָ צוריק. באַזשאַנאָוו איז ניטאָ צוריק.

איך בין אַרויסגעפֿאָרן רייטנדיק צום וואַלד־ראַנד, צו דער ליניע פֿון די אַרבעטן. די סאָלדאַטן האָבן געגראָבן און געגראָבן, זיך פֿאַרטיפֿט אין באָדן ביזן גאַרטל, ביז די אַקסלען און טיפֿער. אַנדערע זיינען אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן; פֿון די שוואַרצע איינשניטן האָבן זיך געהויבן בלויז די רידלען, וואָס האָבן אַרויסגעוואָרפֿן ערד.

די לעוואָנע האָט אַלע ווײַלע אויפֿגעלויכטן און זיך ווידער פֿאַרכמאַ־רעט. דער פֿראָסט האָט נאָכגעלאָזן, דער הימל האָט זיך גענומען פֿאַר־וואָלקענען.

איך האָב זיך אַלץ איינגעקוקט אין דער טונקעלער ווײַטקייט, פֿונוואַ־נען ס'האָט זיך געקענט באַווײַזן ברודני. עס האָט זיך געוואָלט ווידער דערלאַנגען אַ האַרמאַטן־זאַלפּ אַף נאָוואָליאַנסקאַיע, אַף נאָוואָשטשורינאָ. מיר שלאָפֿן ניט, וועלן מיר אויך אייך ניט לאָזן שלאָפֿן! אָבער אַ שאָד די קוילן: זיי זיינען נייטיק אַף צו האַלטן דעם וועג, אַף צו באַגעגענען, ווען ס'וועט קומען די שאָ, די אַטאַקירנדיקע מאַכנעס.

די נאַכט האָט זיך אויסגעוויזן אַ לאַנגע, אַ לאַנגע. פֿון ראַנד האָב איך פֿאַרקערעוועט ליסאָנקאָן צוריק, צום שטאָב. דאָס גוטע פֿערד האָט לאַנג־

זאָם געשטעלט טריט צווישן די ביימער. איך האָב עס ניט אונטערגעיאָגט. צו וואָס?

אין שטאָב האָב איך זיך געפּייניקט, געטראַכט.

אַן ערעך איינס אַזייגער באַנאַכט האָט געקלונגען דער טעלעפאָן.

— כאַוועך קאָמבאַט, אייך, — האָט געזאָגט דער טעלעפאָניסט.

ס'האָט געקלונגען מוראַטאָוו. באָזשאַנאָוו האָט אים, זיין שנעל-לויפער, אוועקגעשיקט פאָרויס, ער זאָל מיר אָנזאָגן, אַז זיין אָפּטיילונג קומט אָן מיט די האַרמאַטן און קוילן.

ליסאַנקאַ איז געווען אָנגעזאָטלט.

איך האָב שנעל אוועקגעריטן אַנטקעגן. פיר הונדערט האַרמאַטן-קוילן, אָהאָ! איצטער קען מען אַ זעץ טאָן אויף נאָוואָליאַנסקאַיע, אויף נאָוואָשטשורינאָ. באַלד וועט איר מאַכן יעלאָלעס, גרויסשפּרינגען פון די וואַרימע הייזער, „הערן זיגער"! מיר שלאָפן ניט, און אייך וועלן מיר אויך ניט לאָזן שלאָפן!

זיבן און אכציק

.1

רייטנדיק, באגלייט פון סינטשענקאָ, האָב איך באגעגנט די קאָלאָנע ניט ווייט פון וואלד.

כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט, דורכגעלאָזן די געשפּאנען. די שווערע אַר־טילעריע־רעדער האָבן דורכגעדריקט דעם שניי ביז דער שוואַרצער ערד.

באָזשאַנאָוו האָט לעבהאַפּטיק באַריכטעט: די דייטשן זיינען זאָרג־לאָז, שלאָפן, קיין וואך־פּאָסטנס זיינען ניטאָ, קיינער האָט ניט געשטערט זיין קליינעם באַיל.

ליסאַנקאָ האָט דערקענט באָזשאַנאָוון און האָט זיך געצווינגן צו אים מיט דער מאָרדע. ער האָט עס אָפּט געצערטלט און געשאָנקען אַ נאַש־ווארג; אויך איצט האָבן זיינע ציין געבראָמסקעט אַ שטיקל צוקער.

...זיין קליינעם באַיל... וואו, צום טייוול, אַ קליינעם? וואָס איז עס? וואו האָט ער צונויפגעקליבן די מענטשן?

באַם זייט פון די פערד, פון די האַרמאַטן, פון די גראַנאַטן־קאַסטנס זיינען געגאַנגען און געגאַנגען פיגורן מיט ביקסן, אין שינעלן.

איך האָב געפרעגט:

— וועמען האָסטו געבראַכט? וואָס זיינען עס פאַרא מענטשן?

באָזשאַנאָוו האָט מיט סימכע געענטפערט:

— קימאַט הונדערט מאַן, כאַווער קאָמבאַט. פון שילאָווס באַטאַליאָן. זיי זיינען אַרויס פון וואַלד צו צוויי, צו דריי. זיי האָבן אונדז שיר ניט געקוישט.

איך האָב אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— קאָלאָנע, האַלט!

די שלעפּ־פערד זיינען שטיין געבליבן. ס'איז שטיל געוואָרן די סקריפּעריי פון די רעדער.

— די פרעמדע אָן א זייט! ניט נאָכגיין די הארמאטן! אַפּטייל־קאָ־מאנדיר בלאָכא!

— איך!

— אכטונג געבן, ס'זאָל אויסגעפירט ווערן! סינטשענקאָ!

— איך!

— גיט איבער מיין באפעל דעם קאָמאנדיר פון דער נאָענטסטער ראָטע און דערנאָך אין שטאב, ראכימאָוו: קיין איין זייטיקן מענטש ניט צולאָזן אין לאגער פון באטאליאָן...

— רעכט, כאווער קאָמבאט.

— געגאנגען!

ער האָט שנעל אוועקגעריטן.

פון דער לאנגער קייט געשפּאנען האָבן זיך אָפּגעטיילט טונקעלע פי־גורן. אייניקע זיינען געשטאנען, אָפּגעטראָטן אָן א זייט, אנדערע זיינען געגאנגען צו מיר. בלאָכא האָט געמאָלדן, אז אין דער קאָלאָנע זיינען געבליבן בלויז אייגענע.

— קאָלאָנע מארש!

די הארמאטן האָבן זיך גערירט. איך האָב געקוקט שווייגנדיק. דער לעצטער האָט מיט דער ביקס אין האנט געשפּרייזט מורין.

דערפילנדיק די לייצע, האָט ליסאנקא גענומען טרעטן נאָך דער קאָלאָנע.

— און מיר? מיר וואוהין, כאווער קאָמאנדיר?

— וואוהין איר ווילט... קיין לויפער דארף איך ניט.

2.

זיי זיינען אין א קופּע געגאנגען נאָך ליסאנקאָן, זיך גערוקט צו מיר.

— כאווער קאָמאנדיר, נעמט אונדז אויף...

— כאווער קאָמאנדיר, ער איז אונדז פארגאנגען פון הינטן, פון אלע זייטן. נו, איז עס געשען, כאווער קאָמאנדיר.

— מיר זיינען פון אַרומרינגלונג, כאַוועך קאָמאַנדיר!

— אין געפאַנגענשאַפט שיקט איר אונדז, צי וואָס? איר האָט ניט קיין רעכט...

איך האָב ניט געענטפערט, אַף דער נעשאָמע איז ווידער געווען כוי־שעבדיק: „פון אַרומרינגלונג". ווידער דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס עס האָבן איבערגעכאַזערט אַלע וואַנדערער אין סאָלדאַטישע שינעלן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבער אונדזער ליניע פון הינטער וויאַזמאַ. דאָס וואָרט האָט זיך איינגעקלעפּט אין די אויערן, כ'האָב באַקומען צו אים אַ סינע.

עס האָט זיך געוואָלט אויסשרייען: „און וואו זיינען אייערע קאָ־מאַנדירן? פאַרוואָס האָבן זיי אייך ניט גענומען אין די הענט?" אָבער כ'האָב זיך דערמאָנט אָן דעם פאַרוואונדעטן קאַפּיטאַן שילאָוו, זיך דער־מאָנט מיט וואָסער ליידנשאַפט ער האָט געזאָגט: „ס'האָבן דאָך געקעמפט צוויי ראָטעס, זיי האָבן דאָך ניט פאַרלאָזן זייער פאַרוואונדעטן קאָ־מאַנדיר".

און פונדעסטוועגן איז דער באַטאַליאָן צעקלאַפּט, צעזייט איבערן וואַלד. „איז עס געווען געזעצמעסיק?" אַזוי האָט ניט־לאַנג באַ מיר אין בלינדאַזש זיך געפרעגט שילאָוו. געפרעגט און ניט געגעבן קיין ענטפער.

אָט די דאָזיקע סאָלדאַטן האָט מען געשאָנעוועט פריער, פאַר דער שלאַכט. זיי זיינען אַנטלאָפן פאַרן סוינע, — אין זייער נעשאָמע האָט זיך איינגענעסטיקט די שרעק. זיי וועלן דאָ אויך אַנטלויפן. ניין, איך וועל זיי ניט אַריינלאָזן אין אונדזער קאָמפּאַניעס אַריין... — ביז שלאַכט. איר האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אין שלאַכט, טאָ וואַקלט זיך ווייטער, בלאָנקעט זיך אַרום אָן אַ טיקן.

עמעצער האָט אָנגענומען דעם זאָטל־רינג.

— אַקסאַקאַל, איר זייט ניט גערעכט, — האָט געזאָגט אַף קאַזאַכיש באָזשאַנאָוו.

אַזוי גאָר! ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אַ מיילעץ־יושער. איז ער, הייסט עס, גייט אויך נאָך מיר צוזאַמען מיט די פּליטים, וואָס ער האָט אויפֿ־געקליבן.

— איר זייט ניט גערעכט, — האָט ער איבערגעכאַזערט. — דאָס זיינען סאָוועטישע מענטשן, רויטאַרמייער. מ'טאָר ניט אַזוי, אַקסאַקאַל;

איך האָב אים ניט איבערגעשלאָגן אָבער אויך ניט געענטפערט. באַ־זשאַנאָוו האָט פאָרגעזעצט:

— מ'טאָר ניט. אַקסאַקאַל, פאַרטרייבן זיי... באַשטימט מיך אַלס זייער קאָמאַנדיר. איך האָב זיי געבראַכט וועל איך מיט זיי זיין אין שלאַכט. גיט אונדז אַן אויפגאַבע, גיט אונדז אַ קאַמף־סעקטאָר.

ניין, — האָב איך געזאָגט.

3.

גישט פאַרשטייענדיק דעם קאַזאַכישן לשון, האָבן זיך אַלע צוגע־הערט, אַלע האָבן זיך געשטופּט צו ליסאַנקאָן. לויט די אינטאָנאַציעס האָבן זיי געוווּס זיך אָנגעשטויסן: דער דיקער פּאָליטקאָם נעמט זיך אָן, דער דיקער פּאָליטקאָם פאַרטיידיקט זיי. און אָט דער, — דער דאַר־פּאָ־נעמדיקער, דער וואָס רייט אַפן פערד, וואָס שווייגט קעסיידער, וואָס האָט אַ וואָרט געטאָן אַ וואָרט, — אָט דער וויל ניט. אייניקע האָבן באַם נעפּל־דיקן לעוואָנע־ליכט געסטאַרעט זיך פאַרקוקן מיר אין פּאָנעם.

ליסאַנקאָ האָט אַלץ געצויגן, פאַרקערעוועט צו אונדזער וואַלד, ווי עס וואָלט זיך געבעטן: אַהין.

פאַר באַזשאַנאָווס ווערטער האָב איך געעפנט מיין האַרץ, כ'האָב זיך באַטראַכט. און געזאָגט „ניין!" און שאַרף פאַרקערעוועט ליסאַנקאָן אָן אַ זייט פון וואַלד.

די מענטשן האָבן זיך געצויגן נאָך מיר, זיך געקלעפּט צו מיר.

איך האָב ניט געקענט, — איר דאַרפט מיך פאַרשטיין, — איך האָב ניט געקענט אַריינגעמען זיי אין באַטאַליאָן. מ'וואָלט געדאַרפט אָן אַרבעט טאָן מיט זיי, אַדורכרייבן, איבערשמידן, און ס'וואָלטן אַרויס אויסגע־צייכנטע קעמפער. אָבער דערצו פאָדערט זיך צייט, — דאָס וואָס איך האָב ניט. עס זיינען געבליבן געציילטע שאָען ביז דער גרויזאַמער שלאַכט.

וואָס קען איך טאָן פאַר זיי? זאָלן זיי גיין. איך וועל זיי העלפן דער־קלייבן זיך אַהין, וואו מ'וועט זיי אַדורכרייבן, איבערשמידן... און דאָ... דאָ זיינען זיי ניט נוצלעך.

אָפּבייגנדיק פון וואַלד, ניט אומקוקנדיק זיך, האָב איך געריטן איבערן פעלד. עטלעכע מאָל האָבן מיך אָפּגערופן אונדזערע פּאָסטנס.

ס׳איז צוריקגעקומען סינטשענקאָ.

— דער באַפעל איז אויסגעפירט, כאַווער קאָמבאַט...

— געקלונגען צו ראַכימאָוון?

— יאָ.

איך האָב געוואַרט, עפּשער וועט סינטשענקאָ נאָך עפּעס זאָגן, עפּשער עפּעס נייס פון ראַכימאָוון, אָבער סינטשענקאָ האָט געשוויגן.

איך האָב א בורטשע געטאָן:

— גוט...

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום וועג, וואָס איז געגאַנגען צו דאָלגאָ-רוקאָווקאַ, וואָס האָט געפירט צו די אונדזעריקע. דאָרטן, לענגאויס דעם שמאָלן דורכגאַנג, האָט פּאַטרולירט אונדזערע א רייטער-גרופּע. איר איז געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע: קעסיידער נאָכשפּירן, צי ס׳איז פריי דער דורכגאַנג, צי האָט זיך ניט פאַרמאַכט דער שפּאַלט.

מיט א ווינקעלע פון הארצן האָב איך נאָך אַלץ געהאָפט, עפּשער וועט אָנקומען דער באַפעל, עפּשער וועלן מיר ביז באַגינען, קאַלזמאַן ס׳איז פאַראַן דער שפּאַלט, ארויסשפּרינגען פון שלייף.

כ׳האָב אויפגעזוכט א פּאָסטן פון די רייטער און געפרעגט:

— פאַראַן נייס?

— ניין... ס׳איז אומבאַוועגלעך, כאַווער קאָמבאַט.

— ווער קען דעם וועג?

— איך.

— אף אויסצומיידן דאָלגאָרוקאָווקאַ?

— יאָ.

— וועסט גיין ווי א וועג-ווייזער. וועסט דורכפירן אָט די מענטשן.

איך האָב זיך אויסגעדרייט צו די מענטשן, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום און זיך צוגעהערט. כ׳האָב אָנגעוויזן אַפן וועג:

— דאָרט איז וואָלאָקאָלאַמסק, דאָרטן זיינען אונדזערע טיילן. מ׳וועט אייך ארויספירן. גייט.

און כ׳האָב פאַרקערעוועט ליסאַנקאָן צוריק, צום וואַלד.

.4

פלוצלינג האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן נאָך מיר.

— כאַווער קאָמאַנדיר... כאַווער קאָמאַנדיר...

— וואָס ווילט איר?

— כאַווער קאָמאַנדיר... נעמט אונדז אויך, כאַווער קאָמאַנדיר.

איך האָב געענטפערט:

— אָפּשטעלן דעם יאַריד! געהערט מיין באַפעל? קיין איין זייטיקער וועט ניט צוגעלאָזן ווערן צום שטעך פון באַטאַליאָן.

— וואָס פארא זייטיקע זיינען מיר? מיר זיינען דאָך אייגענע! כאַווער קאָמאַנדיר, איר קענט דאָך מיך פערזענלעך. איך בין פּאָלזונאָוו. פאר אייך אין די אויגן האָט דאָך מיט מיר גערעדט דער גענעראַל. איר געדענקט?

פּאָלזונאָוו... אין דער פינצטער האָב איך ניט געזען, אָבער זיך דערמאָנט דאָס יונגטלעכע פּאָנעם, די פולע, לייכט אָפּגעשטאַנענע ליפּן, די ערנסטע גרויע אויגן; זיך דערמאָנט דעם איינגעשפּאַרטן ענטפער: „גוט, כאַווער גענעראַל". אָט האָסטו דיר — גוט.

— איז וואָס-זשע, פּאָלוזנאָוו דער גענעראַל האָט געזאָגט: „איך וויל וועגן דיר הערן, פּאָלוזנאָוו"... און דו?

ער האָט ניט געענטפערט. איך האָב איבערגעכאַזערט:

— און דו? ביסט אַנטלאָפן?

— דאָרטן וואָלטן מיר אומגעקומען אומזיסט־אומנישט... עס ווילט זיך ניט, כאַווער קאָמאַנדיר, שטאַרבן אומזיסט...

עמעצער לעבן אים האָט דרייסט גענומען ריידן:

— וואוהין האָבן מיר געזאָלט, ווען ער איז אָנגעשפּרונגען פון הינטן? זיצן אין די נאָרעס און וואַרטן, ער זאָל דערמיימעסן? נו, האָט מען זיך א וואָרף געטאָן. כ'וועל זאָגן אָפן: כ'בין אויך געלאָפן... און וואָס איז געווען דער מיין? איצטער דו מיך, און שפּעטער — איך דיך... מיר'ן זיך שוין אויסרעכענען. כ'וועל ניט גיין, כ' קאָמאַנדיר, וואוהין איר ווייזט אָן. זאָל איך אפילו בלייבן אליין, — וועל איך אליין פּאַרטיזאַנעווען! כ'וועל זאָגן אָפן: טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, איך וועל ניט גיין.

איך האָב געפרעגט:

— פאַמיליע־נאָמען?

— פּאַשקאָ.

פּאַלוזנאָוו האָט איילנדיק באַשטעטיקט:

— דאָס איז, כאַוועך קאָמאַנדיר, בעעמעס ער ,פּאַשקאָ. עפשער האָט איר אַ כשאַד, אַז דאָ זיינען פאַראַן שפּיאָנען? ניין, כאַוועך קאָמאַנדיר, איך קען דאָ אַלעמען... און לויט די דאָקומענטן קען מען נאָכקוקן. ביכלעך, כעוורע, האָט איר אַלע?

איך האָב געזאָגט:

— ביקסן האָבן אַלע?

— אַלע... אַלע...

— יעדער זאָל ענטפערן פאַר זיך. גראַנאַטן פאַראַן?

— פאַראַן! איך האָב!

איצט זיינען די שטימען געוואָרן ווייניקער.

— פאַרלאָרן פון שרעק? פּאַלוזנאָוו, וועסט זיין אַן עלטסטער. שטעל אויס די מענטשן, זאָלן זיי באַקומען אַ מיליטערישן אויסזען. די מיט גראַנאַטן אויפן רעכטן פלאַנק!

ניט דערוואַרטנדיק קיין אַנדער קאָמאַנדע, האָבן די מענטשן איילִיק גענומען זיך אויסשטעלן.

פּאַלוזנאָוו האָט געזאָגט:

— כאַוועך קאָמאַנדיר! דאָ זיינען פאַראַן העכערע פון מיר לויטן ראַנג.

— אין די ראַנגען וועלן מיר זיך שפּעטער פונאַנדערקלייבן. איצט האָט איר אַלע איין ראַנג: דעזערטיר.

ווידער האָט אָפּגעקלונגען די שטים פון פּאַשקאָ:

— איך נעם ניט אָף זיך!

— שווייגן!

פּאַשקאָ האָט אויסגעזען צו זיין דרייסטער פון די איבעריקע, אָבער איך האָב געזען: די ערשטע מיילע פון אַ סאָלדאַט — די אַבסאָלוטע געהאָרכזאַמקייט צום וואָרט פון שעף — איז אים געווען פרעמד. יאָ, זאָלסט אפילו פאַרמאָגן אַ גאָלדענעם קאָפּ, וועסטו האָבן צאָרעס, אויב דער סאָל־

דאַט איז ניט צוגעגרייט, ווי ס'האָט געזאָגט פּאַנפּילאָוו... ניין, ניט גע־דאַרפט זיי נעמען... מיט אַ ניט־פריילעך האַרץ האָב איך געגעבן די קאָ־מאַנדע:

— גלייך זיך! פּאַלזונאָוו גלייך אויס די רייען! אַכטונג! די שמועסן אָפּשטעלן! דאָס רירן זיך אָפּשטעלן! לויטן סיידער־נומער צייל!

פּאַלוזנאָוו האָט געמאָלדן, אַז אין סטראָי זיינען צוזאַמען מיט אים זיבן און אַכציק קעמפער.

— ניט קיין קעמפער! זיבן און אַכציק פּליטים, זיבן און אַכציק נאַסע הינער! קיין לאַנגע שיעס וועל איך מיט אייך ניט מאַכן. איר האָט געלאָזן אַ טרער: נעמט אונדז אויף. מאָסקווע גלויבט ניט אין קיין טרערן. איך גלויב אויך ניט. מיין באַפעל בלייבט אומגעענדערט: קיין איין פּאַכדן, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער ליניע, וועט ניט באַטרעטן דעם שעטעך פון באַטאַליאָן. אין אונדזערע רייען וועלן זיך שטעלן בלויז קעמפער. איר וועט גיין אַהין, פונוואַנען איר זייט אַנטלאָפן. איר וועט גיין ווייטער — אין רעטאַגוואַרדיע פון סוינע. איר וועט גיין שוין. און איר וועט צוריקערן איבער די טויטע קערפּערס פון די סאָנים, דעמאָלט וועט דער איינטריט זיין פאַר אייך אָפן. אַלס קאָמאַנדיר פון דער מאַכנע באַשטים איך דעם פּאָליטקאָם באָזשאַנאָוו, רעכטס! נאָך מיר, מאַרש!

.5

איך האָב אָנגעצויגן די לייצע און געלאָזן גיין ליסאַנקאַן מיט אַ גלייכן ניט־שנעלן טראָט. נאָך מיר, אין סטראָי צו צוויי, זיינען געגאַנגען זיבן און אַכציק מאַן. מיר באַ זייט איז געגאַנגען באָזשאַנאָוו.

ער האָט געבעטן אָנווייזונגען. איך האָב אַ מרוקע געטאָן:

— וואַרט אויף...

אָפן האַרצן איז אַלץ געווען כווישעבדיק. וואוהין פיר איך זיי? איך גיי סטאַם אין דער וועלט אַריין, אָן אַן אויסשפּיר, אָן אַ פּלאַן, כ'ווייס אַליין ניט וואוהין. די מענטשן זיינען ניט צעשלאָגן אַף אָפּטיילונגען, אַף פּעלאָטאָנען, ווייסן ניט קיין פּלאַץ אין שלאַכט, וועל ניט קענען אויפנעמען קיין קאָמאַף־סיידער. האָגאַם פאָרמירטע צו צוויי, בלייבן זיי אַלץ אַ האַמוין.

מ׳וואָלט געדאַרפט אויסטיילן א פּאָדער־אויסשפּירונג. מ׳וואָלט גע-דאַרפט אַרויסרופן איינעם-צוויי מיינע פּעלאָטאָנען, קעדיי אַריינרייסן זיך צו די דייטשן פון צוויי, פון דריי זייטן.

מ׳וואָלט געדאַרפט... אָ, וואָס מען וואָלט אַלץ געדאַרפט...

מאָמענטנווייז האָט וויטיקלעך געעקבערט דער באַוואוסטזיין פון פליכט. איך האָב פאַרשטאַנען: כ׳בין נייטיק דעם באַטאַליאָן, נייטיק ביזן סאָף. מיין אָרט איז ניט דאָ! וואָס טראָגט מיך אין דער פינצטערניש, — דער טייוול ווייס מיט וועמען, דער טייוול ווייס וואוהין? איך האָב קיין רעכט ניט צו פאַרלאָזן דעם באַטאַליאָן, קריכן אין אַן אומבאַטראַכטע, זינלאָזע אַוואַנטורע, וואָס וועט זיך גוט ניט ענדיקן.

און ס׳איז ניט געווען קיין קויעך, ניט געווען קיין ווילן א דריי צו טאָן דעם איניען אַנדערש.

ס׳איז געקומען א געדאַנק: און טאָמער וועט אין מיין אָפּוועזנהייט זיך אומקערן ברודני, וועט אָנקומען דער באַפעל? און כ׳האָב א שמייכל געטאָן: טרייסט זיך ניט, קיין באַפעל וועט ניט זיין, וועסט ניט אַרויס.

ס׳האָט זיך אוועקגעצויגן א פּאַס שניי פאַרשטויבט ביז שוואַרץ. לי-סאַנקאַ האָט אויסגעמיטן די גריבער פון די אויפרייסן. אָט איז די ליניע טראַנשייען — פאַרלאָזענע, שטומע, ליידיקע.

דאָ איז אַלץ באַקאַנט, — יעדער דורכגאַנג, יעדער שטעגעלע, — און אַלץ איז ניט צו דערקענען, אַלץ איז ווילד. פון דער זייט, אין גאַווריליאַנס-קאָיע האָבן זיך געזען צוויי־דריי באַלויכטענע פענצטער. די דייטשן האָבן ניט מוירע געהאַט פאַר אונדז, געהאַלטן פאַר ניט-נייטיק צו מאַסקירן זיך... ס׳האָט אויפגעקאָכט דער האַס: נו, טאָ וואַרט-זשע!...

איך האָב זיך אומגעקוקט אַפן אויסגעצויגענעם סטראָי. זיבן און אַכציק פּלייטים. וואָס וועלן זיי באַווייזן? אַך, ניט אַזוי האָט מען עס באַ-דאַרפט, ניט אַזוי...

ס׳האָט זיך דערמאָנט, ווי מיט א וואָך צוריק האָב איך אַרויסגע-שיקט צום נאַכט־איבערפאַל א הונדערט אָדלערס. ס׳האָט אונדז דעמאָלט געטרייסלט, ס׳האָט דורכגענומען א ציטער פון אויפברויז, פון אַזאַרט, א פּעלאָטאָנען, ווייסן ניט קיין פּלאַץ אין שלאַכט, וועלן ניט קענען אויפנעמען אַן אויסגערעכנטער, געצילטער קלאַפּ.

און איצטער? נאָך וואָס פאַר איך? וועלכער טייוול טראָגט מיך מיטן קאָפּ אַנטקעגן דער וואַנט?

.6

מיידנדיק די ליניע טראַנשייען, האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזן צום טייך. דאָ זיינען געווען באַקאַנט אַלע דורכגענג דורכן וואַסער, אַלע קלעצ־לעך, וואָס זיינען אויף הינערשע פיסלעך אַדורכגעלייגט געווען פון ברעג צו ברעג.

לעבן אַזאַ בריקעלע האָב איך אָפּגעשטעלט די מענטשן. ווי איבער אַ וואַסער־שוועל האָט דער טייך זשומענדיק געפּלאָסן איבער אַ פּאָר קלעצער. אויף יענער זייט, אַ הונדערט טריט פון וואַסער, האָט זיך געשוואַרצט דער וואַלד.

שטילערהייט האָב איך דערקלערט די אויפגאַבע: דערקלייבן זיך צו נאָווליאַנסקאָיע מיט יענער זייט, דורכן וואַלד, לעבן דאָרף ווידער קרייצן דעם טייך דורכן וואַסער, אַריינרייסן זיך אין דאָרף, אויסשלאָגן די דייטשן, אָנצינדן די אויטאָס, פאַרברענען די פּאָנטאָן־בריק.

דערנאָך האָב איך געפרעגט:

— פאַרשטאַנען?

עס האָבן געענטפערט ניט הייך און ניט פיל:

— פאַרשטאַנען...

עס זיינען צו מיר ניט דערגאַנגען קיין שטראָמען פון אויפרעגונג, פון אויפברויז פאַר אַ געשלעג... די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען נאָר וואָס אַנטלאָפן פאַרן דייטש, וואָס האָבן זיך אָנגענומען מיט שרעק, זיי האָט זיך ניט געגלויבט, אַז באַלד וועלן זיי זיין שרעקלעך... און איך? איך האָב געגלויבט?

— דאָ אַריבערגיין איינציקווייז! — האָב איך באַפוילן. — דערנאָך גיין איינער הינטערן אַנדערן פונאַנדערגערוקט. פּאַלזונאָוו, פאָרויס!

מיט דער ביקס אין האַנט איז ער וועקגעלאָפן, באַם בריקל זיך אָפּ־געשטעלט, אַרויפגעטראָטן אויף די גליטשיקע קלעצער... דערנאָך האָט דער טונקעלער אויבערפלאַך פון טייך באַהאַלטן די טונקעלע פיגור. זיין סילועט האָט זיך באַלד באַוויזן אויפן ווייסן שיפּוע פון יענעם ברעג.

איך האָב געזאָגט:

— דער רעכטפלאנקיקער פאָרויס! אין וואלד גיין איינער הינטערן אנדערן לויטן סיידער פון די נומערן. אינטערוואל: פינף ביז אכט טריט.

פאָלגנדיק מיין האנט איז ליסאנקא אריין אין טייך. דאָ איז געווען פלאך, ביזן בויך.

פארוואָס האָב איך געהייסן באוועגן זיך אין וואלד איינציקווייז? פארוואָס מיט אזא אינטערוואל? כ׳וועל אנטפלעקן מיין פארבאָרגענעם געדאנק... כ׳האָב געטראכט: די פאכדאָנים וועלן זיך אויסבאהאלטן. אין דער פינצטערניש פון וואלד איז עס לייכט; זיך א רוק געטאָן אָן א זייט, זיך א שטעל געטאָן צו א בוים און פארשוואונדן. איז כאפט דיך דער טייוול! שלעפ זיך ארום אָן א פאָטערלאנד און אָן ערע, מיר וועלן אוועק צוריק, כ׳וועל זיי אריינעמען אין באטאליאָן.

איך האָב אריבערגעיאָגט פאָלזונאָוון, געהיטן צווישן דיביימער פאָרויס פאר אלע, זיך ניט דערווייטערט פון ראנד־וואלד און זיך ניט אומגעקוקט.

ס׳איז ווארעמער געוואָרן, פון די צווייגן זיינען געפאלן טראָפנס. וואלקנס האָבן פארצויגן די לעוואָנע; זי האָט קוים דורכגעלויכטן ווי א צעשוואומענער, מוטנער פלעק.

אָט איז דער סאָף פון וואלד. דערלעבן איז דער וועג, וואָס פירט אין נאָוואליאנסקאָיע...

ניט־ווייט איז די פאָנטאָן־בריק, ווייטער א העכערער באָדן, דאָרטן דער דאָרף. העל לייכטן זיך עטלעכע פענצטער.

איינציקווייז זיינען אָנגעקומען די מענטשן. געשלאָסן די ריי האָט באָזשאנאָוו. איך האָב באפוילן אויסשטעלן זיך.

— פאָלזונאָוו, צייל איבער וויפל זיינען דאָ?

דורכגייענדיק די שורע פון עק ביז עק האָט ער שטילערהייט גע־מאָלדן:

— זיבן און אכציק, כאווער קאָמאנדיר!

7.

זיבן און אכציק? אַלע זיינען דאָ! אַלע זיינען געקומען קעמפן!

ס׳איז דורכגעלאָפן א פריידיקער ציטער. איך האָב דערפילט, זיי זיינען מיר שוין טייער, מיין האַרץ האָט זיי אויפגענומען. און עפשער איז עס געווען אן אנדער ציטער; עפשער איז פון זיי שוין געגאַנגען א נערוון־שטראָם.

עס האָט זיך דערהערט אן אָנקומענדיקער גערויש פון אן אויטאָ־מאָטאָר. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ אפן קלאנג, און פּלוצלינג האָט אונדז דורך די ביימער אָפּגעגאָסן מיט ווייסן ליכט. די פּראָזשעקטאָרן פון אויטאָ האָבן געברענט מיט פולן ליכט. דער אויסבייג פון וועג האָט אויס־אויסגעקערעוועט די ליכט־זיילן אהער.

קיינער אין סטראָי האָט זיך ניט א ריר געטאָן. אַלע זיינען געשטאַ־נען בלייבע, קימאט ווייסע פון ליכט, געדריקט די ביקסן אין די הענט און אָנגעשטרענגט געקוקט פאָרויס. לאנגזאם האָבן זיך איבערגערוקט די שווארצע, ווי געשניצטע, שאָטנס פון די ביימער.

דאָס ליכט האָט זיך אוועקגעגליטשט ווייטער. די פינצטערניש האָט פארצויגן די פּנעמער. הוידענדיק זיך ארויף און אראָפּ, זיינען די ווייסע זיילן אוועק, קירצער געוואָרן, זיך געלייגט אפן וועג.

איך בין אראָפּגעשפּרונגען פון זאָטל. נאָך די פארבלענדנדיקע שטראַלן האָב איך גאָרנישט געזען, בלויז מוטנע האָבן זיך געזען ליסאַנקאַס ווייסע זאָקן.

— לייגן זיך! אַכטונג געבן! — האָב איך באַפוילן.

די אויגן האָבן זיך צוריק צוגעוואוינט. ס׳האָט זיך דערטראָגן די קלאַ־פּעריי פון די בריק־באַלקנס. דעם אויטאָ אַנטקעגן איז דערשינען א רויט פינטל פון אַן עלעקטריש לעמפּל. די מאַשין איז אַרויס אַף יענעם ברעג און פּאַרטאָרמאָזירט. צו די פּראָזשעקטאָרן, אין ליכט־פּאַס, איז צוגעגאַנג־ען דער וואַך־פּאָסטן. אייניקע זשעסטן זיינען געווען פארשטענדלעך. ער האָט זיך אויסגעדרייט און צוויי מאָל א וויז געטאָן מיט דער האַנט צום וואַלד, וואו אונדזער באַטאַליאָן איז געזעסן. דערנאָך האָט ער אָנגעוויזן די ריכטונג צו קראַסנאַיאַ גאָראַ, ווייזט אויס, דאָרטן אַרום איז געווען דער מאַרשרוט.

דער מאָטאָר האָט זיך ווידער צערעדט, דאָס ליכט האָט זיך גערירט, די מאַשין איז אוועק אין אויפשטייג. די פּראָזשעקטאָרן האָבן אַף אַ רעגע אַרויסגעכאַפּט פון דער פינצטערניש די באַזילבערטע גאַס מיט לאַנגע לאַסט־אויטאָס לעבן די הייזער. דערנאָך זיינען די ליכט־זיילן אוועקגעקראָכן אָן אַ זייט און, הוידענדיק זיך אַרויף און אַראָפּ, האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזן לענגאויס דעם ברעג, אין אומקרייז.

עמעצער איז צוגעגאַנגען צו מיר.

— כאַווער קאָמאַנדיר, איך נעם זיך אונטער.

די שטים איז געווען באַקאַנט.

— פּאַשקאָ?

— יאָ... כ׳נעם זיך אונטער.

— וואָס?

— כ׳וועל אים צעקוועטשן...

— דעם פאָסטן? ווי אַזוי?

פּאַשקאָ האָט אָפּגעבויגן די פּאָלע און געוויזן: ס׳האָט אַ גלאַנץ געטאָן די העלע קלינג פון אַ פינישן מעסער.

— זיי רואיק... — האָט ער געזאָגט. — און דערנאָך וועל איך אַ פייף טאָן.

— מ׳טאָר ניט... — כ׳האָב אים דערלאַנגט אַן עלעקטריש לעמפּל.

— נעם, וועסטו אַ צונד טאָן דריי מאָל.

ער האָט פאַררוקט דאָס לעמפּל אונטערן היטל.

— כ׳קען מיטן טראָפּיינעם סיגנאַליזירן... מיטן רויטן. מ׳מעג?

— מען מעג... וועסט אַ צונד טאָן דריי מאָל: דער וועג איז פריי. וועסט זיך ספּראַווען אַליין?

גיכער מיטן געהער ווי מיט דער ריע האָב איך אויפגעכאַפּט: ער האָט אַ שמייכל געטאָן.

— כ׳וועל זיך ספּראַווען...

— גיי...

פּאַשקאָ איז באַלד פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש.

נו, זאָל זיין וואָס וועט זיין... ציען אַף צוריק קען איך שוין איצט ניט. איז וואָס, וועלן מיר זיך אַזוי אַריינרייסן ווי אַ סטאַדע? איך האָב צוגערופן באָזשאַנאָוון.

— צעטייל די מענטשן אויף צענדליקער... איין גרופּע נעם זיך, דער־לאַנג אין רוקן דער שוץ־וואַך, וואָס איז אויסגעשטעלט אַנטקעגנאיבער אונדזער באַטאַליאָן. פאַר איין צענדליק אַן אויפגאַבע אונטערצינדן די בריק... די איבעריקע זאָלן אַרבעטן אין דאָרף; אַלעמען מיט די גראַנאַטן אַהין...

— רעכט, כאַווער קאָמבאַט.

ער האָט גענומען מאַכן פאַראָרדענונגען.

עס זיינען דורכגעפאָרן נאָך צוויי אויטאָס. ווידער האָט זיך אין ליכט־פּאַס באַוויזן דער וואַך־פּאָסטן, ווידער האָבן די פּראָזשעקטאָרן באַזיל־בערט די גאַס. אין איין הויז האָט זיך אויפגעעפנט די טיר, ס'איז אַרויס עמעצער אַ הויכער, אין אונטערוועש, באָרוועס, און, ציענדיק זיך שלעפּע־ריק, האָט ער גענומען פּישן פון גאַניק אַראָפּ. אויסוואורפן, אָט ווי אַזוי זיי שלאָפן אָפן פראָנט: אויסגעטאָנענע ביז די וועש, אין הייזער, אין בעטן.

ווידער איז אַלץ פאַרזונקען אין דער פינצטערניש. די ווייסע בינט־לעך האָבן זיך געוויגט. פאַרבויגן אַן אַ זייט און אַוועק מיט אַן אומקרייז־וועג.

מיר זיינען געלעגן, אָנגעשטרענגט געקוקט אין דער מוטנער שוואַרץ־קייט פון דער נאַכט, אַהין, וואו ס'איז פאַרשוואונדן פּאַשקאָ. ווען אים געלינגען? וועט זיין אַ סיגנאַל? און דערנאָך? ווי וועט עס פאַרקומען דאָס דאָזיקע „דערנאָך"?

אָבער וואו איז דער סיגנאַל? אויסמאַטערנדיק לאַנג זיינען די מינוטן.

אַהאַ, — דוכט זיך, אָט...

אין דער פינצטער, בא דער בריק, אין עמעצנס אומגעזוענער האַנט, איז דערשינען אַ רויט פינטל... געהאַנגען אַ ווײַלע און פאַרשוואונדן... איינס... ווידער אויפגעלויכטן... צוויי... אָט איז דריי...

כ'האָב געזאָגט:

— אויפשטיין! גרייט זיין! גראַנאַטן צום קאַמף! נו, כאַווירים... דער גאַנצער פאַרן סאָלדאַט איז — הארגע אָדער קומסט אום! אַריינרייסן זיך שטיל. באַזשאַנאָוו, פיר!

— דורך דער בריק?

— יאָ.

שעפּטשענדיק האָט ער אַ קאָמאַנדע געגעבן:

— נאָך מיר!

און זיך געלאָזן לויפן. נאָך אים האָבן זיך אוועקגעלאָזן אלע.

א מינוט שפעטער האָט זיך דערטראָגן די טריט־קלאפעריי איבער די בריק־באלקנס.

.8

אלץ האָט זיך איינגעגעבן... זיך איינגעגעבן ביז צום לאכן לייכט.

איך האָב לאנגזאם אריינגעריטן איבער דער בריק אין דאָרף, דעם רויט באלויכטענעם פון דער סרייפע.

וואו־ניט־וואו האָבן נאָך געפלאצט גראנאטן, געקנאקט ביקסן־שאָסן, זיך געהערט געשרייען. יאָ, ס'איז געווען ניט קיין שלאכט, נאָר א וויסטער געשלעג.

אויסשטעלנדיק א שוץ אין דער זייט פון וואלד, וואו ס'איז געשטאַנען אונדזער באטאליאָן, האָבן די דייטשן זיך צעלייגט אף באנאכט אין בעטן אָדער אף היי, אויסטוענדיק זיך ביז די אונטערוועש. דערהערנדיק א שיסעריי, אויפרייסן פון גראנאטן, האָבן זיי גענומען ארויסשפרינגען,ווארפן זיך אין אלע זייטן, פארקריכן אין אלע לעכער: אונטער די בעטן, הינטער די אויוונס, אין די קעלערס, און געטרייסלט זיך פון קעלט און שרעק.

איך וועל ניט גיין באשרייבן אָט די סצענעס.

ס'האָט געפלאקערט די בריק, א באגאָסענע מיט בענזין, ס'האָבן זיך אויסגעטיילט דער טונקעלער מאַסיוו פון קלויסטער. וויפל מאָל פאר איין מעסלעס בין איך געלאָפן אהער צו די טרעפ? די שויבן זיינען ארויסגעפלויגן, די פענצטער־לעכער זיינען געווען שווארץ. אין די עטלעכע גאנץ געבליבענע האָט אָפגעגלאַנצט דער פלאַם.

איך האָב געשיקט סינטשענקאָ אויפזוכן באַזשאנאָוון, באפוילנדיק צונויפזאמלען די קעמפער, פירן צום באטאליאָן.

.9

ווידער האָט ליסאנקא געשפאנט צווישן די ביימער צום הויז פון וואלד־וועכטער.

די פרייד איז אַפּגעפלויגן. אף דער נעשאָמע איז ווידער געווען ניט פריילעך. אינעם זאַטל בין איך געזעסן שווער, מיטן גאַנצן געוויכט, אָן דעם וואונדערלעכן געפיל פון באַפליגלטקייט, אָן דעם גליק פון זיג.

דער זיג ווערט אויסגעשמידט איידער דער שלאַכט, — דאָס האָט געלערנט פאַנפילאָוו. אָט דאָס, ווי נאָך א סאַך, האָב איך אויפגענומען פון אים.

און וואָס האָב איך דאָ געטאָן איידער דער שלאַכט? כ'האָב באַגעגנט אַנטלאָפענע סאָלדאַטן און אוועקגעפירט זיי אף אַן אַזאַרט־שפּיל. דאָס גאָר. און געזיגט. אייך זיינען באַקאַנט מיינע איבערצייגונגען, מיין אָפיצירישער גלויבן. „לייבטע זיגן דערפרייען ניט דאָס האַרץ פון רוסישע מענטשן", — האָט געזאָגט סואוואָראָוו.

עס זיינען געקראָכן שווערע ראַיוינעס. נו, האָבן מיר אוועקגעלייגט אַנדערהאַלבן-צוויי מייעס דייטשן. און ווייטער? מיר זיינען דאָך אַלץ אין א רינג, אַלץ איינזאַם צווישן אומצאָליקע סאָנים.

דעם גאַנצן וועג האָט זיך געפּלאָנטערט דער געדאַנק: עפּשער איז שוין צוריקגעקומען ברודני, עפּשער איז פאַראַן א באַפעל? געוויס, דאָס אומויפהערלעכע אויסקוקן דעם באַפעל אף אָפּטרעטן זעט אויס ניט העלדיש און ניט ווירדיק. אָבער דאָס איז דער עמעס. פון אַלעמען האָב איך עס אויסבאַהאַלטן, אָבער פון געוויסן קען מען ניט באַהאַלטן.

10

אינעם גרויסן צימער פון שטאַב האָט געברענט א לאָמפּ. מיט א מידן פּאָנעם איז אויפגעשטאַנען ראַכימאָוו. ס'האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ טאָלסטונאָוו, וואָס האָט זיך איינגענורעט אונטערן שינעל אף דער פּאָד־לאָגע. זיי האָבן געקוקט אף מיר מיט דערוואַרטונג.

זאָל איך פרעגן? איך האָב פונדעסטוועגן געפרעגט, האָגאַם כ'האָב געוואוסט אַפריער דעם ענטפער. ניין, ברודני איז ניטאָ, קיין באַפעל איז ניטאָ.

מ'האָט געבראַכט אָוונטברויט. ס'האָט זיך ניט געגלוסט עסן... טאָל־סטונאָוו האָט זיך אויפגעהויבן. באַלד איז געקומען באָזשאַנאָוו. ער האָט געהאַט פאַר מיר א מאַטאָנע: א דייטשישן זעקספּאַביקן בינאָקל. ווי איך

וואָלט זיך געפרייט דערמיט אין אַן אַנדער צייט!... איצט בין איך צו אַלץ געווען גלייכגילטיק. דער זייגער איז געווען נאָך דריי. מ׳האָט געדאַרפט שלאָפן ביז באַגינען, אָבער כ׳האָב געפילט: כ׳וועל ניט איינ־שלאָפן.

— סינטשענקאָ, פאַראַן בראָנפן? ראַכימאָוו, וועסט טרינקען?

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. כ׳האָב אָנגעגאָסן טאָלסטונאָוון, אָנגעגאָסן זיך. כ׳וועל אויסטרינקען, וועל איך עפּשער איינשלאָפן...

פרימאָרגן

1.

איך האָב זיך איינגעלייגט, א רוק געטאָן צוקאָפּנס דעם וואטענעם נעם זשילעט, וואָס האָט אביסל געשמעקט מיט סרייפע. כ'האָב פאַר־רייכערט, א קוק געטאָן אפן זייגער, דערזען אפן בענקל מיין „אושאַנקע". זי איז געלעגן ווייטלעך, ניט אַף אַן אָרט. מען וואָלט זי באַדאַרפט נעמען, צובינדן צום רימען פון רעוואָלווער, קעדיי אין פאַל פון אַלאַרם ניט דאַרפן זי זוכן... אָבער ס'האָט זיך ניט געוואָלט טראכטן וועגן אַלאַרמען, וועגן גאָרניט, וואָס שטייט פאָר. דאָך בין איך אויפגעשטאַנען. אָט די עטלעכע טריט צום היטל, וואָס האָט דערמאָנט די ווירקלעכקייט, האָב איך געמאַכט געצוואונגענערהייט, מיט גוואַלד. ס'איז שווער צו פאַרגעסן זיך, אוועק־גיין מיט די געדאַנקען פון דעם דאָזיקן הויז, פונעם וואַלד.

איך האָב זיך ווידער געלייגט, פאַרמאַכט די אויגן... ס'האָבן גענומען פאַרביישווימען אַנגענעמע בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט. שווער צו דערמאָנען זיך אַלץ.

איין זאַך ווייס איך זיכער: כ'האָב געטראַכט ניט נאָר וועגן זיך, כ'האָב געטראַכט אויך וועגן באַטאַליאָן. אייגנטלעך, איז עס אויך וועגן זיך.

אין יענע מינוטן פון דעפּרעסיע, אין האַלבער באַוואוסטזיניקייט, זיינען מיינע זעאונגען, אָן א שייכעס צווישן זיך, געווען, פאַרשטייט זיך, אונטערגעוואָרפן דעם פאַראַגראַף פון סטאַטוט, וואָס שרייבט פאָר דעם קאָמאַנדיר צו זאָגן וועגן זיין טייל: „איך". פאַר מיר איז עס געווען ניט קיין פאַראַגראַף, נאָר ערע, געוויסן, שעפערישקייט, ליידנשאַפט. ווי נאָך זאָל איך זאָגן? אין מיין באַטאַליאָן איז בעעמעס אריינגעלייגט געווען מיין

גאַנצער „איך". דאָס איז מײַן ווערק, דאָס אײנציקע, וואָס איך האָב גע־שאַפן אַף דער וועלט.

ס'האָבן זיך מיר דערמאָנט פאַרשײדענע זאַכן. געוויס אי קלײנלעכע, אי רירנדיקע, אי לעבערלעכע.

צום בײַשפּיל? — גוט, אָט האָט איר צום בײַשפּיל.

2.

אין א זוניקן אויגוסט־טאָג איז דער באַטאַליאָן אַרויס אַף שיס־אײַבונגען.

מיר זײַנען געשטאַנען מיטן לאַגער באַם שטראָמיקן באַרג-טײַכל טאַלגאַרקאַ. ניט־ווײַט, אין דער סטאַניצע טאַלגאַר, האָבן געגרינט די סע־דער, וואו עס וואַקסן די בעסטע אַף דער וועלט אַלמאַ-אַטער עפּל. אַרום איז געלעגן דער גלײַכער, פון דער זון אויסגעברענטער סטעפּ. אָבער אַף דאָרעם הײבן זיך איבערן סטעפּ די פּאָדער־בערג פון טיאַן־שאַן. ערגעץ דאָרט אין דער הײך, אָפּגעטײלט מיט אַ קוים־קענטיקן שטריך פונעם גלאַנץ פון הימל, גלאַנצן די אײביקע שנײען אַף די באַרג־שפּיצן. דאָס איז דאָרעם־קאַזאַכסטאַן — זײַן שײנקײט בין איך ניט ביכוילעס צו באַשרײַבן.

דער סטעפּ איז אַן אידעאַלער שיס־פּלאַץ. עס איז דאָ, דערלעבן, ניט נאָר מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, נאָר בוכשטעבלעך אונטער די פיס. ער איז גלאַט ווי אַ טיש.

ס'איז לײַכט, ס'איז אַנגענעם דורכצוגײן אַ צוויי־דרײַ קילאָמעטער איבער דער דאָזיקער גלאַטקײט, שיסן אַביסל און צוריקגײן. אָבער כ'האָב געגרײַט די מענטשן צו דער מילכאָמע. לײַכט? אַנגענעם? איז — צום טײַוול דעם אידעאַלן שיס־פּלאַץ. איך האָב אַוועקגעפירט דעם באַטאַליאָן אין די בערג.

מיר האָבן זיך פאַרקליבן אַף דער ערשטער טעראַסע. זי איז אינ־גאַנצן געווען אין שטעבלקעס פון די טרוקענע פוינדיקע קוסטעס „קו־ראַי". נײן, דאָ איז ניט מעגלעך צו שיסן.

צו דער צווייטער טעראַסע האָט געפירט אַ שטײַלער שטײַנערנער

אויפשטייג. באַטאַליאָן, פאָרויס! נאָך מיר! מ'האָט גענומען קריכן אַפן באַרג. פון אונטער די סאָלדאַטסקע שיך האָבן זיך געקייקלט שטיינער.

מ'האָט אַרויפגעקלעטערט. צום טייוול, אויך דאָ איז ניטאָ וואו צו שיסן. ווי א וואַנט איז געשטאַנען די זאַפּטיקע גראָז קימאַט א מענטש די הויך. וואו-זשע זאָלן מיר גיין? העכער, אַפן שיפּוע, איז די טונקעלע גרינקייט פון א דעמבענעם וואַלד.

אַזוי זיינען די קאָנטראַסטן אין די בערג. און אַזוי איז, אַגעוו, גאַנץ קאַזאַכסטאַן. האָט אייך קיינער ניט דערציילט די לעגענדע, ווי אַזוי קאַזאַכסטאַן איז באַשאַפן געוואָרן? אין די טעג פון יעצירע האָט גאָט באַשאַפן הימל און ערד, יאַמען און אָקעאַנען, אַלע קאָנטינענטן, אַלע לענדער און וועגן קאַזאַכסטאַן פאַרגעסן. זיך דערמאָנט אין דער לעצטער מינוט, און קיין מאַטעריאַל איז שוין נישטאָ. שנעל האָט ער אַראָפּגעכאַפּט צו שטיקלעך פון פאַרשידענע ערטער: א ווינקעלע אַמעריקע, א ברעקעלע איטאַליע, א שטיקעלע אַפריקאַנער מידבער, א פּאַסיקל קאַווקאַז, — צונויפגעלייגט און צוגעקלעפּט דאָרטן, וואו ס'האָט געדאַרפט זיין קאַזאַכסטאַן. דאָרטן, אין מיין פאָטערלאַנד וועט איר געפינען אַלץ — סיי אייביק נאַקעטע, ווי פון הימל פאַרשאָלטענע, שטאָכים זאַלץ-באָדן, סיי סאַמע געבענטשטע ערטער.

אָבער וואו שיסט מען? איך האָב אויסגעשטעלט דעם באַטאַליאָן אין פיר שורעס און אַוועקגעפירט אָט די וואַנט אַף דער וואַנט גראָז. מ'איז דורכגעגאַנגען הין־און־צוריק עטלעכע מאָל. די שווערע סאָלדאַטסקע שיך האָבן געקנייטשט, געבראָכן און איינגעטאָפּטשעט די גראָז. צום סאָף דורכגעמאַרשירט און אַרויסגעפליקט מיט די הענט די גאַנץ־געבליבענע שטענגלעך. איך בין געשטאַנען אָן א זייט און אָנגעקוואָלן; כ'האָב איבערגעלעבט אַן אומפאַרגעסלעך־גליקלעכן מאָמענט. וואָס פאַרא קראַפט עס איז א באַטאַליאָן! מיט דעם דאָזיקן באַטאַליאָן, — דיסציפּלינירטן, גרייטן צום שלאַכט, פאַרהאַרטעוועטן, — וועל איך זיך אַריינשניידן אין די מאַכנעס פון סוינע, כ'וועל גיין אַזוי ווי איצט, אַריינטאָפּטשענדיק זיי אין דער ערד, אין קייווער. איך האָב געוואוסט: די מילכאָמע איז ניט אַזוי, אָבער פאָרגעשטעלט האָט זיך דאַווקע אַזוי.

ס'איז אָפּגערוימט געוואָרן אין גראָז א געראַנימער לאַנגער פּירעס. אין

עס האָט מען איינגעשטעלט די ציל־ברעטער. דער באַטאַליאָן איז אַלץ גע־שטאַנען אין סטראָי. אַלע האָבן געזען די קעפּ אין העלמען מיטן סוואַסטיק צייכן, וואָס זיינען געווען אָנגעצייכנט מיטן קויל אַף פּאַניר־טאָוולען. עס האָט זיך פאַרגלוסט נאָכאַמאָל דערפילן די קראַפט פון באַטאַליאָן. איך האָב באַפוילן דער ערשטער שורע זיך לייגן, דער צווייטער צילן אַף אַ קני, דערנאָך געגעבן אַ קאָמאַנדע:

— אַף די פאַשיסטן, אַ זאַלפּ... באַטאַליאָן...

כ'האָב אויסגעצויגן אַ פּויזע. עטלעכע הונדערט ביקסן זיינען אָנגע־צילט אין פיר ציל־ברעטער. אַ זאַלפּן פייער פאַרן באַטאַליאָן איז צו יענער צייט ניט געווען פאָרגעשריבן פון סטאַטוט, אָבער איך האָב געוואָלט פּרובירן:

— פייער!

צום טייוול! נאָך איין זאַלפּ זיינען מיר געבליבן אָן ציל־ברעטער! עס האָט זיי אָראָפּגעשניטן. זיבן הונדערט שאָסן פּאַראַמאָל, — דאָס איז אַ שרעקלעכע זאַך. די סלופּקעס, צו וועלכע עס זיינען געווען צוגעפּעסטיקט די טאָוולען, זיינען איבערגעהאַקט געוואָרן פון די קוילן, די פּאַניר צע־פליקט, צעפּיצלט. איך האָב זיך געזידלט און געלאַכט: געקלעטערט, מיט די פיס אויסגעגלעט דעם פּלאַץ, און ווידער קען מען ניט שיסן...

אַזוי האָבן מיר געבראַכט די דייטשן ביז די שלאַכטן. און דאָ... אָבער פון „דאָ" האָט זיך ניט געוואָלט טראַכטן.

און ווידער זיינען פאַרבייגעשוואומען ליבע בילדער פון דער פאַר־גאַנגענהייט. ניין, ניט אַלץ וועגן באַטאַליאָן. געווען אויך וועגן עפּעס אַנ־דערש. מאַלע וואָס ס'איז אַלץ פאַרבייגעשוואומען!

.3

און פּלוצלינג האָט אָפּגעקלונגען די שטים פון ברודני:

— כאַווער קאָמבאַט...

איך האָב זיך געצוואונגען ניט צו וואַרטן, און דאָך האָב איך געוואַרט אַף אים מיטן באַפעל. אין האַלבן דרימל האָב איך אַ שמייכל געטאָן.

און כ'בין אויפגעשפּרונגען. ראַכימאָוו איז שוין געווען אַף די פיס. זיין שינעל האָט זיך געוואַלגערט אַפן דיל. ער, מיין אויפגעפּאַסטער, גלייכ־

געוויכטיקער שטאַב־שעף, האָט אים ניט אויפגעהויבן. ער האָט געשמייכלט, געקוקט אַף ברודנין און אַף קורבאַטאָוון.

זיי זיינען אַריינגעקומען ביידע. באַ ביידן האָט געגלאַנצט אַף די שי־נעלן אַ ניט־פּאַרטריקנטער שיכט בלאָטע; ערגעץ, ווייזט אויס, געפּויזעט.

— כאָווער קאָמבאַט, דערלויבט...

דאָס איז געווען וואָר. דאָס איז געווען דער לעבעדיקער ברודני; זיין איילים ריידן, זיין פלינקער בליק, זיינע פאַרוויטלטע באַקן.

— פאַראַן אַ באַפעל?

— יאָ, כאָווער קאָמבאַט, אָפּטרעטן...

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּירל. אַז דו באַגערסט עפּעס לײדנ־שאַפטלעך, גלויבסטו ניט מיטאַמאָל, אַז עס איז מעקויעם געוואָרן. איך געדענק, ס׳איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: איז עס ניט אַמאָל אַ כאָלעם? ניין. די כאַלוימעס זיינען פאַרביי. איך האָב אַ קוק געטאָן אָפן זייגער. האַלב פיר. שווין־זשע בין איך געלעגן בלויז עטלעכע מינוט?

דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק, מאַיאָר יעלין, האָט אין איילים אָנגע־וואָרפענע שורעס געמאָלדן, אַז הינטערן דאָרף דאָלגאָרוקאָווקאַ וועט אונדז באַגעגענען איינער פון די שטאַב־קאָמאַנדירן, וועלכער וועט אונדז אָנווייזן דעם ווייטערדיקן מאַרשרוט צו וואָלאָקאָלאַמסק, — אַהין ציט זיך צוזאַמען דער פּאָלק.

צו וואָלאָקאָלאַמסק! אַ ריקצוג פון דרייסיק קילאָמעטער! אָבער אי־בערוויטיקן איז ניטאָ ווען. האַלב־פיר, און זיבן טאָגט שוין.

4.

אין דער פינצטערניש, איבער דער וויכער צעקריכעדיקער ערד, שפּרייזט דער באַטאַליאָן אין קאָלאָנעס ראָטעסווייז. עס גייען סאָלדאַטן, עס גייען האַרמאַטן, צוויי־רעדערדיקע פורלעך מיט קוילנוואַרפערס, פור־גאָנגעס מיט אַמוניציע, סאַניטאַרע פורן, דערנאָך ווידער סאָלדאַטן.

פון געוויינטשאַפט לאָז איך דורך דעם סטראָי פאַרביי זיך, דערנאָך טרייב איך ליסאַנקאָן און יאָג אַריבער די רייען — און לאָז ווידער דורך.

ווען־ניט־ווען, ווי אַ מוטנער פלעק אָפן שוואַרצן הימל, שלאָגט זיך דורך די לעוואָנע. דעמאָלט ווערט אויך מוטנע די פינצטערניש.

איך יאָג ווידער אַריבער דעם באַטאַליאָן.

די קאָלאָנע פירט קראַיעוו. זיין ראָטע איז די ערשטע. פונאנדערשפּרייצנדיק דאָס וואסער, מאַכנדיק מיט די לאַנגע הענט, שטעלט ער טראָט נאָך טראָט, נעבנדיק א טעמפּאָ. אין סטראָי צו פיר, ניט אָפּשטייענדיק, שפּאַנען די קעמפער. די ראָטע גייט דורך.

נאָך איר — די פורן פון סאַניטאַרן פעלאָטאָן. מיר פירן פערציק פאַרוואונדעטע. איך דערקען דעם שווערלעכן מיט א בייכל, דעם אַלטן קירעיעוו, אונדזער פעלדשער. ער פאָרעט זיך אין גאַנג: אָנגעבויגן זיך איבער א פור, פאַריכט עפּעס, דאַכט זיך עמעצנס קאָפּ; עס פאַרשלינגט אים די טונקלקייט.

אָט איז די צוגעבלאָנדזשעטע קאָמאַנדע, באָזשאַנאָווס כאַיל.

אויסמיידנדיק דאָלגאָרוקאָווקא, האָבן מיר זיך דערנעענטערט צו דעם וועג, וואָס איז ניט איין מאָל דערמאָנט געוואָרן אין אונדזער דערציילונג, — צום ברוקירטן וועג, וואָס פירט צו וואָלאָקאָלאַמסק, און דאָרטן, קימאַט אונטער א גלייכן ווינקל, גיסט ער זיך צענויף מיטן וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי.

מיט עטלעכע טעג צוריק, דעם זעכצנטן אָקטאָבער, צונויפגרופּירנדיק א שלאָג־פויסט, האָבן זיך די דייטשן א לאָז געטאָן צום דאָזיקן וועג, האָבנדיק אויסגערעכנט מיט איין וואָרף דורכצוברעכן אונדזער פאַרטיידיקונג און אָן אָפּשטעל אויף טאַנקען, לאַסט־אויטאָס און מאָטאָציקלען זיך אַריינרייסן איבער דעם וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי קיין מאָסקווע.

צוריקגעשטויסענע באַם סאָווכאָז בוליטשעווא און פאַרהאַלטענע די וויטערדיקע טעג אויף אַנדערע ליניעס, האָבן זיי, קענענדיק די קליינע קויכעס, וועלכע האָבן זיך זיי אויף דעם סעקטאָר אַנטקעגנגעשטעלט, ניט געוואָלט גלויבן אין דורכפאַל. זיי האָט זיך געדאַכט, נאָך אָן אָנשטרענגונג, נאָך א וואָרף, און די שטערונג וועט ווערן דורכגעבראָכן, ס'וועט זיך עפענען דער וועג צו מאָסקווע — דער אַספאַלט פון וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי. אונדזערע טיילן, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן אפן וועג, זיינען אָפּגעטראָטן, אָבער צומאַרגנס האָבן זיי זיך ווידער געשטעלט דעם סוינע אין וועג, ווידער געצוואונגען אים פירן לאַנגע, פאַרצויגענע שלאַכטן. די דייטשן האָבן יעדער מאָל געטראַכט: דאָס איז שוין דער לעצטער ווידער־

שטאַנד, די לעצטע שלאַכט, און קעסיידער זיך געשפּאַרט און ניט געוואָלט אָפּזאָגן זיך פון דער אויסגעוויילטער ריכטונג. דער וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי איז אַלץ געווען די אַקס פון זייער הויפּט-קלאַפּ.

5.

הינטער דאָלגאָרוקאָווקא האָט אונדז באַגעגנט דער געהילף פון שטאַב־שעף פון פּאָלק, לייטענאַנט קורגאַנסקי. אַן עקספּאַנסיווער, אַן ענערגישער, האָט ער מיט פרייד מיר געדריקט די האַנט. עפּעס-וואָס דערציילט: אין צווייטן און דריטן באַטאַליאָן זיינען ערנסטע פאַרלוסטן. די מענטשן האָבן זיך געשלאָגן גרופּעסווייז, הויפנווייז, אָפּגעשפּרונגען און ווידער זיך באַפעסטיקט בא די וועגן, געהאַרגעט די דייטשן, געמאָלן דעם סוינעס לעבעדיקן קויעך. אונטערן צודעק פון דער אַרטילעריע, וואָס שלאָגט זיך מיט די טאַנקען, ציען זיך שנעל די טיילן צו וואָלאָקאָלאַמסק, צום שליס־פּונקט, וואָס פאַרשפּאַרט דעם שאָסיי. דאָרט איז די נייע ליניע פון דער דיוויזיע.

מיט קורגאַנסקין זיינען אָנגעקומען פאַרן באַטאַליאָן עטלעכע פורגאָנעס מיט באַשפּייזונג. מ׳האָט אונדז געשיקט א טאָן ווייסן ברויט, וואָס איז באַנאַכט אויסגעבאַקן געוואָרן אין וואָלאָקאָלאַמסק.

די פורגאָנעס האָבן אונדז אָפּגעוואַרט אין וואַלד. איך האָב באַשטימט באַהאַלטן דאָ דעם באַטאַליאָן: געבן די מענטשן עסן, לאָזן זיי אָפּרוען, אָנקאָרמען די פערד.

אָבער פאַר די שטאַרקע אַרטילערישע שלעפּ־פערד איז פאַרגעשטאַנען א רייזע צוריק. אינעם פאַרלאָזענעם וואַלד זיינען געווען באַהאַלטן זעקס האַרמאַטן און פיר הונדערט קוילן, — די וואָס מיר האָבן אַרויסגעשלעפּט באַנאַכט. איך האָב באַשטימט נאָכאַמאָל אַרויסצושלעפּן זיי אַהער, בא די דייטשן אונטער דער נאָז.

אין מיזרעך האָט אָנגעהויבן שפּראָצן אַף טאָג, אָבער אַרום האָט אַלץ פאַרדעקט א נעפּל. דער באַטאַליאָן האָט זיך געצויגן אין וואַלד אַריין. איך בין צוגעפאָרן צו באָזשאַנאָוון:

— באָזשאַנאָוו! שטעל אָפּ דיינע מענטשן! פאַרנעם זיך צען טריט אָן א זייט.

איך האָב באטראכט מיין ניט־פאַרויסגעזעענעם רעזערוו. די קאָלאָנע האָבן געשלאָסן די מעטראַליסטן. ווייטער אין רייען זיינען געשטאַנען די מענטשן, וועלכע איך האָב באַנאַכט געטריבן פון באַטאַליאָן, אַט די, וואָס זיינע דערנאָך דורכגעגאַנגען זייער לייטערונג אין שלאַכט.

איך האָב באַפוילן באַזשאַנאָוון נעמען די אַרטילערישע פערד און אויסנוצנדיק דעם נעפּל, פּרואוון אַרויספירן אהער די האַרמאַטן און קוילן.

— נעם מיט דיין גאַנצע קאָמאַנדע. דעק־צו די האַרמאַטן פון אַלע פיר זייטן. אויב וועסט אָנטרעפן אַ קליינע גרופּע, סטאַרע זיך פאַרניכטן זי. אין קיין ערנסטע שלאַכט רוק זיך ניט; רייס אויף די האַרמאַטן און קום אַרויס אהער. געדענק, — מיר וואַרטן דאָ אויף דיר.

באַזשאַנאָוו האָט זיך אויסגעצויגן, סאַלוטירט און, גלאַנצנדיק מיט די קליינע שמאָלע אויגן, געענטפערט:

— רעכט, באַוואָער קאָמבאַט.

ער האָט אויסגעזען שלאַנקער ווי געוויינלעך; זיין פּאָנעם איז געווען ענערגיש. ס'איז אים געפעלן געווען צו זיין אַ קאָמאַנדיר, געפעלן געווען צו לייזן זעלבסטשטענדיק פאַרצווייפלטע אויפגאַבעס.

6.

די סאָלדאַטן האָבן אָנגעצונדן שייטערס, אויפגעקאָכט טיי, זיך געטריקנט. אַ סאַך האָבן אָנגעהאַקט סכאַך און געשלאָפן אויף דעם, — אויפן גרינעם סאָלדאַטסקן געלעגער. אין די פעלד־קיכן האָט זיך געקאָכט אַ רייכע פליישׂ־זופּ. אויסשטעלנדיק אַ קרייז־שוץ האָט דער באַטאַליאָן גערוט.

עס האָט געטאָגט. דער נעפּל האָט גענומען פונאַנדערגיין זיך. ס'האָט זיך פאַרנומען אַ טריבער פרימאָרגן.

אַזייגער אַכט, ווען לויט מיין כעשבן, איז באַזשאַנאָוון שוין געווען צייט צו אומקערן זיך, איז אין דער לופטן אַנטשטאַנען אַ שנעל־אָנוואַקסנדיקער גערויש פון אַוויאָנען. מיר האָבן זיי דערזען. נידעריק אונטער די וואָלקנס, אַביסל אָן אַ זייט פון אונדז, זיינען געפלויגן דייטשע באָמבאַרדירער. קימאַט טייקעף האָבן פון דער ערד גענומען ריידן ניט־געזעענע פון אונדז קוילנוואַרפער און האַרמאַטן. ס'האָבן גענומען קראַכן די

שווערע אויפרייסן פון די אוויאַציע־באָמבעס. די אוויאָנען זיינען געגאַנגען בוואַליעסווייז, און אויסגעלאָדן זייער מאַסע ערגעץ אַף אַ פּונקט, אַ פיר־פינף קילאָמעטער פון אונדז, וואו ס׳איז געלעגן דער שאָסיי צו וואָלאָ־קאָלאַמסק.

פּלוצלינג איז די שיסעריי שטאַרק געדיכט געוואָרן. אין דער לופטן זיינען שוין קיין אוויאָנען ניט געווען, אָבער דאָרטן, וואו ס׳זיינען נאָר־וואָס געפאַלן די באָמבעס, דאָרטן האָבן איצט געדונערט האַרמאַטן, — ניט צען, ניט צוואַנציק, נאָר, לעפּאָכעס, אַ הונדערט פופציק. מיינע רייטער, וואָס זיינען אהין געשיקט געוואָרן, האָבן געמאָלדן: עס גייט אַ דייטשישע טאַנקען־אַטאַקע, ס׳גייט אַ שלאַכט פון דער אַרטילעריע קעגן די טאַנקען.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי אַף אַ צווייטן אָרט, אין דער אַנדערער זייט פון אונדז, אויך בעערעך פיר־פינף קילאָמעטער ווייט. דאָס אַרטילעריע-פייער איז דאָרטן געווען אַ סאַך שוואַכער, אָבער עס האָט זיך דערטראָגן אַ ביקסן־ און קוילנוואַרפער־שיסעריי.

און באָזשאַנאָוו איז ניטאָ... דער טייוול האָט מיך געשטויסן צו מאַכן דאָ אַן אָפּרוי. דער טייוול האָט מיך געשטויסן צו שיקן די מענטשן און די פערד נאָך די האַרמאַטן... געדאַרפט געווען זיי אויפרייסן אַפן אָרט און פאָטער!

ווי וועל איך זיך איצט רירן אָן דעם אַרטילערישן געשפאַן? און ניט אינעם געשפאַן האַנדלט זיך... קען איך דען אַוועקגיין און איבערלאָזן די אייגענע, ניט וואַרטן אַף דער אָפּטיילונג?

אַ שיסעריי פון צוויי זייטן, און באָזשאַנאָוו איז אַלץ ניטאָ... מ׳דאַרף שנעל אַוועקגיין, אַזוי ווי ס׳איז אונדז באַפוילן געוואָרן, און ס׳איז ניט מעגלעך צו רירן זיך...

איך האָב געזאָגט צו ראַכימאָוון:

— גיט איבער מיין באַפעל די ראָטע־קאָמאַנדירן: אויפהויבן די מענטשן, פאַרנעמען אַ קרייז-פאַרטיידיקונג.

וואו די וועגן קרייצן זיך

.1

אפן שאָסיי, וואוהין דאָס אויג האָט ניט דערגרייכט, האָבן נאָך אַ קורצן שטילשטאַנד ווידער ווילד געבאָכעט די האַרמאַטן. אין דעם אומאויפהער־לעכן דונער האָט דער אויער זעלטן־זעלטן אונטערשיידט אַ באַזונדערן שאָס.

און פון דער צווייטער זייט האָט זיך די שלאַכט ניט אָפּגעשטעלט. אָבער אויך דאָרטן איז אַלץ געווען פאַרשטעלט פון וועלדלעך.

און נאָך פון ערגעץ פון הינטן, פון הינטערן שאָסיי, האָט געגומען דונערן אַ שיסעריי.

און באָזשאַנאָוו איז נישטאָ, דער טייוול זאָל עס נעמען! איך האָב געשאָלטן אים, געשאָלטן זיך, ארויסגעשיקט רייטער אַנטקעגן, אָבער שעלט יאָ, שעלט ניט, — רירן זיך קען מען ניט. זיך אַליין פאַרזעצט, פאַרפּאַקט...

די קעמפּפער האָבן געגראָבן באַם ראַנד פון וואַלד אַ קרייז־פּאַרטיידי־קונג. דאָס איז געטאָן געוואָרן אױף יעדן פאַל... זאָל זיך נאָר באַווייזן באָ־זשאַנאָוו, פאַרנעמען מיר זיך און מיר גייען. די סאָלדאַטן וועלן בורטשען: „אומזיסט געגראָבן". האַלעוואַי זאָל עס זיין אומזיסט.

צוזאַמען מיט ראַכימאָוון בין איך דורכגעגאַנגען די ראָטעס. נאָכן קורצן אָפּרו, נאָכן ווייסן ברויט מיט דער הייסער פלייש־זופּ, זיינען די מענטשן פריילעכער געוואָרן. מ'האָט מיך באַגעגנט מיט וויצן. דער נאָנטער האַרמאַטן־דונער און די שיסעריי פון אַלע זייטן האָבן ניט געמאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק. ס'איז שוין פאַר אונדז ניט געווען קיין נייס; ארומ־טראָגן זיך מיט מוירע איז שוין אריבער צום נעכטן, צו דער געשיכטע פון

באַטאַליאָן. אויך מיר איז לייכטער געוואָרן. כ'האָב אַ טראַכט געטאָן: מיר'ן ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

.2

איך האָב צוזאַמענגערופֿן די ראָטע-קאָמאַנדירן אין שטאַב-געצעלט. איך האָב זיי דערקלערט, אַז באַזשאַנאָווס אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזן נאָך די האַרמאַטן, האָט זיך פֿאַרזאַמט מער פֿון פֿאָרויסגעזעענעם טערמין, און געמאָלדן מיין באַשלוס: דער באַטאַליאָן וועט ניט אוועקגיין ביז אונדזערע וועלן זיך ניט אומקערן. אויב ס'וועט נייטיק זיין, וועלן מיר זיי אַרויסהעלפֿן.

פֿון די בליקן האָב איך געזען: אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, אויפֿגענומען דעם באַפֿעל מיט האַרץ.

נאָך אַ שמועס מיט די קאָמאַנדירן, האָב איך זיי אָפּגעלאָזן. צוזאַמען זיינען מיר אַרויס פֿון געצעלט.

צווישן די ביימער האָט זיך באַוויזן אַ רייטער. ער האָט פֿריידיק געשריען פֿון וויטן:

— זיי גייען!

אַלע זיינען שטיין געבליבן. דער רייטער האָט געבראַכט די לאַנג־דערוואַרטענע נייעס: אונדזערע קומען אָן, באַזשאַנאָווס אָפּטיילונג דערנענטערט זיך צום וואַלד, שלעפּט אַהער די האַרמאַטן.

לעסאָף האָב איך געקענט געבן דעם באַפֿעל פֿאַרצווזעצן דעם מאַרש אויף וואָלאָקאָלאַמסק.

— אַלע אויף די ערטער! — האָב איך געזאָגט. — זיין גרייט צו רירן זיך. פֿילימאָנאָוו, בלייב.

פֿילימאָנאָוו, דער פֿינף און דרייסיק-יאָריקער ענערגישער לייטענאַנט, איז געווען קאָמאַנדיר פֿון דער דריטער ראָטע.

ער האָט באַקומען פֿון מיר די אויפֿגאַבע: אויפֿהייבן זיין ראָטע און טייקעף אַרויסטרעטן אַלס פֿאָדער-שוץ-אָפּטייל. אין שלאַכט-אומשטאַנדן איז די פֿאָרמירונג פֿון באַטאַליאָן אין מאַרש אַזאַ: דער פֿאָדער-שוץ-אָפּטייל גייט פֿאָרויס פֿאַר דער הויפּט-קאָלאָנע דריי־פֿיר קילאָמעטער.

צוזאַמען מיט פֿילימאָנאָוון האָבן מיר באַטראַכט די מאַפּע. דער־

גלייכסטער און באקוועמסטער וועג איז געווען דער שאָסיי. די אָנגעקו־מענע אָדלעגע האָט זיכער פאַרוואַנדלט אין אַ קאַשע אַלע ארומיקע וועגן, כוץ דעם דאָזיקן איינציקן פּאַס. אָבער אַהין, צום ברוקירטן וועג, האָבן פון עטלעכע פּונקטן זיך געריסן די דייטשן. איך האָב אָנגעמערקט אַ מאַר־שרוט אַ שווערן, אָבער אַ מער זיכערן. מען האָט געדאַרפט קרייצן דעם שאָסיי און דערנאָך, פאַרקערעווענדיק צו צאָפן, אַרויסקומען דורך פעלד־וועגן צו וואָלאָקאָלאַמסק.

פילימאָנאָוו האָט געדאַרפט טייקעף זיך לאָזן מיט דעם מאַרשרוט, אָנהאַלטנדיק די געהעריקע דיסטאַנץ פאָרויס פאַרן קערן פון באַטאַליאָן.

פילימאָנאָוו איז אַוועקגעלאָפן צו זיין ראָטע.

סינטשענקאָ האָט צוגעפירט ליסאַנקאָן. איך בין אַריינגעשפּרונגען אין זאָטל און אַוועקגעריטן צו באָזשאַנאָווס אָפּטיילונג.

די שווערע אַרטילערישע פערד האָבן מיט אָנשטרענגונג געשלעפּט די האַרמאַטן אָן אַ וועג, דורך אַ ניט־טיפן טאָל. דער נעפּל האָט שוין געהאַט אַראָפּגעלעקט דעם דינעם שיכט שניי. די רעדער האָבן געשניטן דעם גראָזיקן באָדן. איינשפּאַרנדיק זיך מיט די פיס אין פייכטן גליטשיקן גראָז, האָבן די סאָלדאַטן צוגעהאָלפן די פערד.

אַף מיר האָט מען געוואָרפן ברויגעזע בליקן. עמעצער האָט זיך כמור־נע אויסגעזידלט; עמעצער האָט געזאָגט:

— אָי, כאַווער קאָמבאַט... ער שפּאַרט דורך אַלע וועגן...

אַ צווייטער האָט אַ בורטשע געטאָן צו דער ערד:

— אים איז אַ דאגע? ער טוט אַ שמיץ דאָס פערד און...

איך האָב דערקענט פּאַשקאָן.

— פּאַשקאָ! וואָס האָסטו געזאָגט?

— גאָרניט...

מ׳האָט געהאַט באַדאַרפט אים רופן צו אָרדענונג, לאָזן פילן, וואָס איז אַ קאָמאַנדירס אַ האַנט, אָבער איך האָב פאַרשוויגן. איך האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס קומט פאַר מיט די מענטשן. זיי זיינען אַרויס בעשאָלעם פון אַ שווערן, געפערלעכן אייסעק, זיי האָבן בעקאָוועד דורכגעפירט אַ שלאַכט־אויפגאַבע. פאַרוואָס־זשע אָנשטאָט שטאָלץ, אָנשטאָט פרייד, — אָט די געדריקטע שטימונג?

ס׳איז צוגעקומען באַזשאַנאָװ. ער, דער שטענדיק־לוסטיקער, שמייכלענדיקער, איז אויך געװען אַנגעבלאָזן־ערנסט.

באַזשאַנאָװ האָט גענומען מאַכן די מעלדונג לויט דער פאָרמע, אָבער איך האָב אים איבערגעשלאָגן:

— װאָס איז דאָרטן בײַ דיר אַזױנס פאָרגעקומען? װאָס זײַנט איר צעקראָכן געװאָרן?

באַזשאַנאָװ האָט שטיל און אָן כּיישעק געענטפערט:

— מ׳האָט זיך דערװאוסט...

— װאָס זיך דערװאוסט?

— אומעטום האָבן דאָ אונדזערע אָפּגעטראָטן. און מיר זײַנען װידער...

— װאָס װידער? װאָס פאַראַ שטוסערײַ?

באַזשאַנאָװ האָט לאַנג געקוקט מיר גלײַך אין די אויגן און טרויעריק געזאָגט:

— אַקסאַקאַל, פאַרװאָס זײַנט איר מיט מיר אַזױ? איר װײסט דאָך, איך...

אָבער איך האָב װידער איבערגעריסן:

— אַט איז דײַן „איך"! — איך האָב אָנגעװיזן אויף די אָנגעכמורעטע קעמפער, װאָס האָבן געשלעפּט די האַרמאַטן. — טראַכט װעגן די מענטשן: דו ענטפערסט פאַר זײ. נו, װאָס „מיר זײַנען װידער"?

— װידער אַליין...

— פונװאַנען האָסטו עס גענומען?

— פאַר אונדז אין די אויגן האָט מען אַראָפּגענומען די פּאָסטנס... אַלע זײַנען אַװעק... שוין לאַנג, אַקסאַקאַל.

אַזױ, הײסט עס! ס׳האָבן זיך מיר דערמאָנט סעװוריוקאָװס װערטער: „דער סאָלדאַטסקער דראַטלאָזער טעלעפאָן". װאָסער פרייד דער „טעלעפאָן" האָט פאַרשאַפט נאָך דער געלונגענער שלאַכט. אָבער איצט, בײַם אָפּטרעטן, איז ניט דאָס...

לאַנגזאַם האָבן זיך באַװעגט די האַרמאַטן און די קוילן־קאַסטנס. אַ פאַרטראַכטער האָב איך געקוקט אויף די מענטשן. װידער האָב איך דערזען פּאַשקאָן. צוזאַמען מיט די אַנדערע האָט ער געשטופּט די האַרמאַטן. מיטן מוסקולדיקן קערפּער האָט ער זיך אָנגעלײנט אָפּן געשטעל, זיך אײַנגע־

שפּאַרט מיט די אָפּצאָסן אין נאָכגיביקן ווייך-געוואָרענעם באָדן. די בלאָטע האָט ארומגעקלעפּט זיינע שטיוול, אָבער ס'זיינען קענטיק געווען די הויכע פּראַנטעוואַטע כאַלעוועס פון געלן כראָם. כ'האָב ניט ווילנדיק א פרעג געטאָן באָזשאַנאָוון:

— וואָס פאַרא שטיוול טראָגט ער עס?

באָזשאַנאָוו האָט געענטפערט:

— אין נאָוואָליאַנסקאָיע באַ אַ דייטש אַראָפּגעצויגן. געהאַרגעט אָן אָפּיציר און אַראָפּגעצויגן...

יאָ, א טשעקאַוּער באָכער, אַט דער פּאַשקאָ. א דרייסטער, א געוואַגטער, אָבער... ס'איז נאָך ניטאָ אין אים, ס'פילט זיך ניט אין אים, ווי איך האָב עס באַמערקט באַנאַכט, די ערשטע מאַילע פון סאָלדאַט — געהאָרכזאַמקייט, דיסציפּלין, דאָס וואָס ווערט אריינגעקלאַפּט מיט האַרבער אַר־מייאישער איינאַיבונג, וואָס ווערט די צווייטע נאַטור פון סאָלדאַט.

א שאָד, וואָס איך האָב אים נאָר וואָס ניט צוגעקוועטשט. דאָס וואָלט אונטערגעצויגן אַלעמען... ס'איז נייטיק, ס'איז נייטיק, זיי אַלע זאָלן איצט דערהערן דאָס וואָרט פון קאָמאַנדיר.

אָבער ס'איז שוין ניט צייט דערפאַר. איך בין מעכוייעוו נאָכפאָרשן טייקעף באָזשאַנאָווס מעלדונג, קלאָר מאַכן די לאַגע, אָריענטירן זיך, אָנ־נעמען א באַשלוס.

אָט אַזוי בין איך באַגאַנגען א פעלער, וואָס איז באַ קיין שום אומ־שטאַנדן ניט דערלויבט דעם קאָמאַנדיר: איך האָב דורכגעלאָזן פאַרביי די אויערן אַן אַזעסקייט פון א סאָלדאַט, כ'האָב ניט געהאַנדלט לויטן קלאַל: „קיינמאָל לאָז ניט דורך", ניט פאַרפעסטיקט מיט א באַפעלערישן וואָרט די נעשאָמע פון סאָלדאַט.

און, אַלס א שרעקלעכער רעזולטאַט, איז אין עטלעכע מינוט ארום פאַרגאָסן געוואָרן בלוט, וואָס האָט געקענט ניט פאַרגאָסן ווערן.

3.

די האַרמאַטן־שאָסן, וואָס האָבן ניט־לאַנג צונויפגעגאָסן זיך אין א קעסיידערדיקן דונער, האָבן איצט אָפּגעקלונגען זעלטענער, אָבער דער־

טראָגן זיך דייטלעכער. אָדער זיי האָבן זיך צוגערוקט נענטער, אָדער דאָ, אויסערן וואַלד, האָבן דיביימער ניט פאַרשלונגען די קלאַנגען. אין דער צווייטער זייט האָט די קוילנוואַרפער- און ביקסן-שיסעריי זיך דערוויי־טערט, אַוועק אָן אַ זייט.

און קעגנאיבער אונדז איז ווי פריער געווען פּוסט: אַ שטיקל וועג, וואָס האָט געגלאַנצט מיט לוזשעס און בלאָטע, פייכטע שיפּועס פון טאָל, דער שאַרף אָפּגעזוימטער אָפּן גראָען הימל ניט גלייכער קאַנט פון אויפ־געהויבענעם באָדן, וואָס האָט פאַרשטעלט די ווייטקייט; הינטן — וואַלד.

אָן אומאָנגענעמער צושטאַנד, — ווייסט ניט גאָרניט, זעסט ניט גאָר־ניט, געפינסט זיך אָן אָן אויפגאַבע צווישן שלאַכט-פּונקטן. דער באַטאַליאָן איז געווען באַוואַכט פון רייטער-פּאַטרולן, אָבער נאָך באַזשאַנאָווס מעל־דונג האָב איך באַשלאָסן אַ קוק טאָן פון אַ וועלכן ס'איז נאָנטן היגל, זען וואָס עס טוט זיך אַרום.

איך האָב געזאָגט צו באַזשאַנאָוון:

— שלעפּ אַריין די האַרמאַטן אין וואַלד. איך וועל אַ יאָג טאָן צו אַ בערגל, זיך אַרומקוקן...

סינטשענקאָ האָט זיך געהאַט געריִרט נאָך מיר, אָבער איך האָב אים איבערגעלאָזן באַם ראַנד פון וואַלד.

אין אַ מינוט אַרום האָט מיך ליסאַנקאָ אין גאַלאָפּ אַרויפגעטראָגן אָפן בערגל. פון דאָרטן האָט זיך אַנטפּלעקט דער דאָרף, וואָס האָט זיך צע־לייגט לענגזים דעם שאָסיי. איך האָב באַמערקט אַ באַוועגונג איבער דער גאַס, איבערן שאָסיי און מאָמענטאַלע ווייסע אויפגלאַנצן פון האַרמאַטן־שאָסן. כ'האָב אָנגעשטעלט דעם בינאָקל.

אונדזער אַרטילעריע האָט זיך צוריקגעצויגן. טראַקטאָרן האָבן פאַר־טשעפּעט די האַרמאַטן, אַרויסגעקראָכן פון דאָרף, זיך באַוועגט איבערן פעלד, אָפּנויגנדיק פון שאָסיי אָן אַ זייט. אומקוקנדיק זיך אומרואיק, זיי־נען בא דער זייט פון די האַרמאַטן געגאַנגען די אַרטילעריסטן. איך האָב דערקענט די לאַנגע פיגור פון פּאָלקאָווניק מאַליגין, — קאָמאַנדיר פון אַרטילעריע-פּאָלק. כ'האָב געזען דורכן בינאָקל: ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, דערלאַנגט דעם פאַרציגאַר, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, פאַרייכערט, — געטאָן אַלץ ניט געאײַלט, מיט אונטערגעשטראָכע־

נער רואיקייט; דערנאָך פאַרהאַלטן אַ האַרמאַט, וואָס איז געקראָכן פאַרביי און ערגעץ אַנגעוויזן. דער טראַקטאָר האָט זיך אָפּגערוקט, די אַרטילעריסטן האָבן זיך אויסגעשטעלט אַף די ערטער. איך האָב געווענדט דעם בינאָקל אין דער ריכטונג וואוהין ס׳האָט אָנגעוויזן מאַלינין, און כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערזען דייטשישע טאַנקען... ווייסע קרייצן אַפן בלאָ־שוואַרצן פּאַנצער, אַ פלאַם פון די דינע לופעס. שיסנדיק אין גאַנג, זיינען די טאַנ־קען אַריין אין דאָרף.

עס האָט זיך געוואָלט, ניט אָפּרייסנדיק זיך, נאָכפאָלגן די דאָזיקע שלאַכט. דעם פילם פון מאָדערנעם קריג, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אַנטקעגן מיר, אָבער כ׳האָב אַראָפּגעלאָזן דעם בינאָקל, אַרומגעפירט דעם בליק אַרום. איבערן וועג, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן שאָסיי, האָבן זיך שנעל געטראָגן מיינע רייטער. ווייזט אויס, ערגעץ־וואו האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אַף די אָנקומענדיקע דייטשן. אונדזערע טיילן, וואָס זיינען אָפּגעטראָטן צו צאָפּן, האָבן שוין, ווייזט אויס, פאַרלאָזן אָט דעם פעלדוועג.

מיט וואָס פאַר אַן אופן, מיט וואָסער מאַרשרוט וועלן מיר זיך איצט אַרויסקלייבן פון דאַנען? מ׳וואָלט שוין באַדאַרפט אַריבערוואַרפן דעם באַ־טאַליאָן אַף יענער זייט פעלדוועג, קאָלזמאָן ס׳איז נאָך פריי זיין אויס־גאַנג, מ׳זאָל אונדז ניט אָפּשניידן, ניט איינשליסן אינעם ווינקל פון די וועגן. אַן אויפגערעגטער האָב איך אַלץ באַטראַכט די געגנט. און פּלוצלינג האָב איך דערזען פילימאָנאָווס ראָטע, וואָס האָט שוין אַרויסגעטראָטן לויט מיין באַפעל.

אין אַ מאַרש־קאָלאָנע, ניט זעענדיק וואָס עס טוט זיך אין דאָרף, ניט זעענדיק די טאַנקען, האָט זיך די ראָטע באַוועגט דורכן טאָל צום דאָרף, גלייך צו די דייטשן אין די לאַפּעס. וואָס איז ער, — פון זינען אַראָפּ? ווי אַ בלינדער גייט ער, צום טייוול! איך האָב ווילד אַ זעץ געטאָן מיט די שפּאָרן; ליסאַנקאַ האָט אויפגעשפּרונגען פון ווייטיק.

אין קאַריער, פאַרביי דעם וואַלד, פאַרביי דעם באַטאַליאָן, האָב איך זיך אָוועקגעטראָגן דעריאָגן די ראָטע.

.4

אַנגעיאָגט.

— ראָטע, האַלט! פּילימאָנאָוו, וואו קריכסטו? וואוהין טראָגט דיך?

ער האָט צעטומלט געזאָגט:

— איך הער, כאַווער קאָמבאַט.

— וואוהין גייסטו?

— איך האָב געוואָלט, כאַווער קאָמבאַט, דורך אָט דעם טאָל אַרויס־גיין צום דאָרף, דערנאָך מיט די וועגן לויטן מאַרשרוט.

— פאַרוואָס האָסטו קיין אויסשפּירער ניט אַרויסגעשיקט? אין דאָרף זיינען דייטשן!

זיין רויטלעכער פּאָנעם איז געוואָרן פאַרלוירן. ער, יעפים פּילימאָ־נאָוו, איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די העלדן פון באַטאַליאָן. און דאָ האָט ער אָן אַן אַנטיטאַנק־באַוואָפענונג שיר ניט אַרויפגעפירט זיין ראָטע אַף די דייטשישע טאַנקען: ער האָט געפירט זיינע קעמפער דורכן טאָל, ניט זעענדיק גאָרניט אַרום.

איך האָב באַוויזן אים אָפּצושטעלן. די ראָטע האָט קיין איין קעמפער ניט פאַרלאָרן, אָבער ס'איז פאַרלאָרן געגאַנגען צייט.

עמעצער האָט זיך געטראָגן צו אונדז דורכן טאָל רייטנדיק, מיטן גאַנצן אימפּעט, אין קאַריער. איך האָב דערקענט סינטשענקאָס גרוי פערד. ער איז צוגעשפּרונגען:

— כאַווער קאָמבאַט, זיי זיינען זיך צעלאָפן...

— ווער?

ניט ענטפערנדיק, שנעל אָטעמענדיק, אָן אויפגערעגטער האָט ער ווייטער גערעדט:

— זיי האָבן אייך געזען... א געשריי געטאָן: „דער קאָמבאַט איז אַנטלאָפן!" און זיך א לאָז געטאָן...

— ווער?

— אָט די... די נעבכטיקע... וועלכע איר האָט אַריינגענומען...

— און דער באַטאַליאָן?

— איך ווייס ניט... אַפן וועג זיינען שוין די דייטשן. ווי מ'האָט א

געשריי געטאָן „דער קאָמבאַט איז אַנטלאָפן", ווי מ'האָט זיך אַ לאָז גע־טאָן וואָער וואוהין, בין איך טייקעף צו אייך...

איך האָב אַ זאָג געטאָן:

— פילימאָנאָוו! די ראָטע צוריק! געלאָפן! סינטשענקאָ, נאָך מיר!

און צום צווייטן מאָל אין יענעם טאָג האָב איך ליסאַנקאָן אַ שניט געטאָן מיט די שפּאָרן.

5.

איך האָב זיך אָוועקגעטראָגן צום וואַלד. פונדערווייטנס האָט ער אויס־געזען ליידיק. איז ער אַף אַן עמעס ליידיק? איז טאַקע געווען אַ פּאַניק? איז טאַקע מיין דאָמעשקער שווערד, מיין באַטאַליאָן, אין איין רעגע צע־שאָטן געוואָרן? אויב אַזוי, איז ניטאָ נאָך וואָס צו לעבן! אָבער, איך גלויב ניט, כ'גלויב ניט.

יאָגנדיק, האָב איך באַמערקט עטלעכע מענטשן באַם ראַנד פון וואַלד. אַזוי ווי זיי וואָלטן מיך אָפּגעוואַרט. כ'בין צוגעשפּרונגען צו זיי. כ'האָב דערזען דעם אָנגעכמורעטן קראַיעוו, דערזען די ניט־דערגראָבענע טראַנ־שייען, בערגלעך פריש־אַרויסגעוואָרפן ערד. קיין מענטשן האָב איך ניט געזען.

— קראַיעוו! וואָס איז מיטן באַטאַליאָן? וואו זיינען די קעמפער?

ער האָט סאַלוטירט און געענטפערט:

— געווען אַ קאָמאַנדע, כאַווער קאָמבאַט, זיין גרייט צו רירן זיך.

— נו... וואו איז די ראָטע?

— פאַרמירט אין דער טיף... אין דער ראָטע, כאַווער קאָמבאַט, איז די אָרדענונג ניט געריררט.

— און וואָס האָט דאָ פּאַסירט? וואו?

קראַיעוו האָט אָנגעוויזן אַהין, וואו מיט עטלעכע מינוט פריער האָב איך באַגעגנט די האַרמאַטן. כמורנע אַ בורטשע געטאָן:

— דאָרטן...

אַך, פון אים וועסטו קיין וואָרט ניט אַרויסציִען. ליסאַנקאַ האָט מיך אַוועקגעטראָגן ווייטער.

פון א געוויסן פונקט האט זיך אפ א סעקונדע אנטפלעקט דער פעלד־וועג. עס גייען אויטאס, אויטאס, עס גייען אפ קייטן-גאנג הארמאטן. די דייטשן!

איצט בארג־אראפ, אין טאל. צוויי הארמאטן זיינען נאך ניט אריינגעשלעפט געווארן אין וואלד. בא די הארמאטן שטייען אין א קופע יענע, וועלכע איך האב נאכן איבערפאל אפ נאוואליאנסקאיע אריינגענומען אין באטאליאן. זיי האבן ניט געארבעט, ניט געשלעפט די הארמאטן, נאר אן א סיידער זיך געדרענגט ארום די פארזונקענע רעדער, ארום די שטייענדיקע פערד. איך האב דערזען באזשאנאוו א בלייכן, די ליפן צוזאמענגעפרעסט, אין האנט האט ער געדריקט דעם רעוואלווער.

— באזשאנאוו! — האב איך אויסגעשריען. — אט די זיינען געלאפן? אט די האבן געשריען, אז דער קאמבאט איז אנטלאפן?

ער האט צוגעשאקלט שווייגנדיק. די ליפן זיינען געבליבן צונויפגעפרעסט, דאס באקאנטע פולע פאנעם איז געווען ניט צום דערקענען הארט, די באקן האבן זיך איינגעצויגן, אלע שטריכן זיינען געווארן שארפער.

איך האב א געשריי געטאן:

— אט איז אייער קאמבאט! איר זעט אלע? באזשאנאוו, ווער האט געשריען? אלע?

— אט ווער...

מיט א באוועגונג פון קאפ האט באזשאנאוו אנגעוויזן אן א זייט. אביסל ווייטער זיינען געלעגן מיטן פאנעם אראפ צוויי טויטע קערפערס. דאס בלוט האט אנגערונען אין די טיפע שפורן פון די קאפיטעס. גיכער האב איך זיך אנגעשטויסן, ווי דערקענט איינעם פון זיי, — איינעם, וואס וואלט געקענט ווערן א בארימטער העלד. וואלט געקענט... און אומגעקומען ווי א פארעטער, ווי א פאכדן. יא דאס איז געווען פאשקא. אפ די אומנאטירלעך אונטערגעבויגענע פיס, ווי פארגליווערטע אין באוועגונג, — הויכע געלע שטיוול, פארשמירטע אין בלאטע.

באזשאנאוו האט שוין געפונען אין זיך קויעך צו ווענדן זיך צו מיר לויט דער פארמע:

— דערלויבט צו מעלדן... צוליב דער אנטשטאנענער פאניק, בין איך, כאווער קאמבאט, געווען געצוואונגען אנצואווענדן געווער.

— און אַט די? די זיינען אויך געלאָפן? פאַרוואָס האָסטו ניט צע־שאָסן די אַלע, וואָס זיינען געלאָפן?

באַזשאַנאָוו האָט געשוויגן.

— איך באַפעל: אויב זיי וועלן נאָכאַמאָל נעמען אַנטלויפן, שיס די פאַכדאָנים אָן אַ וואָרענונג.

— רעכט, כאַווער קאָמבאַט.

ניין, איך בין ניט בלוטדורשטיק. אומזיניקע אַכזאָריעס איז עקלדיק. אָבער דער מאָמענט איז געווען אַזאַ, אַז ס׳האָט זיך געפאָדערט, די מענטשן זאָלן פאַרגעדענקען די לעקציע, זאָלן אַף שטענדיק וויסן דעם געזעץ פון קריג, דעם געזעץ פון דער אַרמיי.

איך האָב אַ קוק געטאָן אַף דער מאַכנע:

— נו, איר זעט אַלע דעם קאָמבאַט? איר הערט אַלע? באַזשאַנאָוו, ברענג די מענטשן אין געהעריקן צושטאַנד. שלעפּ אַריין די האַרמאַטן. דערנאָך מעלד זיך צו מיר, אין שטאַב. וועסט באַקומען אַ פאַרטיידיקונג־סעקטאָר.

איך האָב אַ ריר געטאָן די לייצע. מיין וואויל פאָלגעוודיק פערדל, וואָס האָט שוין באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, איז אַוועק צום שטאַב־געצעלט, אין וואַלד.

6.

מיר האָבן זיך געפונען אין ווינקל פון די דייטשישע קאָלאָנעס. דער באַטאַליאָן איז ווידער אָפּגעשניטן.

אויב דער צוקונפטיקער קריטיקער פון אונדזער דערציילונג וועט גע־פינען פאַר נייטיק עמעצן אין דעם צו באַשולדיקן, קען איך פאַרלייכטערן אים די אויפגאַבע: שולדיק בין איך! ניטאָ קיין מילכאָמע אָן ריזיקע! איך האָב ריזיקירט, איך האָב געשיקט מענטשן נאָך די איבערגעלאָזענע האַר־מאַטן און קוילן. די האַרמאַטן זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן, אָבער דער באַטאַליאָן איז געבליבן שטעקן, דער באַטאַליאָן איז אָפּגעשניטן. איצט איז ביז פינצטער ניט מעגלעך אַרויסצובאַקומען זיך.

בין איך ניט באַגאַנגען קיין פעלער? מעגלעך. האָט מען ניט געדאַרפט האַנדלען קליגער, פאָרזיכטיקער? מעגלעך.

זאָלן קלוגע מענטשן, אויב איך פאַרדין עס, מיך אַדורכטרייסלען אין ראַכמאָנעס, אָבער איך וועל זיך ניט אַרויסשטעלן פאַר אַ זינדלאָזן, גאָל־דענעם אָדער, בעסער, צוקערנעם קאָמאַנדיר.

מיר האָבן זיך געפונען אין ווינקל פון די דייטשישע קאָלאָנעס. איי־בערן ברוקירטן וועג זיינען אַדורך די טאַנקען. נאָך זיי האָבן זיך געצויגן צו וואָלאָקאָלאַמסק, צו מאָסקווע, אין צוויי רייען לאַסט־אויטאָס, מאָטאָציק־לען, טראַקטאָרן, — אינפאַנטעריע, אַמוניציע, אַרטילעריע, — די דיי־טשישע גרופּירונג פון הויפּט־קלאַפּ. און דורכן פעלדוועג, אויך אַהין, צום שאָסיי, האָבן געשטראָמט די טראַנספּאָרטן פון דער הילפסגרופּע, וואָס האָט זיך נעכטן דורכגעריסן לעבן אונדז.

בא דער קרייצונג פון די וועגן האָט געגומען אַנוואַקסן אַ פּראָפּן. די דייטשישע וועג־דינסט האָט שוין רעגולירט די באַוועגונג, פאַרהאַלטנדיק דאָ איין קאָלאָנע, דאָ אַ צווייטע.

איך האָב געקוקט אין בינאָקל. די פּנים פון די דייטשישע סאָל־דאַטן, וואָס זענען געזעסן אין לאַסט־אויטאָס, זיינען געווען קימאַט דורכ־אויס יונגע. קיין באַזונדער סימנע, קיין געלעכטער, קיין אויפגעברויזטקייט איז ניט קענטיק. זיי זיצן אין פּילאָטקעס, אין לייכטע שינעלן. אַ סאַך האָבן פאַרירעוודיק פאַרוקט די הענט אין די האַרבל, — ס'האָט דורכגע־נומען די אָקטאָבערדיקע קאַלטע פייכטקייט. פאַר זיי, די זיגער, איז עס געווען אַ געוויינלעכע זאַך, ס'איז געוואָרן פאַר זיי אַ געוויינטשאַפט: פאָרויס, פאָרויס!

צו מיר איז צוגעקומען דער קאָמאַנדיר פון דער באַטעריע.

— די האַרמאַטן זיינען אָנגעשטעלט? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, כאַווער קאָמבאַט.

— אָנלאָדן און מעלדן!

אין שפּיץ פון וואַלד, וואָס איז געווען אַרויסגערוקט צו דער וועג־קרייצונג, האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אַכט האַרמאַטן. אַ טייל אַרטילעריסטן איז צוגעטיילט געוואָרן צו די זעקס שילאָווס האַרמאַטן, וואָס זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ צווייטן פּונקט. פון וואַלד־שפּיץ ביז דער קרייצונג איז געווען בערערך אַ קילאָמעטער; דער ציל איז אַן אָפענער; די

דייטשישע מאַשינעס זעען זיך קלאָר אין דער ציל־פּאַנאָראַמע; דאָס רופט זיך: אַ דירעקטער ציל.

— פּאַרטיק! — האָט געמלאָדן דער באַטערייע־קאָמאַנדיר.

— דערלאַנג! שלאָג זאַלפּנווייז! זאַלפּנווייז!

ס'האָט זיך דערהערט די קאָמאַנדע:

— באַטערייע...

פּויזע.

— פייער!

ס'האָט אַ פּלאַם געטאָן. אַ זעץ געטאָן. אַ ציטער געטאָן די ערד. איך האָב געזען אין בינאָקל: ס'זיינען געפלויגן שפּענער, שטיקער בלעך.

— פייער!

די דייטשן זיינען געשפּרונגען פון די מאַשינעס, זיך געוואָרפן אין די גראָבנס, צעלאָפן אין די זייטן; ערגעץ האָט זיך פאַרשטעקט די דייטשישע רעגוליר־דינסט.

— פייער!

ניין, הערן „באַזיגער", איר וועט דאָ ניט דורכגיין! איר האָט אונדז אָפּגעשניטן? ניין. מיר האָבן מיט פייער איבערגעשניטן דעם וועג, מיר האָבן צעהאַקט אייערע קאָלאָנעס. איר איילט זיך קיין מאָסקווע? וואַרט אַ ווײַלע. פריער זייט מוחל און גיט זיך אָן אייצע מיט אונדז, צעקוועטשט אָקאָרשט אַ באַטאַליאָן פון דער רויטער אַרמיי!

ביקם געטרייע, ווּעסט אַרויסהעלפן?

.1

אפן שאָסיי איז אַלץ געבליבן שטיין. די הינטערשטע מאַשינעס האָבן זיך אין דער ענגשאַפט געקערעוועט אַף צוריק, אויסגעמיטן די אַנטקעגנ־קומענדיקע, זיך פאַרהאַלטן אין די צוזאַמענשטופעניש, זיך אומגעקערט אין דאָרף.

אין וואַלד־שפּיץ האָב איך איבערגעלאָזן צוויי האַרמאַטן און באַפוילן צו קלאַפּן אַף די דייטשישע מאַשינעס, און שפּעטער, ווען דער סוינע וועט נעמען ענטפערן, איבערבייטן די פּאָזיציע.

די איבעריקע האַרמאַטן האָבן מיר אַריבערגעפירט דורכן וואַלד, מיט העק און זעגן דורכשניידנדיק זיך אַ וועג, צום צווייטן עק, נענטער צום דאָרף.

די קאָרעקטירער מיט בינאָקלען און טעלעפאָן־טרייבלעך האָבן זיך פאַרקליבן אַף די סאָסנעס. פון אָט די אויסקוק־פונקטן האָבן זיי געמאָלדן: דער דאָרף איז אָנגעפּראָפּט מיט מאַשינעס; מען לאָזט זיי אַדורך אָן אַ זייט, איבער אַ פעלדוועג, אָבער די לאַסט־אויטאָס קענען ניט אַרויס פון דער בלאָטע.

איך האָב געזאָגט צום באַטערייע־קאָמאַנדיר:

— דערלאַנג זיי אַביסל פייער! וואַרף אַריין אין דער באַנדע זעכציק גראַנאַטן. דערנאָך וואַרט אַף פאַראָרדענונגען. אויב זיי וועלן זיך אַ ריר טאָן, וועלן מיר איבערכאַזערן.

איך האָב זיך געלאָזן צום שטאַב. די ראָטעס האָבן פאַרנומען אין וואַלד אַ קרייז־פאַרטיידיקונג. די קעמפער האָבן זיך איינגעגראָבן אין דער

ערד. דער וואלד־קלין, וואו מיר האָבן זיך פארפעסטיקט, איז געווען גע־רוימער פון אונדזער נעכטיקן אינדזל. אָבער ניט באַנוגענענדיק זיך דער־מיט, האָב איך ספּעציעל שיטער געמאכט די פאַרטיידיקונג קעדיי צו פאַר־קלענערן די פאַרלוסטן פון דייטשישן פייער, וועלכער — איך האָב ניט געצווייפלט — וועט באַלד אומבאַדינגט אָנקומען. איין קוילנוואָרפער־פּע־לאָטאָן און דריי שיסער־פּעלאָטאָנען זיינען אָפּגערוקט געוואָרן אין דער טיף און צעשטעלט אין פאַרשיידענע פונקטן, ווי רעזערוון. די רעזערוון איז פאַראָרדנט געוואָרן עפּענען פייער זיך שפּאַלטן. אין ערד־באַהעלטענישן איז אויך אַוועק פון דער אויבערפלאַך דער מעדפּונקט מיט אַלע פּאַרוואַונדעטע. דער ווירטשאַפט־פּעלאָטאָן האָט געגראָבן שטאַלן פאַר די פערד.

דער קאָמאַנדע־פּונקט פון באַטאַליאָן איז שוין אויך ניט געווען אין געצעלט, נאָר אין דער ערד, אונטער אַ פּילפּאַכיקן צודעק פון קלעצער. דאָרט האָט ווידער געברענט דער לאָמפּ, געשטאַנען דער באַקאַנטער טיש; אין ווינקל האָבן זיך איינגעאָרדנט די טעלעפאָניסטן. מיר אַנטקעגן איז, ווי שטענדיק, אויפגעשטאַנען ראַכימאָוו.

פון קאָמאַנדע־פּונקט האָב איך אַנגעקלונגען אַהין, וואו ס'האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ פייער־פּאָזיציע שילאָווס האַרמאַטן. זיי האָבן גע־האַלטן אונטערן ציל דעם פעלדוועג. אויך אָט דער וועג איז געווען פאַר־שטאָפּט צוליב די מאַשינעס צעקלאַפּטע אויף דער קרייצונג.

איך האָב באַפוילן אַרויסלאָזן אַ האַלבע מייע גראַנאַטן אויפן נאָענטסטן דאָרף, באַם פעלדוועג, וואו ס'האָבן זיך אויך אָנגעפּראָפּט אויטאָס. איך האָב געפילט: דער סוינע איז צוגעגאַנגען — ניט אַהין, ניט אַהער. איצט וועט ער באַווייזן זיין ציינערדיקן פּיסק. גוט, לאָמיר זען, ווי אַזוי ער וועט אונדז איינשלינגען... צי וועט זיך אים דער ביסן ניט שטעלן קאַפּויר אין האַלדז?

איך ווייס ניט, צי איז אייך באַקאַנט דער געפיל פון פולער גרייט־קייט, ווען ס'איז, דאַכט זיך, מאָביליזירט יעדער קעמערל, ווען אין קאָפּ איז אַן אויסערגעוויינלעכע קלאָרקייט, אין קערפּער אַ וואונדערלעכע לייכט־קייט? פון פאַרשיידענע זייטן האָבן געדונערט מיינע האַרמאַטן. מיר זיינען אָנגעפאַלן. די שפּיל האָבן געפירט מיר. די נעכטיקע דערדריקטקייט, די נעכטיקע שרעקן — ווי זיי וואָלטן קיינמאָל ניט געווען.

.2

איינער פון די טאַקטישע פּרינציפּן פון בליצקריג, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעווענדט נאָך אין פּוילן, האָלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך, איז ווי באַוואוסט, געווען אַזאַ: דורכרייסנדיק אין פאַרשיידענע פּונקטן די פראָנט־ליניע, טראָגן זיך פאָרויס, פאָרויס און איבערלאָזן הינטער זיך די פונאַנ־דערגעשיידטע, צעהאַקטע, דעמאָראַליזירטע טיילן פון סוינע. הינטער מאָס־קווע האָט זיך עס די היטלעריסטן ניט איינגעגעבן.

איך וועל דאָך דערציילן בלויז וועגן מיין באַטאַליאָן.

זייענדיק אָפּגעשניטן געוואָרן אינמיטן מאַרש, באַם אָפּשטעל, (לאָ־מיר אין קלאַמערן איבערכאַזערן — צוליב מיין שולד) לעבן שאָסיי, לעבן איינציקן האַרטן וועג אין דעם ראַיאָן, דורך וועלכן די דייטשן האָבן זיך געקענט טראָגן פאָרויס, האָבן מיר אים, פון אונדזער זייט, איבערגעשניטן מיט פייער. אָפּן מיליטערישן לאָשן הייסט עס: קאָנטראָלירן דעם וועג מיט פייער.

דורך דעם האָבן מיר געצוואונגען די דייטשן, אַנשטאָט „פאָרויס, פאָרויס!", צו פאַרנעמען זיך מיטן ליקווידירן די נעסט פון ווידערשטאַנד. געצוואונגען... אָפּן מיליטערישן לאָשן רופט זיך עס: אָנוואַרפן דעם סוינע דיין ווילן.

די דייטשן האָבן גענומען בראָקן דעם וואַלד מיט גראַנאַטן און מי־נעס. מיר האָבן געענטפערט, מאַנעווורירנדיק מיט דער אַרטילעריע. צוזאַ־מענגעצויגן אין איין פּונקט אַלע פערצן האַרמאַטן, אַ זעץ געטאָן מיט עטלעכע זאַלפּן איבער דער רעטאַגוואַרדיע און טייקעף דעסקאָנצענטרירט די אַרטילעריע צו צוויי, צו פיר האַרמאַטן און באַשאָטן מיט אַ שנעלן פייער די אַנדערע פּונקטן. פון די סאָסנע־שפּיצן זיינען געווען אָפּן פאַרן אויג זעקס דערפער. די אַלע זיינען געווען פאַרנומען פון סוינע. ער האָט פון אונדז באַקומען אין די אַלע פּונקטן קעסיידער, מאַכמעס, וואָס שאָיעך האַרמאַטן און קוילן, זיינען מיר געווען געוווירים.

ס'זיינען אָנגעפלויגן ניין באָמבאַרדירער. וואָיענדיק האָבן זיי גענו־מען פּיקירן. דער וואַלד האָט זיך געטרייסלט פון די שווערע אויפרייסן. און וואָס? די מוטערל־ערד האָט באַשיצט. ס'האָבן געליטן, דעריקער, די

פערד, פאר וועלכע מ'האט ניט באוויזן צוצוגרייטן אונטערערדישע שטאלן. פערצן אומגעקומענע פערד, צוויי צעקלאפטע הארמאטן און זעקס מאן פארוואונדעטע — דאס איז געווען דער סאכאקל פון אוויאציע־אנפלי.

אקעגן האלבן טאג האבן אין דער ווייט, א פופצן קילאמעטער צו צאפן, דאס הייסט, אין דער ריכטונג אף וואלאקאלאמסק, אזוי ווי אינ־דערפרי אפט־אפט געגומען קלאפן הארמאטן. צייטנווייז האבן זיך די וויי־טע שאסן צוזאמענגעגאסן אין איין קעסיידערדיקן געברום: אורטיילנדיק לויטן קלאנג, האבן דארט געפירט א פייער ניט צען, ניט צוואנציק, נאר, ווי אינדערפרי, א הונדערט אדער הונדערט פופציק הארמאטן. ווי מיר האבן זיך שפעטער דערוואוסט, זיינע די טאנקען, וואס האבן זיך געהאט אדורכ־געריסן, דארטן באגעגנט געווארן דורך א צווייטן ארטילעריע־פאלק. און דא האבן מיר ניט דורכגעלאזן דורכן וועג די פארשטארקונגען, ניט דורכ־געלאזן די ארטילעריע, די מאטאריזירטע אינפאנטעריע און אמוניציע.

דריי מאל זיינען קייטן אינפאנטעריע געגאנגען אף אונדז אין אטאקע. יעדער מאל האבן מיר צוגעלאזן נאנט און דערנאך מיט ביקסן־זאלפן און א קינזשאל־פייער פון די קוילנווארפערס געשניטן די דייטשישע קייטן, צוגעדריקט די גאנץ־געבליבענע צו דער ערד, געצוואונגען זיי פויזען צוריק. איין אטאקע איז אויסגעקומען פונקט דארטן, וואו ס'האבן זיך געפונען עטלעכע אונדזערע הארמאטן, וואס האבן מאנעוורירט דורכן וואלד. ס'האט זיך אונטערגערוקט א געלעגנהייט, א געלעגנהייט, אף וועלכער עס ווארט יעדער עמעסער ארטילעריסט, — צו באגעגענען דעם סוינעס אינפאנטעריע מיט א קארטעטש־פייער. איר ווייסט, וואס איז אזוינס א קארטעטשן־שאס? דער גראנאט, וואס פליט ארויס פון דער לופע, רייסט זיך אויף פליענדיק, אין דער לופטן און שליידערט ארויס הונדערטער קוילן, הונ־דערטער הייסע שניידיקע שפריצן, וואס שלאגן מיט א שרעקלעכער קראפט דער אנגרייפנדיקער אינפאנטעריע אין פאנעם אריין.

אין דעם טאג האבן מיר דריי מאל דערוויזן דעם סוינע דעם עלעמענ־טארן עמעס, אז ס'איז אומזיסט דער פרואוו צו קריכן מיט דער ברוסט אפן קינזשאל־פייער, אומזיסט איז דער פרואוו צו אטאקירן א פאזיציע, אויב ס'זיינען ניט דערדריקט די פייער־פונקטן, אויב ס'איז ניט דערדריקט דער גייסט.

און דערדריקן אונדז, — אָ, וויפל וואָלט עס געפּאַדערט אַרטילעריע־אַרבעט, וויפל צייט וואָלט עס געפּאַדערט! צייט, צייט, — אַט וואָס מיר האָבן אַוועקגענומען באַם סוינע. און אַוועקגענומען מענטשן, לעבעדיקע שלאַג־קראַפט.

אומבאַמערקט איז צוגעפאַלן דער אָוונט. מ'האָט געדאַרפט טראַכטן וועגן אָפּטרעטן. אָבער, שטעלט זיך פאַר, ס'האָט זיך ניט געוואָלט אַוועק־גיין. עס האָט זיך אויסגעשעפּט אונדזער אַמוניציע, ווען ניט וואָלט איך מיט בײַשעק זיך געשלאָגן אַף דעם אָרט נאָך אַ מעס־לעס; נאָך אַ מעס־לעס וואָלט איך צוגעהאַלטן דעם סוינע פאַרן עק, וואָלט אַ שפּיל געטאָן מיט אים...

קיין שרעק איז שוין ניט געווען. עס זײַנען אַוועק, געבליבן אַפן נעכ־טיקן אינדזל מײַנע שווערע שטימונגען.

אַט אַזוי איז אויסגעקערט געוואָרן די מוירע פאַר אַרומרינגלונג. אַט אַזוי איז דורכגעגאַנגען געוואָרן דער קורס פון העכערער מיליטערישער בילדונג.

.3

ס'איז טונקל געוואָרן. די אויסשפּירונג האָט געמאָלדן: אין אַלע אַרו־מיקע דערפער איז דײַטשיש מיליטער, יעדער דאָרף איז געדעקט מיט אַ שטאַרקער באַשיצונג. אַלע וועגן זײַנען דעם באַטאַליאָן צוגענומען געוואָרן.

אָבער דער שאָסיי, קאָלזמאַן מיר זײַנען דאָ, געהערט אויך ניט די דײַטשן. איך האָב אַרומגעטראַכט די אויפאַנים אַף אַרויסצוגיין פונעם רינג. אַט טוט אַ קוק אַף דער מאַפּע. איר זעט: אין אַ לאַנגן פּאַס ציט זיך דער וואַלד צו צאָפן און קומט צו קימאַט האַרט צו וואָלאָקאָלאַמסק. די פוסגייער וועלן לײַכט דורכגיין מיטן וואַלד. און די רעדער? די האַרמאַטן, דער טראַנספּאָרט? אַוועקוואַרפן?

טראַכטנדיק, האָב איך גלײַכצײַטיק פאַרגעזעצט דעם קריג. די דײַטשן האָבן געפּרוווט, אויסנוצנדיק די פינצטערניש, באַנײַען די באַוועגונג אַפן שאָסיי. האָבן מיר ניט געלאָזן. זיי האָבן אַוועקגעלאָזן די מאַשינעס אין אומוועג, האָבן מיר געשלאָגן איבער די זײַטיקע וועגן. איך האָב, ווי פריער, געפּילט, אַז כ'האָב צוגעקלעמט דעם סוינע דעם עק. עס האָט זיך ניט געוואָלט אָפּלאָזן.

ניין אָדער צען אזייגער אָוונט איז אָנגעקומען א שעליאַך פון פּאנפי־לאָוו, לייטענאַנט אַניסין. ער האָט מיר איבערגעגעבן א צעטל פון גענעראַל: טייקעף ארויסבאַקומען זיך פון רינג, ארויספירן דעם באַטאַליאָן צו וואָלאָקאָלאַמסק.

אַניסין האָט זיך דערקליבן צו אונדז מיטן וואַלד. דער איבערייס צווישן דעם באַטאַליאָן און אונדזער מיליטער האָט דערגרייכט צו פינף און צוואַנציק קילאָמעטער. ווי גייט מען דורך אָט דעם פּאַס?

איך האָב אָנגענומען א באַשלוס: דורכגליטשען זיך אין דער פינצטער צום מאַסיוו פון וואַלד און דאָרטן באַוועגן זיך לויטן קאָמפּאַס, דירעקט צו וואָלאָקאָלאַמסק, דורכשניידנדיק אין וואַלד א וועג פאַר דער אַרטילעריע און טראַנספּאָרט. כ'האָב געגעבן א געזעגענונגס־קאָנצערט, געזעגענונגס־זאַלפּן איבער אַלע דייטשישע רעטאַגוואַרדיעס, וואוהין ס'האָבן דערלאַנגט אונדזערע האַרמאַטן. נו, דערמיט, צום ווידערזען, מיינע הערן! מיר'ן זיך נאָך באַגעגענען.

דער באַטאַליאָן האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג.

4.

מיר גייען און גייען אין דער טונקלקייט מיטן וואַלד. דער וואַלד — אַן אַלטער, א הונדערטיאָריקער. עס אַרבעטן זעגן, העק, מיר וואַלגערן, שלעפּן אַף די ביימער, האַקן דורך א וועג, האַקן אויס א זייבער וועגן זיך.

דער באַטאַליאָן האָט זיבעציק זעגן, הונדערט פופציק העק. — אַלע זיינען אין דער אַרבעט. מיר גייען און גייען. עס ציען זיך די צווייערדערדיקע פורלעך, די סאַניטאַרע פורן, די האַרמאַטן. מיר פירן צוועלף האַרמאַטן. צוויי זיינען צעשעדיקט געוואָרן אין שלאַכט, האָבן מיר זיי פאַרן אַוועקגיין אויפגעריסן. מיר האָבן פאַרלאָרן אַרום צוואַנציק בערד, אָבער אויך מאַסע איז געוואָרן וויניקער: איבער טויזנט גראַנאַטן האָבן מיר ארויסגעשליידערט אַפן סוינע און איבערגעלאָזן בלויז דעם אומבארירלעכן זאַפּאַס. ס'זיינען אויך געבליבן וויניק קעסטלעך קוילן. די פאַרנוצטע — דאָס זיינען אונדזערע זאַלפּן. דאָס פּייער פון די קוילנוואַרפערס, די אָפּגעשלאָגענע דריי אַטאַקעס. ניטאָ אויך אַף די פורן קיין ברויט, ניטאָ קיין קאָנסערוון, קיין גרויפּן, קיין גרינס, בלויז עפּעס־וואָס פאַר די פּראָוואַנ־

דעטע. יאָ, שוין צייט געווען, צייט אָוועקצוגיין. מאָרגן וואָלט עס געהאַלטן שמאָל.

מיר גייען, מיר זענען, מיר האַקן. מיר באַוועגן זיך לאַנגזאַם, אין אייניקע ערטער, אין דער געדיכטעניש, ווייניקער ווי אַ קילאָמעטער אַ שאָ. מיר גייען אָן אָפּשטעל, אָן אָפּרו, נאָר יעדער שאָ טוישן זיך די אַרבעט־קאָמאַנדעס.

אין וואַלד, אין באַוועגונג, פאַרכאַפּט אונדז דער באַגינען. די הויכע שטאַמען וואַלגערן זיך איין מיט אַ פייף, מיט אַ זעץ, ברעכנדיק און קנייטשנדיק אונטער זיך די יונגע ביימלעך. פּלוצלינג אָן אָפּשטעל. עס ווערן שטיל די זעגן. עס רייסט זיך איבער די קלאַפּעריי פון די העק.

די פאָדערשטע אויסשפּיר־גרופּע האָט געמאָלדן: דער באַטאַליאָן איז צוגעקומען צו אַ לײדיקן אָנביימערדיקן שעטעך, וואָס ליגט קווער. דאָרטן גייט דורך אַ פעלדוועג, וואָס פירט צום שאָסיי. אויף דעם וועג איז דער סוינע.

5.

איך שטיי באַם ראַנד און קוק.

עס קריכן די לאַסט־אויטאָס, זינקען אין בלאָטע, בוקסעווען. די פון דער אינפאַנטעריע, מיט בענקלעך, גייען לײדיק, אָבער דאָרטן זיינען ווי שייטלעך האָלץ אָנגעלייגט רערן פון מינענוואַרפערס. די אינפאַנטעריע גייט צופוס, שפּאַרט אונטער, שלעפּט אַרויס די מאַשינעס. אייניקע זיינען שווער געלאָדן מיט אַמוניציע, צו אַנדערע זיינען צוגעטשעפּעט לייכטע האַרמאַטן. ערגעץ אינעווייניק, צווישן די וועגנטלעך, ליגן קוילנוואַרפערס, גראַנאַטן.

די ברייט פון דעם אָפענעם שעטעך איז בערעך אַ קילאָמעטער. מען דאַרף דורכגיין אָט דעם קילאָמעטער; דורכגיין און פאַרשווינדן אין דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט פון וואַלד.

וואָס טוט מען? אויסשטעלן די האַרמאַטן? אַראָפּנעמען די קוילנוואַרפערס? אַריינטרעטן אין שלאַכט? אָבער קיין גראַנאַטן זיינען קימאַט ניטאָ, ביקסן־קוילן — ווייניק.

וואַרטן ביז נאַכט? מ׳טאָר ניט! דער סוינע האָט שוין געוויס פעסט־

געשטעלט, אָדער וועט באַלד פעסטשטעלן, אַז מיר האָבן פאַרלאָזן אונדזער נעבעטיקע נעסט. לויט אונדזער שפּור, לויטן דורכגעהאַקטן קאָרידאָר, קען מען אונדז לייכט געפינען, און מיר האָבן ניט מיט וואָס זיך צו פאַרמעסטן, מיר וועלן נישט קענען לאַנג ענטפערן מיט פייער.

מ׳וואָלט אַפילו געקענט אַוועקגיין אין דער טיף פון וואַלד, זיך אויס־באַהאַלטן דאָרטן ביז נאַכט. די דייטשן האָבן ניט ליב צו קריכן אין די וועלדער, זיי ווילן זיך ניט רוקן אין וואַלד־שלאַכטן.

אָבער איך האָב אַ באַפעל: פירן דעם באַטאַליאָן צו וואָלאָקאָלאַמסק. אונדז פאַדערט אַהין פאַנפילאָוו. מיר זיינען נייטיק דאָרטן, קעדיי צו באַ־געגענען מיט פייער אָט די דאָזיקע כאַיאָלעס, מיר זיינען נייטיק וואָס שנעלער, קעדיי אונטערצושפּאַרן אונדזער צוים, וואָס בייגט זיך אונטערן דרוק פון סוינע.

מ׳דאַרף זיך דורכרייסן! דורכרייסן זיך טייקעף, קאָלזמאַן די דייטשן זיינען זאָרגלאָז, קאָלזמאַן זיי האָבן ניט דערשמעקט, אַז מיר זיינען דאָ.

ווי אַזוי? מיט אַ פּלוצלינגדיקער באַגנעטן־אַטאַקע! איבעראַשטע פון דער אומגעריכטקייט, וועלן די דייטשן אין ערשטן מאָמענט זיכער ניט שטעלן קיין ערנסטן ווידערשטאַנד. זיי וועלן זיך פאַרלירן, ווען אין דער שטילקייט וועט פּלוצלינג אַ דונער טאָן דאָס רוסישע „הורא", וואָס יאָגט אָן אויף זיי אַן איימע. דורכשלאָגנדיק אַ ברייטן טויער, וועלן מיר זיך צע־לייגן פון ביידע זייטן און מיר וועלן האַלטן אָפן דעם דורכגאַנג, ביז עס וועלן אַדורך אונדזערע פורן, די אַרטילעריע, די פאַרוואונדעטע. מיר וועלן זיי דעקן מיט פייער, — אויף דעם וועט סטאַיען קוילן. דערנאָך וועלן זיך די ראָטעס פאַרנעמען און אָפּטרעטן. זייער ריקצוג דאַרף מען אויך דעקן. מיט וואָס? מיט אַ פּאָר קוילנוואַרפערס. דאָס סאַמע שווערסטע, דאָס אומ־מענטשלעך שווערע, וועט פאַלן אויפן גורל פון די דאָזיקע מענטשן, די מעטראַליסטן, וועלכע וועלן בלייבן די לעצטע, פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן צו זיך געקומענעם אָנגרייפנדיקן סוינע. אָט די מענטשן וועט שוין קיינער ניט דעקן. זיי וועלן שוין ניט אַוועקגיין. פאַר אַזאַ זאַך, פאַר אַזאַ העלדנטאַט זיינען נייטיק די סאַמע שטאַנדהאַפטיקע, די סאַמע איבערגעגעבענע: די וואָס וועלן שיסן ביזן לעצטן אָטעם, די וואָס וועלן דערפילן ביזן סאָף די הייליקע פליכט פון סאָלדאַט, וואָס וועלן אויספאָלגן דעם באַפעל: ניט אָפּטרעטן! שווער... שווער אָרויסרעדן אַפילו פאַר זיך אַליין: „דער לעצ־

טער וועט בלייבן בלאָכאַס מעטראַליע־פּעלאָטאָן". וועט בלייבן אַף אייביק אַף אָט דער לאַנקע צווישן וואַלד. אויך באָזשאַנאָוו, יאָ, מיט די מעטראַליסטן וועט זיין באָזשאַנאָוו. איצט בין איך זיכער, אַז בײַ די קוילנוואַרפערס וועט קיינער ניט אַ ציטער טאָן, אַז מיר וועלן אָפּטרעטן אין אָרדענונג, אַז מיר וועלן קענען אויפקלייבן און צונעמען מיט זיך אַלע. ווער ס'וועט פאַלן פאַרוואונדעט אָדער טויט אין שלאַכט. אַלע... אַכוץ דעם לעצטן העלדישן הייפל.

.6

דער באַטאַליאָן ציט זיך צו שטילשווייגנדיק צום ראַנד. איך האָב באַפוילן:

— איבערגעבן איבער דער קאָלאָנע: די ראָטע־קאָמאַנדירן — צו מיר. פּאָליטקאָם באָזשאַנאָוו — צו מיר!

ווי וועל איך עס זאָגן באָזשאַנאָוון? ווי וועל איך אַרויסריידן: „דזשאַל־מוכאַמעד, איך בין דיך מאַקריוו"?

וואַרטנדיק אַף די קאָמאַנדירן, האָב איך זיך צוגעקוקט צום לאַנגזאַמציענדיקן אומענדלעכן שטראָם פון מאַשינעס. דאָרטן זעט מען דערווייל ניט קיינע סימאָנים פון אַלאַרם. דאָרטן איז קיינער דערווייל ניט כווישעד, אַז צוויי־דריי הונדערט טריט פון זיי געפינט זיך אַ פאַרבאָרגענער אין וואַלד באַטאַליאָן פון דער רויטער אַרמיי.

און עפּשער גאָר האַנדלען אַנדערש? עפּשער. מ'זאָל... ניין, דאָס איז אַ שרעקלעכע ריזיקע. דאָס געפינט זיך ניט אין קיין שום סטאַטוט, אין קיין שום פאָרשריפט.

איך האָב זיך אומגעקוקט אַף די קעמפער, וואָס זיינען שטיל געשטאַנען צווישן די ביימער און ניט אַראָפּגענומען דעם בליק פון די דייטשן. יעדער סאָלדאַט מיינער האָט אַ ביקס; יעדער האָט אין די טאַשן אַ פולן שלאַכט־קאָמפּלעט קוילן — צו הונדערט צוואַנציק אַף אַ מענטשן. און ווי, אויב מ'זאָל פונדעסטוועגן?... עך, ביקס געטרייע, וועסט אַרויסהעלפן?! צום טייוול, — אויב אַנטשליסן זיך אַף דעם ריזיקאַלישן שריט, וואָס האָט באַהערשט דעם געדאַנק, קענען מיר דאָך בײַ אַ דורכפאַל אומקומען עפּשער אַלע. אָבער דערפאַר, אויב ס'וועט געלינגען, — גייען מיר אַלע אַרויס

גאנץ; מ'וועט קיינעם ניט דארפן ווארפן אלס קארבן. יאָ, ריזיקע איז אַ בעקאָוועדיקע זאך. ניין, אָן אן אויסרעכענונג איז די ריזיקע ניט בעקאָוועדיק. אָבער איך האָב דאך דאָ אויך אן אויסרעכענונג. איך האָב ווידער אַ קוק געטאָן אף די מענטשן. מ'קען פרעגן דעם ערשטן בעסטן: „ווי מיינסטו, — לאָזן אומקומען כאוויירים, קעדיי צו ראטעווען די איבעריקע, אָדער ריזיקירן: מיר קומען אום אלע, אָדער אלע ביז איינעם גייען מיר ארויס?" און יעדער וועט ענטפערן: „ריזיקיר!".

נו, מיינע פריינט, גוט מיר'ן קיינעם ניט איבערלאָזן!

אפן הארצן איז מאָמענטאל גרינג געוואָרן. און אין גאנצן קערפּער, אין מארך האָב איך דערפילט אַ וואונדערלעכע לייכטקייט. עס האָט זיך צעשפּילט דאָס בלוט, ס'האָט זיך צעשפּילט דער אזארט.

איינער נאָכן צווייטן זיינען צוגעקומען די קאָמאנדירן. איך האָב צארט אַ בליק געטאָן אף באָזשאנאָוון. ער האָט אויפגעכאַפּט מיין בליק, פארוואונדערט זיך צוגעקוקט און, אלס ענטפער, ניט גאָר זיכער אַ שמייכל געטאָן.

7.

איך האָב דערקלערט די קאָמאנדירן די אידייע פון דורכרייס. זי איז געווען אזא: דער באטאליאָן פאָרמירט זיך אין איין שורע אין דער פאָרעם פון אַ ראָמב, אַ לעקעך. אינעווייניק אין ראָמב שטעלן זיך אויס די פורן און הארמאטן. לויט מיין קאָמאנדע וועט זיך דער באטאליאָן רירן מיט אַ מעסיקן טראָט, אָנהאלטנדיק די פאָרעם פון לעקעך. די ביקסן האלטן גרייט. לויט מיין קאָמאנדע שיסן אין גאנג מיט זאלפּן. שיסן ניט אין דער לופטן, ניט אין דער ערד נאָר אָנצילנדיק די לופעס אפן סוינע.

אין וואלד איז ניט לייכט געווען צו פאָרמירן זיך. פאָרנט, אינעם שאַרפן ווינקל, האָב איך אוועקגעשטעלט ראכימאָוון, אין די זייטיקע ווינקלען — קראיעוון און טאָלסטונאָוון. הינטן, אלס אָפּשליסנדיקן — באָזשאנאָוון.

באָזשאנאָווס אָפּטיילונג, מיין ניט־פאָרויסגעזעענער רעזערוו, האָט געדעקט די רעטאגווארדיע. איך האָב געזאָגט צו זיי, צו אונדזערע אויפגענומענע אָרכים, די שילאָוועס־באָזשאנאָוועס:

— איך שטעל אייך אָוועק, כאוויירים, אפן סאַמע פאָראָנטוואָרט־

לעבן פּלאַץ! וועלן מיר דורכגיין, ווי בעריאָקעס, — וועלן די כאַטאַס פאַר־געסן ווערן.

זיי איז פאַרטיילט געוואָרן אַ טאָפּעלע צאָל האַנט־גראַנאַטן, אינדעם אויך גרויסע, קעגן טאַנקען, קעדיי צולעצט, ווען דער סטראָי וועט זיך דורכרייסן, מאַכן עטלעכע שטאַרקע אויפרייסן אין דער קאָלאָנע דייטשי־שע מאַשינעס.

פון הינטערשטן ווינקל, פאַרביי די פורן און האַרמאַטן, בין איך אַדורך פאָרויס. זיך געשטעלט לעבן ראַכימאָוון. זיך אומגעקוקט. ניט הייך אַ קאָמאַנדע געגעבן:

— באַטאַליאָן... מאַרש!

און גענומען שפּרייזן. און מיטגעפירט דעם אַנגעשפּיזטן לעקעך.

די דייטשן האָבן ניט באַלד פאַרשטאַנען, ווער מיר זיינען, וואָס מיר זיינען, וואָס פאַרא מאָדנער שווייגנדיקער סטראָי רוקט זיך אַרויס פון וואַלד. אַ סאַך האָבן ווייטער געשטופּט די מאַשינעס. אַנדערע האָבן זיך אויסגעדרייט צו אונדז און געקוקט פאַרוואונדערט. ס'איז בעעמעס געווען פאַר זיי אומפאַרשטענדלעך. די רויטאַרמייער לויפן ניט מיט אַנגעשטעל־טע באַגנעטן, שרייען ניט „הוראַ", ס'איז ניט קיין אַטאַקע. זיי קומען זיך אונטערגעבן? ניט ענלעך דערויף... זיי זיינען פון זינען אַראָפּ?...

אַ מעטער אַכציק־הונדערט האָבן זיי אונדז געלאָזן גיין, ניט אויפ־הייבנדיק קיין אַלאַרם. דערנאָך האָט אָפּגעקלונגען אַ באַפעלערישער גע־שריי אַף דייטש. איך האָב אויפגעכאַפּט: אייניקע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די אויטאָס, צום געווער, צו די קוילנוואַרפער. בעפיירעש אויפגעכאַפּט: די צייט איז איצט ווי צעהאַקט געוואָרן אַף די קלענסטע כאַלאָקימלעך.

— באַטאַליאָן...

— באַטאַליאָן...

אַ רעגע שטילקייט. די ביקסן האָבן זיך ניט אַ הייב געטאָן צו די אַקסלען. ס'איז באַפוילן געוואָרן ווי אייך איז באַוואוסט, צו שיסן גייענדיק.

— פייער!

אַ זאַלפּ האָט צעריסן די שטילקייט.

— פייער!

מיט אן אפגעהאקטן דונערנדיקן, אן איימע אניאגנדיקן קלאנג האבן מיר ווידער ארויסגעלאזן אין א פעבער עטלעכע הונדערט קוילן.

— פייער!

מיר זיינען געגאנגען און האבן געשאסן. דאס איז א שרעקלעכע זאך — א זאלפן־פייער פון א באטאליאן, א גלייכצייטיקער שאס פון זיבן הונדערט ביקסן, וואס כאזערט זיך איבער נאך איימעדיק רעגולערע פויזעס. מיר האבן צוגעדריקט די סאנים צו דער ערד, ניט געגעבן זיי קיין מעגלעכקייט אויפהויבן דעם קאפ, א ריר טאן זיך.

געגאנגען און געשאסן, פארשניטן אלץ אף אונדזער וועג. קיין איין קעמפער האט ניט געשעדיקט דעם סטראי, קיין איינער האט ניט א ציטער געטאן. איך האב געפירט דעם באטאליאן צו א ליידיקן ארט צווישן די מאשינעס. אפן וועג, אין בלאטע, — געהארגעטע דייטשן. פארזעצנדיק די קאמאנדע, ניט אפוויכנדיק, האב איך אף איינעם אנגעטראטן. אונטערן שטיוול איז דער פייגער נאכגיביק אריין אין דער בלאטע.

איבער די פעגארים, דורך דער דייטשער קאלאנע זיינען אדורך די מענטשן, די פערד, די רעדער.

ס'האבן אפגעדונערט עטלעכע אויפרייסן: דאס האבן געארבעט אונדזערע האנט־גראנאטן. און מיר האבן געשפרייזט, ארויסשיקנדיק קעסיידער זאלפן.

דער באטאליאן האט געעמיטן דעם וועג אין איינער פון די שטילקייט־פויזעס האב איך א געשריי געטאן:

— באטאליאן! הערן די קאמאנדע פון לייטענאנט ראכימאוו!

איצט האט ראכימאוו קעסיידער אויסגעשריען „פייער!" די קעמפער האבן געשאסן אויסדרייענדיק זיך. מיר האבן אלץ דעם סוינע ניט געלאזן אויפהויבן דעם קאפ, א ריר טאן זיך.

אינעווייניק אין ראמב, פארביי די פורן, פארביי די הארמאטן, בין איך אדורך אף צוריק און פארנומען א פלאץ אינעם שארפן אפשליסנדיקן ווינקל, לעבן באזשאנאוון. ביז צו דער וואנט פון וואלד איז פארבליבן צוויי הונדערט — צוויי הונדערט פופציק טריט. מיר האבן נאך אלץ קיין איינציקן דייטש ניט דערלויבט אנצואווענדן געווער.

פלוצלינג פונדערווייטנס, הינטן האבן זיך באוויזן עטלעכע טאנקען.

מיט אַן אַנוואַקסנדיקער מווירעדיקער גרילצעריי זיינען זיי געגאַנגען אַף אונדז און געשאָסן אין גאַנג פון קוילנוואַרפערס. כ'האָב אָנגעשטרענגט מיין קאָל און א קאָמאַנדע געגעבן:

— באַטאַליאָן! געלאָפן! פערד אין גאַלאָפ! צום וואַלד!

אַלע האָבן זיך א יאָג געטאָן. און נאָר א הייפל — דער הינטערשטער ווינקל, די שילאָווצעס-באָזשאַנאָווצעס — האָבן ווייטער געשפּרייזט, וואַרפנדיק בליקן אַף באָזשאַנאָוון און אַף מיר. ניט קוקנדיק אַף דער געשפּאַנטקייט פון מאָמענט, האָב איך זיך פונאַנדערגעלאַכט. צום טייוול, ווי זיי האָבן זיך עס אָפּגעוואוינט צו לויפן! כ'האָב אָנגעשריען אַף זיי:

— וואָס ווילט איר — א באַזונדער קאָמאַנדע פאַר אייך? נאָך מיר! געלאָפן!

מיר האָבן זיך א לאָז געטאָן. און הינטן א בראַזגעריי, א גערודער; הינטן א קנאַקעריי פון קוילנוואַרפער.

די מענטשן, די פורן, די האַרמאַטן זיינען פאַרשוואונדן אין וואַלד. ניט דערלויפנדיק א צוואַנציק-דרייסיק טריט ביזן וואַלד, בין איך געפאַלן. בעקיוון. מ'האָט געדאַרפט זיך אַרומקוקן, צי ס'איז ניטאָ קיין פאַרוואונדעטע, צי ס'איז ניט פאַרבליבן עמעצער אַפן פעלד אָן שוץ, אָן הילף. אויב אַפילע איינער איז געבליבן, דאַרף מען ווי-ניט-איז פאַרהאַלטן דעם סוינע, אַרויסטראָגן יענעם. אָבער קיינער איז ניט געבליבן. צוויי קעמפער האָבן, לויפנדיק נידעריק געבויגן, עמעצן געטראָגן אַף די הענט.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט אַרום. לעבן מיר איז געפאַלן באָזשאַנאָוו און נאָך א פינף מאַן. צווישן זיי פּאָלזונאָוו. ער האָט זיך פאַרשטעקט הינטער א פען, געוועזן בלייך, דער האַלדז וואַכזאַם אויסגעצויגן; די פאַרשטענדיקע העלע אויגן האָבן פלינק אַרומגעקוקט די געגנט; אין האַנט גרייט א שווערער אַנטי-טאַנק-גראַנאַט. אָט דאָס פּאָנעם מיט די יוגנטלעך-פוכלע ליפּן, וואָס איז פאַרבליבן אין זיקאָרן פון דעם פרימאָרגן, ווען מיט פּאָלזונאָוון האָט גערעדט פּאַנפילאָוו, האָט איצט אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש: ס'האָט איבעראַשט אין אים די קאָנצענטרירטקייט, אַנטשלאָסנקייט.

איך האָב א געשריי געטאָן:

— פּאַלזונאָוו! אויב כ'וועל זיך באַגעגענען מיטן גענעראַל, — וועט ער הערן וועגן דיר.

פּאַלזונאָוו האָט ניט קיין שמייכל געטאָן. איך האָב אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— נו, אַ יאָג! נאָך מיר!

מיר זיינען אויפגעשפּרונגען און זיך אַוועקגעטראָגן צום וואַלד. פון איינעם פון די טאַנקען האָט מען אַ לאָז געטאָן אויף אונדז אַ צייל טראַסירנ־דיקע קוילן. איינע האָט אומאַנגענעם אַ שיפּע געטאָן באַם פוס.

אָבער אין וואַלד האָבן זיך שוין אויסגעשטעלט די האַרמאַטן. באַך! באַך! אָט איז געקומען די צייט אַנצורירן דעם אומבאַרירלעכן קוילן־רעזערוו. איך האָב זיך אויסגעדרייט אין לויפן. איין טאַנק מיט אַ צעקלאַפּטן קייטן־גאַנג האָט זיך געדרייט אויף אַן אָרט, ווי אַ ריזיק־בראַזגענדיק דריידל. די אַנדערע האָבן פאַרטאַרמאָזירט. דאָרטן, אין די אייזערנע קאַסטנס, זיינען געזעסן ניט קיין ראָבאָטן, ניט קיין אויטאָמאַטן, ניט קיין קינסטלעכע מעכאַנישע וועזנס, נאָר מענטשן, — מענטשן, וועלכע ס'איז באַקאַנט די שרעק. ניט אַזוי קריכט זיך עס אויף האַרמאַטן, וואָס זיינען פאַרשטעקט הינטער הונדערט־יאָריקע סאָסנעס! מיר זיינען אַריינגעשפּרונגען אין וואַלד. די טאַנקען האָבן בראַזגענדיק און שיסנדיק גענומען גיין אויף הינטן.

8.

עטלעכע מאָל אין דער דערציילונג פיגורירט דער „זאַלפן־פייער".

וועט איר פרעגן: צוליב וואָס האָב איך עס געטאָן? בעקיוון. איך וויל, אַז אייניקע געדאַנקען פון אונדזער ניט־אויסגעטראַכטער דערציילונג זאָלן זיין אויסגעטיילט ווי מיט קורסיוו, מיט דיקן שריפט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ גראָבער מיטל. ס'וואָלט געווען אָנגענעמער איבערלאָזן עס פאַר דער קריטיק, וועלכע זאָל אויפקלערן די אָנצוהערענישן, צוזאַמענשטעלן איין זאַך מיט דער אַנדערער, מאַסביר זיין, ווי און וואָס.

אָבער דאָ רעדט זיך באַ אונדז ניט וועגן ליבע, וואָס יעדער איינער האָט דורכגעלעבט, וואָס איז אַלעמען פאַרשטענדלעך, נאָר וועגן דער טעכ-

ניק פון שלאַכט, וועגן פראַגעס פון מילכאָמע־קונסט, מיליטערישע ספּעציאַליטעט. דעריבער וועלן מיר אויפקלערן אַלץ אַליין.

די פּראַקטיק פון קריג האָט אונדז, קאָמאַנדירן, אויסגעלערנט, אַז אין דער מאָדערנער שלאַכט, סיי אין דער פאַרטיידיקונג, סיי אין אָנגריף, איז דער דעצידירנדיקער מיטל פון ווירקן אַפן קעגנער, אויף דער פּסיכיק פון קעגנער, — פייער! דערביי ווירקט אמשטאַרקסטן אַ פּלוצלינגדיק פייער, וואָס באַטויבט, פּאַראַליזירט אויגנבליקלעך די העכסטע מאָרדצענטערס.

איך האַלט זיך פאַר פּאַנפילאָווס אַ שילער, איך שטרעב צו ווערט זיין אָט דעם קאָוועד. און פּאַנפילאָוו, ווי איר ווייסט, האָט געלערנט: „שאַנעוועט דעם סאָלדאַט! שאַנעוועט ניט מיט ווערטער, נאָר מיט ־טאַט, מיט פייער!"

יאָ, די אינפאַנטעריע דאַרף מען איינהיטן מיט פייער און מיט מאַנעווער, אָפּרייניקן און דורכלייגן פאַר איר אַ וועג מיט פייער, פייער און פייער!

איך האָב אין זינען ניט נאָר די אַרטילעריע. „אויף דער אַרטילעריע האָף, און אַליין לאָז זיך ניט אָפּ! די אַרטילעריע וועט אָנשטאָט דיר מיט דער ביקס ניט שיסן, די אַרטילעריע וועט אָנשטאָט דיר מיט דער ראָטע מיטן באַטאַליאָן ניט אָנפירן". דאָס זיינען אויך פּאַנפילאָווס ווערטער.

יאָ, די אינפאַנטעריע האָט גענוג מיטלען צו פאַרזיכערן איר מאַנעווער מיטן קויעך פון אייגענעם פייער. די אינפאַנטעריע פאַרמאָגט אַ געוועער פון מוירעדיקער קראַפט, וועלכע, באַם געהעריקן געברויך, פּאַראַליזירט קימאַט זיכער די פּסיכיק פון סוינע, — דער ביקסן־זאַלפּ. איך באַזאָר איבער: די באַזונדערע קראַפט פון זאַלפּן־פייער ליגט אין זיין פּלוצלינגדיקייט. און די באַזע פון דער פּלוצלינגדיקייט איז ווידער און ווידער — דיסציפּלין.

אָט דעם דאָזיקן געדאַנק ווילט זיך אויסטיילן מיט קורסיוו: באַוועגן די אינפאַנטעריע מיט פייער, און ניט נאָר מיטן אַרטילערישן, נאָר אויך מיט איר אייגענעם, — מיט פייער, ניט מיט קוילעס, ניט מיטן האַלדז.

אין וואָלאָקאָלאַמסק באַ פּאַנפֿילאָוון

1.

מיר גייען דורכן וואַלד, — מיר שניידן, מיר האַקן, מיר לייגן דורך א וועג. וואָלאָקאָלאַמסק איז ניט ווייט. דייטלעך הערט זיך א קאַנאָנאַדע.

אָט איז שוין דער ברעג פון וואַלד. פונדאַנען זעט מען אינדערווייטנס די גלאָקן־טורעמס. א ביסל אָן א זייט און נענטער צו אונדז רויטלען זיך די ציגלנע געביידעס פון דער וואָלאָקאָלאַמסקער באַן־סטאַנציע. זי איז עטלעכע קילאָמעטער פון שטאָט. אין יענער ריכטונג, לעבן דער סטאַנציע, דונערט די שלאַכט.

פּלוצלינג טוען זיך דאָרטן א הייב אינדערלופטן די נידעריקע אייזערנע טורעמס, — ריזיקע בענזין־רעזערוואַרן, — און הענגענדיק א רגע, זעצן זיי זיך שווער אַראָפּ און צעפאַלן זיך אין די אויגן. עס קנוילט אויף א פלאַם און אַ רויך. דערנאָך דערטראָגט זיך א דונערנדיקע כוואַליע פון אויפרייס. די סטאַנציע איז נאָך אונדזערע. אָבער דאָס מיליטער רייסט שוין אויף די שינעס, די לאַגערן און רעזערוואַרן, כּדי ניט איבערלאָזן פאַרן סוינע, אַזוי ווי סטאַלין האָט באַפוילן, קיין טראָפּן ברען־שטאָף, קיין קערנדל טוואָוע.

איך פיר דעם באַטאַליאָן צו דער שטאָט. עס רופן אונדז אָפּ די פּאָסטנס. דאָס זיינען קעמפער פון אונדזער פּאָלק. פון זיי דערוויס איך זיך: דער שטאַב פון פּאָלק איז אין שטאָט, אין צאָפן־מיזרעכדיקן ווינקל.

מיר שפּרייזן איבער א שטיינערנעם ברוק, ווייטער וועט גיין אספאַלט, וועט גיין סאַמע ביז מאָסקווע, — דאָס איז דער וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי, צו וועלכן ס'רייסן זיך די דייטשן.

בעערעך א הונדערט טריט פאר די ערשטע הייזער האָב איך פאר-האלטן דעם באטאליאָן אױף א קורצן אָפּשטעל, אױף צו פאררייכערן.

און צען מינוט שפּעטער, אין פּעלאָטאָן-קאָלאָנעס, מיט אלע הארמאטן, מיט די קוילנוואַרפערס אױף די צוויי־רעדערדיקע וועגעלעך, מיט די פורן צעטיילט צווישן די קעמפער־גרופּעס, האָבן מיר זיך געלאָזן צו דער שטאָט. איך האָב געשפּרייזט אין שפּיץ.

.2

איך געדענק דעם דעמאָלסטיקן איינדרוק פון וואָלאָקאָלאַמסק. אייניקע הייזער, דעריקער אין צענטער, זיינען געווען צעקלאַפּט פון לופט־באָמבעס; ווייזט אויס, דעם סוינעס אוויאַציע איז ניט איינמאָל געפלויגן איבער דער שטאָט. א שווערע באָמבע האָט צעקלאַפּט א הילצערנעם לאַגער פון מעל. איין ווינקל איז געווען ארויסגעריסן, דער דאך איז איינגעפאַלן, דער טויער און די פענצטער־ראַמען זיינען ארויסגעפלויגן. פון אויפריים איז די מעל צעשאָטן געוואָרן ארום און מיט א פייכטן שיכט פארצווינגן די זייטן פון גראָבן באַם וועג. אפן ברוק האָט אונטער די שטיוול געקנאַקט דאָס צע-שאָטענע גלאָז.

די מעל האָט מען פונאנדערגעטיילט די איינוואוינער. ס'איז קענטיק עפּעס אן אָרדענונג, מ'איז געשטאַנען אין רייען, אָבער מ'האָט די מעל ניט געוואויגן, נאָר שנעל געשאָטן מיט עמערס אין די אונטערגעשטעלטע זעקלעך און קישן־ציכלעך.

און מיר זיינען געגאַנגען אין סטראָי צו פיר, אָנהאַלטנדיק די ליניע, אָנהאַלטנדיק דעם טראָט, און כמורנע זיך ארומגעקוקט אין די זייטן.

אין גאַס האָט אויסגעזען, ווי אלע וואָלטן ערגעץ געלאָפן, געאיילט זיך, ס'האָט אויסגעזען, ווי קיינער פון די איינוואוינער האָט ניט אויס-געהיט זיין רואיקן גאַנג.

דורך דער גאַס שפּרייזט דורך א פּאַטרול. אױף דער קרייצונג פון די גאַסן שטייט א רויטאַרמייער מיט דער ביקס אפן אקסל, מיט א רויטן באַנד אפן אַרבל — א רעגולירער פון דער באַוועגונג. ער שטעלט זיך „אַכטונג" און סאַלוטירט אונדז. אין שטאָט ווערט אָנגעהאַלטן א מיליטערישע אָרדע-

נונג, אָבער די פריערדיקע געוויינלעכע ציווילע אָרדענונג איז שוין ניטאָ.

די איינוואוינער גייען דורך איילנדיק, לויפן דורך אהין און אהער, ווארפן זיך דורך מיט קורצע פראזעס, אנדערע שלעפּן אריבער זאכן; און אַלע איילן זיך, איילן זיך.

די שטאָט, וואָס דער סוינע האָט נאָך ניט איינגענומען, וואָס מיר האָבן נאָך ניט אָפּגעגעבן, די שטאָט איז שוין געווען איינגענומען פון דער שרעק.

אין טויער פון א שטוב שטייט א ייִנגל פון א יאָר זיבעצן. אַף א רגע האָב איך באגעגנט זיין בליק. ער קוקט צודרינגלעך, אָבער פון אונטערן שטערן ארויס. דאָס יוגנטלעכע פּאָנעם איז ערנסט, דער קאָפּ עטוואָס אָנגעבויגן פאָרויס. פון דער פּאָזע, פון בליק האָב איך ארויסגעלייענט אן איינגעשפּארטקייט און א פאָרוואורף. א הונדערט מעטער ווייטער האָב איך זיך אומגעקוקט און דערזען דאָס זעלבע ייִנגל אין טויער. ער איז ווי געשטאַנען אָן א זייט פון דעם גאַנצן טומל.

שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט פון דעם קאַמף פון די וואָלאָקאָלאַמסקער פּארטיזאַנער קעגן די אַריינדרינגער, וועגן די אכט געהאַנגענע אין שטאָט, האָב איך זיך דערמאָנט אָן אָט דעם ייִנגל. איך האָב א טראכט געטאָן: אָט דער איז געווען צווישן די, וואָס האָבן געקעמפט. אין שטאָט איז ער געווען ניט איינער, אָבער דאַמאָלסט, אין יענעם ניט־פריילעכן אָקטאָבער־טאָג, האָט זיך אונדז געוואָרפן אין די אויגן נאָר צעדרערונג און דערשראָקנקייט.

און מיר זיינען געגאַנגען און געגאַנגען און כמורנע געקוקט אין די זייטן.

אויך אַף אונדז האָט מען געקוקט. דורך די גאַסן פון דער שטאָט, וואָס האָט אויסגעזען ווי שוין פאַרמישפּעט, איז געגאַנגען א מיליטער־טייל אין סטראָי, מיט שטרענגע אינטערוואַלן, מיט די קאָמאַנדירן אין שפּיץ פון די אָפּטיילן, מיט הארמאַטן, קוילנוואַרפערס, פורגאָנעס. א באַטאַליאָן־קאָלאָנע אין מאַרש איז, ווי איר ווייסט, קימאַט א קילאָמעטער.

ניין, מיר האָבן ניט אויסגעקלאַפּט אונדזער טראָט, ניט געשפּאַנט פייערלעך ,ווי אַף א יאָנטעוו. די קעמפער זיינען געגאַנגען מידע, אָנגעכמורעטע, — עס שטייט ניט פאַר קיין יאָנטעוו, קיין סימכע, נאָר נאָך

שווערערע שלאַכטן, — אָבער אונטערן בליק פון די איינוואוינער האָבן מיר אַרויסגעשטעלט די ברוסט, געהאַלטן די ליניע, דעם טראָט.

און געקוקט האָט מען אױף אונדז ניט מיט אַנטציקונג, מ'האָט ניט געקוואָלן פון אונדז. פון אָפּטרעטנדיקן מיליטער קוועלט מען ניט, אַז אָפּטרעטנדיקע אַרמײ רופט ניט אַרויס קיין באַוואונדערונג. פרויען האָבן געקוקט אױף אונדז מיט ראַכמאָנעס, אייניקע האָבן אָפּגעווישט אַ טרער. אַ סאַך האָט זיך זיכער אויסגעוויזן, אַז דאָס מיליטער פאַרלאָזט די שטאָט. די אומעטיקע, דערשראָקענע אויגן האָבן ווי געפרעגט: „שוין-זשע איז אַלץ געענדיקט?"

שווער, שווער איז געווען דער מאַרש דורך דער שטאָט. אָבער ווי אַן ענטפער אױף די בליקן פון די איינוואוינער, אַפן טומל און פאַרלוירנקייט, האָבן מיר שטאָלץ געהויבן די קעפּ, דעמאָנסטראַטיוו צעפירט די אַקסלען, פעסטער געשטעלט די פיס.

מיט יעדן קלאַפּ פון פוס, ווי איין־איינציקער בא די הונדערטער, האָבן מיר געענטפערט:

— ניין, ס'איז ניט קיין קאַטאַסטראָפע, ס'איז אַ מילכאָמע.

מיט אונדזער סאָלדאַטישן טראָט האָבן מיר געענטפערט אַפן אומעט, אַפן טרויער:

— ניין, מיר זיינען ניט קיין נעבעכדיקע קופּקעס, וואָס זיינען אַרויסגעקראָכן פון אַרומרינגלונג, צעשלאָגענע פון סוינע. מיר זיינען אָרגאַניזירטע סאָוועטישע באַיאָנעס, וואָס האָבן דערקענט זייער קראַפט אין שלאַכט; מיר האָבן געשלאָגן די היטלעריסטן, מיר האָבן אָנגעיאָגט אױף זיי אַ פּאַכעד; מיר האָבן געטראָטן איבער זייערע פּגאָרים; קוקט אױף אונדז. מיר גייען פאַרביי אייך אין סטראָי מיט אויפגעהויבענע קעפּ, ווי אַ שטאָלצער מיליטערישער טייל — אַ טייל פון דער רויטער אַרמײ, דער גרויסער גרויזאַמער סטאַלינס אַרמײ!

.3

דער באַטאַליאָן האָט זיך דערנענטערט צום צאָפן-מיזרעכדיקן שטאָטטייל, וואו ס'איז געשטאַנען דער שטאַב פון פּאָלק.

אױף אַ געוויסער גאַסן־קרייצונג האָט זיך דער ברוק פאַרביטן אין

אספאַלט; פון דעם פונקט האָט זיך אָנגעהויבן דער וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי, וואָס האָט מיטן ברייטן גלאַטן אַספאַלט געפירט גלייך קיין מאָסקווע.

אין איין הויז, — מיר האָבן זיך פאַרגעדענקט זיינע ריינע בלויע לאָדנס, — האָט זיך פלוצלינג, ווי פון א שטאַרקן שטויס, פונאַנדערגע-עפנט א פענצטער. פון דאָרטן האָט זיך מיט אימפעט געגעבן א רוק אַרויס דער קאָמיסאַר פון פאָלק, לאַגווינענקאָ, און פריידיק גענומען פאָכן צו אונדז מיט דער האַנט. און פון גאַניק איז שוין געלאָפן אונדז אַנטקעגן דער גרוי-לעכער מאַיאָר סאַראָקין, דער שטאַב-שעף פון פאָלק. ער האָט מיר געדריקט די האַנט; זיינע ניט-יונגע אויגן, וואָס האָבן שוין א סאַך געזען אין לעבן, האָבן מיטאַמאָל גענומען גלאַנצן. לאַגווינענקאָ, וועלכער איז שוין געווען אין דרויסן, האָט מיך אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס, אָפּגעשלעפּט אָן א זייט און גענומען קושן.

און פאַר מיר איז עס געווען א מאָמענט פון פאַרלעגנהייט. פאַרוואָס באַגעגנט מען אונדז אַזוי? און וועג האָב איך געמיינט פאַרקערט, אַז איך וועל באַקומען א פאַרוואָרף פאַר דער פאַרשפּעטיקונג. און נאָר איצט האָב איך פאַרשטאַנען, ווי באַומרואיקט, ווי פאַרצווייפלט זיינען זיי געווען, און-דזערע כאַווײרים, וועגן גורל פון באַטאַליאָן, וואָס איז געווען אָפּגעשניטן דורך די דייטשן און לאַנג ניט געלאָזט הערן פון זיך. אין געהיים איז עפּשער ניט איינמאָל דורכגעלאָפן בא זיי א שוואַרצער געדאַנק וועגן און-דזער אומקום.

דער קאָמאַנדיר פון פאָלק, מאַיאָר יעלין, — אַן איינגעהאַלטענער, א פאַרשלאָסענער, — איז שווייגנדיק געשטאַנען אָפן גאַניק און פאַרבייגע-לאָזן די רייען. איך בין צוגעגאַנגען צו אים מיט א ראַפּאָרט. אויסהערנדיק, האָט ער קורץ געזאָגט:

— גוט. שפּעטער קומט מיט אַן אויספירלעכן באַריכט. דערווייל צע-שטעלט דעם באַטאַליאָן אין קוואַרטירן. מ'קען אָפּרוען. דער פאָלק איז אין רעזערוו פון דיוויזיע-קאָמאַנדיר.

אין זיין גלייכער, רואיקער שטים האָט זיך בא די לעצטע ווערטער דורכגעריסן שטאָלץ. ער האָט עס ניט געקענט באַהאַלטן. ער, אין דער פאַריקער מילכאָמע א יונגער אָפיציר און שפּעטער א קאַדראָווער קאָמאַנ-

דיר פון דער רויטער ארמיי, האָט ער שטאָלצירט מיט איר, מיט דער ארמיי, צו וועלכער ער האָט געהאט דעם קאָווער צו געהערן.

איר פארשטייט, וואָס איז דאַמאָלסט געווען, נאָך דעם אַלעמען וואָס איז דורכגעלעבט געוואָרן, דער זין פון אָט דער פּאַשעטער פראזע: „דער פּאָלק איז אין רעזערוו פון דיוויזיע-קאָמאַנדיר״?

דאָס האָט באדייט, אז נאָכן דייטשן דורכברוך, נאָך צוויי-דריי קריטישע טעג און נעכט שפּייט ווידער די דיוויזיע אנטקעגן דעם סוינע, פאַרמירט צו א פאַרטיידיקונגס-שלאַכט מיט א מעכטיקער רעזערוו-גרופּע, אויסגעשטעלט עטוואָס אין דער טיף. זי, די פּאַשעטע פראזע האָט באַדייט, אז אנטקעגן די היטלעריסטן איז ווידער א געשלאָסענער פראָנט, אז מאָסקווע איז, ווי פריער, פארשטעלט.

דער באַטאַליאָן האָט זיך געצויגן און געצויגן. מיט א דראָענדיקן גערודער זיינען געגאַנגען די הארמאַטן.

פון ערגעץ איז צוגעקומען פּאַנפילאָווס אדיוטאַנט, דער יונגינטשקער רויטבאַקיקער לייטענאַנט. ער האָט מיר סאַלוטירט:

— באַוועד מאָמיש-אולי! צום גענעראַל!

— וואו איז ער?

קומט. אָט אין יענעם הויז. דער גענעראַל, הערט איר, האָט א קוק געטאָן דורכן פענצטער: וואָס איז עס? פונוואַנען אזא כאַיל?

און דער אדיוטאַנט האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

איך האָב ארויסגערופן ראַכימאָוון, באַפוילן איינקוואַרטירן די מענטשן צום אָפּרו און בין אוועק מיטן אדיוטאַנט.

4.

דורך א דורכגאַנג-צימער וואו ס׳האָבן זיך פונאַנדערגעלייגט מיט די אַפּאַראַטן די טעלעפאָניסטן, וואו עס האָבן דיזשורירט די שטאַב-קאָמאַנדירן, בין איך אריין צו פּאַנפילאָוון. מיט א לעבהאַפטער באַוועגונג האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש, אף וועלכן ס׳זיינען אויך געשטאַנען טעלעפאָנען און ס׳איז געווען פונאַנדערגעלייגט א גרויסע טאָפּאָגראַפישע מאַפּע.

איך האָב זיך אויסגעצויגן, געוואָלט ראַפּאָרטירן, אָבער פּאַנפילאָוו

האָט ניט דערלאָזן. ער האָט שנעל א שפּרייז געטאָן מיר אנטקעגן, אָנגע־נומען מיין האַנט און אפן קאַזאַכישן שטייגער, מיט ביידע הענט, שטאַרק געדריקט.

— זעצט זיך, כאַווער מאָמיש־אולי, זעצט זיך... איר ווילט טיי? איר וועט זיך ניט אָפּזאָגן עפּעס איבערבייסן?

און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער געעפנט די טיר און צו עמיצן א זאָג געטאָן:

— דערלאַנגט א מיטאָג, צובייסן, א סאַמאָוואַר... און אַלץ וואָס מען באַדאַרף.

דערנאָך זיך אויסגעדרייט צו מיר. זיין שמייכל, זיינע קליינע אויגע־לעך, איינגעשניטענע עטוואָס קרום, עטוואָס מאָנגאָליש, זיינען געווען פריינטלעך.

— זעצט זיך. דערציילט, א סאַך מענטשן פאַרלאָרן?

איך האָב געמאָלדן די פאַרלוסטן.

— די פאַרוואונדעטע אַרויסגעפירט?

— יאָ, כאַווער גענעראַל.

— פאַראָרדנט, די מענטשן געבן עסן? זיי זאָלן אָפּרוען, זיך אויס־טריקענען?

— יאָ, כאַווער גענעראַל.

פּאַנפילאָוו איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, אַרויסגערופן דעם שטאַב־שעף פון דער דיוויזיע און באַפוילן טייקעף צו מעלדן אין שטאַב פון דער אַרמיי, ראָקאָסאָווסקין, אַז אין וואָלאָקאָלאַמסק איז אָנגעקומען א פּאָלוער־טיקער באַטאַליאָן, וואָס האָט זיך אַדורכגעשלאָגן פון דער רעטאַגוואַרדיע פון סוינע.

אויסהערנדיק עפּעס א טעלעפאָנישע מעלדונג, האָט פּאַנפילאָוו זיך אָנגעבויגן איבער דער מאַפּע און גענומען עפּעס פונאַנדערפרעגן. איך האָב אויפגעכאַפּט:

— און פון צאָפן? רואיק? ווען האָט איר געהאַט די לעצטע מעל־דונג? און שפּעטער? איך גלויב ניט אָט דער דאָזיקער רואיקייט. פרעגט אָן נאָך א מאָל, מאַכט קלאָר... און שיקט צו מיר, כ׳בעט אייך, דעם קאַ־פּיטאַן גאָפּמאַן מיט אַלע מעלדונגען.

אוועקגעלייגט דאס טרייבל, האט פאנפילאוו נאך א געוויסע צייט באטראכט די מאפע. זיין פּנים איז געווען ערנסט, אפילע בייזלעך. ער האט מאשינעל ארויסגענומען דעם פּאַרטציגאר, פארטראכטערהייט גע־קלאפּט מי־טן פּאפּירָאס אן טיש, דערנאך זיך געכאפּט, א קוק געטאן אף מיר.

— אנטשולדיקט...

און שנעל אויסגעצויגן צו מיר דעם אָפענעם פּאַרטציגאר.

— נו, כאווער מאמיש־אולי, דערציילט. ווענן אלץ דערציילט.

5.

איך האב באשטימט צו באריכטן וואס קירצער, קעדיי ניט פארנע־מען צייט באם גענעראל. מיר האט זיך געדוכט, אז איצט, אין דער נער־וועזער אטמאספער פון שלאכט, ליגט אים ניט דער קאפּ צו מיר, צו מיין באריכט.

— דעם דריי און צוואנציקסטן אקטאבער אינאוונט... — האב איך אנגעהויבן.

— אהא, וואו איר האט א כאפ געטאן, — האט מיך איבערגעשלאגן פאנפילאוו, — האט צייט מיטן דריי און צוואנציקסטן אקטאבער... דער־ציילט פריער וועגן די שלאכטן אף די וועגן. איר געדענקט אונדזער ספּי־ראל? נו, ווי האט זי געארבעט בא אייך?

נאך די אלע איבערלעבענישן, האבן זיך אט די קלייניקע שלאכטן, די אומבאדייטנדיקע אפּעראציעס פון קליינע גרופּעס — די פעלאטאנען פון דאנסקיך און ברודני, — אפּגערוקט ווייט־ווייט. מאדנע, פארוואס פרעגט פאנפילאוו וועגן דעם? וואס פארא באדייטונג האבן איצט אונ־דזערע אמאליקע ערשטע צוזאמענשטויסן?

פאנפילאוו האט א שמייכל געטאן, ווי ער וואלט געטראפן מיינע געדאנקען.

באציט זיך אויך צו אייך, כאוועך מאמיש־אולי. אייער באטאליאן איז

— מיין כאיל, — האט ער געזאגט, — איז מיין אקאדעמיע... דאס אייער אקאדעמיע, נו, דערציילט־זשע, וואס האט איר געלערנט?

פון די דאזיקע ווערטער איז מיטאמאל ווארעם געווארן אפן הארצן.

ווי איך האָב זיך ניט געשטאַרקט, אָבער דאָס בילד פון דער שטאָט, וואָס איז געווען באַהערשט פון שרעק, האָט, פאַרשטייט זיך, געווירקט אויף מיר דערדריקנדיק. און אין דער זעלבער שטאָט, אין צימער, וואו עס דער־טראָגט זיך דייטלעך דער האַרמאַטן־דונער, פרעגט פאַנפּילאָוו מיט אַ שמייכל: „נו, וואָס האָט איר געלערנט?" און טייקעף, פון אָט דער איינ־ציקער פּאַשעטער פראַגע, האָט זיך מיר איבערגעגעבן זיין אומגעבראָכענע רואיקע זיכערקייט.

אָנבייגנדיק זיך צו מיר, האָט פאַנפּילאָוו מיט לעבהאַפטיקן, ניט־געמאַכטן אינטערעס געוואַרט אויפן ענטפער.

וואָס־זשע האָב איך טאַקע געלערנט? נו, זאָל זיין וואָס עס וויל, כ'וועל אַרויסזאָגן דעם עיקר:

— כאָווער גענעראַל, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער בליץ־קריג, וואָס די דייטשן ווילן דורכפירן קעגן אונדז איז אַ פּסיכישער קריג. און איך, כאָווער גענעראַל, האָב זיך געלערנט שלאָגן זיי מיטן זעלבן געווער.

— ווי האָט איר געזאָגט: אַ פּסיכישער קריג?

— יאָ, כאָווער גענעראַל. אַזוי ווי ס'איז פאַראַן אַ פּסיכישע אַטאַקע, אַזוי איז דאָ די גאַנצע מילכאָמע אַ פּסיכישע...

— אַ פּסיכישע?... — האָט מיט אַ פראַגע־טאָן איבערגעכאַזערט פאַנפּילאָוו.

ווי זיין שטייגער איז, האָט ער געשוויגן, געטראַכט. איך האָב אומר רואיק געוואַרט, וואָס וועט ער ווייטער זאָגן, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך אויפגעעפנט די טיר. עמעצער האָט געפרעגט:

— דערלויבט אַריינגיין?

— יאָ, יאָ, קומט אַריין.

מיט אַ גרויסן שוואַרצן פּאָרטפעל איז שנעל אַריין דער שעף פון דער אָפּעראַטיווער אָפּטיילונג פון דיוויזיע־שטאַב, קאַפּיטאַן גאָפּמאַן.

— לויט אייער באַפעל...

— יאָ, יאָ... זעצט זיך.

איך האָב זיך אויפגעהויבן, ווי עס האָט געפאָדערט די אָנשטענ־דיקייט.

— וואוהין, כאָווער מאָמיש־אולי? — האָט געזאָגט פאַנפּילאָוו און

געמאַכט אַ שפּאַס: — איר ווילט צוקלאַפּן דאָס בוך אַפן סאַמע אינטע־רעסאַנטן פּלאַץ? אַזוי טוט מען ניט...

האָט ער דען געקענט וויסן, אַז אָט די מינוטן, אָט די ווערטער וועלן ווירקלעך ווען־עס־איז אַריינגיין אין אַ בוך?

— שטילט דערווייל דעם הונגער...

פּאַנפילאָוו האָט פרייגעבלעך אָנגעוויזן אַפן טישל, וואו ס'האָט שוין געוואַרט אַף מיר אַ מיטאָג.

.6

איך האָב געהאַלטן פאַר ניט פּאַסיק צוהערן זיך צום שטילן שמועס, אָבער איינצלנע פראַזן האָבן זיך דערטראָגן.

לויט ווי איך האָב אומגערן פעסטגעשטעלט, האָט פּאַנפילאָוו ניט געטרויט די באַרואיקנדיקע מעלדונגען פון אַ געוויסן סעקטאָר, וואָס איז געווען ווייט פון דער ריכטונג פון דייטשישן הויפּט־דרוק, און געפאָדערט אַ גרינטלעכן קאָנטראָל.

דערנאָך האָב איך אויפגעכאַפּט:

— איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

מיט אָט דער פראַגע פלעגט דער גענעראַל געוויינלעך פאַרענדיקן דעם שמועס. אַ סאַך מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן די דאָזיקע פיר ווער־טער: דאָס איז ניט געווען קיין איבערכאַזערונג פון אַ פראַזע וואָס טשע־פּעט זיך צו; ער האָט ווירקלעך געפרעגט און דערביי זיך גוט צוגעקוקט צו זיין מיטשמועסער.

דער קאַפּיטאַן האָט סאַלוטירט און זיך געלאָזן צום אַרויסגאַנג, אָבער פּאַנפילאָוו האָט זיך ווידער געווענדט צו אים. איך האָב דערהערט אַ פראַגע, וועלכער איך האָב אין יענעם מאָמענט ניט צוגעגעבן קיין באַ־דייטונג: איר זין איז מיר קלאָר געוואָרן אַביסל שפּעטער.

פּאַנפילאָוו האָט געפרעגט:

— דער פאָרשטייער פון דער אַכט און זיבעציקסטער איז אַרויסגע־פאָרן אַהער?

— יאָ, כאַווער גענעראַל. באַלד וועט ער זיין דאָ.

— גוט. ווענדט אים, כ׳בעט אייך, גלייך צו מיר.

מיט א שאָקל פון קאָפּ האָט ער אָפּגעלאָזן דעם קאַפּיטאַן, דערנאָך צוגעגאנגען צו מיר און געזאָגט:

— עסט, עסט, כאַווער מאָמיש־אולי.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט און באַדאַנקט.

— זעצט זיך, כ׳בעט אייך. זעצט זיך.

דער אַלטמאָדישער בייכיקער סאַמאָוואַר, וואָס מ׳האָט אויך דער־לאַנגט צום טיש, האָט געצויגן א דינעם, שטילווערנדיקן טאָן. פּאַנפילאָוו האָט אָנגעגאָסן מיר און זיך שטאַרקן הייסן טיי, האָט זיך געזעצט, א צי געטאָן מיט די נאָזלעכער דעם דאַמף פון דער גלאָז, שטיל צוגעקנאַקט מיט דער צונג און א שמייכל געטאָן.

— האַקלאַל, כאַווער מאָמיש־אולי, — האָט ער געזאָגט, — לאָמיר גיין מיט א סיידער. ווי איז אייך געלונגען דאָס, וואָס מיר האָבן אָנגע־מערקט מיטן בליישטיפט אויף דער מאַפּע? ווי האָבן געאַרבעט די פּעלאָ־מאָנען אויף די וועגן?

איך האָב גענומען דערציילן. טרינקענדיק מיט קליינע זופּן דעם טיי, האָט פּאַנפילאָוו אויפמערקזאַם געהערט. ווען־ניט־ווען האָט ער אריינ־געשטעלט א באַמערקונג, ניט באַרירנדיק דערווייל דעם איקער. אזוי, לע־מאָשל, ווען דאָנסקיך האָט ער געפרעגט:

— א בריוו אהיים, צו זיינע קרויווים האָט איר געשריבן?

— ניין, כאַווער גענעראַל.

— א שאָד. ניט גוט, כאַווער מאָמיש־אולי, ניט סאָלדאַטיש, און ניט מענטשלעך. שרייבט אָן, כ׳בעט אייך. אויך צום קאָמיטעט פון קאָמסאָ־מאָל שרייבט אָן.

לייטענאַנט ברודנין האָט פּאַנפילאָוו באַפוילן צוריקשטעלן אין זיין פריערדיקן אמט.

— ער האָט עס פאַרדינט, — האָט דערקלערט דער גענעראַל. — און ביקלאַל, כאַווער מאָמיש־אולי, אָן אן אויסערסט ווינטיקער סיבע דאַרף מען ניט איבערווקן די מענטשן. דער סאָלדאַט געוויינט זיך צו צו זיין קאָ־מאַנדיר, ווי צו זיין ביקס. אָבער דערציילט ווייטער...

איך האָב דערציילט וועגן דריי און צוואַנציקסטן אָקטאָבער, וועגן

דעם, ווי אזוי דער באטאליאן איז אריינגעפאלן אין ארומרינגלונג.

אפרוקנדיק די גלאז, האט פאנפילאוו געהערט עטוואס אנגעבויגן צו מיר, זיך איינגעקוקט אין מיר, גלייך ער וואלט אין מיינע ווערטער באמערקט עפעס מער, ווי איך אליין האב אריינגעלייגט אין זיי.

מיין באריכט האט אויפגעקלערט פאנפילאוון אייניקע דעטאלן פון דער שלאכט, וואס איז נאך אויך איצט אנגעגאנגען. אים איז עפשער ערשט איצט פולשטענדיק קלאר געווארן, פארוואס אין א געוויסן מאמענט, צוויי מעסלעס צוריק, אנפירנדיק די אנגעשטרענגטע שלאכט, האט ער פלוצלינג דערפילט, ווי ס'איז שוואכער געווארן דער דרוק פון סוינע, ס'האט זיך פלוצלינג פרייער אפגעאטעמט. דאמאלסט, אין יענער שא, ווייט פון וואלאקאלאמסק, ווייט פון די אייגענע, זיינען אריין אין דער ארבעט אונדזערע הארמאטן, אונדזער באטאליאן, וואס איז אפגעשניטן געווארן בא דער קרייצונג פון די וועגן. דעם סוינעס קאלאנעס זיינען געווארן איבערגעהאקט; דער הויפטוועג פארצאמט; דער קלאפ איז ווייכער געווארן, — די דייטשן האבן א געוויסע צייט ניט געהאט מיט וואס צו שטייגערן, מיט וואס אונטערצושפארן.

ס'איז געווען א גליקלעכע צופעליקייט אין קאמף. אבער די היינטיקע צופעליקייט האט פאנפילאוו מארגן אנגעווענדט ווי א באטראכטן, באוואוסטזיניקן טאקטישן גאנג. אין דעם איז מיר אויסגעקומען זיך איבערצייגן עטלעכע טעג שפעטער, ווען אין די נייע אומשטאנדן האט פאנפילאוו אוועקגעשטעלט פאר מיר א שלאכט־אויפגאבע. יא, זיין כאיל איז געווען זיין אקאדעמיע.

7.

איבערלעבנדיק אפסניי די עמאציע פון שלאכט, האב איך באשריבן, ווי אזוי מיר האבן מיט א זאלפן־פייער דורכגעלייגט זיך א וועג דורך דער דייטשישער קאלאנע, ווי אזוי מיר זיינען אדורך איבער די פעגארים. מיט דעם דאזיקן זיג אין וואלד־מארש האב איך אין געהיים שטאלצירט, — דארטן, אין דער קורצער שלאכט, האב איך צום ערשטן מאל דערפילט, אז איך באהערש ניט נאר די טעאריע, נאר אויך די קונסט פון שלאכט.

— איר דערציילט עס אַזוי, — האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט, — גלייך ווי דאָס זאַלפּן־פּייער וואָלט געווען אייער דערפינדונג. מיר, כאַווער מאָמיש־אולי, האָבן געשאָסן אַזוי נאָך אין דער צאַרישער אַרמיי.

ער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און ווייטער גערעדט:

— אָבער דאָס איז ניט אייך לעגנאַי, כאַווער מאָמיש־אולי. גוט, זייער גוט, וואָס איר ענטוזיאַזמירט זיך דערמיט. טוט אַזוי אויך אין דער צוקונפט. לערנט עס די מענטשן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, פריינטלעך געקוקט אַף מיר און געוואַרט אַף מיינע רייד. איך האָב געזאָגט:

— דאָס איז אַלץ, כאַווער גענעראַל?

פּאַנפילאָוו איז אויפגעשטאַנען, זיך דורכגעשפּאַצירט.

— פּסיכאָלאָגישע מילכאָמע... — האָט ער אַרויסגערעדט, ווי טראַכטנדיק אַפן קאָל. — ניין, דאָס דאָזיקע וואָרט נעמט ניט אַרום די היינטיקע מילכאָמע. אונדזער מילכאָמע איז ברייטער. נאָר אויב איר האָט אין זינען אַזעלכע זאַכן, ווי טאַנקען־שרעק, אויטאָמאַטן־שרעק, אַרומרינגלונג־שרעק און ענלעכע (פּאַנפילאָוו האָט טאַקע באַנוצט אָט די מאָדנע וואָרט־צוזאַמענזעצונגען), זייט איר אומבאַדינגט גערעכט.

צוגייענדיק צום טיש, וואו ס'איז געלעגן די מאַפּע, האָט ער מיך צוגערופן:

— זייט אַזוי גוט, אַהער, כאַווער מאָמיש־אולי.

ער האָט מיך אין קורצן באַקאַנט געמאַכט מיט דער לאַגע. דער סוינע האָט געדריקט אַף וואָלאָקאָלאַמסק פון צאָפן און דאָרעם, אַף מיזרעך איז ער אַריינגעדרונגען אין שעטעך צווישן צוויי שאָסייען, געבליבן הענגען איבער דער רעטאַגוואַרדיע פון דער דיוויזיע, אָבער אין קיין איין פּונקט ניט געשטעלט קיין פוס אַפן וואָלאָקאָלאַמסקער שאָסיי.

— און דאָ איז באַ מיר שיטער, און דאָ איז ניט פייגלדיק, — האָט גערעדט פּאַנפילאָוו, אָנווייזנדיק אַף דער מאַפּע. — און איך זיץ דאָ און האַלט דאָ דעם שטאַב. מ'וואָלט געדאַרפט אַביסל אָפּרוקן דעם שטאַב. נאָר אַזוי ווי דו זעסט וועלן זיך אויך אַ רוק טאָן די שטאַבן פון די פּאָלקן. גלייך נאָך דעם וועט זיך אַ ריר טאָן אַ קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, וועט זיך אָפּזוכן אַ באַקוועמערע רעזידענץ. אַלץ וועט זיין געזעצלעך, אַלץ לויט

די קלאָלים, אָבער... אָבער אין די טראַנשייען וועט אוועקפּויזען אַ שעפּ־טשעריי: „די שטאָבן טרעטן אָפּ". און דער סאָלדאַט פאַרלירט זיין רואי־קייט. זיין שטאַנדהאַפטיקייט.

און פאַנפילאָוו האָט ווידער געשמייכלט מיט זיין באַצויבערנדיקן קלוגן שמייכל.

— פּסיכישע מילכאָמע, המ... — פאַנפילאָוו האָט אַלץ געשמייכלט. ווייזט אויס, ס'איז אים פאַרט געפעלן געוואָרן דער אויסדרוק. — יאָ, מ'וואָלט געקענט אָט אַף דעם פּאָס (פאַנפילאָוו האָט אָנגעוויזן דעם שעטעך, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן), מען וואָלט דאָ געקענט ארומפירן דעם דייטש אַ כוידעש צייט, נאָר ווער־ניט־ווער האָט זיך געלאָזן אָפּנאַרן פון זיינע קונצן, וואו־ניט־וואו האָט ער אונדז לייכט גענומען. און פונדעסט־וועגן איז שוין קימאַט צוויי וואָכן, אַז מיר פירן אים דאָ אַרום. איז אָט קומט אַרויס, כּאַווער מאַמיש-אולי, אַז אויך זיגנדיק קען מען אַרויסקומען באַזיגט.

— ווי אַזוי, כּאַווער גענעראַל?

— און דער פּרייז, — האָט לעבהאַפטיק געענטפערט פאַנפילאָוו. — דער פּרייז, וואָס זיי צאָלן פאַרן זיג?

אָנרופנדיק די בעערעכדיקע ציפער פון דעם סוינעס פאַרלוסטן פאַר די אַלע טעג פון די שלאַכטן בא וואָלאָקאָלאַמסק (אַרום פופצן טויזנט צווישן טויטע און פאַרוואונדעטע), האָט פאַנפילאָוו געזאָגט, אַז האָגאָם די ציפער פאַר זיך איז ניט אַזוי גרויס, איז זי אָבער אין דער העכסטער מאָס פּילבאַר פאַר דער דייטשישער גרופּירונג, וואָס רייסט זיך צום וואָלאָקאָ־לאַמסקער שאָסיי.

— אָבער נאָך וויכטיקער איז איצט פאַר אונדז די צייט, — האָט ער צוגעגעבן.

ער האָט זיך צוגעהערט צום טויבלעכן האַרמאַטן־דונער, אויסגעדרייט זיין פּאָנעם אין יענער ריכטונג. דערנאָך ווידער אַ קוק געטאָן אַף מיר און צוגעפּינטלט.

— דונערן — דונערן זיי נאָך גענוג, — האָט ער געזאָגט, — אָבער וואו איז זייער בליציקייט? וואו, כּאַווער מאַמיש־אולי? עס האָט זי אָפּ־גענומען בא היטלערן, עס האָט זי צעבראָכן אונדזער אַרמיי און אין דעם

אויך מיר מיט אייך. מיר, כּאָווער מאַמיש־אולי, האָבן געוואונען און גע־ווינען צייט.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער איבערגעבּאַזערט:

— אויך זיגנדיק קען מען אַרויסקומען אַ באַזיגטער... איר האָט מיך פאַרשטאַנען, כּאָווער מאַמיש־אולי?

— יאָ, כּאָווער גענעראַל.

דער שמועס האָט זיך דערנענטערט צום סאָף. פּאַנפילאָוו האָט גע־שטעלט די לעצטע פראַגעס.

— נו, און דער סאָלדאַט? וואָס האָט לויט אייער מיינונג אַרויסגע־טראָגן פון די שלאַכטן דער סאָלדאַט? האָט ער צעקייט אַט דאָס, וואָס איר האָט אָנגערופן פּסיכישע מילכאָמע? האָט ער צעקייט דעם דייטש?

מיטאַמאָל האָט זיך מיר דערמאָנט פּאַלזונאָוו.

— אַנטשולדיקט, כּאָווער גענעראַל. איך האָב פאַרגעסן מעלדן אייך וועגן פּאַלזונאָוון.

פּאַנפילאָוו האָט, דערמאָנענדיק זיך, אויפגעהויבן די ברעמען.

— אַ... נו־נו... האָט ער מיט נייגעריקייט געזאָגט.

8.

די טיר האָט זיך ווידער געעפנט. ס'איז אַריין דער אַדיוטאַנט.

— כּאָווער גענעראַל, צו אייך פּאָדפּאָלקאָווניק וויטעווסקי. פון שטאָב פון דער אַכט און זיבעציקסטער שיסער־דיוויזיע.

פּאַנפילאָוו האָט שנעל אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— גוט, זייער גוט.

ער האָט אומבאַוואוסטזיניק זיך אַ גלעט געטאָן די האָר, אַ ריר גע־טאָן די אונטערגעשווירענע וואַנצעס, עטוואָס אויסגעגלייכט די איינגעבוי־גענע פּלייצע. ס'איז אים, ווייזט אויס, פאַרגעשטאַנען אַ זייער ערנסטע באַגעגעניש. דאָך, אַ קוק געבנדיק אויף מיר, האָט ער געזאָגט צום אַדיוטאַנט:

— בעט, זייט אַזוי גוט, אַ ווײַלע צוואַרטן.

ער האָט ניט געוואָלט צעברעקלען דעם שמועס מיט מיר. ער, אונדזער גענעראַל, האָט געקענט ניט קאַרגנדיק אָפּגעבן צייט אַ באַטאַליאָן־קאָ־מאַנדיר.

— נו־נו, פּאָלזונאָוו... — האָט ער געזאָגט.

איך האָב דערציילט, ווי אַזוי ער איז געווען פּאָלזונאָוו, ווען ער איז צוזאַמען מיט די אַלע „לויפער" אַרויס פון וואַלד און אַ וועלכן איך האָב אים געזען אין דער לעצטער שלאַכט, ווי מיט די אָנגעשפּיצט־קלאָרע, קלוגע אויגן האָט ער זיך אַרומגעקוקט מיט אַ גרייטן אַנטיטאַנק־גראַנאַט.

— אַ גרוס אים! — האָט געזאָגט פּאַנפּילאָוו. — פאַרגעסט ניט אַיבערגעבן. יעדער סאָלדאַט, כאַווער מאַמיש־אולי, פאַרלאַנגט אַ וואַרעם וואָרט פאַר ערלעכער דינסט.

ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, און פאַרהאַלטנדיק מיינע, האָט ער זי ווידער געדריקט מיטביידע הענט, אַפן קאַזאַכישן שטייגער.

— איך בעט אייך, כאַווער מאַמיש־אולי, טאַקע באַלד שטעלט־צו צו באַלוינונג די אַלע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט. איך בעט אייך, טאַקע היינט זאָלן די ליסטעס און כאַראַקטעריסטיקעס זיין בא מיר... נו, גייט... דוכט זיך, כ'וועל קענען דערלויבן אייער באַטאַליאָן אָפּרוען ביז מאָרגן. גייט מיט גליק...

איבעריאָגנדיק מיך איז ער שנעל צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי אויפגעעפנט.

— כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, זייט אַזוי גוט.

אין אַ היטל מיט אַ רויטן ראַנד, ניט ווי אַפן פראָנט, איז אַריין דער פּאָדפּאָלקאָווניק.

איך האָב געוואָלט אַרויסגיין אין טיר, אָבער פּאַנפּילאָוו האָט מיך אַ ריר געטאָן פאַרן אַרבל. אָנווייזנדיק מיט די אויגן אַף דעם אַריינגעקומענעם, האָט ער זיך אַ צי געטאָן צו מיין אויער און אַריינגעשעפּטשעט:

— אָט דאָס, כאַווער מאַמיש־אולי, זיינען פאַרשטאַרקונגען. ווייט־מיזרעכדיקע. זיי האָבן זיך געיאָגט צוועלף טאָג. באַוויזן. אָט האָט איר, כאַווער מאַמיש־אולי, דעם זין פון דער פאַרטיידיקונגס־שלאַכט בא וואָלאָקאָלאַמסק.

מיט אַ פייכטקייט פון עמאָציע, מיט אַ פייכטקייט פון גליק האָבן אַף אַ רגע אַ פינקל געטאָן זיינע אויגן.

צומאַכנדיק נאָך זיך די טיר, האָב איך נאָכאַמאָל דערזען דעם גענעראַל. דעם טאַשן־זייגער מיטן אָפּגעשפּילטן לעדערל האָט ער אָוועקגע־

ליגט אפֿן טיש. א קליינער, איינגעהויקערטער, מיט א פֿארברוינטן, געקנייטשטן האלדז, איז ער שוין געשטאנען מיטן רוקן צו דער טיר און מיט א פֿריינטלעכן זשעסט אנגעוויזן דעם פּאדפּאלקאָווניק א שטול. און מיט דער צווייטער האנט, ריכטיקער בלויז מיטן גראָבן פֿינגער, האָט ער געגלעט דאָס בוילעטע גלעזל פֿון זייגער.

אינדרויסן האָט גערעגנט. דער הימל איז געהאנגען נידעריק און טונקל. בא דער סטאנציע האָבן געדונערט הארמאטן. ס'האָט זיך געטראָגן א שווערער רייעך פֿון סמאלינעס. אלץ ארום איז געווען פֿארצויגן מיט א פּליסיקן נעפּלדיקן שלייער.

אינהאַלט:

זייט

ערשטער טייל:

א מענטש אָן א פאמיליע־נאָמען — 9
די שרעק — 16
מישפּעט מיך! — 26
ניט שטארבן, נאָר לעבן — 37
גענעראל איוואן וואסיליעוויטש פאנפילאָוו — 48
מיט דריי כאדאָשים צוריק — 60
דער פערד „ליסאנקא" און א פערדישע געשיכטע — 69
דער ערשטער מארש — 79
„שלעכט, כאוועט מאַמיש־אולי!" — 89
פּרוואוט נאָר: פארמעסט זיך מיט אונדז! — 102

צווייטער טייל:

ערעוו דער שלאכט — 111
א שאָ מיט פאנפילאָוון — 118
די שלאכט אפן וועג — 135
„האָסט אָפּגעגעבן מאָסקווע!" — 152
נאָך א שלאכט אפן וועג — 164
דער דריי און צוואנציקסטער אָקטאָבער — 180

דער 23סטער אָקטאָבער, באַם סאָף פון טאָג — 204
מיר זיינען דאָ! — 224
אין הויז פון וואַלד־וועכטער — 247
זיבן און אכציק — 260
פרימאָרגן — 277
וואו די וועגן קרייצן זיך — 286
ביקס געטרייע, וועסט ארויסהעלפן? — 299
אין וואָלאָקאָלאמסק, בא פאַנפילאָוון — 314

Este libro se terminó de imprimir en los Talleres Gráficos de JULIO KAUFMAN, Corrientes 1976, Buenos Aires, el día 10 de Diciembre del año 1947.